STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06014

UNZERE GAYSTIGE RIEZEN

Gershom Bader

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

MOSESSOHN
MEMORIAL LIBRARY

B'nai B'rith Hillel Foundation

AT

BROOKLYN COLLEGE

גרשם באדער

אונזערע גייסטיגע ריעזען

דריטער טייל:

די אמוראים פון בבל און דער תלמוד בבלי

Our Spiritual Heroes

The Lives and Works of our Rabbinical Teachers from the Beginning of the "Great Synagogue" to the Final Completion of the Talmud.

SEVEN CENTURIES OF JEWISH THOUGHT

BY

Gershom Bader

Volume III

The "Amoraim" of Babylon and the Babylonian Talmud

New York
1937

Pardes Publishing House, Inc.
U. Z. BOOKBINDER, President
42-44 Canal Street, New York, N. Y.

Posy-Shoulson Press, 19 W. 21st St., New York, N. Y.
234

אונזערע גייסטיגע ריזען

דאָס לעבען און די לעהרען פון אונזערע תנאים און אמוראים
זייט דער צייט פון די „אנשי כנסת הגדולה"
ביז צו דער לעצטער צוזאַמענשטעלונג
פון דער גמרא.

זיבען יאָהרהונדערטער אידישע געשיכטע

פון

גרשם באַדער

דריטער טייל

די אמוראים פון בבל און דער תלמוד בבלי

ניו יאָרק, תרצ"ז

בהוצאת
בית מסחר ספרים „פרדס"
י. ז. בוכבינדער, נשיא
42-44 רחוב קאַנאַל, ניו יאָרק, נ. י.

פּאָזי־שאָולזאָן פּרעס, 19 וועסט 21טע גאַס, נויאָרק, נ. י.

א ידידות-בריוועלע אַנשטאָט א הקדמה

לכבוד ידידי הנכבד והנעלה מאד, שאין גומרים עליו את ההלל, חובב התורה ולומדיה, מר ישכר טאָה חי"ו :—

מיט אָט דעם דריטען טייל פון „אונזערע גייסטיגע ריעזען" שליסען מיר אָפּ די געשיכטע פון דער „תורה שבעל־פה", לויט ווי זי האָט זיך אַנט־וויקעלט אין פארלויף פון זיבען יאָהרהונדערטער.

תמיד ווען עס איז מיר אויסגעקומען, צו ריידען מיט אייך וועגען אונזערע חכמי המשנה והתלמוד, האָט איהר ארויסגעוויזען אייער גלויבען אין מיין קענען דורכפיהרען אזא וויכטיגע אויפגאבע, ווי עס האָט דאָס דאָזיגע ווערק מיינס. האָבען מיר דאן אייערע ווערטער אריינגעגעבען דעם מוטה, די ארבייט צו אונטערנעהמען און צו פאַרענדיגען.

איך האָב דאָס אויך גערן געטהון, ווייל דער תלמוד איז ביי מיר הייליג און טייער — און איך באַטראַכט איהם אלס דעם איינציגען קוואַל, וואָס אידען האָבען פון איהם געשעפּט ביז היינט זייערע כחות. אין איהם שטעקט די נשמה פון אונזער קיום. ער האָט אויסגעפורעמט אונזער צורה, געשארפט אונזער מוח און איינגעפלאַנצט אין אונז דעם עקשנות'דיגען גלויבען אינ'ם ענדגילטיגען זיעג פון דער וועלטליכער גערעכטיגקייט.

פאר מיר איז עס אויך קלאָר, אז יענע אלע אידען, וואָס האָבען פאר־לאָזען דעם תלמוד, אָדער זיי האָבען זיך פאר איהם גאָר נישט אינטערעסירט, זיינען געבליבען וויט און פרעמד פונ'ם אידישען גייסט. און טאָמער וויל אימיצער האַלטען בלויז פון „תורה שבכתב", איז דער סוף זיינער, אז ער ווערד אין גיכען אָפּגעריסען און פארשוואונדען פון אונזער מיט.

די גמרא, ווי זי געפינט זיך היינט אין אונזער באזיץ, צוזאַמענגע־שטעלט פון אונזערע תנאים און אמוראים, האָט זיכערליך אריינגענומען פאר־שידענע הוספות פון די „רבנן סבוראי" און אפשר אויך פון די „גאונים". געהט דאָס שוין אריין אין אן אנדער געביעט, וועגען וועלכען איך דענק נאָך צו שרייבען, ווען דער אויבערשטער וועט מיך לאָזען לעבען.

נעמט אלזאָ אָן, מיין חשוב'ר פריינד, דאָס געגענווערטיגע ווערק מיינס אלס א צייכען פון פריינדשאפטליכער ווערטהשעצונג און אויסעראָרדענטליכער אכטונג.

מרחשון, תרצ"ז.

ג. ב.

אינהאַלטס-פאַרצייכניס

צום אריינפיהר. ווי אזוי עס האט זיך אנטוויקעלט די באציהונג פון די אידען צו דער „תורה שבעל-פה“. — דער „בית דין הגדול“ און דער “בית המקדש“. — די „סייגים“ פאר דער ריינקייט פון דער מענשליכער פיהרונג און די הייליגקייט פון דער מאראל. — די פאר־עסטיגונג פונ'ם שבת און וועגען די אומדערלויבטע מלאכות. — דאס דאוונען אנשטאט קרבנות. — די איינפיהרונג פונ'ם לייענען אין דער תורה. — די צוריקקעהר פון גלות בבל און דער צווייטער בית־המקדש. — די אנטוויקלונג פונ'ם אידישען לעבען אין בבל בעפאר און נאך'ן חורבן בית שני. — דער “ריש גלותא“ און זיין באדייטונג. — די באגרינדונג און אנטוויקלונג פונ'ם „תלמוד בבלי“. — דער לשון פונ'ם תלמוד בבלי, די „הגהות“ און זייער אורזאך. — וואס די „חכמי התלמוד“ האבען געדענקט וועגען גאט, וועגען דער וועלט־באשאפונג און וועגען די פליכטען פון דער אמונה, אזוי ווי וועגען גערעכטיגקייט און אלע אַנדערע מדות פון דער מענשליכער מאראל. — דאס פאַרהייראטהע לעבען און די אויפגאבען פון דער פרוי. — די פליכטען פון א פאטער צו דער ערציהונג פון זיינע קינדער. — ווי ווייט עס גרייכט די מצוה פון „כבוד אם ואם“. — די פליכטען פונ'ם מענש צו זיך אליין. — די מדות פון בושה און צניעות, אזוי ווי די ווערדע פון תשובה און תפלה. — די פארמען פונ'ם אונטערריכט און דאס אויסזעהען פון די דאמאלדיגע פאלקסשולען. — — 11—40

רב — אבא אריכא. דער ערשטער און חשוב'סטער צווישען די „אמוראים“ פון בבל, וואס דער טיטעל „רב“ איז געווען פאררעכענט ווי זיין נאמען. — ער האט געגרינדעט די ישיבה אין סורא אין דער צייט, וואס דער פערזישער קעניג ארטאבאן האט געהערשט אין בבל. — אַט די ישיבה האט זיך גערופען „מתיבתא“ אדער „מקדש מעט“ און איהם אליין האט מען גערופען “רבנו הגדול“. — זיין משפחה איז געווען זעהר א מיוחס'דיגע, פארשוועגערט מיט'ן “ריש גלותא“, וועלכער האט זיך מייחס געווען צו דוד המלך. — דער בליק זיינער אויף מענשען און געשעהענישען איז געווען א דורכדרינגענדיג שארפער. — ער איז אויך געווען א גרויסער נאַטור־פארשער, האט ער זיך צוליעב דעם גע'חבר'ט מיט פאַסטוכער און יעגער. — אזוי ווי ער איז געווען פאַראינטערעסירט אין די באדערפענישען פון די מענשען, האט ער גוט פארשטאַנען יעדען מענשליכען ריהר און יעדעם קנייטשעל. — א צייט לאַנג איז ער געווען א „פוסק סידרא“ און א „מתורגמן“. ער איז אויך געווען אן אויפזעהער איבער'ן מארק און ער האט דערצו נישט געטויגט. — בטבע איז ער געווען אמאל שווייגענדיג און אַמאל אויפברויזענדיג, אבער דער כעס זיינער איז בלויז געווען פאר איין רגע. — צוויי מאל איז ער געגאנגען פון בבל קיין ארץ־ישראל און אין ארץ־ישראל האט ער פיעל געלערנט, אבער ווען ר' יהודה נשיאה איז אויסגעקליבען געווארען אלס „נשיא“, האט ער נישט לענגער געוואלט דארט בלייבען. — ער האט נאך גע'חלומ'ט צו געהען א דריטען מאל קיין ארץ־ישראל, האט זיך דאס איהם נישט איינגעגעבען. — ער האט געהאַט א באשרענקטע „סמיכה“ און דער נייע־ערוועהלטער „נשיא“ האט איהם נישט געוואלט געבען קיין אמט. — די נאכפאלגער פון ר' יהודה הנשיא האבען איבערהויפט מורא געהאט פאר זיין גרויסקייט. — האט ער זיך דאן באזעצט אויף שטענדיג אין בבל, וואו דאס לעבען איז געווען בעסער ווי אין ארץ־ישראל. — דערנאך איז ער ארומגערייזט מיט זיין אַנקעל ר' חייא איבער פארשיעדענע לענדער אין די אינטערעסען פון דער תורה. — איידער ער איז צוריק אַנגעקומען אין בבל, האט מען פארשטאַנען, אז ער וועט אויפשטורעמען דאס גאַנצע אידענטום. — שמואל מנהרדעא האט זיך נישט שטענדיג גוט פארהאַלטען צו איהם, אבער ער האט זיך פארהאַלטען פריינדליך צו שמואל מנהרדעא. — הוצל איז דאן געווען די ערשטע סטאַנציע פאר רב'ס טהעטיגקייט. — ער פלעגט אליין ארבייטען אין פעלד און פאר־פלאַנצען גערטנער. — ער האט אויך געשטרעבט, צו מאַכען זיינע תלמידים זעלבשטענדיג, זיי זאלען זיך קענען מפרנס זיין פון אייגענער ארבייט, נישט פון נדבות. — האט ער

אינהאַלטס־פאַרצייכניס

באשטימט בלויז צוויי חדשים אין יאהר צום לערנען און די איבעריגע צייט זאלען מענשען ארבייטען אויף פרנסה. — שפעטער האט זיך געוועקסעלט די רעגירונג אין בבל און די לאגע פון די אידען האט זיך פארערגערט. — רב איז געווען א געגנער פון גרים צוליעב דער ריינקייט פון דער ראסע. ער איז אויך געווען א געגנער צו די „אמגושים" און „חברים". דעסגלייכען האט זיך דאמאלס אנטוויקעלט א שנאה צו די ארמיים און עס זיינען פעסטגעזעצט געווארען פארשיעדענע אנטי־גוי'שע פארשריפטען. — די אויסגעלאסענהייט פון נהרדעא און די שלעכטיגקייט פון די מענשען אין סורא, איידער רב איז אהין אנגעקומען. האט זיך רב באשטרעבט, איינצופיהרען דארט זיטליכקייט און א רעליגיעזעס געפיהל. — רב האט ליעב געהאט שעהנהייט און ער האט געטראגען שעהנע זיידענע קליידער. עסען און קליידונג איז ביי איהם געווען דאס וויכטיגסטע אינ'ם לעבען. — זיינע לעהרען זיינען אונז אנגעקומען גרעסטענטיילס דורך זיינע תלמידים. — רב האט אויך באהערשט זעהר א שעהנעם סטיל אין העברעאיש און ארמיש. שטעהענדיג ביים "עמוד", האט ער פארפאסט די שעהנסטע תפלות. — ער האט דערגרייכט א הויכען עלטער און פיעלע פון זיינע באשטרעבונגען זיינען דורכגעפיהרט געווארען ביי זיין לעבען. — שמואל'ס גרינגשעצונג צו רב האט זיך שפעטער איבערגעאנדערשט. — רב האט ווייניג געשלאפען, גאנצע טעג און נעכט האט ער געלערנט. — קעניג ארטאבאן איז געווען זיינער א פערזענליכער פריינד. — שפעטערע הערשער האבען אויך דערנאך די ישיבה אין סורא נישט אונטערדריקט, אבער אויסערהאלב פון דער ישיבה האט מען אידען אנגעטהון צרות. — אויף דער עלטער איז רב'ס זכרון אפגעשוואכט געווארען, האט ער זיך פון דעסטוועגען עקשנות'דיג געהאלטען ביי זיינע אנזיכטען. — נאך זיין טויט איז געשטיגען די ווערדע פון דער ישיבה אין נהרדעא. — ער איז געווען א גרויסער שפראך־קינסטלער און זיינע תפלות קענען זיך אויסדאכטען גלייך ווי די נביאים זאלען זיי האבען געשריבען. — ער האט אויך מסדר געווען די הפטרות פאר יעדען שבת און יום־טוב. — אין אלגעמיין איז די מיינונג וועגען רב, אז ער איז געווען ווירדיג, די שכינה זאל אויף איהם רוהען, האט דאס אבער נישט געקענט זיין, ווייל ער האט געוואוינט אין בבל. — שטענדיג האט ער זיך אויסגעהיט פון זינד און ער איז נישט געגאנגען צו די וכוחים מיט אנדערשגלויביגע. — ער פלעגט אפטמאל אריינפלעכטען מעשה'לעך אין זיינע מאראלישע באלעהרונגען. — ער האט נישט געהייסען אנהויבען לערנען מיט א קינד בעפאר זעקס יאהר. — אין די פראגען פון אמונה איז ער געווען א „ראציאנאליסט". — פרינציפיעל האט ער געהאלטען פון דער באוועגונגס־פרייהייט פונ'ם ארבייטער. ער איז אויך שארף ארויסגעטראטען געגען די באלעבאטים, וואס אונטערדריקען זייערע ארבייטער. — ער איז געווען שארף געגען די, וואס ווארפען פון זיך אראפ דעם עול פונ'ם כלל. — אזוי ווי ער האט זיך געפיהלט פאראנטווארטליך אלס פיהרער פונ'ם פאלק, האט ער געטראגען אלע זארגען וועגען די ישיבות און דאס לערנען, וועגען באארבייטען די פעלדער און אויסמרוקענען די זומפען. — ער האט אויך געמאכט די געזעצע פאר'ן אידישען לעבען און ארויסגעגעבען אורטיילען ביי סכסוכים צווישען מענשען — — — — — — — — — — 41—87

שמואל ירחינאה פון נהרדעא. צוזאמען מיט רב איז ער געווען צווישען די ערשטע באגרינדער פונ'ם „תלמוד בבלי". — ער איז געווען אן אסטראנאמישער געלעהרטער, באהאוועגט אין מעדיצין און אין אלע איינצעלהייטען פון דער נאטור. — ער האט פיעל געהאלטען פון וואשונגען און ער האט אויסגעפונען אן אויגען־זאלב. — צוליעב זיין חשיבות האט מען זיין פאטער גערופען אויף זיין נאמען. — דער „נשיא" האט איהם נישט געגעבען קיין „סמיכה". האט מען איהם דערפאר גערופען „מר שמואל", נישט רב. — קעניג סאפאר (שבור מלכא) איז געווען זיינער א פריינד, מיט וועמען ער פלעגט האבען וכוחים אין פראגען פון אמונה, און ווען ער פלעגט קומען צום קעניג, פלעגט ער דארט צייגען אקראבאטישע קונצשטיקלעך. — אין זיינע רעליגיעזע לעהרען איז ער געווען באשטרעבט, צו פארגרינגערען

אינהאַלטס־פאַרצייכניס

נעוויסע שטרענגע פאַרשריפטען. — צוליעב זיין גרינגשעצונג צו רב, האָט איהם רב פאַר־שאַלטען, אז קינדער זאָלען זיך ביי איהם נישט האַלטען. — איז ביי איהם א זוהן געשטאָרבען, צוויי טעכטער זיינען אוועקגעפיהרט געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט און א דריטע טאָכטער האָט געהייראַט א גוי, וואָס האָט זיך שפּעטער מגייר געווען. איהר זוהן ווערד דערמאָנט אין דער גמרא אלס א „מוסמך". — שמואל האָט זיך געסטאַרעט, צוצופּאַסען די דינים צו די געזעצע פון'ם לאַנד און ער האָט געוואָלט שטעהען ביי דער זייט פון אלע אונטערדריקטע. — ער האָט שטרענג אַכטונג געגעבען אויף דער מאָראַל פון די מענשען און אויף דער ריינקייט פון די זיטען. האָט ער דערפאַר קיינמאָל נישט ערלויבט, פרויען זאָלען זיך צונויפקומען מיט מאַנסבילען. — מאַנכעס מאָל האָט ער געהאָלפען רב'ן ביים פאַרפאַסען די תפלות. — ער איז געווען א גרויסער בקי אין'ם „סוד העבור", האָט ער פון דעסטוועגען גאָר נישט געוואָלט טהון אין דער דאָזיגער פראַגע. — — — — — — — 88—98

מר עוקבא — ריש גלותא. וואָס א „ריש גלותא" איז געווען און וואָס מיר ווייסען וועגען דעם. — מר עוקבא איז געווען איינער פון די חשוב'סטע אין בבל און זיין בית־דין איז געווען אין דער שטאָדט כפרי. — מיט שמואל ירחינאה איז ער געווען אַמאָל ווי זיינער א פאַרגעזעצטער און אַמאָל ווי א תלמיד. — וועגען מר עוקבא'ס גוטהאַרציגקייט און דעם אופן פון זיין געבען נדבות ווערען דערצעהלט וואונדער. — זיין גוטער שם האָט געגרייכט קיין ארץ־ישראל און די דאָרטיגע חכמים האָבען איהם גרויס כבוד אָפּגעגעבען. — פון דעסטוועגען האָט ער געהאַט פיעל קרענקונגען און געגנערשאַפטען. — — — — — — 99—103

רבה בר אבוה. א פראָמינענטער תלמיד פון רב און ער איז אפשר אויך געווען א "ריש גלותא". — צוויי מאָל איז ער צוזאַמענגעקומען מיט אליהו הנביא. — זיין טאָכטער איז געווען ילתא, די פרוי פון רב נחמן. — אין זיין צייט זיינען געווען פּאָליטישע מהומות אין בבל. — — — — — — — — — — — — — — — — — — 104—108

רב נחמן בר יעקב. א גרויסער עושר און א „ראש בית דין" אין נהרדעא. — האָט זיך געפיהרט אריסטאָקראַטיש, אָהן ריקזיכט געגען זיינע שקלאַפען. — ער האָט אויך איינ־געפיהרט נייעס אין דער פּראָצעדור פון משפטים. — זיין טהעטיגקייט איז הויפּטזעכליך געווען ביי די דינים פון'ם פּראַקטישען לעבען. — — — — — — — — — — — 109—114

רב הונא—ראש ישיבה אין סורא. נאָך רב'ס טויט איז ער אָנגעקומען אויף זיין פּלאַץ און ער ווערד טיטולירט „חסידא דבבל". — אָנפאַנגס איז ער געווען אַן אָרימאַן און דערנאָך איז ער געוואָרען א גביר. — אין זיינע מאמרים געפינט מען שפּורען פון רב'ס גייסט. — ער האָט געלעבט אריבער אַכטציג יאָהר און מאַנכע פון זיינע נאָכפאָלגער האָבען זיך גע־וואונשען צו האָבען זיין חכמה. — — — — — — — — — — — — — 115—120

רב חסדא הכהן. שאַרף ביי די איינטייטשונגען פון די הלכות און געשיקט, ארויס צו לערנען איין זאַך פון דער אַנדערער. — נאָך רב הונא איז ער געוואָרען ראש־ישיבה אין סורא. — גלייך ווי רב הונא איז ער צוערשט געווען אָרים און דערנאָך רייך. — וועגען א געוויסער קרענקונג איז ער זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט רב הונא פאַר א צייט פון פערציג יאָהר — 121—126

רב יהודה בר יחזקאל. דער באַגרינדער פון דער ישיבה אין פומבדיתא. — שאַרפ־זיניג און לאָגיש, באַזונדערס אין די ענינים פון „נזיקין". — ער איז געווען א תלמיד מובהק פון רב, וואָס רב האָט זיך אָפטמאָל געדאַרפט צוהערען צו זיינע ווערטער און ער פלעגט איהם אויך מיטנעהמען אויף זיינע רייזען. — רב יהודה איז געווען א געגנער פון געהען לערנען אין ארץ־ישראל און ער האָט געוואָלט בבל באַפרייען פון דער ארץ־ישראל־דיגער פיהרערשאַפט. — — — — — — — — — — — — — — — — — — 127—134

רבה בר נחמני. נאָך פאַרשיעדענע דינגעגישען איז ער אויסגעקליבען געוואָרען אלס

אינהאַלטס־פאַרצייכניס

ראש־ישיבה אין פומבדיתא און מען האט איהם געדאַרפט צווינגען, דאס אמט אנצונעהמען. — יונגערהייד האט ער געלערנט אין ארץ־ישראל, וואו זיין שארפער גייסט האט נישט געפונען קיין באפרידיגונג. — דאס גאַנצע לעבען איז ער געווען זעהר ארים און קראנק. — ביי זיין לערנען פלעגט ער זיך באשטרעבען, צו שמעלצען דאס לערנען די „הלכה" מיט דער פאעזיע פון דער „אגדה". — צוליעב די רדיפות פונ'ם קעניג האט ער געמוזט אנטלויפען און זיך אויסבאהאלטען. איז ער דאן אין זיין באהעלטעניש געשטארבען, פערציג יאהר אלט. 135—141

רב יוסף בר חייא. גלייך ווי רבה בר נחמני איז ער געווען פאררעכענט צווישען די גרעסטע פון זיין דור. מען פלעגט אויף זאגען, אז אלע דינים פון דער תורה זיינען אין זיין קאפ אזוי סיסטעמאטיש איינגעאָרדנעט, ווי ער וואלט זיי געהערט פונ'ם אויבערשטען'ס מויל אויף'ן בארג סיני. — — — — — — — — — — — — — — — 142—144

רבה בר רב הונא. א דיין ביי רב חסדא'ס בית־דין און א תלמיד פון רב און שמואל. — א קורצע צייט האט ער אויך געלערנט ביי ר' יוחנן אין ארץ־ישראל. — — — — — — 145—146

אביי בר כייליל. אין א „קאנקורענץ־קאמפף" וועגען דעם אמט פון א ראש־ישיבה אין פומבדיתא איז ער געווען דער זיעגער. — פאר'יתום'ט פון פאטער און מוטער, איז ער געווען אויפגעצויגען ביי זיין אנקעל רבה בר נחמני, פון וועמען ער האט באקומען זיין טיעפקייט און שארפזין. — ער האט זיך אויך אויסגעצייכענט מיט נאבעלע מדות און מיט א ריינעם כאראקטער, מיט טאלעראנץ און מיט קינדערשער דאנקבארקייט צו זיינע ערציהער. — ער האט פארמאגט אייגענע פעלדער און וויינגערטנער, וועלכע ער האט איבערגעגעבען צו פאכטערס. — פון קינדווייז אן איז ער געווען צוזאמען מיט רבא. שפעטער האט געהערשט צווישען זיי א שטארקע מיינונגס־פארשיעדענהייט, נאכדעם ווי זיי האבען פריהער אפטמאל געהאט דיעזעלבע מיינונג. — — — — — — — — — — — — — — — 147—154

רבא בר יוסף בר חמא. דער נאהנטסטער חבר פון אביי, וואס חאטש ער האט אליין אנגעפיהרט אן אייגענע ישיבה אין מחוזא, פלעגט ער אפטמאל געהען קיין פומבדיתא, הערען אביי'ס מיינונג. — רבא איז געווען א תלמיד פון רבה בר אבהו, פון רב נחמן בר יעקב, פון רב הונא, פון רב יוסף בר חייא און פון רב ששת. — דערנאך איז ער געווען אן איידעם און א תלמיד ביי רב חסדא. — ער איז געווען געבענשט מיט עשירות. ער האט פארמאגט פיעל פעלדער און וויינגערטנער. ער האט אויך אנגעפיהרט מסחרים און ער האט געהאט אייגענע שיפען. — — — — — — — — — — — — — — — — — — 155—160

רב נחמן בר יצחק. נאך רבא'ס טויט איז די ישיבה אין מחוזא פון זיך אליין פאנאנדער־געפאלען און עס איז געגרינדעט געווארען א נייער צענטער פאר אידיש לערנען אין דער שטאדט נרש. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 161—162

רב פפא. איז רייך געווארען פון אויסארבייטען ביער פון טייטלען און ער האט אויך געהאנדעלט מיט מאהן — די מסחרים זיינע האט ער אנגעפיהרט בשותפות מיט רב הונא בריה דרב יהושע. — נאכדעם ווי רב נחמן בר יצחק איז געווארען ראש־ישיבה אין פומבדיתא, האט רב פפא אנגעפיהרט די ישיבה אין נרש. — — — — — — — — — — — 163—165

רב הונא בריה דרב יהושע. א חבר פון רב פפא און דער „ריש כלה" אין דער ישיבה פון נרש. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 166—167

רב חמא פון נהרדעא. א תלמיד פון רב חסדא. אין זיין צייט איז פארגעקומען א גוואלדאַווגע ענדערונג אין דער רעגירונג פון דער רוימישער אימפעריע, וועלכע האט געהאט א שטארקען איינפלוס אויף דער לאגע אין בבל. — קייזער יוליאן אפאסטאטא פון רוים האט געקעמפפט געגען קעניג סאפאר פון פערזיען און אידען פון בבל זיינען דאן געשטאנען צווישען צוויי פייערען. — — — — — — — — — — — — — — — — — — 168—171

אינהאלטס־פארצייכניס

רב ששת. האט אנגעפיהרט אן אייגענעם בית־המדרש איז שילהי און פיעלע פראמי־נענטע אמוראים זיינען דארט געווען זיינע תלמידים. — אליין איז ער געווען א תלמיד פון רב הונא און פון רב ירמיה בר אבא. דערנאך איז ער געווען א תלמיד פון רב חסדא, מיט וועמען ער איז אפט געווען אין קאנפליקט וועגען א דין. — זיין פלייס ביים לערנען איז געווען אזוי גרויס, אז אפילו אין מיטען דאווענען האט ער נישט אויפגעהערט צו לערנען. — ווי עס ווערד דערצעהלט איז ער געווען א בלינדער. — — - · — — — 172—176

רב אשי — דער מסדר פון תלמוד בבלי. די מענשען פון זיין צייט האבען איהם טיטולירט „רבנא”. אנדערע פלעגען איהם רופען "סיני ועוקר הרים”, אז ער איז אנגע־שטאפט מיט תורה ווי דער בארג סיני און ער רייסט אוים בערג מיט זיין פלפול. — שטענדיג האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין שארפזין און ער איז אויסגעקליבען געווארען אלס „ריש מתיבתא” אין מתא מחסיא. — אזוי ווי עס האבען זיך אין איהם פאראייניגט אלע גוטע מעלות, האט ער פארמאגט דעם כח, צוצוטרעטען צו דער גרויסער ארבייט, מסדר צו זיין אלע געזעצליכע אנטשיידונגען און אייגטייטשונגען פון דער „משנה”, פון וועלכען עס איז דערנאך ארויסגעוואקסען דער „תלמוד בבלי”. — — — — — — — — — 177—186

טביומי מר בר רב אשי. די לאגע פון די אידען אין בבל איז מיט יעדען טאג ערגער געווארען. די פארפאלגונגען זיינען באשטאנען הויפטזעכליך פון רציחות און הריגות. — איז דאן רב אשי'ס זוהן, טביומי, נאך פארשיעדענע אינטריגען אויסגעקליבען געווארען אלס „ראש ישיבה” אין מתא מחסיא. — איטליכער האט דאן פארשטאנען, אפצושאצען זיין ווערדע און יעדע הלכה איז באשטימט געווארען לויט זיין מיינונג. — — — 187—191

רבינא, דער צווייטער רעדאקטאר פון „תלמוד בבלי”. אזוי ווי עס האבען זיך די צרות פון די אידען אין בבל ווייטער פארמעהרט, האבען זיי געהאט דעם איינעם צוועק פאר זייערע אויגען, צו פארענדיגען די גרויסע ארבייט, וואס רב אשי האט אנגעהויבען, ווען ער האט זיך גענומען צוזאמענשטעלען דעם „תלמוד בבלי”. — — — — — — — 192—196

פון גרשם באַדער'ס חבורים איז ביז יעצט ערשינען:

„דרייסיג דורות אידען אין פוילען", פון דער ערשטער צייט, וואָס אידען זיינען אהין געקומען וואוינען, ביז צום לעצטען „מיאטעזש". — 511 זייטען.

„אייביגע אמת'ן", פון ספרים און פונ'ם לעבען. קליינע מעשיות און שארפע באַמערקונגען פאר כל־ערליי גרויסע קינדער. — 304 זייטען.

„אונזערע גייסטיגע ריעזען", די חכמים פון דער משנה, דאָס לעבען און די לעהרען פון אונזערע תנאים און אמוראים, זייט דער צייט פון די „אנשי כנסת הגדולה" ביז נאָך ר' יהודה הנשיא. — 416 זייטען.

„אונזערע גייסטיגע ריעזען", צווייטער טייל, די אמוראים פון ארץ־ישראל און דער תלמוד ירושלמי. — 225 זייטען.

„דברי חן ושכל". גלייכווערטלעך און אנעקדאָטען, שארפע און שפיציגע, אמאָליגע און היינטיגע, הומאָריסטישע און ערנסטע, אידישע און וועלטליכע, שטוביגע און דרויסענדיגע, ליטעראַרישע און אלטעגליכע. — 104 זייטען.

הויפּטפּארקויף פון אַט די אלע ספרים ביים פארלאג
„פרדס"
42-44 קאַנעל סטריט, נויארק.
PARDES PUBLISHING HOUSE
42-44 Canal St., New York City

צום אריינפיהר

זיבען לאַנגע יאָהרהונדערטער האָט עס גענומען פונ'ם ערשטען „תנא" ביז צום לעצטען „אמורא". איז דאָס זעהר אַ לאַנגע צייט אינ'ם לעבען פון יעדען פאָלק, אפילו ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַזאַ פאָלק ווי אידען, ווייל ווי קאָנסערוואַטיוו מיר זיינען, קען מען אַלץ נישט אָננעהמען, אַז מיר זיינען וועהרענד אַ צייט פון זיבען יאָהרהונדערטער כסדר געשטאַנען אויף דעמזעלבען אָרט.

גלייך ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער זיינען אויך ביי אידען וועהרענד דער צייט פון זיבען יאָהרהונדערטער געבוירען געוואָרען נייע אידעען און באַגריפען, וועלכע האָבען זיך אין פארלויף פון די יאָהרען פאַנאַנדער־געוואָקסען. דערנאָך זיינען זיי פארשוואונדען און אַנדערע האָבען פארנומען זייער פּלאַץ. איבערהויפט האָט מען דאָ צו טהון מיט אַ צייט, ווי עס האָבען זיך די פּאָליטישע אומשטענדען פונ'ם פאָלק זעהר שטאַרק איבערגעאַנדערשט. אָט זיינען זיי געווען פריי אויף זייער אייגענעם באָדען און אָט זיינען זיי געווען פארוויקעלט אין מלחמות, אָט זיינען זיי פארטריבען געוואָרען פון זייער היים און אָט האָבען זיי געלעבט אין פריעדען אויף פרעמדער ערד.

אהיים־געקומען קיין ארץ־ישראל פון „גלות בבל", וואו זיי האָבען געלעבט אין אַ דורכאויס אַנדערער סביבה, האָבען זיך ביי זיי אַנטוויקעלט דיפערענצירטע אידעען און באַגריפען. אין דערזעלבער צייט האָט זיך די פּאָליטישע לאַגע פון די בבליים אליין אויך פארענדערט, ווייל זיי זיינען דערווייל געקומען אונטער דער הערשאַפט פון די פּערזער — און די פּערזער, וועלכע זיינען דאַן געוואָרען די באַפרייער פון די אידען, האָבען געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע קולטור. דערנאָך זיינען די אידען געקומען אונטער דער הערשאַפט פון די סירישע גריעקען און אַזוי ווייטער, ווי מיר האָבען שוין וועגען דעם געשריבען אין די ערשטע צוויי טיילען פון „אונזערע גייסטיגע ריעזען".

פארשטעהט עס זיך, אַז די דאָזיגע פעלקער האָבען געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף'ן געדאַנקען־גאַנג פון די אידען, אפילו ווען די אידען האָבען זיי נישט נאָכגעטהון, נור זיי האָבען זיך גאָר אדרבה געסטאַרעט, צו טהון פונקט פאַרקעהרט ווי די גוים. דאַביי האָבען אויך די גוים שטענדיג געוואָלט אַרונטערפיהרען די אידען פון זייער וועג און די אידען זיינען טראָצדעם געבליבען שטאַנדהאַפט ביי זייער גלויבען אין אַן איינציגען גאָט. גלייך ווי זיי האָבען געאָפּפערט זייער לעבען, צו קענען אָפּהיטען שבת און „מילה", איז דער דרויסענדיגער איינפלוס בלויז געווען, וואָס עס האָבען זיך ביי זיי מאַנכע אויסערליכע צערעמאָניען אינ'ם גאָטעסדיענסט געענדערט. זאָנסט איז אַלעם געווען שטענדיג דאָסזעלבע.

באַלד ווי די פון „גלות בבל" צוריקגעקומענע אידען האָבען זיך באַפעסטיגט אין ארץ־ישראל — נאָך די טעג פון עזרא און נחמיה — האָט זיך אָנגעהויבען פאַרשפּרייטען ביי זיי אַ נייע באַציהונג צו דער תורה. אַזוי

ווי די אידען האבען געגלויבט, אז צוליעב דעם, וואס זיי האבען נישט אפּ־געהיט די תורה אין די צייטען פונ׳ם ערשטען בית־המקדש, האט זיי דער אויבערשטער פארטריבען פון זייער לאנד, האבען זיי זיך דערפאר יעצט פאר־גענומען, אפּצוהיטען אלע פארשריפטען פון דער תורה און צו טהון אלסדינג, וואס דער אויבערשטער וועט נור הייסען.

איז די ערשטע טהאט זייערע געווען, וואס זיי האבען אויפגעשטעלט א רעגעל: „העמידו תלמידים הרבה", וועלכעס מיינט, אז אום צו קענען פארשפרייטען דאס לערנען פון גאט׳ס תורה, דארף מען אנהאלטען פיעלע תלמידים. האט מען דאמאלס פאר דעם דאזיגען צוועק געגרינדעט לערנהייזער אין אלע ווינקלען פונ׳ם לאנד — און אנשטאט וואס די מענשען אין ארץ־ישראל זיינען פריהער געווען מעהרסטענטיילס פויערען און פאסטוכער, האט מען יעצט געוואלט פון זיי מאכען א פאלק פון לערנערס.

האט מען די פארשטעהער פון יענע לערנהייזער גערופען „סופרים", וועלכעס האט דאן געמיינט ערקלערער פון די היילינע ספרים און צעהלער פון זייערע בוכשטאבען, איינצוטיילען די פסוקים, אויסצוגעפינען פון דארט א באלעהרונג פאר אלע צייטען. איז די ארבייט פון די דאזיגע „סופרים" (אדער ווי מען האט זיי שפּעטער גערופען: „חכמים") געווען א טאפּעלטע, ווייל זיי האבען געדארפט ערקלערען די מצוות פון דער תורה און גלייכצייטיג זיי צופאסען צו די אומשטענדען פון דער צייט.

זיינען דאן געווען צוויי אינסטיטוציעס, וואס האבען געפיהרט דאס אידישע פאלקס־לעבען געזעצליך און גייסטיג, דהיינו: דער „בית־דין הגדול" און דער „בית־המדרש", וועלכע האבען געארבייט האנד אין האנד און איינס האט דערגאנצט דאס אנדערע. איז פון ביידען ארויסגעקומען פאר די אידען דער גאנצער לעבענס־אינהאלט זייערער און עס איז געלייגט געווארען דער גרונד פאר זייער זעעלישער באטהעטיגונג.

פונ׳ם „בית־דין הגדול" (אדער ווי ער איז שפּעטער גערופען געווארען: „סנהדרין") זיינען ארויסגעקומען אלע וויכטיגע איינריכטונגען און מיט דער הילף פונ׳ם „בית־המדרש" איז די „סנהדרין" געווארען די געזעצגעבענדע קערפערשאפט, איינצוארדנען די מאראלישע און רעליגיעזע פיהרונג, אויפצו־הויבען דעם גייסט פונ׳ם פאלק און צו פארשטארקען אין איהם זיינע זיטליכע באגריפען.

איז דאן געווען די ערשטע טהעטיגקייט פון די „סנהדרין", צו מאכען א „סייג לתורה", דאס מיינט אזא מין „ארומצאמונג" ווי א פארקען צו׳ן א גארטען. אט דער „סייג" האט געדארפט האבען די ווירקונג, איינצוהאלטען די מענשען פון צו טהון אפילו אזעלכעס, וואס איז ערלויבט, ווען דאס ער־לויבטע איז אין וועלכער ס׳איז באציהונג עהנליך צו דעם, וואס מען טאר נישט.

דער דאזיגער „סייג לתורה" איז אויך דאמאלס געווען זעהר צייטגע־מעס, ווייל עס האבען נאך די אידישע פאלקסמאסען אין אלגעמיין נישט גע־האט קיין קלארען באגריף אין די ווענען פון דער תורה. האבען זיך דאן פון דעם „סייג" אנטוויקעלט פיעלע און פארשידענע דינים, וואס זיינען געווארען געזעצע זייט דער צייט פון די „סופרים", א שטייגער ווי די פאר־שארפונגען ביי די פארשריפטען וועגען היראטהען, וועלכע זיינען באקאנט אונטער׳ן נאמען „שניות לעריות" אדער „שניות מדברי סופרים", וואס

עס איז וועגען דעם געזאָגט געוואָרען א משל, אז דאָס איז גלייך ווי א מענש שטעלט זיך אוועק היטען א גאָרטען, און ווען דער מענש היט דעם גאָרטען פון אויסענווייניג, איז דער גאָרטען אין גאנצען אָפּגעהיט. האָבען דערפאַר די חכמים פארבאָטען דאָס פארשווּעגערען זיך מיט קרובים פון דריי דורות ארויף און אראָפּ.

שטארק באַזאָרגט וועגען דער ריינקייט פון דער פיהרונג און די הייליג־קייט פון דער מאָראַל, האָבען די חכמים געמאַכט א „סייג", נישט צו זיין אַליין מיט א פארהייראַטער פרוי אויף אן אָרט, וואו מענשען געהען נישט. דאַכט זיך אָבער, אז דער דאָזיגער איסור שטאַמט גאַר פון א פריהערער צייט (זעה קדושין דף פ' עמוד ב'). און חוץ די „עריות" פון דער תורה, וואָס זיינען אויסגערעכענט אין פרשת אחרי (ויקרא קאַפּיטעל י"ח), האָבען נאָך די חכמים פארבאָטען 26 מינים ווייטערע קרובים, וואָס א מענש טאָר נישט הייראַטען (זעה יבמות דף כ"א עמוד א' און ירושלמי יבמות פּרק ב' הלכה ג').

אזוי ווי מען האָט אין פריהערע דורות ביז צו די צייטען פון עזרא און נחמיה נישט זעהר באָאָבאַכטעט דאָס אָפּהיטען פונ'ם שבת ווי געהעריג, האָבען די „סופרים" געוואָרענט די מענשען, אָפּצוהיטען דעם שבת און איהם צו פארהייליגען, צו מאַכען א „סייג" ארום זיינע פאָרשריפטען, דער עולם זאָל נישט לערנען קיין פאַלשען פּשט אין דעם, וואָס מען מעג טהון, כדי נישט צו קענען טהון זאַכען, וואָס מען טאָר נישט.

פון דאַמאָלס אָן איז באַשטימט געוואָרען די באַדייטונג פונ'ם וואָרט „מלאכה", איטליכער זאָל וויסען, וואָסערע ארבייטען עס מעגען יאָ געטהון ווערען אים שבת. האָבען די חכמים באַשטימט 39 הויפּט־מלאכות, וואָס פאַר יעדער פון זיי קומט מיתה אָדער וויניגסטענס מלקות, דהיינו: זייען, אַקערען, שניידען די תבואה, אהיים־פיהרען פונ'ם פעלד, דרעשען, באַקען און קאָכען, אָנצינדען א פייער אָדער אויסלעשען, יאָגען חיות, הרג'נען, באַארבייטען די פעל, שרייבען און מעקען, בויען און איינרייסען, צורייסען און צוזאַמענניהען, טראָגען פונ'ם הויז אויף דער גאַס ארויס אָדער אומ־געקעהרט (זעה שבת דף ע"ג עמוד א').

חוץ די דאָזיגע אַלע מלאכות האָבען די „סופרים" פארבאָטען פיעלע טהעטיגקייטען, וואָס זיינען אייגענטליך נישט קיין מלאכה, און דער פארבאָט וועגען זיי איז בלויז, ווייל עס זעהט זיך אין דעם א וואָכענדיגע פיהרונג, א שטייגער ווי: קלעטערען אויף א בוים, רייטען אויף א בהמה, שווימען אויף'ן וואַסער, זיצען צו'ן א משפּט, באַשעפטיגען זיך מיט קויף און פאַר־קויף, הייראַטהען און אַנדערע עהנליכע טהעטיגקייטען. אָט די אַלע טהע־טיגקייטען זיינען פארבאָטען צו טהון אום שבת וועגען דער נויטיגקייט פון א פולשטענדיגען רוהען און זיי זיינען אויך נישט ערלויבט אים יום־טוב (ביצה דף ל"ו עמוד ב').

זאָרגענדיג פאַר דער הייליגונג פונ'ם שבת, האָבען די חכמים פאַר־באָטען, ארויסצוטראָגען אין גאַס פאַרשיעדענע כלים, וועלכע זיינען באַ־שטימט פאַר אַזעלכע ארבייטען, וואָס זיינען פארבאָטען אים שבת. און אום צו מאַכען א „משמרת" צום שבת, האָבען די „סופרים" איינגעפיהרט, צו פייערען דעם שבת פון זונען־אונטערגאַנג פרייטאָג ביז שטערען־אויפ־גאַנג אים מוצאי־שבת. אין דערזעלבער צייט איז אויך איינגעפיהרט געוואָ־

רען, צו מאכען „קידוש" און „הבדלה" איבער א גלאז וויין ביים אנקומען און ביים אװעקגעהן פונ'ם שבת (ברכות דף ל"ג עמוד א').

גלייכצייטיג איז באשטימט געװארען א מאן, װעלכער האט געדארפט געבען א צייכען מיט'ן שופר, דער עולם זאל אויפהערען ארבייטען. דער ערשטער בלאז פונ'ם שופר איז געװען א צייכען צו די ארבייטער אין די פעלדער, זיי זאלען אװעקלייגען די ארבייט. דער צווייטער בלאז איז געװען א צייכען צו די הענדלער און צו די בעלי־מלאכות אין שטאדט, אויפצוהערען ארבייטען. דער דריטער בלאז איז געװען א צייכען, אויפצוהערען יעדע ארבייט אין הויז. דערנאך האט מען נאך געדארפט געבען איין בלאז אלס צייכען, אז דער שבת איז אנגעקומען (שבת דף ל"ה עמוד ב' און דף קי"ד עמוד א', סוכה דף נ"ז עמוד ב', חולין דף כ"ו עמוד ב').

און גלייך ווי עס איז פארהייליגט געװארען דער שבת, איז אויך פארהייליגט געװארען דער ערשטער אװענד פון פסח, װעלכער האט דאן באקומען די אייגענשאפט פון א פאמיליען־פייערליכקייט. אין אט דעם אװענד פלעגען זיך צונויפקלייבען די מיטגליעדער פון יעדער משפחה, צו עסען אין־איינעם דעם „קרבן פסח", צו דערצעהלען דאביי די נסים פון „יציאת מצרים" און צו זינגען צוזאמען דעם „הלל". עס האט אויך דאמאלס יעדער איד, אפילו דער גרעסטער ארימאן, געדארפט טרינקען נישט װייניגער ווי פיער בעכער וויין.

חוץ מקריב־זיין קרבנות אינ'ם בית־המקדש איז אין יענער צייט איינגעפיהרט געװארען דאס ד א װ נ ע ן. דאכט זיך, אז אזוי ווי די אידען אין בבל האבען נישט געהאט קיין בית־המקדש, מקריב צו זיין קרבנות, האבען זיי שוין דאמאלס אנגעהויבען דאװנען אנשטאט קרבנות, צו באצאהלען מיט די ליפען, װאס זיי האבען נישט געקענט באצאהלען מיט אפפער פון בהמות. עס זיינען נאך אפילו נישט געװען באשטימט די נוסחאות פונ'ם דאװנען. עס איז שוין אבער געװען באשטימט דער הויפט־געדאנק פון די תפלות. האט פון דעסטװעגען דאס דאװנען נישט אנגעריהרט צום מינדעסטען דעם סדר פון די קרבנות, װאס זייערע פארשריפטען זיינען אויס־דריקליך פארהאנען אין דער תורה און די חכמים האבען יענע פארשריפטען בלויז פארשארפט.

אנגעהויבען האט זיך דאס דאזיגע דאװנען געװעהנליך מיט א קאפי־טעל אדער מיט עטליכע קאפיטלעך פון תהלים און ביים ענדיגען דעם תהלים האט דער עולם געזאגט: „ברוך ה' אלהי ישראל מן העולם ועד העולם אמן". דערנאך האט דער חזן געזאגט די ברכה פון יוצר אור, שמע ישראל, ואהבת, והיה אם שמוע און ויאמר. אזוי ווי דער עולם האט געהערט פונ'ם חזן'ס מויל דאס װארט „אחד", האט דער עולם אפגעענטפערט: „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד". און װען דער חזן האט געענדיגט דאס לייענען פרשת ציצית און ער האט געזאגט „אני ה' אלהיכם", האט דער עולם גע־ענטפערט: „אמת ויציב ונכון וקיים וישר".

שפעטער זיינען איינגעפיהרט געװארען װייטערע ברכות, דהיינו: מגן אברהם, אתה גבור, תחית המתים, אתה קדוש, מודים און ברכת כהנים. מאנטאג און דאנערשטאג, װען די מענשען פון די דערפער פלעגען זיך צו־נויפקומען אין דער נאהנטער שטאדט, פלעגט מען אויך לייענען א פרשה אין דער סדרא פון דער װאך. שבת פלעגט מען לייענען א גאנצע סדרא

און מען פלעגט נאָך אויסערדעם לייענען אַ פּרשה אין נביאים, וועלכע איז אין איהר אינהאַלט עהנליך צו דער סדרא פון דער וואָך. דערנאָך האָט די דאָזיגע פּרשה פון נביאים געקראָגען דעם נאָמען „הפטרה".

אָט דאָס לייענען די פּרשה פון די נביאים, דאָס הייסט די „הפטרה", איז איינגעפיהרט געוואָרען אין געגנערשאַפט צו די „שומרונים", וועלכע האָבען נישט געוואָלט אנערקענען די נביאים, וואָס די מעהרסטע פון זייערע נביאות זיינען געזאָגט געוואָרען אויף ציון און ירושלים, גליידך ווי זיי האָבען אויך נישט געוואָלט אנערקענען די הייליגקייט פון ירושלים.

* * *

פיעל וויינינגער אידען, ווי עס זיינען פאַרטריבען געוואָרען ביים חורבן בית ראשון קיין בבל, זיינען דערנאָך מיט דער ערלויבניס פון כורש מלך פּרס צוריקגעגאַנגען קיין ארץ־ישראל — און נישט אַלע אידען, וואָס זיינען דאָן פאַרבליבען אין בבל, אָדער זיי זיינען אוועקגעגאַנגען אין אַנדערע לענדער, זיינען געווען וויינינגער רעליגיעז ווי יענע אידען, וואָס זיינען יאָ צוריקגעגאַנגען קיין ארץ־ישראל.

די שווערע קעמפּפע און די נאַציאָנאַלע יסורים ביי דער דאַמאָלס־דיגער צוריקקעהר קיין ארץ־ישראל זיינען נאָך ביז היינט נישט גענוג גע־שילדערט. מיר האָבען איבערהויפּט זעהר וויניג ידיעות וועגען די גע־שעהענישען פון נאָך דער לעצטער „עליה" אונטער עזרא און נחמיה ביז צו דער רעוואָלוציע פון די חשמונאים, וועלכעס האָט געדויערט קאַרגע צוויי־הונדערט יאָהר. מיר ווייסען אויך גאָר נישט, וואָס עס איז געשעהן מיט'ן קעניגליכען פּרינץ זרובבל בן שאלתיאל, וועלכער איז דורך כורש מלך פּרס באַשטימט געוואָרען אַלס רעגירונגס־פאָרשטעהער פון די אידען אינ'ם באַ־נייטען ירושלים.

פאַרהאַנען וועגען דעם אַ „טראַדיציע", וועלכע איז היסטאָריש נישט באַשטעטיגט, אַז נאָכדעם ווי זרובבל האָט איינגעזעהען, אַז ער קען מיט זיינע שוואַכע כחות גאָר נישט אויפטהון אין ארץ־ישראל, איז ער צוריק־געגאַנגען קיין בבל, וואו ער איז ווייטער פאַרבליבען דער פיהרער פון די אידען. דאַגעגען זאָגען געוויסע היסטאָריקער, אַז ער איז גאָר דער'הרג'ט געוואָרען אין איינער פון די דאַמאָלסדיגע „סומאַטאָכעס", אָדער ער איז אפשר גלאַט אַזוי פאַרשוואונדען.

איין זאַך איז אָנצונעמען אַלס זיכער, אַז אַ גאַנץ גרויסער טייל פון די אידען אין בבל האָט נישט געוואָלט צוריקגעהען קיין ארץ־ישראל, אפילו ווען דער נייער בית־המקדש איז שוין געווען אויסגעבויט און עס איז דאָרט געזעסען אויפ'ן טהראָן אַ קעניג פון די חשמונאים. אָט יענע אידען האָבען נישט געגלויבט, אַז די „גאולה" פון דאַמאָלס איז די אייגענטליך ערוואַר־טעטע, ווייל זיי האָבען געהאָפט אויף דיזעלבע נסים ווי ביי „יציאת מצרים", גלייך ווי אויף עפּעס אַ וואונדערליכען משיח פון „מלכות בית דוד", וועל־כער זאָל קומען צו פליהען פון די וואָלקענס. עס איז זיי אויך דער נייער בית־המקדש נישט געפעלען געוואָרען, ווייל עס האָבען דאָרט געפעהלט די „אורים ותומים", דער „ארון" מיט די „כרובים" און עס איז אויך נישט געווען קיין „אש מן השמים".

ווי באַמערקט, איז דער דאָזיגער גאַנצער ענין נאָך נישט גענוג דורכגע־פאָרשט ביז היינט, ווייל עס פעהלען דערצו די היסטאָרישע דאָקומענטען.

די אמוראים פון בבל

וואס יאזעפוס פלאוויוס דערצעהלט וועגען דעם, איז נישט אין גאנצען קלאר, און עס זיינען אויך יענע אלע ידיעות אין דער גמרא און אין די מדרשים וויניגער קלאר, ווייל עס האט זיך דארט אין ערשטער רייהע געהאנדעלט וועגען די מנהגים פונ'ם לעבען אדער וועגען אויסטייטשונגען פון פסוקים און נישט וועגען היסטארישע גענויאיגקייטען.

קען מען איבערהויפט נישט גענוי וויסען, ווי אזוי דאס לערנען אין בבל האט זיך אנגעהויבען אנטוויקלען. עס איז בלויז זיכער, אז גלייכצייטיג מיט דער אנטוויקלונג פונ'ם אידישען לעבען אין ארץ־ישראל, האט זיך אנט־וויקעלט א אידיש לעבען אין בבל. און ווען דער צווייטער בית־המקדש איז חרוב געווארען, האבען גרויסע מאסען פון די ארץ־ישראל'דיגע אידען גע־פונען א צופלוכט אין בבל, וואו די רוימישע רעגירונג האט נישט געקענט קיינמאל גרייכען.

אזוי אפט ווי עס איז לויט די פאליטישע אומשטענדען פון יענע צייטען געווען מעגליך, זיינען מאנכע פון די חכמים ארומגעוואנדערט צווישען ארץ־ישראל און בבל. חכמים פון ארץ־ישראל פלעגען קומען באלעהרנען די מענשען אין בבל און מאנכע פון זיי זיינען דאן ביי אזא געלעגענהייט פאר־בליבען פארטזעצען זייער לערנען אין בבל. אזוי האט, למשל, ר' חייא רבה פון בבל ארויסגעשיקט זיין זוהן ר' נתן, לערנען אין ארץ־ישראל, וועה־רענד אנדערע ארץ־ישראל'דיגע חכמים האבען געשיקט זייערע קינדער לערנען אין בבל.

האבען פון דעסטוועגען די אידען אין ארץ־ישראל נישט געהאט קיין גרויסען רעספעקט פאר די מענשען אין בבל, אפילו ווען זייערער א חכם איז אמאל געקומען קיין ארץ־ישראל, פלעגט מען אויך פון איהם אפלאכען, ביז מען האט זיך דערקענט אויף זיין ווערדע.

מעהרסטענטיילס האבען די אידען אין בבל געוואוינט אין דער שטאדט נ ה ר ד ע א און אין איהר אומגעבונג, ווייל די געגענד איז געווען נאהנט צו די גרעניצען פון ארץ־ישראל. איז טאקי צוליעב דעם שטענדיג געווען א ספק, צי עס האבען נישט אמאל יענע מקומות געהערט צו ארץ־ישראל. האט מען זיך תמיד געסטארעט, צו געפינען די נעמען פון יענע שטעדט ביים „כיבוש יהושע" — און צוליב דעם דאזיגען צוויפעל פלעגט מען דארט האלטען צוויי טאג פורים.

עס איז אויך ביז היינט נישט באשטימט, וואו די שטאדט נהרדעא האט זיך געפונען. מען ווייסט נור אזוי פיעל, אז זי איז געווען ערגיץ צווי־שען די טייכען פרת און חדקל. דעסגלייכען איז וועגען דער לאגע פון דער דאזיגער שטאדט באוואוסט, אז אויסערהאלב פון איהרע מויערען, טיעפער אריין אין בבל, איז פאר א לאנגע צייט געווען א גוי'אישע געגענד.

שפעטער זיינען די אידען אין בבל געגאנגען יעדעס מאל וויטער. די פאליטישע פארפאלגונגען פון די אידען אין ארץ־ישראל האבען די דארטי־גע חכמים געצוואונגען אריבערצוטראגען זייערע ישיבות פון איין ארט צום אנדערען — און אין בבל זיינען עס געווען סאציאל־עקאנאמישע אומשטענ־דען, וואס האבען די מענשען געצוואונגען, צו מאכען זייערע ישיבות יעדעס מאל אין אן אנדער ארט.

פולשטענדיג אויטאנאם אין זייער פאליטישען לעבען, האבען די אידען אין בבל געהאט א „ריש גלותא", וועלכער איז געווען דער פארשטע־

צום אריינפיהר

הער זייערער ביי דער רעגירונג פונ'ם לאנד. און גלייך ווי די „נשיאים" אין ארץ־ישראל האבען זיך מיחס געווען, אז זיי קומען פון „מלכות בית דוד", איז אויך דער „ריש גלותא" אין בבל געווען פון דעמזעלבען שטאם. אמאל איז זאגאר דער יחוס פונ'ם „ריש גלותא" געררעכענט געווארען פאר וויכטיגער, ווייל ער איז געווען פון דוד המלך'ס מענליכער ליניע.

אין דער צייט פון ר' יהודה הנשיא איז רב הונא געווען „ריש גלותא" אין בבל. האט ר' יהודה הנשיא וועגען איהם אמאל געזאגט, אז „ווען רב הונא ריש גלותא וועט קומען קיין ארץ־ישראל, וועל איך איהם אוועקזעצען העכער פון מיר" (זעה „אונזערע גייסטיגע ריעזען", ערשטער טייל, זייטע 357).

שפעטער ווען די לאגע אין ארץ־ישראל האט זיך פארערגערט און עס איז געווען שטרענג פארבאטען אפצוהיטען אידישקייט, האט ר' נתן הבבלי גע'דרשנ'ט אויף'ן פסוק „לאוהבי ולשומרי מצותי" (שמות ב' ו'), אז דאס מיינט מען די אידען אין ארץ־ישראל, וואס דארפען איינשטעלען זייער לעבען, צו קענען אפהיטען די מצוות פון דער תורה. און ווען מען חאפט זיי ביים „פארברעכען" און מען פיהרט זיי דערפאר צום הרג'נען, איז עס צו באוואונדערען, מיט וואס פאר א גלייכגילטיגקייט זיי אפפערען דאס לעבען.

פרעגט מען דאן ביי איינעם: „צוליעב וואס פיהרט מען דיך הרג'־נען?" — ענטפערט ער: „ווייל איך האב מל געווען מיין קינד!" — און פרעגט מען ביי א צווייטען: „פארוואס געהסטו צום פארברענען?" — ענטפערט ער: „ווייל איך האב געלערנט די תורה!" — ביי א דריטען פרעגט מען: „פארוואס געהסטו געקרייציגט ווערען?" — ענטפערט ער: „ווייל איך האב געגעסען מצה אים פסח!" — און אז מען פרעגט א פערטען: „פארוואס פיהרט מען דיך שמייסען מיט בייטשען?" — ענטפערט ער: „ווייל איך האב געהאלטען א לולב אין האנד!" (מכילתא דבחודש פרשה ו', ילקוט יתרו סי' רצ"ב).

דארף מען פארשטעהען, אז אין אזעלכע צייטען, וואס אידען האבען נישט געטארט אפהיטען קיין שום מצוה פון דער תורה, זיינען די בתי־מדרשים אין ארץ־ישראל געווען וויסט און אויסגעליידיגט. האט דאן יע־דער, וואס האט געוואלט לאזען זיינע קינדער לערנען, אוועקגעשיקט זיי אין די ישיבות פון בבל. אין יענער צייט איז אויך געווען א שאלה וועגען בא־שטימען די חדשים און דעם „עבור", וואס נור די חכמים אין ארץ־ישראל האבען געהאט דערצו די אויטאריטעט, האבען זיי דאס דאמאלס דורכגעפיהרט אין בבל.

* * *

דער „תלמוד בבלי" איז גלייך ווי דער „תלמוד ירושלמי" באגרינדעט אויף די מסכתות פון דער „משנה". האבען מיר שוין אינ'ם אריינפיהר צום צווייטען טייל פון „אונזערע גייסטיגע ריעזען" געשריבען וועגען תלמוד ירושלמי, אויף וויפיל און אויף וואסערע מסכתות מיר האבען דארט „גמרא" — און צום „תלמוד בבלי" האבען מיר „גמרא" בלויז צו 37 מסכתות, דהיינו: ברכות, שבת, ערובין, פסחים, יומא, סוכה, ביצה, ראש השנה, תענית, מגלה, מועד קטן, חגיגה, יבמות, קדושין, כתובות, גטין, נדרים, נזיר, סוטה, בבא קמא, בבא מציעא, בבא בתרא, סנהדרין, מכות, שבועות, עבודה זרה, הוריות, זבחים, מנחות, חולין, בכורות, ערכין, תמורה, מעילה, כריתות, נדה, תמיד. איז נאך ביז איצט נישט ערקלערט געווארען, וואס עס

די אמוראים פון בבל

איז אייגנטליך געשעהען מיט דער „גמרא״ צו די אנדערע 23 מסכתות, צו וועלכע מיר האבען בלויז די „משניות״ און צו איינגע פון זיי האבען מיר אויך א גמרא ירושלמי.

ווילען מאנכע פארשער באהויפטען, אז דער „תלמוד בבלי״ האט גלייך ווי דער „תלמוד ירושלמי״ געהאט א גמרא צו יעדער מסכתא, נור עס איז פארלוירען געגאנגען. ווייסט מען אבער, אז ווען די חכמים האבען זיך גענומען צונויפשטעלען דעם „תלמוד״ אין אן אויפגעשריבענער פארם, איז דאס פארגעקומען, כדי די אלע לעהרען, וואס געפינען זיך דארט, זאלען דוקא נישט פארלוירען געהן. איז דערפאר א קשיא, אז ווען מען האט אזוי אפגעהיט די לעהרען פון די חכמים, זיי זאלען נישט פארלוירען געהן, טא ווי אזוי האט מען דאס עפעס צוגעלאזען, אז צו די 23 מסכתות זאל די „גמרא״ יא פארלוירען געהן?

זאגען אנדערע פארשער, אז אזוי ווי די גמרא צו יענע 23 מסכתות האט באהאנדעלט בלויז אזעלכע ענינים, וואס זיינען דעמאלט אין דער צייט פון יענער צוזאמענשטעלונג נישט מעהר געווען נויטיג, האט מען זיי פון לכתחלה אן נישט ארייגעשטעלט אינ׳ם „תלמוד בבלי״.

איז ווייטער א קשיא, אז אויב מען האט ביי דער רעדאקציע פונ׳ם „תלמוד בבלי״ אויסגעלאזען די גמרא צו אזעלכע מסכתות, וואס די לעהרען זייערע זיינען אין יענער צייט נישט מעהר געווען נויטיג, טא צו וואס האט מען דאן אפגעהיט די גמרא צו סדר קדשים? — איז אויף דער דאזיגער שאלה פארהאנען א תירוץ, אז די ענינים פון „קדשים״ זיינען ביי יענע חכמים דוקא געווען זעהר וויכטיג, ווייל עס האט ביי זיי געהערשט דער גלויבען, אז אט־אט וועט משיח קומען און אידען וועלען ווייטער דארפען מקריב זיין קרבנות.

עס איז אויך אויסערדעם געווען אנגענומען א כלל, אז ווער עס גיט זיך אפ מיט לערנען די דינים פון קרבנות, איז דאס ביים אויבערשטען אזוי חשוב, גלייך ווי ער וואלט די קרבנות אליין מקריב געווען (זעה מנחות דף ק״י עמוד א׳). דעסגלייכען האבען די חכמים אנגעזאגט, אידען זאלען נישט וועלען זאגען, אז אזוי ווי מיר קענען נישט היינט מקריב זיין קיין קרבנות, זאל מען זיך נישט אפגעבען מיט זייערע דינים, ווייל ווען מען גיט זיך אפ מיט׳ן לערנען וועגען די קרבנות, איז דאס גלייך ווי מען וואלט זיי מקריב געווען (ויקרא רבה פרשה ז׳ פיסקא ג׳).

לויט דער באשאפענהייט פונ׳ם „תלמוד בבלי״, וועגען וועלכען עס איז געזאגט געווארען, אז ער איז טונקעל און אומפארשטענדליך (זעה סנהדרין דף כ״ד עמוד א׳), וואלט מען געקענט מיינען, אז די אזוי אנגערופענע „רע־דאקטארען״ זיינע האבען צונויפגעשטעלט זיין אינהאלט אהן א לאגישער פארבינדונג, ווייל עס זיינען דארט אפטמאל די סענטענצען פארמישט איינער מיט׳ן אנדערן. וואלט אבער אזא מיינונג געווען גאנץ אומבאגרינדעט, ווייל אלסדינג וואס די בבל׳שע גמרא ברענגט, איז אהין אריינגענומען געווארען מיט אויסערגעוועהנליכער באדאכטזאמקייט, יעדעס ווארט האט דארט זיין באזונדערע באגרינדונג.

ווי א וואונדערבארער בנין שטעהט היינט דער תלמוד פאר אונזערע אויגען. זיינע בוימייסטער האבען איהם צונויפגעשטעלט שטיינדעל צו שטיי־דעל און ציגעל צו ציגעל. מיט זייער טיעפער חכמה האבען זיי ארומגעטעסעט

די שטיינער, צוגעפיקסט די ציגעל, צוגעקלאפּט א טשוועקעל, וואו עס האָט זיך נור געניויטיגט, אָדער צוגעשטעלט א ברעטעל, ביז דער גראַנדיאָזער בנין איז אין גאַנצען פאַרטיג געוואָרען.

עס דאכט זיך אויך, אז ביים צוזאַמענשטעלען דעם תלמוד האָבען זיך די אַזוי אָנגערופענע „רעדאַקטאָרען" זיינע נוהג געווען מיט זיין שטאָף, גלייך ווי ר' יהודה הנשיא האָט זיך נוהג געווען מיט'ן שטאָף פון זיינע „משניות", וואָס זיין ארבייט איז נישט בלויז געווען צונויף צו שטעלען די מאמרים פון זיינע פאָרגענגער, נור ער האָט זיך מיט אַלע כחות באַ־שטרעבט, צו פאַרקניפּלען און צו פאַרבינדען די ענינים, זיי געהעריג אויס־צוטייטשען, צו פאַרשטאַרקען און צו פאַרפעסטיגען מיט זייער הילף די פיה־רונג אינ'ם אידישען לעבען.

דאָס נעמליכע האָט אויך געטהון רב אשי און נאָך איהם רבינא, וועלכע האָבען אויף זייערן א באַזונדערען שטייגער אַכטונג געטהון, אז די ענינים, וואָס ווערען באַהאַנדעלט אין דער גמרא, זאָלען זיין פאַרבונדען איינס מיט'ן אַנדערן דורך אַן איינהייטליכען אָדער א לאָגישען צוזאַמענ־האַנג. פאַר אָט דעם צוועק האָבען זיי זיך באַנוצט מיט געוויסע טעכנישע אויסדרוקען, וואָס האָבען זיי געדיענט ווי א טהיר צום בנין, ווי א נאָגעל אויף צוזאַמען צו האַלטען די זיילען פונ'ם בנין, אָדער ווי א קייט פאַר דער פאַרבינדונג פון דעם בנין'ס ווענט.

זייט עס האָט זיך געענדיגט די צייט פון די „תנאים", איז נישט מעהר אָפּגעהיט געוואָרען די ריינקייט פון דער תלמודישער שפּראַך. די גאַנצע צייט פון די ערשטע „אמוראים" איז נאָך דער לשון פונ'ם תלמוד געווען א ביסיל עהנליך צום לשון פון דער משנה. אפילו שפּעטערע אמוראים האָבען זיך אָפטמאָל געסטאַרעט, צו ריידען אין יענעם קלאָרען לשון. האָבען זיי דאָס אָבער געטהון בלויז ביי מאַנכע מימרות און הלכות. זאָנסט האָבען זיי אַלסדינג געזאָגט אינ'ם אַראַמישען לשון, וועלכער איז דאַמאָלס געווען די פאַרקעהרס־שפּראַך פון די אידען אין בבל. זיינען דאָרט די מעהרסטע מאמרים געשריבען אין אַראַמיש מיט א שוואַכער העברעאישער ביימישונג, וועלכעס איז שוין וויניג עהנליך צום לשון פון דער „משנה".

אויסערדעם פאַרמאָגט דער „תלמוד בבלי" א גאַנצע שורה „טעכנישע באַצייכנונגען" פאַר א בעסערע ערקלערונג פון זיין אינהאַלט, א שטייגער ווי: פירוק, תיובתא, סיוע, רמיה, התקפתא, שמעתא, סוגיא, תיקו און אַזוי ווייטער. זיינען די דאָזיגע „טעכנישע באַצייכנונגען" דער שליסעל צום תלמודישען סטיל, גלייך ווי צו זיינע אומדערקלערליכקייטען. און טאָמער פעהלען זיי, איז דער תלמוד ווי א פאַרזיגעלט בוך און עס איז זעהר שווער צו פאַרשטעהן זיין אינהאַלט.

גלייך ווי די צוויי תלמודים, דער בבלי און דער ירושלמי, זיינען פאַר־שידען געאָרטעט אין זייער שפּראַך, זיינען זיי אויך פאַרשידען אינ'ם סטיל פון זייערע פאַרהאַנדלונגען. די אורזאַך דערפון איז, וואָס דער שטייגער פון דער תלמודישער פאָרשונג ביי די חכמים אין ארץ־ישראל איז גרונדפאַר־שידען פונ'ם שטייגער פאָרשען אין בבל, און לויט דעם ערך פון דער דאָ־זיגער פאַרשידענקייט איז אויך אין אַלגעמיין דער חלוק צווישען תלמוד ירושלמי און תלמוד בבלי.

פון די „הגהות״ צום תלמוד בבלי, לויט ווי זיי זיינען געדרוקט אין די אלטע ווילנער ש״ס׳ן אדער אין דער נייעסטער אויסגאבע פון ווילנא, קען מען זעהען, ווי עס ווערד מאנכעס מאל געבראכט א מימרא פון אן אמורא, אן ארץ־ישראל׳דיגען אדער א בבלי, סיי אין תלמוד ירושלמי און סיי אין תלמוד בבלי, אין א ווידערשפרעכענדיגען זין. אויף איין פלאץ קען למשל געזאגט ווערען אויף׳ן נאמען פון א געוויסען אמורא, אז א געוויסער געגענשטאנד איז אזוי און אזוי און אויף אן אנדערן פלאץ ווערד געזאגט אויף׳ן נאמען פון דעמזעלבען אמורא וועגען דעמזעלבען געגענשטאנד, אז עס איז גאר אומגעקערט. דעסגלייכען קומט אפטמאל פאר, אז עס זיינען איבערגעאנדערשט די נעמען און דער סטיל פון דעמזעלבען מאמר אויף צוויי פארשידענע ערטער, וועלכעס ענדערט אין גאנצען דעם ענין און דעם דין.

איז זיך גאר נישט וועגען דעם צו וואונדערען, ווען מיר ווע־לען זיך נעמען טיעפער אריינקוקען אינ׳ם שטייגער, ווי אזוי עס איז באקאנט געווארען די תורה פון ארץ־ישראל אין בבל און ווי אזוי מען האט אריבערגע־בראכט די תורה פון בבל קיין ארץ־ישראל, ווייל אין ביידע לענדער האט מען נישט געשעפט די ידיעות פון דער ערשטער קוואל, פונ׳ם „מאן דאמר״ אליין, נור דורך פארמיטלער. ווי לאנג דער וועג צווישען בבל און ארץ־ישראל איז געווען אפען, האבען די צוגערייזטע תלמידי־חכמים פון ארץ־ישראל גע־בראכט די תורה פון זייערע רביים קיין בבל און די צוגערייזטע תלמידי־חכמים פון בבל האבען געבראכט די תורה פון זייערע רבי׳ס קיין ארץ־ישראל. האבען זיי דאס אפטמאל געטהון אויף א גרייזיגען אופן. ביי אנדערע גע־לעגענהייטען האבען די איבערברענגער פון די מאמרים אריינגעגעבען אין זיי א כוונה, וועלכע איז דעם „מאן דאמר״ גאר נישט איינגעפאלען אין דער מחשבה.

מאנכעס מאל האט אן אמורא געזאגט אן אייגענעם מאמר אויף׳ן נאמען פון זיינעם א פארגענגער, ווייל ער האט געוואלט מאכען א שטארקען איינדרוק. פארהאנען אויך מאמרים אין די ברייתות אויף׳ן נאמען פון א געוויסען תנא, וואס יענער תנא האט די מאמרים גאר נישט געזאגט. ביי מאנכע מאמרים האבען די תלמידים פשוט פארגעסען, פון וועמען זיי האבען דאס געהערט. דעסגלייכען געפינט מען מאנכעס מאל אין דער גמרא, אז אן אמורא זאגט אמאל א מאמר אויף׳ן נאמען פון איינעם און אמאל זאגט ער דאסזעלבע אויף׳ן נאמען פון אן אנדערן. אמאל קען עס זיך זאגאר טרעפען, עס זאל ביים איבערברענגער פון א מאמר אליין זיין א ספק, צי ער האט דעם ענין געהערט פון רב אדער פון שמואל (זעה בכורות דף ל״ו עמוד ב׳).

אמאל זאגט איינער עטוואס אויף׳ן נאמען פון א פארגענגער און יענער האט גאר פונקט פארקעהרט געזאגט. איבערהויפט זיינען אזעלכע פארשידענע מאמרים געזאגט געווארען אויף׳ן נאמען פון רב (אבא אריכא). געפינט זיך טאקי אמאל, אז ווען רב יהודה בר יחזקאל האט עטוואס געזאגט אויף רב׳ס נאמען, האט זיין ברודער רמי בר יחזקאל געזאגט: „איהר דארפט איהם נישט הערען, וואס ער זאגט אויף רב׳ס נאמען!״ (כתובות דף כ״א עמוד א׳, חולין דף מ״ד עמוד א׳). דאסזעלבע האט אויך אמאל אן אנדערער אמורא געזאגט, אז „וואס רב יהודה בר יחזקאל זאגט אויף

רב׳ס נאָמען, איז נישט ריכטיג, ווייל רב האָט דאָס גאָר נישט געזאָגט!״ (חולין דף ע״ד עמוד א׳).

דאָס נעמליכע פּלעגט אויך פּאַרקומען מיט מאמרים, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרען אויף׳ן נאָמען פון רב נחמן בר יעקב. האָט אמאָל רבא געזאָגט ווענגען דעם: „איך וועל נישט לאָזען אָנהענגען שמאַטעדיגע געדאַנקען אויף׳ן נאָמען פון רב נחמן!״ (עבודה זרה דף ל״ז עמוד ב׳).

אפילו די „מסדרים״ פון׳ם תלמוד אליין פלעגען אָפּטמאָל האָבען א טעות און זיי האָבען מסדר געווען געוויסע מאמרים אויף א פרעמדען נאָמען. מאנכעס מאָל האָבען זיי אויך געשריבען ווענגען א מחלוקה פון צוויי אמוראים אויף צוויי פאַרשידענע ערטער און אויף איין אָרט האָבען זיי באַשריבען די מחלוקה אויף א פאַרקערטען שטייגער ווי אויף׳ן אנדערן אָרט. אזעלכע פאַרקערטע „סוגיות״ געפינען זיך עטליכע אין דער גמרא (זעה תוספות מנחות דף נ״ח עמוד ב׳).

פאַרהאַנען אַנדערע ענינים, וואָס געפינען זיך סיי אין תלמוד בבלי און סיי אין תלמוד ירושלמי מיט דעם אונטערשיד, וואָס דער תלמוד בבלי זאָגט א געוויסע מיינונג אויף׳ן נאָמען פון אַן אנדערן, און דער תלמוד ירושלמי ציטירט דעמזעלבען ענין מיט די צוויי מיינונגען אויף א פאַרקערטען אופן (זעה בבא קמא דף ו׳ עמוד ב׳ און דאָסזעלבע אין ירושלמי נזיר פרק ה׳ הלכה א׳, דעסגלייכען מועד קטן דף כ״א עמוד א׳ און דאָסזעלבע אין ירושלמי ברכות פרק ג׳ הלכה א׳).

* * *

שווער אָנצונעהמען דעם תלמוד ווי אַן איינהייטליך ווערק. די לעהרען פון זיבען יאָהרהונדערטער לאָזען זיך נישט אזוי גרינג צונויפגיסען אין איין פאָרם, איבערהויפּט ווען עס האָבען דאָרט געשאַלטעט און געוואַלטעט פאַרשיעדענע הענד, וואָס יעדע פון זיי האָט געהאַט א באַזונדערען געשמאַק. טראָגט אָבער דאָס גאַנצע אזוי צו זאָגען אַן איינהייטליכען כאַראַקטער און עס איז דערפאַר אפשר יאָ באַרעכטיגט, אָנצונעהמען דעם תלמוד ווי אַן איינהייט.

אין די אַריינפיהרען צו די ערשטע צוויי בענדער פון „אונזערע גייסטיגע ריזען״ האָבען מיר זיך פיעל באַשטרעבט, צו באַקענען דעם לעזער מיט די אידעען פון אונזערע חכמים ווענגען די פאַרשיעדענע פּראָבלעמען פון׳ם לעבען. דאַרף מען דאָס דאָ פאַר דער פולשטענדיגקייט פון׳ם ענין דערגאַנצען.

וואָס די חכמים האָבען געדענקט ווענגען גאָט, איז לויט די דאַמאָלסדיגע באַגריפען העכסט איינגנאַרטיג, ווייל עס איז געווען אַנדערש ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער, צווישען וועלכע אידען האָבען געלעבט. די גריכישע קולטור איז שוין דאַמאָלס זעהר הויך געשטאַנען און די גריכען האָבען פון דעסטוועגען געהאַלטען פון פיעלגעטעריי. דאָס נעמליכע איז אויך געווען ביי די רוימער, ביי די פאַרטהער און ביי די פערזער. שפּעטער האָט די קריסטליכע דרייאייניגקייט געוואָלט איינריידען, אַז זייער גלויבען איז א פאָרטזעצונג פון דער אידישער אמונה, מוז מען דערפאַר שטוינען איבער דער גבורה פון אונזערע חכמים און דעם ערפאָלג פון זייער קאַמפּף, ווי עס האָט זיך זיי איינגעגעבען, צו באַקעמפען יעדען פּרוואו פון אָט די אַלע מיני שותפות׳ן צו זייער גאָט.

די אמוראים פון בבל

די פאַרשטעלונג פונ׳ם אויבערשטען אויף א קערפּערליכען שטייגער, ווי מען פלעגט זאָגען: די האנד פון גאָט, דאָס מויל פון גאָט, די פיס פון גאָט, דער רוקען פון גאָט וכדומה, האָבען די חכמים ערקלערט, אז מען האָט דאָס געדאַרפט שילדערען אויף אזא שטייגער, וועלכער זאָל זיין צוגעפּאסט צו די מענשליכע באַגריפען. זיי וואָלטען דאָס זאָנסט נישט געקענט פאַרשטעהן. גלייכצייטיג איז אָבער אויסדריקליך אָנגעזאָגט געוואָרען, מען זאָל די דאָזיגע באַגריפען נישט וועלען פאַרשטעהן אין זייער איינפאַכער באַדייטונג, אז דער אויבערשטער האָט כביכול הענד און פיס אָדער א מויל, ווי להבדיל א מענש (זעה מכילתא פ׳ יתרו).

האָבען דאָן די חכמים באַצייכענט דעם אויבערשטען מיט אזעלכע נעמען, וואָס דער צוועק זייערער איז געווען, צו דערהויבען זייער באַדייטונג איבער יעדען מענשליכען באַגריף. האָט מען דעם אויבערשטען באַצייכענט מיט׳ן וואָרט „שכינה״, וועלכעס מיינט די הערליכקייט, וואָס שיינט אַרויס פון דער געטליכער מאַיעסטעט. אמאָל האָט מען אויך באַצייכענט דעם אויבערשטען מיט׳ן וואָרט „גבורה״, מיט וועלכען עס האָט זיך געוואָלט זאָגען, אז ער שטעלט פאָר די אַלמאַכט פון דער וועלט, וואו עס איז נישט פאַרהאַנען קיין שטאַרקערס פון איהם. דעסגלייכען האָט ער דעם נאָמען „מקום״, ווייל ער געפינט זיך אומעטום אויף יעדען אָרט. ער ווערד אויך באַצייכענט מיט׳ן וואָרט „שמים״ אויפ׳ן נאָמען פון זיין וואוינונג.

און ווען דער אויבערשטער האָט די וועלט באַשאַפען — האָבען די חכמים ערקלערט — האָט ער זי אַרויסגעבראַכט פון גאָר נישט, א „יש מאין״. אָבער דער צוועק פון דער גאַנצער באַשאַפונג איז דער מענש, וועלכער איז אויסגעפורעמט לויט׳ן געטליכען בילד, מיט׳ן פּנים צום הימעל און ער געהט אויך גלייך אויף צוויי פיס. דאַביי פאַרמאָגט ער א נשמה מיט א פרייען ווילען, צו טהון וואָס איהם געפעלט. און ווען עס רעדט זיך וועגען מענשען, איז דער איד דער אויסגעקליבענער צווישען אַלע און פון די אידען איז דער ווירטיגסטער דער „צדיק״, דער רעכטשאַפענער און פרומער (זעה יומא דף ל״ח עמוד ב׳).

דער באַגריף פון גאָט׳ס איינהייט איז ביי אונזערע חכמי התלמוד געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה. זיי האָבען עס גערעכענט פאַר א זכות, וואָס אידען האָבען אָנערקענט דעם אויבערשטען אַלס דעם איינציגען באַשעפער און דער אויבערשטער האָט אָנערקענט די אידען אַלס דאָס איינציגע פאָלק זיינס (ברכות דף ו׳ עמוד א׳), אידען האָבען אויך צוגעשוואָרען, נישט אויסצובייטען זייער גאָט (גטין דף נ״ו עמוד ב׳). און וואָס דער מענש איז באַשאַפען געוואָרען אים פּריוואַט פאַר־נאַכט, ווען אַלעס אין דער וועלט איז שוין געווען פאַרטיג, איז די אורזאַך דערפון, כדי עס זאָל נישט קיינעמען איינפאַלען צו דענקען, אז דער מענש איז געווען א שותף צום אויבערשטען ביי דער באַשאַפונג (זעה סנהדרין דף ל״ח עמוד ב׳).

אזוי ווערד אויך געזאָגט אויפ׳ן נאָמען פונ׳ם אויבערשטען: „אני ראשון, איך בין דער ערשטער און איך האָב נישט קיין פאָטער, איך בין אויך דער לעצטער און איך האָב נישט קיין ברודער, און אויסער מיר איז נישט פאַרהאַנען קיין גאָט, ווייל איך האָב נישט קיין זוהן״ (שמות רבה פרשה כ״ט פיסקא ד׳).

צום אריינפיהר

דעסגלייכען איז געלעהרענט געוואָרען, אַז גאָט דער איינציגער איז אַן איביגער, נישט קיין קערפּערליכער און נישט פאַרענדערליך. אַזוי האָט אויך דער אויבערשטער געזאָגט צו משה רבנו: „אהיה אשר אהיה", וועלכעס מיינט: „איך בין געווען פריהער, איך בין יעצט און איך וועל אויך זיין דערזעלבער אין אַלע שפּעטערע צייטען" (שמות רבה פרשה ג' פיסקא ו').

גאָט איז אויך אַן „אל רחום וחנון", זאָגאַר ווען דער מענש איז עס נישט ווערטה (ברכות דף ז' עמוד ב'). און ווען דער אויבערשטער איז אַפילו אַמאָל אין כעס, איז ער אויך דאַמאָלס פול רחמים (פסחים דף פ"ו עמוד ב').

די באַשטימונג פון'ם איד איז, מורא צו האָבען פאַר גאָט, און די וועלט פון'ם איד שטעהט אויף דריי יסודות, דהיינו: אויף לערנען די תורה, אויף דיענען גאָט מיט קרבנות, אַזוי ווי אויף וואָהלטהעטיגקייט (אבות פרק א' משנה ב').

ביים לערנען די תורה דאַרף באַאַכטעט ווערען דער צוועק, צו האַל־טען איהרע מצוות, און דאָס האַלטען די מצוות פון דער תורה האָט אויך אַ תנאי, דאָס איז די אמונה אין דעם, וואָס האָט יענע מצוות געהייסען האַלטען. דער איד דאַרף אויך טהון אַלסדינג לשם שמים. נישט גלאַט אַזוי איבערצוקומען, ווייל מען האָט איהם איינגערעדט, אַז מען דאַרף עס טהון (זעה יבמות דף ק"ט עמוד ב').

די פליכט פון דער אמונה איז דאָס נעהמען אויף זיך דעם עול פון „מלכות שמים". אין אָט דער פליכט איז שוין אריינגענומען דער חוב, צו דאַנקען דעם אויבערשטען ביי יעדער געלעגענהייט, סיי פאַר'ן גוטען און סיי פאַר'ן שלעכטען, אַזוי ווי דאָס איבערגעבען זיך צו דער פיהרונג פון'ם אויבערשטען, אַז ווי אַזוי ער פיהרט, איז עס אודאי צום גוטען. און דיענען דאַרף מען דעם אויבערשטען אין ליעבע, גלייך ווי מען דאַרף אויך זיין באַשטרעבט, דעם אויבערשטען באַליעבט צו מאַכען ביי אַנדערע מענשען. ווען דאָס דערצו ברענגען, דער מענש זאָל עהנליך ווערען אין זיין פיהרונג צו גאָט, אַז אַזוי ווי דער אויבערשטער איז פול רחמנות און לייטזעליגקייט, זאָל אויך דער מענש זיין בארעמהארציג און לייטזעליג.

איידער עס איז געווען איינגעפיהרט דאָס דאַווענען, האָבען די מענשען געבראַכט קרבנות. איז דאָס נישט געווען קיין מערדערישער אָנפאַל אויף בהמות און עופות, זיי צו קוילענען, נור עס האָט געהאַט די ווירקונג, אָפּ־צורייניגען די מענשליכע מחשבה (מדרש תנחומא פ' שמיני). און אַזוי ווי דער בית־המקדש איז שפּעטער חרוב געוואָרען, האָט אַ מענש געקענט בלויז טהון אַ נדר פון „נזירות", אָפּצוהאַלטען זיך פון וויין־טרינקען און פון האָהר־שעהרען, אָדער ער האָט זיך געקענט מאַכען אַ תענית, ווען דער מענש טהוט זיך אַליין אָן די יסורים פון נישט עסען און נישט טרינקען.

וויכטיגער פון אַלעמען איז וואָהלטהעטיגקייט (גמילות חסדים), סיי ווען דער מענש טהוט עס מיט זיין געלד, אָדער ווען ער טהוט עס מיט אַ פּערזענליכער באַשטרעבונג פאַר יענעם'ס טובה. אָט דאָס איז באַגרינ־דעט אין דער ליעבע פון איין מענשען צום אַנדערן, ווי הלל הזקן האָט עס אויסגעדריקט אַלס אַ כלל אין דער תורה: „וואָס דיר איז נישט ליעב, זאָלסטו נישט טהון צו קיין אַנדערן!"

נעהמענדיג אין אַכט דעם דאָזיגען כלל, ברענגט דאָס צו אמת'ער נערעכטיגקייט, צו רחמנות און לייטזעליגקייט, נישט בלויז צו מענשען, נור אויך צו יעדען לעבעדיגען באַשעפעניש, צו'ן אַ בהמה אָדער אַן עוף.

און אנדערע גוטע מדה איז, ווען איינער מאראליזירט דעם צווייטען. א איד איז אויך מחויב, צו זאגען מוסר צו אנדערע, ביז יענער ווערד אין כעס און צושרייט זיך אויף דעם מאראליסט, ביז דער אנגעשטראפטער שילט דעם מאראליסט אדער ביז ער נעמט זיך דעם מוסר־זאגען שלאגען (ערכין דף ט"ז עמוד ב'). אט דאס מאראליזירען העלפט דערוויטערען דעם מענשען פון לשון הרע, פון שנאה, פון קנאה, עס מאכט איהם זוכען שלום און זיין פריינדליך צו יעדען, אזוי ווי נישט צו פאראורזאכען צו קיינעמען קיין שאדען.

עס דארף אויך איטליכער גלויבען, אז גאט קוקט אומעטום אויף די מעשים פון אלע מענשען, ער קען די נויטען פון דער גאנצער וועלט, ער העלפט אויך יעדען און באזונדערס העלפט ער אידען צוליעב זייער גע־רעכטיגקייט און זייער צוטרוי צו זיינע חסדים.

גאט'ס שלוחים זיינען די מלאכים, די נביאים און די צדיקים. די פרומקייט פונ'ם צדיק קען איהם ברענגען צו „רוח הקדש" און דער צדיק קען אויס'פועל'ן די גרעסטע טובות פאר אנדערע דורך זיין תפלה. דאס־זעלבע ווירקט אויך די „תשובה", אפצוהיטען די מענשען פון אלעם שלעכ־טען (ירושלמי פאה פרק א' הלכה א').

דאס שעהנסטע אין דער אמונה איז פון דעסטוועגען דער גלויבען אין „שכר ועונש", אז דער אויבערשטער באצאהלט צו די מענשען נאך זייער טויט פאר אלע זייערע מעשים, גוטס פאר גוטס און שלעכטס פאר שלעכטס. דער אויבערשטער געדענקט אויך צו די קינדער דעם זכות פון זייערע עלטערן. און אזוי ווי דער יחיד גלויבט אויך דער כלל אין זיין שכר ועונש, וועלכעס האט זיין אויסדרוק אין „ביאת המשיח" און „תחית המתים". וועגען אט די ענינים האבען די חכמים גערעדט אויף א קורצען אופן אין זייערע דרשות איבער די „מלחמות פון גוג ומגוג", אזוי ווי וועגען די „חבלי משיח", די ווידערקעהר פון „מלכות בית דוד", וועגען „לעתיד לבא" און אזוי ווייטער, וועלכעס וועט זיין א באצאהלונג צום גאנצען כלל פון דער אומה פאר די צרות, וואס מען דארף ליידען אין דער געגענווארט.

אין פארלויף פון די דורות זיינען צומאל געוועזן כתות גאנצע אדער יחידים, וואס האבען נישט געהאלטען פון „תורה שבעל פה" און זיי האבען גע'טענה'ט: „וואס פאר א נוצען ברענגען אונז די פלפולים פון די חכמים? האבען זיי אפשר אמאל כשר געמאכט א ראב אדער פארבאטען א טייבעלע?" (סנהדרין דף צ"ט עמוד ב'). האט זיך אבער נישט קיין איינציגער פון זיי אקעגען־געשטעלט צו די דעות אין מוסר און אין מדות פון די חכמים, ווייל אפילו די געגנער פון דער „תורה שבעל פה" האבען פארשטאנען, אז טאמער דארף מען אפילו ארויסטרעטען געגנעריש צו געוויסע איינטייטשונ־גען אין דער תורה, זיינען אבער די מאראלישע לעהרען פון די חכמים אזוי וויכטיג און אלמענשליך, אז מען קען גארנישט זאגען נעגען זיי.

די מדה פון גאט'ס גערעכטיגקייט איז חסד און אמת. דאס מיינט אויך דער פסוק „צדקתך כהררי אל, משפטיך תהום רבה", ווייל ווען זיין גערעכטיגקייט זאל נישט זיין ווי די העכסטע בערג, טא ווער וואלט געקענט באשטעהן אקעגען זיין טיעפען משפט? (ערכין דף ח' עמוד ב').

און ווען דער אויבערשטער געהט משפט'ן דעם מענש, טהוט ער דאס נישט לויט זיין פארגאנגענהייט אדער לויט זיין צוקונפט, נור בלויז לויט די

מעשים פון יענער באשטימטער שעה, אין וועלכער ער זעצט זיך אוועק צום משפט (ראש השנה דף ט"ז עמוד ב'). נור מיט די צדיקים איז דער אויבערשטער מדקדק אויף א האהר און ער באשטראפט זיי פאר דער מינדעסטער איבערטרעטונג (יבמות דף קכ"א עמוד ב').

נישט מיט מיה האט דער אויבערשטער זיין וועלט באשאפען (בראשית רבה פרשה י' פיסקא י"ב) און באשאנקען האט ער זי מיט צעהן מדות זיינע: מיט חכמה, מיט פארשטאנד, מיט וויסען, מיט כח, מיט געשריי, מיט גבורה, מיט צדק, מיט משפט, מיט חסד און מיט רחמים (חגיגה דף י"ב עמוד ב').

מיט'ן באשאפען די וועלט האט זיך דער אויבערשטער געזאגט: „ווען איך וועל באשאפען די וועלט בלויז מיט רחמים, וועלען די זינד פון דער וועלט צו שטארק ווערען, און וועל איך באשאפען די וועלט בלויז מיט דין, טא ווי וועט די וועלט קענען באשטעהן? וועל איך דערפאר די וועלט באשאפען מיט דין און רחמים אויסגעמישט" (בראשית רבה פרשה י"ב פיסקא ט"ו). דער אויבערשטער האט אויך אויסגעפורעמט יעדען מענש מיט'ן חותם פון אדם הראשון, פון דעסטוועגען איז נישט איינער גלייך צום אנדערן און דערפאר מעג יעדער זאגען, אז די גאנצע וועלט איז באשאפען געווארען פאר זיינעטוועגען (סנהדרין דף ל"ז עמוד א').

אונזערע חכמים האבען אויך געגלויבט, אז דער אויבערשטער האט געבויט וועלטען און זיי חרוב געמאכט, דערנאך האט ער ווייטער באשאפען אנדערע וועלטען און זיי חרוב געמאכט, ביז ער האט אונזער היינטיגע וועלט באשאפען און ער האט געזאגט: „אט די געפעלט מיר יא און יענע פון פריהער געפעלען מיר נישט!" (בראשית רבה פרשה ט' פיסקא ב').

ווען דער אויבערשטער האט געוואלט באשאפען דעם מענש — דערצעהלען די חכמים — האט ער געזעהן, אז עס וועלען פון איהם ארויסקומען צדיקים און רשעים. האט ער צוליעב די צדיקים געוואלט דעם מענש וואס גיכער באשאפען און צוליעב די רשעים האט ער געוואלט דעם מענש פארניכטען, איידער ער האט איהם נאך באשאפען. וואס האט אלזא דער אויבערשטער געטהון? ער האט דאן נישט געוואלט קוקען אויף דער צוקונפט און ער האט דעם מענש באשאפען.

לכתחלה האט אויך דער אויבערשטער געוואלט דעם מענשען באשאפען בלויז פון הימלישען שטאף. האט ער אבער גענומען אויפ'ן זינען, אז ווען ער וועט באשאפען אויף דער ערד א באשעפעניש מיט הימלישע אייגענשאפטען, וועלען די באשעפענישען פון אויבען מקנא זיין און וועלען זיך באשטרעבען, איהם צו שעדיגען. האט ער דערפאר געגעבען דעם מענשען די טבע פון די הימלישע באשעפענישען מיט די ערדישע אויסגעמישט (בראשית רבה פרשה י"ב פיסקא ז').

האט דאן דער אויבערשטער באשאנקען דעם מענש מיט אן אייגענעם ווילען, ער זאל זיין פריי אין זיין פיהרונג, לויט ווי עס וועט איהם געפעלען. אויסערדעם פארמאגט דער מענש א „יצר הרע", וואס רעדט איהם אן צום שלעכטען, און א „יצר טוב", וואס קעמפט כסדר געגען דעם „יצר הרע" און ער איז באשטרעבט, צו פיהרען דעם מענש צום גוטען. עס האט אויך דער אויבערשטער געלאזען דעם מענשען פריי, אז ווען ער וועט וועלען, זאל ער קענען באצווינגען זיין יצר־הרע אויף א העלדישען אופן און מאכען

איהם אונטערטהעניג צום „יצר טוב" (זעה אבות פרק ד' משנה א'). און ווען עס רעדט זיך דא וועגן העלדישקייט אקעגען דעם יצר־הרע, דארף מען וויסען, אז עס שטעקט טאקי אן אמת'ע גבורה אין דעם דאזיגען קאמפף, ווייל דער יצר־הרע איז זעהר שטארק און ער הערשט איבער'ן מענש פון זיין געבוירען אן און דער „יצר טוב" קומט ערשט צום מענשען ווען ער איז דרייצעהן יאהר אלט (סנהדרין דף צ"א עמוד ב').

אט דער יצר־הרע, וועלכער רעדט אן דעם מענשען צו אלעם שלעכטען, איז דערנאך ווי א „פראוואקאטאר", ווייל ער קומט שפעטער עדות זאגען געגען דעם מענש (זעה סוכה דף נ"ב עמוד ב', בבא בתרא דף ט"ז עמוד א'). און אז מען האט געפרעגט ביים אויבערשטען, צו וואס ער האט גאר אין גאנצען דעם „יצר הרע" באשאפען, האט ער געענטפערט: „צו־זאמען מיט'ן יצר־הרע האב איך אויך באשאפען א מיטעל געגען איהם, דאס איז די תורה" (קדושין דף ל' עמוד ב'). און ווען די מענשען באשעפטיגען זיך מיט דער תורה, קענען זיי נישט מעהר זיין אונטערלעגען צום יצר־הרע, ווייל זיי האבען איהם דאן אין זייערע הענד (עבודה זרה דף ה' עמוד ב').

ביידע, דער „יצר הרע" גלייך ווי דער „יצר טוב", זיינען דאס אי־נעוויינינגסטע געוויסען פון די מענשען. ביים גוטען אורטיילט דער „יצר טוב" און ביים שלעכטען אורטיילט דער „יצר הרע" (ברכות דף ס"א עמוד ב'). און ווען דער מענש היט זיך אפ פון זינד און ער שטארקט זיך, צו באצווינגען דעם יצר־הרע, דערהויבט דאס איהם ביז צו דער מדרגה פון הייליגקייט (עבודה זרה דף ב' עמוד ב').

עס איז אויך אנגענומען, אז צווישען אלע מענשען האט דער אוי־בערשטער אויסגעקליבען די אידען אלס זיינע ליעבלינגס־קינדער (אבות פרק ג' משנה י"ד). זיינען די אידען נעגליכען צו אויל, ווייל אזוי ווי דאס אויל ברענגט ליכט, אזוי זיינען אידען דאס ליכט פון דער וועלט (שיר השירים רבה פרשה א' פיסקא ב'). און ווייל דער אויבערשטער האט די אידען אזוי שטארק ליעב, האט ער זיי באצייכענט אלס „די ערשטגעבוירענע קינדער זיינע" (שבת דף ל"א עמוד א'). די תורה איז אויך געגעבען געווארען בלויז צו פארהייליגען גאט'ס נאמען איבער דער וועלט. און ווען עס איז פארהאנען א געפאהר, אז עס זאל פארשוועכט ווערען דער נאמען פונ'ם אויבערשטען, דארף דער מענש אנווענדען אלע מעגליכע מיטלען, דאס צו פארהיטען (קדושין דף מ' עמוד א', יבמות דף ע"ט עמוד ב').

פון דעסטוועגען קען זיין געמאלט, אז די תורה אליין איז נאך נישט דאס ריכטיגע מיטעל, צו באזייגען די ליידענשאפטען פון די מענשען, ווייל מען דארף אויך האבען דערצו א ביסיל פרומקייט, און א מענש, וואס פאר־מאגט בלויז תורה אהן פרומקייט, איז געגליכען צו'ן א פארוואלטער פון אן אייגענטום, וואס עס זיינען איהם איבערגעגעבען געווארען די אינעוויינינגסטע שליסלען פון א פאלאץ און די אויסענווייניגסטע שליסלען זיינען איהם נישט איבערגעגעבען געווארען (שבת דף ל"א עמוד ב').

זעהר שארף האבען די חכמים אנגעזאגט וועגען גערעכטיגקייט און יושר. ווער עס ברענגט ארויס אן אמת'דיגען אורטייל ביי א סכסוך, איז דאס גלייך ווי ער וואלט געווארען א שותף צום אויבערשטען, ווייל ווען דער פסוק זאגט, אז „עס וועט די מענשען גוט זיין, ווען זיי וועלען טהון, וואס עס איז גוט און וואוילגעפעליג אין די אויגען פון גאט" (דברים קאפיטעל

י"ב פסוק כ"ח), דרש'נען אויף דעם די חכמים, אז דאָס גוטע מיינט דאָס גוטע ביים אויבערשטען אין די אויגען און דאָס וואוילגעפעליגע מיינט דאָס וואוילגעפעליגע ביי מענשען אין די אויגען.

און אז עס וועט שטעהן אַן אָרימאַן און אַן עושר צום משפט, האָט דער פסוק אָנגעזאָגט, זאָל מען נישט דעם אָרימאַן באַפאַרצוגען, ווען ער איז נישט גערעכט. דער דיין דאַרף אַלזאָ נישט זאָגען, אַז אַזוי ווי דער עושר איז סיי־ווי מחויב צו געבען פרנסה צום אָרימאַן, וועט ער דערפאַר דעם אָרימאַן ערקלערען פאַר גערעכט, כדי ער זאָל נישט דאַרפען אָנקומען צו דער נדבה פונ'ם עושר. וואָלט אַזאַ משפט געווען זעהר אַ פאַלשער און ער וואָלט געהאַט די באַדייטונג ווי אַ משפט פון שוחד, און נעהמען שוחד מאַכט בלינד אפילו דעם גרעסטען חכם. און ווער עס נעמט שוחד, האָבען די חכמים געזאָגט, געהט נישט אַוועק פון דער וועלט, איידער דאָס הארץ ווערד איהם בלינד. מען דאַרף אויך וויסען, אַז שוחד איז נישט בלויז אין געלד, ווייל מען קען אויך געבען שוחד מיט ווערטער (כתובות דף ק"ה עמוד ב').

דעם אויבערשטען'ס חתימה איז אמת (שבת דף נ"ה עמוד א'). דאַרף דער מענש זעהען, אַז זיין יאָ זאָל זיין אַן אמת'ער יאָ און זיין ניין זאָל זיין אַן אמת'ער ניין (בבא מציעא דף מ"ט עמוד א'), און ווער עס האַנדעלט עהרליך, ווערד דאָס איהם פאַררעכענט, גלייך ער זאָל האַלטען די גאַנצע תורה (מכילתא מסכתא דויסע פרשה א' פיסקא כ"ז).

גלייך ווי דער אויבערשטער האָט באַשטראָפט די מענשען פונ'ם „דור המבול", פונקט אַזוי וועט ער שטראָפען יעדען איינעם, וואָס האַלט נישט זיין וואָרט (בבא מציעא דף מ"ח עמוד א'). און ווער עס בייט זיין וואָרט, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט געדיענט צו דער עבודה זרה (סנהדרין דף צ"ב עמוד א'), ווייל אָפּנאַרען מיט ווערטער איז ערגער ווי אָפּנאַרען מיט געלד (בבא מציעא דף נ"ח עמוד ב'). דער אויבערשטער האָט אויך שרעק־ליך פיינט אַ מענשען, וואָס רעדט אַנדערש מיט'ן מויל, ווי ער דענקט ביי זיך אין הארצען (פסחים דף קי"ג עמוד ב').

נאָך ערגער איז דאָס ריידען „לשון הרע" און טראָגען „רכילות". זאָגען וועגען דעם די חכמים, אַז ווער עס דערצעהלט לשון־הרע, אָדער ער נעהמט אָן לשון־הרע, וואָס אַנדערע דערצעהלען איהם, איז אַזאַ מענש ווערטה, מען זאָל איהם וואַרפען פאַר די הינד (פסחים דף קי"ח עמוד א').

„לשון הרע" — זאָגען די חכמים — האָט אין זיך דעם כח, צו הרג'ענען דריי מענשען, דהיינו: דעם וואָס דערצעהלט, דעם וואָס נעמט עס אָן און דעם וואָס מען זאָגט עס וועגען איהם. „לשון הרע" איז אַזאַ זאַך, וואָס איינער רעדט דאָ און ער קען דערמיט הרג'ענען אַ מענשען אין רוים, דאָס הייסט אויף הונדערטער מיילען ווייט. דער גזר־דין איבער די אידען, וואָס זיינען ארויסגעגאַנגען פון מצרים, אַז זיי זאָלען אויסשטאַרבען אין דער מדבר, איז אויך פאַרזיעגעלט געוואָרען בלויז צוליעב דעם, וואָס זיי האָבען זיך צוגעהערט צו לשון־הרע (ערכין דף ט"ז עמוד א').

פאַרהאַנען פיער פאַרשיעדענע כתות מענשען, וואָס זיינען נישט קיינמאָל זוכה צו זעהען די שכינה, דהיינו: די שפּעטער, די שמייכלער, די ליגנער און די וואָס ריידען לשון־הרע (סוטה דף מ"ב עמוד א'). עס זיינען אויך פאַרהאַנען עטליכע מינים גנבים, איז דער ערשטער פון זיי דער,

וואָס נאַרט מענשען מיט ווערטער; אַ צווייטער איז ווער עס בעט אַ מענשען, ער זאָל צו'ן איהם קומען אין גאַסט און ער האָט עס גאָר נישט אין זינען; אַ דריטער איז ווער עס מאַכט זיך גלייך ער וויל געבען מתנות צו איינעם, וואָס ער ווייסט וועגען איהם, אַז ער וועט די מתנות נישט אָננעהמען; אַ פערטער איז ווער עס וויזט זיינע סחורות צו'ן אַ קרעמער, ווען ער האָט זיי פריהער פאַרקויפט צו אַן אַנדערען. אָט די מינים גנבים זיינען געגליכען צו אַזעלכע וואָס באַשווינדלען די מענשען אין דער מאָס און באַליגנערען זיי אין דער וואָג (מכילתא מסכתא דנזיקין פרק י"ג פיסקא ג').

די ברכות פון דער תורה — האָבען די חכמים געזאָגט — קענען נור מקוים ווערען, ווען אַ מענש געהט אין די וועגען פון גאָט. און וואָס זיינען די וועגען פון גאָט? גלייך ווי דער אויבערשטער איז באַרמהאַרציג צו אַלעמען און ער שפּייזט זיינע באַשעפענישען אָהן אַן אויסנאַהם, אַזוי דאַרף אויך דער מענש זיין באַרמהאַרציג איינער אויף'ן אַנדערען, צו שפּייזען איינער דעם אַנדערען און גוט צו זיין איינער צום אַנדערען. און גלייך ווי דער אויבערשטער שענקט געזונד און לעבען צו יעדען, סיי צו אַזעלכע וואָס אַנערקענען איהם און סיי צו אַזעלכע וואָס אַנערקענען איהם נישט, אַזוי דאַרפען די מענשען זיין פריינגעביג צו באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע (תנא דבי אליהו פרק כ"ו).

אָט די דאָ געשילדערטע מאָראַלישע לעהרען פון אונזערע חכמים, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען מיט דער ערקלערונג פון די באַגריפען וועגען גאָט און זיי פאַרענדיגען זיך מיט'ן פאַרהעלטנים פון איין מענש צום אַנ־דערען, וועלכעס שטאַמט פון דער ערקענטניס, אַז דער מענש איז דאָס וויכטיגסטע באַשעפעניש אין דער גאַנצער נאַטור — און דער אויבערשטער וויל, אַז די מענשען זאָלען זיך פיהרען מיט רחמנות און גערעכטיגקייט, אָט די לעהרען ווערען וואָס ווייטער ברייטער און שעהנער אין זייער באַנעם, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דעם פאַרהעלטנים פון מענש צו מענש.

זעהר וויכטיג איז ביי אונזערע חכמים די מדה פון צדקה. די גאַנצע וועלט ווערד געשפּייזט אינ'ם זכות פון צדקה (ברכות דף י"ז עמוד ב'), און ווען איינער טהוט צדקה, איז דאָס מעהר חשוב, ווי ווען ער וואָלט מקריב געווען קרבנות (סוכה דף מ"ט עמוד ב'). די גרעסטע פון אַלע מצוות איז די מצוה פון צדקה (בבא בתרא דף ט' עמוד ב'), און אפילו אַן אָרי־מאַן, וואָס איז זיך אַליין מפרנס פון צדקה, דאַרף אויך געבען צדקה (גטין דף ז' עמוד ב'). אָבער טהון יענעם אַ „גמילת חסד" איז אַמאָל וויכטיגער ווי צדקה, ווייל די וואָהלטהעטיגקייט מיט'ן גוף האָט אַ גרעסערע ווערדע ווי די וואָהלטהעטיגקייט מיט דער קעשענע (שבת דף ס"ג עמוד א'). אַ תלמיד־חכם טאָר אויך גאָר נישט וואוינען אין אַ שטאָדט, וואו עס איז נישט פאַרהאַנען קיין „קופה של צדקה", וואָס מינדעסטענס צוויי מענשען זאָלען זיך דערביי אָפּגעבען (סנהדרין דף י"ז עמוד ב').

אַ מענש דאַרף אויך ליעב האָבען, מען זאָל איהם זאָגען מוסר, ווייל ווי לאַנג עס איז פאַרהאַנען מוסר אויף דער וועלט, איז אויך פאַר־האַנען אַ פאַרגעניגען אויף דער וועלט, קומט אַ טובה און אַ ברכה אויף דער וועלט און דאָס שלעכטע געהט אַוועק פון דער וועלט. פון דעסטוועגען האָבען די חכמים אָנגעזאָגט, אַז יעדער מענש זאָל צוערשט זיך אַליין באַפּו־צען מיט מאָראַל, איידער ער נעמט זיך אַנדערע באַפּוצען מיט זיינע מאָ־

ראלישע לעהרען (בבא מציעא דף ק"ז עמוד ב'). און גלייך ווי עס איז א מצוה, צו זאגען א זאך, וואס מען ווייסט וועגען איהר, אז יענער וועט געהארכען, אזוי איז א מצוה, נישט צו זאגען א זאך, וואס מען ווייסט, אז יענער וועט נישט הארכען (חגיגה דף ד' עמוד ב').

ווי וויכטיג עס איז די ליעבע צו מענשען, אזוי גרויס איז די זינד פון שנאה. און וואס הייסט פיינט האבען מענשען? א מענש זאל נישט זאגען: „איך וועל ליעב האבען די חכמים און פיינט האבען די תלמידים, אדער איך וועל ליעב האבען די תלמידים און פיינט האבען די עמי־הארצים!" ווייל מען דארף אלעמען גלייך ליעב האבען. פיינט האבען מעג מען בלויז אזעלכע, וואס לייקענען אן גאט, וואס ריידען צו צו זינד, אדער וואס מסר'ן די מענשען, ווי דוד המלך האט געזאגט צום אויבערשטען: „דיינע פיינד האב איך פיינט און מיט די וואס שטעהען אויף געגען דיר, וועל איך צאנקען!" (אבות דר' נתן פרק ט"ז משנה ה').

עס דארף אויך איטליכער באדענקען, וואס שנאה קען פאראורזאכען. צוליעב וואס איז דען דער ערשטער בית־המקדש חרוב געווארען? צוליעב דעם, וואס עס איז דארט געווען געצענדיענסט, אויסגעלאסענהייט און מערדערייען. אבער ביים צווייטען בית־המקדש האבען זיך די מענשען אפגעגעבען מיט תורה און מצוות. טא פארוואס איז ער חרוב געווארען? ווייל עס האט דארט געהערשט „שנאת חנם". קענען מיר דערפון ארויסנעהמען, אז שנאת־חנם איז גלייך ווי געצענדיענסט, אויסגעלאסענהייט און בלוטפארגיסען צוזאמענגענומען (יומא דף ס' עמוד ב').

ריידענדיג וועגען דער וויכטיגקייט פון שלום, האבען די חכמים ערקלערט, אז ברכות קענען גאר נישט העלפען, ווען זיי קומען נישט פון שלום (במדבר רבה פרשה י"א פיסקא ט"ז). און אפילו אין דער צייט פון מלחמה דארף מען אין זינען האבען דעם שלום (ספרי שופטים פרשה קצ"ט). איבערדעם מעג מען אמאל עטוואס ענדערען ביים איבערגעבען די ווערטער פון א צווייטען, ווען עס האנדעלט זיך וועגען שלום (יבמות דף ס"ה עמוד ב'). און ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען די שטיינער פונ'ם מזבח, וועלכע דארפען מאכען שלום צווישען די אידען און זייער פאטער אין הימעל, האט דער אויבערשטער אנגעזאגט, מען זאל נישט אויפהויבען קיין אייזען אויף זיי. טא ווער עס מאכט שלום צווישען מענש און מענש, צווישען מאן און פרוי, צווישען איין שטאדט און אן אנדערער שטאדט, צווישען איין פאלק און אן אנדער פאלק אדער צווישען איין משפחה און אן אנדערע משפחה, דארף אוודאי נישט קומען אויף איהם קיין שום פורעניות (מכילתא מסכתא דבחודש פרשה י"א פיסקא כ"ב). דערפאר דארף א מענש געווארענט זיין אין אנהאלטען שלום, נישט אריין צו פאלען אין מחלוקת (אבות דר' נתן פרק כ"ט פיסקא ו'). דער ענין פון שלום איז אויך אזוי שטארק וויכטיג, אז אפילו דאמאלס ווען אידען דיענען צו דער „עבודה זרה" און עס הערשט שלום צווישען זיי, קען זיי קיין שום שונא גאר נישט טהון (ספרי נשא פרשה מ"ב).

דאס וויכטיגסטע אינ'ם לעבען פון א אידישען מענש איז די ה י י ר א ט ה. די אויפגאבע פון יעדען אידישען מאן איז, צו האבען א חלק אין דער פארמעהרונג פונ'ם פאלק. האט דאן דאס אפהיטען די דאזיגע אויפגאבע פונ'ם אידישען מאן צוזאמען מיט דער נאטירליכער פרוכט־

די אמוראים פון בבל

באַרקייט פון דער אידישער פרוי געהאָלפען צו דער דערהאַלטונג פונ׳ם אידישען פאָלק איבער די צייטען פון אַלע גזרות און רדיפות. איז דערפאַר צו קיין שום איד נישט אָנגעקומען קיינמאָל דער געדאַנק, אָפּצוהאַלטען די פאַרמעהרונג פונ׳ם פאָלק.

אין דער מורא, אַז אידען זאָלען נישט צוליעב דער שלעכטער פּאָליטישער לאַגע זייערער וועלען זיך אָפּשיידען פון די ווייבער, ווי עס ווערד דערצעהלט, אַז געוויסע מענשען האָבען דאָס געטהון אין מצרים וועהרענד דער צייט פון פּרעה׳ס גזרות, אָדער עס זאָל נישט קיינעם איינפאַלען די טענה פון „נפשי חשקה בתורה״, אום נישט צו וועלען הייראַטען, האָבען די חכמים געזאָגט, אַז וועלכער מאַן עס לעבט אָהן אַ פרוי, לעבט אָהן גוטסקייט און אָהן יעדער הילף, ווייל די פרוי מאַכט לייכטען ביים מאַן די אויגען און זי שטעלט איהם אויף די פיס (יבמות דף ס״ג עמוד ב׳).

האָט דאַן אַן אַנדערער פון די חכמים געזאָגט, אַז די פרוי האָט די איינציגע אויפגאַבע, צו זיין ווי אַ פּרוכטבאַרער וויינשטאָק, פעסט איינגעוואָרצעלט אינ׳ם ווינקעל פון איהר הויז, און ווען די פרוי ערפילט די דאָזיגע אויפגאַבע איהרע, אַנטוויקלען זיך איהרע קינדער ווי יונגע אוילבירטען־בוימעלעך, וועלכע זיינען פאַרשיעדענאַרטיג אין זייער פּרוכט, וואָס איינע זיינען גוט צום עסען פרישערהייט און אַנדערע זיינען גוט צו געברויכען געטרוקענטע, און וואָס נאָך אַנדערע פון זיי ברענגען אַרויס דעם שעהנסטען אויל צום לייכטען. אַזוי קען מען זעהען ביי די קינדער פון אַזאַ פרוי, אַז איינע זיינען געלעהרענט אין תנ״ך און אַנדערע זיינען געלעהרענט אין דער משנה, נאָך אַנדערע זיינען געלעהרענט אין גמרא, אָדער זיי זיינען גאָר פאַרשטענדיג אין פאַרשיעדענע געשעפטען (תנא דבי אליהו רבה פרשה י״ח).

קוקענדיג אַזוי צום אידישען פאָלקס־לעבען, וועלכעס איז אָפטמאָל געשטערט געוואָרען פון דער שלעכטער מאַטעריעלער לאַגע, ווי עס האָט אַמאָל געזאָגט אַ „ווערטעל״, אַז „ווען עס לאָזט זיך אויס די תבואה פונ׳ם קרוג, הויבט זיך אָן דער צאַנק אינ׳ם הויז״ (בבא מציעא דף נ״ט עמוד ב׳), האָט דער אמורא רב פנחס געזאָגט אויפ׳ן נאָמען פון רב אבהו, אַז דער זיווג פון אַ מענש איז באַשטימט פונ׳ם אויבערשטען אליין, וואָס אַמאָל געהט דער מענש צו זיין זיווג און אַמאָל קומט דער זיווג צום מענשען (בראשית רבה פרשה ס״ה פּיסקא ג׳).

ביי אַ שמועס וועגען דעמזעלבען ענין האָט דער תנא ר׳ עקיבא געפרעגט: „ווער קען זיך רעכענען פאַר אַן עושר?״ און ער האָט אויף דעם געענטפערט: „ווער עס האָט אַ פרוי אַ שעהנע אין איהרע מעשים, דער קען זיך רעכענען פאַר אַן עושר״ (שבת דף כ״ה עמוד ב׳). אַזוי איז אויך געזאָגט געוואָרען אויפ׳ן נאָמען פון בן־סירא: „אַ גוטע פרוי איז די בעסטע מתנה, וואויל איז צו׳ן איהר מאַן, די טעג פון זיין לעבען זיינען טאָפּעלט אין זייער צאָהל״ (יבמות דף ס״ג עמוד ב׳). און ווען דער פּסוק זאָגט, אַז „אַלע טעג פונ׳ם אָרימאַן זיינען שלעכטע״, האָבען די חכמים ערקלערט, אַז דאָס איז געזאָגט אַקעגען אַזאַ מאַן, וואָס די פרוי זיינע איז אַ שלעכטע (בבא בתרא דף קמ״ח עמוד ב׳).

עס דאַרף אויך דער מענש שטענדיג זיין אָפּגעהיט, צו שוינען דעם כבוד פון זיין ווייב — האָט דער אמורא רב חלבו געזאָגט — ווייל די

גאַנצע ברכה אינ'ם הויז קומט בלויז אינ'ם זכות פון דער פרוי (בבא מציעא דף נ"ט עמוד א'). און ווער עס ליעבט זיין פרוי ווי זיך אליין און ער עהרט זי מעהר ווי זיך אליין, ווערד אויף איהם אָנגעווענדעט דער פסוק: „דו וועסט וויסען, אַז דיין געצעלט איז אין פריעדען און עס וועט דיר גאָר נישט געמינערט ווערען פון דיין וואוינונג" (זעה סנהדרין דף ע"ו עמוד ב').

דער פריעדען צווישען מאַן און פרוי ברענגט דערצו, אַז די שכינה זאָל רוהען צווישעןביידען. זאָגען וועגען דעם די חכמים, אַז ווען עס איז נישט פאַרהאַנען קיין פריעדען צווישען מאַן און פרוי, ווערען זיי ווי פון אַ פייער אויפגעפרעסען (סוטה דף י"ז עמוד א'). ערקלערט דאָס אַן אַנ־דערער פון די חכמים, אַז אַזוי ווי אַ מאַן הייסט אין העברעאיש „איש" און אַ פרוי הייסט „אשה", האָבען זיי ביידע אין זייערע נעמען די צוויי ערשטע אותיות פונ'ם שם הוי"ה. איז דאָס אָבער נור אַזוי לאַנג ווי זיי געהען אינ'ם אויבערשטען'ס וועגען און זיי היטען אָפּ זיין געבאָט, צו לעבען אין פריעדען, ווייל נור אין דער צייט פון זייער שלום איז דעם אויבערשטען'ס נאָמען אריינגעגעבען צווישען זיי און ער ראַטעוועט זיי פון יעדער צרה. האָבען זיי אָבער נישט קיין פריעדען, נעמט דער אויבערשטער פון זיי אַוועק די אותיות פון זיין נאָמען און עס בלייבט ביי זיי בלויז דאָס וואָרט „אש" (פייער), פון וועלכען זיי ווערען דאַן ביידע פאַרצעהרט (פרקי דרבי אליעזר פרשה י"ב).

ווי עס פאַרשטעהט זיך, איז אויך די ערציהונג פון די קינדער זעהר וויכטיג ביי אונזערע חכמים אין די אויגען און דער עיקר ביי דער דאָזיגער ערציהונג איז דאָס לערנען דעם אויבערשטען'ס תורה. אַזוי ווי אַ קינד הויבט נור אָן צו ריידען, האָט איינער פון די חכמים געזאָגט, דאַרף דער פאָטער זיינער אָנהויבען מיט איהם ריידען אויף לשון־הקודש און לערנען מיט איהם תורה, ווייל ווער עס רעדט נישט מיט זיין זוהן אויף לשון־הקודש און ער לערענט נישט מיט איהם קיין תורה, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט דאָס קינד מיט די אייגענע הענד געטויטעט (ספרי פרשת עקב פיסקא מ"ו). און ווער עס לערענט מיט זיין זוהן תורה, ווערד דאָס איהם פאַררעכענט גלייך ווי ער וואָלט געלערענט מיט זיין זוהן און מיט דעם זוהן פון זיין זוהן ביז צו דער ענדע פון אַלע דורות (קדושין דף ל' עמוד ב').

אין דעמזעלבען ענין האָט דער תנא ר' יוחנן געזאָגט, אַז דריי מיני מענשען זיינען זוכה צו עולם הבא, איז איינער פון די דאָזיגע דריי, ווער עס דערציהט זיינע קינדער אין די וועגען פון דער תורה (פסחים דף קי"ג עמוד א'). די גאַנצע וועלט, דאַרף מען וויסען, האַלט זיך בלויז אויף'ן זכות פון די קינדער'ס דעך, וואָס קומט אַרויס פון זייער מויל ביים לערנען, טאָר מען זיי דערפאַר נישט מבטל זיין פונ'ם לערנען אפילו ווען מען וועט געהן בויען דעם בית־המקדש, און טאָמער געפינט זיך אַ שטאָדט, וואו עס הערט זיך נישט דער קלאַנג פונ'ם קינדערשען לערנען, מוז אַזאַ שטאָדט אַם ענדע חרוב ווערען (שבת דף קי"ט עמוד ב').

עס ווערד אויך דערצעהלט, ווי עס איז אַמאָל געווען איינגעפיהרט, אַז וועלכעס קינד עס האָט געהאַט אַ פאָטער, האָט דער פאָטער מיט איהם געלערנט תורה, איז אָבער געווען אַ קינד, וואָס האָט נישט געהאַט קיין פאָטער, האָט מען שוין נישט געלערנט מיט איהם. האָט מען שפּעטער איינגעאָרדענט, מען זאָל אַוועקזעצען לעהרער פאַר די קינדער אין יעדען

דיסטריקט, אין יעדער שטאָדט און אין יעדער פּראָווינץ, וואו מען פלעגט זיי ברענגען צום לערנען צו זעקס אָדער צו זיבען יאָהר, יעדענפאַלס נישט ווייניגער ווי צו זעקס יאָהר (בבא בתרא דף כ״א עמוד ב׳).

וועגען דעמזעלבען ענין האָט דער תנא ר׳ יוסי געזאָגט, אז איטליכער מענש איז מחויב צו לערנען, ווייל מען טאָר זיך נישט איינריידען, אז די תורה קומט בירושה (אבות פרק ב׳ משנה י״ב). האָט דאדורך אן אנדערער פון די חכמים געזאָגט, אז מען דארף זיין אָפּגעהיט ביי די קינדער פון די אָרימע לייט, זיי נישט צו באַליידיגען, ווייל די תורה קען ארויסקומען פון זיי (נדרים דף פ״א עמוד א׳). דעסגלייכען דארף מען אויך זיין אָפּגעהיט ביי די קינדער פון די עמי־ארצים, ווייל עס קען אפילו פון זיי ארויסקומען די תורה (סנהדרין דף צ״ו עמוד ב׳). און גלייך ווי א מענש איז פאַר־פליכטעט, צו לערנען מיט זיין זוהן תורה, איז ער פארפליכטעט צו לערנען דעם זוהן א מלאכה, ווייל ווער עס לערענט נישט זיין זוהן קיין מלאכה, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט איהם געלערענט רויבעריי (זעה קדושין דף כ״ט עמוד א׳ און דף ל׳ עמוד ב׳).

דאָס לערנען א מלאכה איז זעהר א גרויסע זאך. א מלאכה גיט נישט בלויז פּרנסה צו דעם, וואָס גיט זיך אָפּ מיט איהר, נור זי גיט איהם אויך כבוד (נדרים דף מ״ט עמוד ב׳). די חשיבות פון א מענשען, וואָס לעבט פון דער מיה פון זיינע הענד, איז גרעסער ווי די חשיבות פון א פרומען (ברכות דף ח׳ עמוד א׳). און לויט דער מיינונג פון רבן גמליאל דעם זוהן פון ר׳ יהודה הנשיא, איז לערנען אָהן א מלאכה גאָר נישט ווערטה, ווייל עס מוז בטל ווערען און עס פיהרט צו זינד (אָבות פרק ב׳ משנה ב׳).

א מענש דארף אויך זיין שטארק אָפּגעהיט ביי דער ערציהונג פון זיינע קינדער, ווי דער פסוק זאָגט: „חנוך לנער על פי דרכו״, וועלכעס מיינט, אז ווען דו ערציהסט דיין זוהן אין דער תורה ווי לאַנג ער איז יונג, וועט ער דערנאָך ווייטער וואקסען אויף דעמזעלבען שטייגער און ווען ער וועט שפּעטער עלטער ווערען, וועט ער אויך נישט דערפון אָפּטרעטען (מדרש משלי פרשה כ״א).

דריי שותפים האָבען א חלק ביי דער באַשאַפונג פון׳ם מענש, דהיינו: דער אויבערשטער, דער פאָטער און די מוטער. איז דערפאר, אז ווי לאַנג דער מענש האַלט בכבוד זיין פאָטער און מוטער, איז דאָס ביים אויבערשטען אזוי חשוב, גלייך ווי כביכול וואָלט געווען צווישען זיי און מען וואָלט איהם, דעם אויבערשטען אליין, אָפּגעגעבען דעם כבוד (קדושין דף ל׳ עמוד ב׳).

ביי אן אנדערער געלעגענהייט איז געזאָגט געוואָרען, אז דער כבוד, וואָס א מענש דארף אָפּגעבען צו זיין טאַטע־מאַמע, איז אזוי ווייט וויכטיג, אז דער אויבערשטער האָט איהם אזש געשטעלט וויכטיגער ווי זיין אייגענעם כבוד. זאָגען דערפאר די חכמים, אז א מענש איז פארפליכטעט צו מצוות, צו מאַכען א סוכה, צו נעהמען א לולב מיט אן אתרוג, א שופר און ציצית, צו געבען עסען צו הונגעריגע און טרינקען צו דורשטיגע, איז דאָס אָבער בלויז ווען דער מענש האָט, ווייל ווען ער האָט נישט, איז ער דאָס נישט מחויב צו טהון, אָבער ווען עס האנדעלט זיך וועגען דעם כבוד פון טאַטע־מאַמע, איז ער דערצו פארפליכטעט, סיי ווען ער האָט יאָ און סיי ווען ער האָט נישט (ירושלמי פאה פרק א׳ הלכה א׳).

צום ארײנפיהר

און ווען עס איז ארויפגעשוואומען די שאלה, ווי ווייט עס דארף געהען דער כבוד פאר טאטע־מאמע און צי מען קען אפשר יוצא זיין מיט ווערטער, האָבען די חכמים פאַרענטפערט די דאָזיגע שאלה מיט׳ן פסוק: „כבד את ה׳ מהונך״ (זאָלסט אָפּגעבען כבוד צו גאָט פון דעם וואָס דו פאַר־מאָגסט), און זיי האָבען געזאָגט, אז דער כבוד פאר טאטע־מאמע דארף זיך אויסדריקען מיט דעם, וואָס א מענש פאַרמאָגט, מיט געבען זיי עסען און טרינקען פונ׳ם שעהנסטען און בעסטען, גלייך ווי מיט ריינע מלבושים (זעה מכילתא מסכתא דוישמע יתרו פרשה ה׳ פיסקא י״ב). און אויף דער שאלה, ווי ווייט עס דארף גרייכען דער כבוד פאר א טאטע׳ן, האָבען די חכמים געזאָגט, אז א מענש דארף נישט שטעהען אויף׳ן פאָטער׳ס אָרט, מען דארף אויך נישט זיצען אויף זיין אָרט, נישט ווידערשפּרעכען זיינע ווערטער און נישט שטעלען זיך אויף דער זייט פונ׳ם פאָטער׳ס א געגנער (זעה קדושין דף ל״א עמוד ב׳).

דער פסוק זאָגט „כבד את אביך ואת אמך״, האָבען די חכמים גע־דרשנ׳ט אויף׳ן ערשטען „את״, אז עס מיינט דעם פאָטער׳ס ווייב, די שטיעף־מוטער, וואָס מען דארף איהר אָפּגעבען דעמזעלבען כבוד ווי צו דער איי־גענער מוטער, און וועגען דעם צווייטען „את״ האָבען די חכמים געזאָגט, אז דאָס מיינט דעם מאַן פון דער מוטער, דעם שטיעף־פאָטער, וועמען מען דארף אָפּגעבען דעמזעלבען כבוד ווי דעם אייגענעם פאָטער, און וועגען דער וואָוו פונ׳ם וואָרט „ואת״ האָבען די חכמים ערקלערט, אז דער מענש איז מחויב, אָפּצוגעבען כבוד צו זיין עלטערן ברודער און צו זיין שוועהר (מכילתא מסכתא דוישמע יתרו פרשה מ׳ פיסקא ז׳).

און נישט בלויז פאר עלטערען האָט די תורה געהייסען האָבען אָפּ־שיי, נור אויך פאר א „תלמיד חכם״ (פסחים דף כ״ב עמוד ב׳). די באַ־גריסונג פון א תלמיד חכם איז ביים אויבערשטען פאררעכענט ווי די באַגרי־סונג פון דער שכינה (מכילתא יתרו פרשה א׳ פיסקא י״ב). דער כבוד פון דער תורה איז אויך אזוי גרויס, אז אפילו א ממזר א תלמיד חכם איז מעהר חשוב ווי א כהן גדול אַן עם הארץ (הוריות דף י״ג עמוד ב׳).

באשיידענקייט איז איינע פון די שעהנסטע מדות, וואָס די חכמים האָבען געהאַלטען, אז זי פּאַסט זיך פאר יעדען מענש — און דער תנא ר׳ לויטס איש יבנה האָט וועגען דער דאָזיגער מדה געזאָגט: „זעהר און זעהר דארף זיך דער מענש האַלטען נידריג אין זיינע געפיהלען, ווייל עס איז טאַקי אמת׳דיג נישטאָ מיט וואָס צו שטאָלצירען, ווען די גאַנצע האָפנונג פון א מענש ענדיגט זיך, וואָס פריהער אָדער שפּעטער וועלען איהם עסען די ווערים״ (אבות פרק ד׳ משנה ד׳).

פשוט׳ע וואונדער זיינען דערצעהלט געוואָרען וועגען דער עניוות פון הלל הזקן, ווי ער האָט געדולדיג יעדען אויסגעהערט און ווי מענשען פלעגען זיך פּרוּוועטען, אז מען וועט איהם מיט פאַרשידענע נאַרישע שאלות ארויסברענגען פון דער געדולד — און מען האָט אויך שטענדיג די דאָ־זיגע וועטען פאַרלוירען. האָבען דערפאר די חכמים אָנגעזאָגט, אז יעדער מענש דארף זיך באַשטרעבען, צו דערגרייכען אין זיין עניוות די מדרגה פון הלל הזקן (זעה שבת דף ל׳ עמוד ב׳ און אבות דר׳ נתן פרק ט״ו).

און וואָס פאר א מענש פאַרדיענט אייגענטליך צו האָבען „עולם הבא״? — האָט מען אַמאָל געפרעגט און מען האָט זיך געענטפערט:

„צו פארדיענען עולם הבא, דארף דער מענש זיין א באשיידענער, וואס האלט זיך נידריג, געהט און קומט איינגעבויגען, לערנט שטענדיג און האלט זיך נישט גרויס מיט זיין לערנען" (סנהדרין דף פ"ח עמוד ב'), ווייל „ווער עס האלט זיך נידריג, מאכט רוהען די שכינה צווישען די מענשען אויף דער ערד, און ווער עס האלט זיך שטאלץ, פאראורזאכט מיט זיין האלטונג, אומ־ריין צו מאכען די ערד און צו פארטרייבען די מענשען" (מכילתא מסכתא דבחודש פרק ט' פיסקא י"ח).

ווער עס האלט זיך נידריג — זאגט אן אנדערער פון די חכמים — דערגרייכט דערנאך, וואס דער אויבערשטער דערהויבט איהם, און ווער עס האלט זיך שטאלץ, דערנידריגט איהם דער אויבערשטער. דעסגלייכען איז אויך, אז ווער עס זוכט גרויסקייט, אנטלויפט די גרויסקייט פון איהם, און ווער עס אנטלויפט פון גרויסקייט, יאגט זיך די גרויסקייט נאך איהם (ערובין דף י"ג עמוד ב').

באשיידענקייט, קען געזאגט ווערען, אז זי איז א מדה פון כביכול אליין. ווען דער אויבערשטער האט זיך דאס ערשטע מאל באוויזען צו משה רבנו, האט ער זיך נישט באוויזען אין א שטאלצען צעדערנבוים, נור אין א נידריגען דארנבוש. און ווען ער האט געגעבען זיין תורה צו די אידען, האט ער דאס נישט געטהון אויף איינעם פון די הויכע בערג, נור אויף'ן בארג סיני, וועלכער איז געוועזן קלענער פון אנדערע און גאנץ באשיידען אין זיין טבע (סוטה דף ה' עמוד א'). ווער עס האלט זיך אלזא שטאלץ, זאגט דער אויבערשטער וועגען איהם, אז ער קען גאר נישט מיט איהם צוזאמען הויזען, און ווער עס געהט אויסגעשטרעקט האפערדיג, איז דאס גלייך ווי ער וואלט ענג געמאכט די פיס פון דער שכינה (ברכות דף מ"ג עמוד ב').

נאהענט צו באשיידענקייט איז די מדה פון גענוגזאמקייט.

„ווער קען זיך רעכענען פאר אן עושר?" — פרעגט דער תנא בן־זומא און ער ענטפערט: „ווער עס איז צופרידען מיט זיין טייל" (אבות פרק ד' משנה א'), ווייל עס דארף זיך דער מענש באנוגענען מיט דעם, וואס ער פארמאגט, און ווי א צוגאב צו דער דאזיגער לעהרע איז, וואס ר' עקיבא האט געזאגט, אז „דער מענש זאל מאכען זיינע שבתים ווי וואכען־טעג, אבי ער זאל נישט דארפען אנקומען צו מענשען'ס גאב" (שבת דף קי"ח עמוד ב').

אנצוהאלטען די צופרידענהייט פונ'ם מענשען, נויטיגט עס זיך, איהם צו באלעהרענען, ער זאל נישט זיין קיין פרעסער (בבא מציעא דף צ"ב עמוד א'). דאביי האבען די חכמים געוואלט, אז דער מענש זאל פארגינען יעדען דערגרייכבארען און ערלויבטען גענוס פונ'ם לעבען, ווי עס איז ביי אן אנדערער געלעגענהייט געזאגט געווארען אויף'ן נאמען פון רב (אבא אריכא), אז „יעדער מענש וועט דארפען אפגעבען חשבון אויף יענער וועלט פון אלעמען, וואס דאס אויג זיינס האט געזעהן און ער האט עס נישט גענאסען, חאטש ער האט עס געקענט געניסען" (ירושלמי קדושין פרק ד' הלכה י"ב).

דער מענש טאר זיך אויך נישט אליין שעדיגען זיין קערפער (בבא קמא דף צ"א עמוד ב'). און האנדעלט זיך אמאל וועגען א לעבענס־געפאהר, איז נישט פארהאנען קיין זאך, וואס מען זאל נישט טארען טהון אדער

עסען צוליעב דער רעטונג פונ'ם לעבען, אויסער ווען מען וויל איינעם צווינ־גען צו געצענדיענסט, צו אויסגעלאסענהייט אדער צו בלוט־פארגיסען, איז בעסער, צו לאזען זיך הרג'נען, איידער צו לאזען זיך אנריידען צו אזעלכע זינד (יומא דף פ"ב עמוד א' און דף כ"ד עמוד ב'). און ווען עס האנדעלט זיך וועגען אפהיטען שבת, האט ר' שמעון בן גמליאל געזאגט: „צוליעב א קינד פון א טאג, ווען עס לעבט, מעג מען מחלל־שבת זיין, אבער צוליעב א טויטען, עס מעג אפילו זיין דוד מלך ישראל, טאר מען נישט מחלל־שבת זיין" (שבת דף קנ"א עמוד ב'). וועגען דעמזעלבען ענין האט ר' שמעון בן מנסיא געזאגט: „דער שבת איז איבערגעגעבען צו'ן אייך און נישט איהר זענט איבערגעגעבען צום שבת!" (מכילתא מסכתא דשבת פרשה א').

פון וויכטיגער באדייטונג איז אויך די מדה פון בושה און צניעות. דער בעסטער סימן פון דער אידישער אומה איז, וואס די מענשען זיינען שעמעוודיגע (נדרים דף כ' עמוד א'). בושה ברענגט צו „יראת חטא" און יעדער מענש מיט עזות מוז געשטרויכעלט ווערען מיט עברות (תענית דף ז' עמוד ב'). א תלמיד־חכם דארף אויך זיין אפגעהיט אין זיינע מעשים און אין זיינע וועגען (מסכת דרך ארץ זוטא פרק ו').

וועגען דער פראגע פון אמונה און בטחון אין גאט ווערד געזאגט, אז צוליעב דער אמונה פון די אידען האט דער אויבערשטער געזאגט, אז עס איז כדאי צו טהון פאר זייערטוועגען דאס איבערנאטירליכסטע און שפאלטען דעם ים (מכילתא מסכתא דבשלח פרשה ג'). און ווער עס הענגט אן זיין בטחון אין גאט, איז דער אויבערשטער פאר איהם א שוץ אויף ביידע וועלטען, אויף עולם הזה און עולם הבא (זעה מנחות דף כ"ט עמוד ב').

דער אמת'דיג גלויביגער ווייסט זעהר גוט, אז וואס דער אויבערשטער טהוט, איז ער אודאי גערעכט (תענית דף ה' עמוד א'). ס'איז איבערהויפט פאר א מענשען שווער, צו פארשטעהן די אורזאכען פון דער געטליכער פיה־רונג. געוועהנליך קען דער מענש פארשטעהן די אורזאך, ווען עס געהט א צדיק שלעכט אויף דער וועלט, אדער ווען עס געהט א רשע גוט, ווייל מען ווייסט, אז זיי וועלען ביידע, דער צדיק גלייך ווי דער רשע, אפנעהמען זייער באלוינונג אויף יענער וועלט. נישט צו פארשטעהן איז אבער, וואס עס וועט זיין אויף יענער וועלט מיט א צדיק, ווען עס געהט איהם גוט אויף דער וועלט, אדער מיט א רשע, וואס עס געהט איהם שלעכט אויף דער וועלט (תנא דבי אליהו זוטא פרק י').

עס זאגט אויך אן אנדערער פון די חכמים, אז „וואויל איז צו דעם, וואס ליידעט יסורים און ער האלט איין זיין כעס, נישט צו מומלען אקעגען דעם אויבערשטען'ס דרכים ביי דער פיהרונג פון זיין וועלט" (פסיקתא רבתי פרשה מ"ז).

איז טאקי דער גרעסטער זכות, ווען א מענש טהוט תשובה — און דער תנא ר' יעקב בר קורשוי האט געזאגט: „עס איז בעסער איין שעה פון תשובה און מעשים טובים אויף דער וועלט, איידער דאס גאנצע לע־בען פון יענער וועלט" (אבות פרק א' משנה ז' און ויקרא רבה פרשה ג' פיסקא א'). דער תכלית פון אלע חכמות איז תשובה און מעשים טובים (ברכות דף ט"ז עמוד ב') און ר' שמואל בר נחמני האט געזאגט: „די תשובה איז געגליכען צום ים, ווייל אזוי ווי דער ים איז שטענדיג אפען, אזוי

די אמוראים פון בבל

זיינען אויך די טויערען פון תשובה שטענדיג אָפען" (איכה רבתי פרשה ג׳ פיסקא ל"ה).

ביי אַן אנדערער געלעגענהייט איז געזאָגט געוואָרען, אז ווער עס טהוט תשובה, ווערד דאָס איהם ביי גאָט פאררעכענט גלייך ווי ער וואָלט געגאַנגען קיין ירושלים, געבויעט דאָרט א מזבח און מקריב געווען קרבנות (פסיקתא רבתי פרשה י"ג). און ווען ר׳ אליעזר בן הורקנוס האָט געזאָגט: „טהו תשובה איין טאָג בעפאָר דיין טויט" (אבות פרק ב׳ משנה י׳), פרעגט אַן אנדערער פון די חכמים: „קען דען א מענש וויסען, וועלכען טאָג ער וועט שטארבען? דארף ער טאַקי צוליעב דעם תשובה טהון היינט, טאָ־מער וועט איהם אויסקומען, צו שטארבען מאָרגען!" (שבת דף קנ"ג עמוד א׳).

נאָהנט צו תשובה איז דער ענין פון תפלה.

זאָגט וועגען דעם איינער פון די חכמים, אז „תפלה איז וויכטיגער פון קרבנות" (ברכות דף ל"א עמוד א׳). איהר חשיבות ביים אויבערשטען איז אזוי גרויס, אז ווען זי פועל'ט אפילו נישט אין גאַנצען, מוז זי יע־דענפאלס א העלפט פועל'ן (דברים רבה פרשה ה׳ פיסקא א׳). זאָגט ווייטער אַן אנדערער, אז ווען עס ליגט אפילו א שארפע שווערד ביים מענשען אויפ'ן האלז, דארף ער נישט אויפהערען תפלה צו טהון (ברכות דף י׳ עמוד א׳).

עלטערע גוי'שע פעדאגאָגען פון דער תלמודישער צייט האָבען אויפ־געשטעלט די באהויפטונג, אז עס וואָלט פאר קינדער בעסער געווען, ווען איטליכעס פון זיי וואָלט געלערנט פאר זיך אין דער היים. דאגעגען האָבען אונזערע חכמים געהאלטען, אז דאָס לערנען דארף אין אלגעמיין זיין אין געזעלשאפט (בדבוק חברים), ווייל ווען א גרופע קינדער לערנט אין־איינעם, שארפען זיי זיך געגענזייטיג די מוחות.

פון דעסטוועגען געפינען מיר נישט, אז יענע אויבען־דערמאָנטע גוי'שע פעדאגאָגען האָבען געזאָלט ערגיץ זאָגען, אז דאָס לערנען אין א שולע האָט נישט קיין ערפאָלג. די גוטע ווירקונג פון דער שולע איז וואהר־שיינליך געווען אין יענע צייטען אזא באקאַנטע טהאטזאך, וועלכע האָט נישט געדארפט האָבען קיין באווייז. בלויז געוויסע גוי'שע פעדאגאָגען האָ־בען געהאלטען, אז דאָס לערנען אין דער היים איז בעסער און עס קען האָבען א גרעסערן ערפאָלג.

האָבען זיך אָבער נור עטליכע גוי'שע עשירים פון יענע צייטען גע־קענט פארגינען, צו האלטען אין זייער הויז א ספּעציעלען לעהרער פאר זייערע קינדער. אָט אזא לעהרער האָט אויך געקענט אוועקגעבען זיינע פעהיג־קייטען בלויז אין איין הויז, ווייל ווען עס האָט דאמאָלס איינער א גביר געהאט א געוויסען באריהמטען לעהרער פאר זיינע קינדער, האָט איהם שוין אַן אנדערער גביר נישט געקענט האָבען.

א גוי'איש קינד, וואָס דער פאָטער זיינער איז נישט געווען אימשטאנד צו האָבען א באזונדערען לעהרער פאר זיך, האָט איבערהויפט אין יענער צייט נישט געהאט די מעגליכקייט צו קריגען א געהעריגען אונטעררירכט, ווייל דאָס לערנען איז ביי זיי באטראכט געוואָרען אלס א פריווילעגיום פון דער אריסטאָקראטיע.

צום אריינפיהר

גאנץ אַנדערש איז דאָס געווען ביים אידישען אונטעררי‌כט. דאָ איז דאָס לערנען געווען אין פולען זין דעמאָקראַטיש, פאַר'ן גאַנצען פאָלק באַשטימט.

ווי עס איז אָנצונעהמען, האָט מען אין דער צייט פון דער גמרא נישט געלערנט דוקא אין אַ פאַרמאַכטען צימער, ווייל מען איז אויך אָפטמאָל ארויסגעגאַנגען לערנען אין גאַס, אונטער'ן פרייען הימעל. אזוי האָט ר' יהודה הנשיא נישט ערלויבט צו לערנען אין גאַס — און ווען ר' חייא האָט אַמאָל געלעהרענט די צוויי זיהן פון זיין ברודער אין גאַס, האָט ער געהאַט געגען זיך די תרעומות פונ'ם נשיא, וועלכער האָט געזאָגט, אַז אַזאַ זאַך פּאַסט זיך נישט צו טהון, האָט זיך ר' חייא צוליעב דעם אליין געגעבען אַ „נזיפה" אויף דרייסיג טעג (זעה מועד קטן דף ט"ז עמוד ב').

עס קען אויך געזאָגט ווערען, אַז טאָמער האָט אַמאָל איינער פון די חכמים געלערענט אויף דער גאַס, איז דאָס מעהרסטענטיילס פאָרגעקומען מיט גרויסע תלמידים — און בלויז ביי אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען. זאָנסט פלעגט מען לערנען אין די שוהלען, וואו מען האָט אויך אין געוויסע צייטען פונ'ם טאָג געדאַוונט.

ווי עס איז אויך זיכער, זיינען נישט געווען דאַמאָלס קיין באַקוועמע געביידעס פאר די פאָלקס-שולען. אזוי ווי דאָס פאָלק איז געווען פאַראָרימט, איז אפילו ביי שוהלען צום דאַוונען געווען דאַמאָלס אָנגענומען אַ מיינונג, אַז מען דאַרף נישט אויסגעבען פיעל געלד אויף דעם, חאָטש פריהער האָט מען יאָ געשטרעבט, צו פאַרשעהנערען די ערטער פונ'ם דאַוונען און מען האָט נישט געזשאַלעוועט אויף דעם קיין הוצאות.

אזוי איז אַמאָל ר' חמא בר חנינא אָנגעקומען צוזאַמען מיט ר' הושעיא רבה אין לוד און זיי זיינען דאָרט אריינגעגאַנגען אין אַ שוהל. און אזוי ווי יענע שוהל איז געווען זעהר אַ רייכע, האָט ר' חמא אַ זאָג געטהון: „זעה, וויפיל געלד עס האָבען דאָ מיינע עלטערען אריינגעלייגט!" — האָט איהם ר' הושעיא געענטפערט: „זיי האָבען דאָ אויך פיעל נפשות באַגראָבען, ווייל מיט דעם געלד, וואָס מען האָט אויף דער שוהל אויסגעגעבען, וואָלט מען געקענט שפּייזען פיעל מענשען, וואָס זאָלען זיך אָפּגעבען מיט דער תורה" (זעה ירושלמי שקלים פרק ה' הלכה ד').

לערנען פלעגט מען פריהער שטעהענדיג. דערנאָך זיינען די מענשען שוואַך געוואָרען אויף זייערע פיס, האָט מען איינגעפיהרט דאָס זיצען ביים לערנען. פלעגט דער מלמד זיצען אויף אַ שטיין, אויף אַ האָלצערען בענקעל אָדער אויף אַ קאָרב — און די תלמידים פלעגען זיצען אויף דער ערד, ביי די פיס פון זייער רבי'ן. זאָגט די גמרא וועגען דעם: „זייט די טעג פון משה רבנו ביז צו די צייטען פון רבן גמליאל הזקן האָט מען געלערנט די תורה שטעהענדיג, אָבער אזוי ווי רבן גמליאל איז געשטאָרבען, זיינען געקומען קראַנקהייטען איבער דער וועלט, האָט מען שוין געמוזט לערנען זיצענדיג" (זעה מגלה דף כ"א עמוד א').

באַזונדערע כלים פון פאַרפוצונגען האָט די פאָלקס-שולע נישט געדאַרפט האָבען. ווען דער לעהרער איז געזעסען אויף אַ בעט מיט קישענס, זיינען אויך די תלמידים געזעסען אויף בעטען מיט קישענס, ווייל דער לעהרער האָט נישט געקענט זיצען אויף אַ בעט און לערנען מיט די קינדער, ווען די תלמידים זיינען געזעסען אויף דער ערד. אַ מלמד האָט אויך נישט געטאָרט

באמיהען זיינע תלמידים, זיי זאלען איהם באדינען. ר' יהודה פלעגט זיך אליין נעהמען זיין בענקעל אויף די פלייצעס און עס ברענגען אין בית המדרש, ער זאל דארויף זיצען. דעסגלייכען האט אויך אן אנדערער פון די חכמים מיטגענומען זיין קארב צום זיצען (זעה נדרים דף מ"ט עמוד א').

דאס זיצען פון די תלמידים האט געדארפט זיין אזוי איינגעריכטעט, אז אלע זאלען קענען זעהן דעם לעהרער, און דער לעהרער זאל קענען זעהן יעדען תלמיד אויף'ן פנים. פלעגען דערפאר די תלמידים זיצען אין א האלב־רונדען צירקעל. און וועגען דער ווירקונג פונ'ם רבי'ן, ווען די תלמידים קענען איהם קוקען אין פנים אריין ביים לערנען, האט זיך ר' יהודה הנשיא באקלאגט, אז ער האט נישט שטענדיג געקענט זעהן זיין רבי'ן ר' מאיר אויף'ן פנים, ווייל ווען ער וואלט איהם תמיד געזעהן, וואלט ער פיעל שאר־פער געווען אין זיין לערנען (זעה ערובין דף י"ג עמוד ב'). וועגען דעמ־זעלבען ענין האט דער אמורא רב משרשיא אנגעזאגט צו זיינע קינדער: „ווען איהר וועט זיצען ביי אייער רבי'ן, זאלט איהר אזוי זיצען, אז איהר זאלט איהם קענען קוקען אין מויל אריין, ווי ער רעדט!" (הוריות דף י"ג עמוד א').

עס איז געווען אנגענומען א כלל, אז א קינד זאל אנהויבען לערנען ביי זעקס יאהר. האט אויף דעם דער אמורא רב קטינא געזאגט, אז ווער עס הויבט אן לעהרנען זיין קינד בעפאר עס ווערד אלט זעקס יאהר, קען דאס דערנאך נישט דערגאנצען אינ'ם קינד'ס געזונדהייט. אנדערע דאגעגען האבען געזאגט, אז אזא קינד וועט זיינע חברים נישט קענען אניאגען אין לערנען. ווערד דאס אבער ווייטער ערקלערט, אז עס איז אפהענגיג פון דעם קינד'ס קערפערליכען צושטאנד, צי ער איז א געזונטער אדער א שוואכליכער (זעה כתובות דף נ' עמוד א').

עס איז נישט אין ערגיץ פארשריבען, וואסערע ידיעות א לעהרער האט געדארפט האבען. עס פארשטעהט זיך אבער אליין, אז ער האט גע־דארפט זיין געניי באהאוונט אין דעם געגענשטאנד, וואס ער אונטערריכטעט. און אזוי ווי עס איז אנגעזאגט, וואסערע מדות א תלמיד־חכם דארף הא־בען, קען מען דערפון פארשטעהן, אז דאס קען אויך געזאגט ווערען וועגען די מדות, וואס א לעהרער דארף האבען, ווען ער וויל האבען א ווירקונג אויף זיינע תלמידים.

אזוי ווי מען פלעגט דאמאלס זאגען: „דארט וואו איך וואוין, האב איך מיין נאמען, אבער אין א פרעמדער שטאדט ווער איך באאורטיילט לויט מיינע קליידער" (שבת דף קמ"ה עמוד ב'), איז אויך געזאגט גע־ווארען: „א תלמיד־חכם, וואס עס געפינט זיך א פלעק אויף זיינע מלבושים, איז חייב מיתה", און אז „עס איז א שאנדע פאר א תלמיד־חכם, ער זאל ארויסגעהן אין געלאטעטע שיך" (שבת דף קי"ד עמוד א'). א תלמיד־חכם דארף אויך זיין אפגעהיט ביי זיין עסען און טרינקען, ווייל „וועלכער תלמיד־חכם עס מאכט זיך זיינע סעודות אויף יעדען פלאץ, ווערד זיין לערנען פון איהם פארגעסען, פיעלע מחלוקות קומען איבער איהם ארויס און זיינע רייד ווערען נישט געהערט" (פסחים דף מ"ט עמוד א').

„נישט פון יעדען מלמד איז א מענש זוכה צו לערנען", איז געווען אן אנגענומענער כלל (ערובין דף מ"ז עמוד ב'), ווייל נישט יעדער מלמד איז אימשטאנד מסביר צו זיין די ענינים צו זיינע תלמידים, גלייך ווי עס

איז אויך נישט יעדער תלמיד פעהיג צו איבערנעהמען, וואָס זיין לעהרער זאָגט. פלעגט מען אָבער גרעסטענטיילס ארויפלייגען די שולד פון אַזאַ תלמיד אויף זיין מלמד, ווי רבא האָט געזאָגט: „ווען דו זעהסט אַמאָל אַ תלמיד, וואָס דאָס לערנען קומט איהם אָן שווער ווי אייזען, איז דאָס דערפאַר, וואָס זיין רבי באַווייזט איהם נישט קיין פריינדליכקייט" (תענית דף ה' עמוד א').

די אורזאַך, וואָס מאַנכע קינדער קענען נישט אויפנעהמען די ווערטער פון זייער רבי'ן — זאָגט דער מדרש שיר השירים רבה — איז זייער שוואַכער גייסט און זייער מורא פאַר דער שווערער פיעלקייט פונ'ם לערנען. דאַרף דערפאַר יעדער לעהרער איינריידען זיינע תלמידים אַ גלויבען אין זייערע אייגענע כחות. אַט אַזאַ ציעל קען דער לעהרער דערגרייכען, ווען ער וועט אויף זיינע תלמידים ארויפלייגען אַ קליינע ארבייט, וואָס עס קען זיי געלינגען מיט אַ ביסיל מיה. ווען די תורה דערדריקט דעם תלמיד מיט איהר פיעלקייט און זי איז אין זיינע אויגען ווי דאָס אויפשיטען קופּקעלעך ערד איינס אויף'ן אַנדערן, דאַרף איהם דער לעהרער דערצו ברענגען, ער זאָל זיך אַליין זאָגען: „אַט וועל איך היינט בייטאָג לערנען צוויי הלכות און ביינאַכט וועל איך ווייטער לערנען צוויי הלכות, ביז איך וועל אַלסדינג אויס־לערנען".

און ווען דאָס לערנען איז צו הויך פאַר'ן פאַרשטאַנד פונ'ם תלמיד — זאָגט דער מדרש ווייטער — און עס זעהט אויס אין זיינע אויגען ווי אַ לאָבען ברויט, וואָס הענגט אין דער לופט פון דער שטוב און מען קען איהם נישט דערגרייכען, שרעקט זיך נור אַ נאַר פאַר אַזאַ זאַך און ער זאָגט זיך: „ווער קען לערנען די תורה, וואָס געפינט זיך אין מיין רבי'נס האַרץ?" — זאָגט אָבער דער קלוגער תלמיד: „און ער, דער רבי אַליין, האָט עס אפשר נישט געלערנט ביי אַן אַנדערען? קען איך מיך אויך דורך פליים און מיה אויסלערנען די תורה פון מיין רבי'ן!"

צומאָל איז דאָס לערנען דערדריקענדיג, ווייל מען קען פאַרגעסען און עס איז גלייך ווי אַ געלעכערטער קאָרב, וואָס זיינע אייגענטימער האָבען געדונגען ארבייטער, אָנצופילען איהם מיט וואַסער. זאָגט וועגען דעם דער נאַרישער תלמיד: „אַז איך וועל לערנען און פאַרגעסען, טאָ וואָס פאַר אַ נוצען קען איך דערפון האָבען?" — אָבער דער קלוגער תלמיד זאָגט: „און אַז איך וועל אפילו פאַרגעסען, וועט מיר דער אויבערשטער סיי־ווי באַצאָלען פאַר מיין מיה!" . . .

יעדער תלמיד־חכם איז פאַרפליכטעט צו לערנען מיט אַנדערע, און געדאַרפט האָט דאָס זיין גאַנץ אומזיסט. נור אַזוי ווי מען האָט פאַרלאַנגט, אַז דער מלמד זאָל אָפּגעבען די גאַנצע צייט זיינע צו די תלמידים, איז איינ־געפיהרט געוואָרען אַ געוויסע פאָרם, לויט וועלכער מען זאָל קענען דעם מלמד באַצאָהלען פאַר זיין ארבייט, ער זאָל נישט דאַרפען קלערען וועגען אַנדערע הכנסות פאַר זיין פרנסה.

זאָנסט ערקלערט די גמרא, אַז „ווער עס לערנט אַליין און ער לעה־רענט נישט דערנאָך מיט אַנדערע, איז געגליכען צו אַ הדס אין מיטען פון אַ מדבר" (ראש השנה דף כ"ג עמוד א'), און „ווער עס האַלט צוריק אַ הלכה פון אַ תלמיד, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט איהם בארויבט" (סנהדרין דף צ"א עמוד ב').

די אמוראים פון בבל

דערפאר איז דאָס אָפּגעבען כבוד דעם רבי'ן וויכטיגער ווי „כבוד אב". וויפיל עס איז נישט אָנגעזאָגט געוואָרען וועגען „כבוד אב", איז דער כבוד פונ'ם רבי'ן אלץ מעהר חשוב (זעה הוריות דף י"ג עמוד א'). ווען איינעמ'ס א פאָטער און זיין רבי טראָגען א משא אויף זייערע פלייצעס, דאַרף מען צוערשט העלפען דעם רבי'ן און דערנאָך ערשט דעם פאָטער. און ווען דער רבי און דער פאָטער געפינען זיך אין געפאַנגעשאַפט, דאַרף מען צוערשט אויסלייזען דעם רבי'ן און דערנאָך ערשט דעם פאָטער (בבא מציעא דף ל"ג עמוד א'). דעסגלייכען איז אָנגענומען, אז „ווען איינער ווידערשפּרעכט זיין רבי'ן, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט ווידערשפּראָכען די שכינה" (סנהדרין דף ק"י עמוד א') און ווען איינער געהט אויף דער רעכטער זייט פון זיין רבי'ן, איז ער א „בור" (יומא דף ל"ז עמוד א').

זעהר וויכטיג איז אויך ביי אונזערע חכמים דער כבוד, וואָס איין מענש דאַרף אָפּגעבען צום צווייטען. ווערד וועגען דעם געזאָגט, אז דער כבוד פון א נעבענמענש דאַרף ביי יעדען אזוי ליעב זיין ווי דער אייגענער כבוד (אבות פרק ב' משנה י"ג). און טאָמער איז פאַרהאַנען א מענש, וואָס מען ווייסט וועגען איהם, אז ער איז גרעסער אפילו בלויז אין איין וועג פון זיין פיהרונג, דאַרף מען איהם אָפּגעבען כבוד (פסחים דף ק"ג עמוד ב'). דאַביי איז נישט וויכטיג, וואָס פאַר א פּלאַץ א מענש פאַרנעמט, ווייל נישט דער פּלאַץ אדער דאָס אַמט גיט כבוד צו דעם מענשען, נור דער מענש גיט כבוד צו זיין פּלאַץ (תענית דף כ"א עמוד ב').

רב — אבא אריכא

נאָכדעם ווי עס האָט זיך געענדיגט די עפּאָכע פון די „תנאים", וועגען וועלכע עס איז געשריבען אינ'ם ערשטען טייל פון „אונזערע גייסטיגע ריזען", און עס האָט זיך אָנגעהויבען די עפּאָכע פון די „אמוראים", איז געוועזען דער וויכטיגסטער — אָט יענער אמורא, וועלכער איז ווייניג באַקאַנט מיט זיין נאָמען, ווייל מען קען איהם בלויז מיט זיין טיטעל „ ר ב " , ווי אַלע פלעגען איהם רופען.

דער נאָמען זיינער איז געווען א ב א — און טיטולירט האָט מען איהם „רב", גלייך ווי מען האָט שפּעטער טיטולירט אַלע זיינע נאָכפאָלגער, אויף ווי ווייט זיי האָבען געהאַט די ערלויבנים פונ'ם „ריש גלותא", אָנצו־פיהרען אָן אייגענעם בית־המדרש. אנדערע האָבען איהם נאָך געגעבען א צונעמעניש „אריכא" (דער לאַנגער), ווייל ער איז געווען דער העכסט געוואַקסענער אין זיין דור (נדה דף כ"ד עמוד ב'). מעגליך איז אויך, אַז „אריכא" איז דער נאָמען פון רב'ס געבורטס־שטאָדט אין בבל.

גלייך ווי די אידען אין ארץ ישראל פלעגען ר' יהודה הנשיא רופען „רבי", אָהן דער צוגאָב פון זיין אייגענטליכען נאָמען, האָט מען אויך נישט דערמאָנט דעם נאָמען א ב א א ר י כ א און מען האָט איהם כסדר גערופען „רב".

אָט דער רב האָט געגרינדעט די י ש י ב ה אין דער שטאָדט ס ו ר א — און אין דער צייט, וואָס די דאָזיגע ישיבה איז געגרינדעט גע־וואָרען, האָט געהערשט אין בבל דער פּערזישער קעניג ארטאבאן, וועלכער האָט זיך פאַרהאַלטען זעהר פריינדליך צו אידען און ער איז אויך געווען א גרויסער פאַרעהרער פון רב. האָבען זיך דאָרט תיכּף צונויפגעקליבען תלמידים פון נאָהנט און ווייט און די צאָהל זייערע איז אָנגעוואַקסען ביז אריבער טויזענד.

געבוירען איז אונזער אבא אריכא ג' אלפים תתקט"ו לבריאת עולם (155 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג) — און ווען ער האָט געגרינדעט זיין ישיבה, וועלכע האָט דערנאָך עקסיסטירט לאַנגע זיבען יאָהרהונדערטער, איז ער געווען א מאַן פון 64 יאָהר.

די משפּחה פון רב איז געווען זעהר א מיוחס'דיגע מיט אַן אויסער־געוועהנליך בכבוד'יגער שטעלונג ביי אַלע חכמים. ער איז אויך געווען פאַרשוועגערט מיט דער משפּחה פונ'ם „ריש גלותא" אין בבל, וואָס די חשיבות איהרע איז געווען אַ גרעסערע ווי די חשיבות פונ'ם נשיא'ס משפּחה, ווייל די משפּחה פונ'ם „ריש גלותא" אין בבל האָט זיך מייחס געווען צו דוד המלך פון דער מענליכער זייט, און דער אָפּשטאַם פונ'ם „נשיא" אין ארץ־ישראל איז געווען פון דוד המלך בלויז פון דער מוטערליכער זייט.

ר' יהודה הנשיא האָט דאָס אַמאָל אליין ערקלערט, ווען ער האָט געזאָגט: „ווען רב הונא ריש גלותא זאָל אַמאָל קומען קיין ארץ־ישראל,

וועל איך איהם אוועקזעצען העכער פון מיר, ווייל ער שטאמט פון שבט יהודה און איך שטאם פון שבט בנימין, אויסערדעם איז דער יחוס זיינער צו דוד המלך פון דער מענליכער זייט און מיין יחוס צו דוד המלך איז בלויז פון דער ווייבליכער זייט" (זעה ירושלמי כתובות פרק י"ב הלכה ג', בראשית רבה פרשה ל"ג פיסקא ג').

אין א יחוס־בריף פון ר' חייא רבה, וועלכער איז געווען רב'ס אן אנקעל, איז געווען פארשריבען, אז די אפשטאמונג זיינע איז פון שפטיה, דוד המלך'ס א זוהן פון זיין ווייב אביטל (תענית דף ד' עמוד ב', בראשית רבה פרשה צ"ח פיסקא י"ג). פאראהאנען אפילו א מאמר, אז דער אפ־שטאם פון ר' יהודה הנשיא איז גאר געווען פון דעם דאזיגען שפטיה און ר' חייא'ס אפשטאם איז געווען פון שמעי, דוד'ס א ברודער (זעה כתובות דף ס"ב עמוד ב'). האבען מיר אבער גענען דעם דאזיגען מאמר די אויבען־ציטירטע פערזענליכע ערקלערונג פון ר' יהודה הנשיא.

ר' יהודה הנשיא'ס אפשטאמונג פון דוד המלך — מעג זיין פונ'ם ווייבערישען צד — איז אין אלגעמיין געווען אן אנגענומענע זאך. האט דאן רב געזאגט אין איינער פון זיינע דרשות, ווען מען האט גערעדט וועגען די זינד פון דוד המלך און עס איז געזאגט געווארען, אז ער האט גארנישט געזינדיגט, אז דאס איז בלויז געזאגט, ווייל „ר' יהודה הנשיא שטאמט אפ פון דוד המלך, מוז ער וועגען איהם זאגען גוטס" (שבת דף נ"ו עמוד א').

באמערקט ווערען דארף אויך, אז די משפחה פון רב איז געווען א שטארק פארשפרייטע און אינ'ם פארלויף פון די שפעטערע דורות איז פון איהר ארויסגעקומען א גרויסע צאהל חכמים.

דער פאטער פון רב האט געהייסען איבו בן ר' אחא כרסלא מכפרי, וואס ר' חייא רבה איז געווען זיינער א ברודער, אבער נור פון איין טאטע'ן. און אזוי ווי ר' חייא'ס מאמע האט געהאט א טאכטער פון א פריהערן מאן מיט'ן נאמען „אימא", האט רב'ס פאטער געהייראטה די דאזיגע טאכ־טער פון זיין שטיפמוטער. איז ר' חייא דאדורך געווען דער ברודער פון רב'ס פאטער פון איין טאטע'ן און דער ברודער פון רב'ס מוטער פון איין מאמע'ן.

האט די דאזיגע פארוואנדשאפט געהאט זעהר א גרויסע באדייטונג ביים גאנג פון רב'ס לעבען, ווייל ער איז שטענדיג געווען ווי צוגעקלעפט צו ר' חייא. ביי איהם אין הויז איז ער געווען אויפגעצויגען, און ווען ר' חייא איז געגאנגען קיין ארץ־ישראל, איז רב מיט איהם מיטגעגאנגען. און גלייך ווי ר' חייא האט מיט איהם געלערנט אין בבל, האט ער אויך מיט איהם ווייטער געלערנט אין ארץ־ישראל. דערפאר האט רב אנגעפיהרט ר' חייא'ס געשעפטען און ער האט גענומען א האנד אין אלעמען, וואס ר' חייא האט געטהון.

אט די נאהנטקייט פון ר' חייא צו רב און וואס ער האט איהם כסדר געהאלטען אונטער זיין שוץ, ווערד באהויפטעט, אז דאס איז געווען, ווייל רב איז געווען זיין שוועסטער'ס א זוהן. ווי עס הייסט, איז דאמאלס גע־ווען א כלל ביי אונזערע חכמים, אז יעדער מענש איז מחויב, צו אינטע־רעסירען זיך פאר זיין שוועסטער'ס זוהן. און חאטש רב איז אויך געווען ר' חייא'ס א ברודער'ס־זוהן, וועלכעס וואלט אפשר געדארפט זיין וויכ־

טיגער, ווייל די ברודערשאַפט איז געווען פון איין פאַטער, האָט איהם ר' חייא פון דעסטוועגען גערופען בלויז „זוהן פון מיין שוועסטער" און אנדערע חכמים האָבען איהם אויך אזוי גערופען (זעה סנהדרין דף ה' עמוד א', בראשית רבה פרשה ל"ג פיסקא ג').

ביים באַאָבאַכטען די לעבענס-פיהרונג פון ר' חייא און רב, געפינען מיר גרויסע עהנליכקייטען אין די אייגענשאַפטען פוןביידען, דורך וועלכען עס ווערד אונז קלאָר, ווי ווייט עס איז געווען דער איינפלוס פון ר' חייא אויף'ן לעבען פון רב און מיר באַקענען זיך גענוי מיט די באַשטרעבונגען פון רב און פון זיין בית-המדרש, גלייך ווי פון זיינע קינדער און תלמידים.

פיעלע פון רב'ס סענטענצען און פון זיינע תלמידים'ס אויסשפרוכען זיינען דערמאָנט בלויז אין'ם תלמוד ירושלמי, ווייל איידער ער האָט באַגרינדעט זיין ישיבה אין סורא, האָבען די גרעסטע תלמידים זיינע און די תלמידים פון זיינע תלמידים פאַרלאָזען בבל און זיי האָבען אויסגעוואַנדערט קיין ארץ-ישראל, וואו זיי האָבען פאַרשפרייט די תורה פון זייער רבי'ן.

צוליעב דעם גרויסען אָפשיי, וואָס די חכמים פון יענער צייט האָבען געהאַט פאַר רב, פלעגען מאַנכע פון זיי שיקען צו'ן איהם זייערע קינדער, ער זאָל זיי בענשען (מועד קטן דף ט' עמוד ב'). אזוי ווי זיינע אנזיכטען זיינען אָפטמאָל געווען אין א ווידערשפרוך מיט דער משנה, פלעגט מען וועגען איהם זאָגען „רב תנא הוא ופליג", אז טראָצדעם וואָס ער האָט געקענט פאַררעכענט ווערען ווי א תנא פון דער משנה, האָט ער זיך פון דעסטוועגען אָפגעטיילט אין זיינע אנזיכטען (ערובין דף נ' עמוד ב', כתובות דף ח' עמוד א', גטין דף ל"ח עמוד ב', בבא בתרא דף מ"ב עמוד א').

ווי באַמערקט, האָט זיך רב פאַרשוועגערט מיט'ן „ריש גלותא". זייער יחוס איז אויך געווען א גלייכער. איז זיך דאָן די משפחה פאַנאַנדערגעוואַקסען זעהר שטאַרק און דער רוב חכמים ביז צו די לעצטע דורות פון די „אמוראים" האָבען אָפגעשטאַמט פון זיין משפחה. און ווען רב האָט אַמאָל געפרעגט א שאלה וועגען דער מענשליכער פיהרונג ביי ר' חייא, האָט איהם ר' חייא גערופען „בר פחתי", וואָס די באַדייטונג דערפון איז „אריסטאָקראַטישער זוהן" (ברכות דף י"ג עמוד ב', שבת דף ג' עמוד ב').

און ווען רב האָט אַמאָל גע'דרש'נ'ט וועגען די גרויסע אידישע פיהרער, וואָס יעדער דור דאַרף האָבען דריי אַזעלכע, אז אַמאָל זאָלען צוויי פון זיי זיין אין ארץ-ישראל און איינער אין בבל, און אַן אנדער מאָל זאָלען זיין צוויי אין בבל און איינער אין ארץ ישראל, דערצעהלט די גמרא, אז די חכמים האָבען דאַמאָלס געוועגדעט זייערע אויגען צו די אייניקלאַך פון רב, די קינדער פון זיין טאָכטער, רבנא עוקבא און רבנא נחמיה, וועגען וועלכע עס איז נור אזוי פיעל באַקאַנט, אז זיי זיינען געווען תלמידים פון רב חסדא, ווייל דער עולם האָט געוואָלט וויזען, אז זיי זיינען יעצט די צוויי גרויסע אידישע פיהרער, וואָס אידען דאַרפען האָבען אין בבל (חולין דף צ"ב עמוד א').

דער ענין יחוס איז אין רב'ס אויגען געווען זעהר וויכטיג. זאָגט דערפאַר זיינער א תלמיד אויף זיין נאָמען, אז ווען דער פסוק זאָגט וועגען די בני אשר, אז זיי זיינען געווען „ברורים גבורי חילים ראשי הנשיאים"

און אלם אזעלכע האבען זיי זיך מייחס געווען ביי דער ארמיי אין דער מלחמה (דברי הימים א׳ קאפיטעל ז׳ פסוק מ׳), איז דאס געווען, כדי דער זכות זייערער און דער זכות פון זייערע עלטערען זאל זיי העלפען באשיצען אויף׳ן שלאכטפעלד (קדושין דף ע״ו עמוד ב׳).

אויף אט אזא דרך האט רב׳ס משפחה געהאלטען פון יחוס. האט דאן איינער פון רב׳ס תלמידים געזאגט אויף זיין נאמען, אז „זייט עס איז פארשוואונדען דער ספר יוחסין, איז שוואך געווארען דער כח פון די תלמידי־חכמים און עס איז אויסגעלאשען געווארען דאס ליכט פון זייערע אויגען״ (פסחים דף ס״ב עמוד ב׳).

פון דעסטוועגען האט זיך רב׳ס משפחה טראץ איהר יחוס געהאל־טען זעהר באשיידען און עס איז ביי זיי געווען באמערקבאר א באזונדערע נייגונג צו חבר׳ן זיך מיט אלע קלאסען מענשען. דעסגלייכען איז אויך רב אליין נישט געווען איבערקלייבעריש צווישען חברים און ער פלעגט זוכען אנצוקניפען פריינדשאפט דוקא מיט מענשען פון נידריגערע קרייזען.

כאראקטעריסטיש ביי רב׳ס משפחה איז געווען די שטעלונג פון דער פרוי אין איהר אנערקענטער ווערדע, ווי מען האט זאנסט ביז דאמאלס נישט געהערט ביי אידען. דאס קען מען אויך אם בעסטען זעהן אין דעם, וואס ער האט אין זיינע געזעצליכע פארשריפטען באשרענקט די רעכטע פון א פאטער איבער זיין טאכטער און פון ברידער איבער זייער שוועסטער א יתומה.

אין דער דאזיגער משפחה האבען ווייבער געהאט די זכיה דערמאנט צו ווערען מיט זייער אייגענעם נאמען, א שטייגער ווי : „יהודית״, די פרוי פון ר׳ חייא, „פזי״ און „טבי״, די טעכטער פון ר׳ חייא, „אימא״ די מוטער פון רב און נאך אנדערע.

ס׳איז אויך אנצונעהמען, אז דער דאזיגער מנהג, צו דערמאנען די ווייבער מיט זייער נאמען, איז בלויז געווען איינגעפיהרט אין די הייזער פון דער אידישער אריסטאקראטיע, פון די „נשיאים״ אין ארץ־ישראל אדער פונ׳ם „ריש גלותא״ אין בבל, ווייל אויך די אנדערע ווייבער, וואס זיינען דערמאנט מיט זייער נאמען אין דער גמרא אדער אין די מדרשים, זיינען געווען פון דערזעלבער פאמיליע, א שטייגער ווי „ילתא״, די פרוי פון רב נחמן מנהרדעא, „חובה״ די פרוי פון רב הונא און נאך אנדערע.

ווייטער האט די דאזיגע משפחה געהאט א מנהג, צו רופען זייערע קינדער אויף די נעמען פון די פארשטארבענע עלטערן און נאהנטע קרובים, ווי עס איז דאן געווען דער מנהג ביי די גוי׳שע אריסטאקראטען און ווי עס איז געווען דער מנהג ביי די „נשיאים״ אין ארץ־ישראל אדער ביים „ריש גלותא״ אין בבל.

פארשיעדענע אויסערגעוועהנליכע מנהגים האבען געהערשט ביי די מענשען פון דער דאזיגער משפחה אויף׳ן גרונד פון געמיינזאמע נייגונגען אדער אויף׳ן גרונד פון אלטע טראדיציעס און איינפלוסען. אזוי איז, למשל, געווען זייער גרויסע ליעבשאפט צו דער ערציהונג פון דעם יונגען דור. אלע מיטגלידער פון רב׳ס משפחה האבען זיך אינטערעסירט אויף א ברייטען שטייגער און א פיין פארשטענדנים מיט די ענינים פון ערציהונג, צו וועלכער זיי האבען אויך געווידמעט זייער גאנצען כח און צייט.

אויך אין דער אויסשפּראַך זייערער האָבען זיך יענע מענשען אונ־טערשיידעט פון אנדערע. געוועהנליך איז זייער אויסשפּראַך געווען נאָהנט צו דער אויסשפּראַך פון די „גלילים", גלייך ווי יענע האָבען זיי פאַרווישט ביי זייער ריידען די אזוי אָנגערופענע קעהל־בוכשטאַבען און זיי האָבען שוואך געמאַכט די אונטערשיידען צווישען זיי. גרעסטענטיילס פּלעגען זיי אויך פאַרשלינגען די „עין", פאַרביטען די „אלף" מיט דער „הא" און נישט אַרויסזאָגען קלאָר די אותיות זסצ"ש. אַזאַ מענש ווי ר' חייא האָט נישט געקענט אַרויסזאָגען ריכטיג קיין „חית", און ווען מען איז אַמאָל אויף איהם בייז געווען, האָט מען איהם גערופען „עייא" אויף חוזק (מועד קטן דף ט"ז עמוד ב', כריתות דף ה' עמוד א').

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז ווען ר' חייא האָט אַמאָל געזאָגט צו ר' שמעון בר ברי, אַז ווען ר' שמעון וואָלט געווען אַ כהן, וואָלט מען איהם נישט געדאַרפט לאָזען צוגעהן צום „דוכן", ווייל ער האָט אַ גראָבע שטימע, האָט ר' שמעון'ס פאָטער געהייסען ר' חייא'ן זאָגען, אַז ר' חייא אַליין טאָר גאָר נישט צוגעהן צום „עמוד", ווייל ער קען נישט דייטליך ריידען און ווען ער זאָגט „וחכיתי לה'", קען ער נישט אַרויסזאָגען ריכטיג די חית, קלינגט עס פּשוט ווי אַ לעסטערונג פונ'ם אויבערשטען, ווייל עס דאַכט זיך, גלייך ער זאָל וועלען זאָגען, אַז ער וועט שלאָגען דעם אויבערשטען (מגלה דף כ"ב עמוד ב').

זאָגסט איז רב געווען אַ געזונטער שטאַרקער מענש פון אַ משפּחה געזונטע (חולין דף פ"ד עמוד א'). מען קען דאָס אויך זעהן, ווען מען באַדענקט, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אין זיין לעבען, וויפיל ער האָט אַרומגעוואָגעלט און וואָס ער האָט אויפגעטהון מיט זיין שתדלנות פאַר אידען. ער האָט אויך טראָץ אַלע ליידען זיינע לאַנג געלעבט און ער איז זעהר אַלט געוואָרען, און גלייך ווי ער איז געווען פאַלקאָם אין זיין גוף, איז ער געווען שטאַרק און געזונד אין זיין גייסט.

דער בליק זיינער אויף מענשען און געשעהענישען איז געווען אַ דורכדרינגענדיג שאַרפער. מיט אָט דעם חוש זיינעם האָט ער שטענדיג דער־פיהלט דאָס אינעווייניגסטע פון יעדער ערשיינונג און ער האָט פאַרשטאַנען, אַלסדינג געהעריג אָפּצושאַצען.

ער איז אויך געווען אַ גרויסער נאַטור־פאָרשער און אַלס אַזעלכער האָט ער ליעב געהאַט צו באָאָבאַכטען דעם גאַנג פון די שטערען און צו גריבלען זיך אין דער פיהרונג פון אַלערליי באַשעפענישען. פלעגט ער זיך דערפאַר גערן חבר'ן מיט פּאַסטוכער און יעגער, ווייל ער האָט געזעהען, אַז ער קען מיט אַזאַ חבר'שאַפט באַרייכערען זיין וויסען. נייגעריג פלעגט ער זיך איינהערען צו זייערע „גלייכוווערטלעך", ווייל דער דרך זיינער איז גע־ווען צו באַקענען זיך געניי מיט דער מיינונג פון יעדען.

פאַראינטערעסירט אין די באַדערפעניששען פון די מענשען, האָט רב שטענדיג געהאַט פאַר די אויגען, וואָס אַ מענש קען יאָ טהון און וואָס ער קען נישט טהון. דעסגלייכען האָט ער זיך אינטערעסירט פאַר דער דיפערענצירונג אינ'ם כאַראַקטער פון די פאַרשיעדענע שטעדט, וואו אידען האָבען דאַמאָלס געוואוינט, אויסצוגעפינען די אונטערשיעדען אין זייער אינעווייניגסטער באַשאַפענהייט. האָט מען איהם דערפאַר טיטולירט „גבר בכולא", וועלכעס האָט געדאַרפט אויסדריקען, אַז ער איז גרויס אין אַלע־מען (זעה חולין דף נ"ד עמוד א').

און ווען רב האָט געלעהרנט מיט זיינע תלמידים, האָט ער אָבסערווירט יעדען ריהר זייערען און יעדעם קנייטשעל אויף איטליכען׳ס פנים. דערפאַר האָט ער אויך באַלד דערשפּירט, ווי וויט עס גערהט די אויפמערקזאַמקייט פון יעדען. דאָס אויג זיינס האָט געוועהנליך גיך דערחאַפּט אַן איבריגען דרעה פון זיינעם אַ תלמיד, האָט ער טאַקי באַלד געוואָלט וויסען די אורזאַך דערפון, צי עס ליגט נישט אפשר דעם תלמיד אין זינען עפּיס אַ פּערזענליכע שטערונג פון זיין היים (זעה ירושלמי נדה פרק א׳ הלכה ג׳ און בראשית רבה פרשה ב׳ פּיסקא י״ד).

מיט אַזאַ טיעפער פאַרשטענדניס פאַר אַלסדינג, וואָס עס טהוט זיך ארום איהם, האָט רב דערקענט אין׳ם קלאַנג פון די ווערטער, וואָס דער תלמיד האָט אין זינען. האָט ער זיך דערפאַר געבייזערט, ווען ער האָט געזעהן ווי זיין תלמיד רב כהנא פּוצט זיך די האָהר ביים לערנען, ווענען וועלכען ער האָט גערעכנט, אַז עס נעמט אַוועק די אויפמערקזאַמקייט פונ׳ם לערנען (זעה סנהדרין דף קי״א עמוד א׳).

באַגאַבט מיט פעהיגקייטען, פּיעלזייטיג אין זיין וויסען, גרויס אין מעשים טובים — האָט זיך רב פיעל אָפּגעגעבען מיט באַזעצען אידען אין סורא, וואו ער האָט באַגרינדעט זיין ישיבה. גלייכצייטיג האָט ער אָנגעפיהרט אייגענע גרויסע מסחרים און ער האָט אויך געפיהרט זיין אָנקעל ר׳ חייא׳ס געשעפטען. אויף זיין אייגענעם חשבון האָט ער זיך אָפּגעגעבען מיט מאַכען בריקען, צו קריגען אָפּצאָהלונגען פון דורכגעהער און דורכפאָהרער. אויסערדעם האָט ער אָפטמאָל געהאַנדעלט מיט ווייץ אָדער מיט אַנדערע סחורות. ביי געוויסע געלעגענהייטען איז ער געווען אַ דיין ביי פאַרשיעדענע פּראָצעסען און דערצו האָט ער נאָך פאַרפאַסט די מעהרסטע תפלות פאַר די אידישע ימים־טובים. אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ שעהנע שטימע, פּלעגט ער אויך זיין אַ „פּוסק סידרא״, דאָס מיינט אַ פאָרלייענער, גלייך ווי ער האָט ביי אַנדערע געלעגענהייטען געדינט אַלס „מתורגמן״ (יומא דף כ׳ עמוד ב׳).

דאַביי דאַרף מען וויסען, אַז דער „פּוסק סידרא״ גלייך ווי דער „מתורגמן״ פּלעגט דאַרפען פאָרלייענען פאַרשיעדענע קאַפּיטלען פון תנ״ך אָדער איבערזעצען פאַר׳ן עולם די ווערטער פונ׳ם „ראש ישיבה״. האָט ער דאָס געדאַרפט טהון מיט אַ מעלאָדישער שטימע, האָט טאַקי נור אַ מענש מיט אַ קול נגינה געקענט אויסגעקליבען ווערען צו׳ן אַזאַ אַמט (קהלת רבה פרשה ז׳ פּיסקא י״ב).

ביי מאַנכע פון זיינע מדות האָט רב נאָכגעטהון זיין פעטער ר׳ חייא, ווענען וועמען עס ווערד דערצעהלט, אַז ער האָט אַמאָל געדונגען אייזעל־טרייבער, זיי זאָלען איהם ברענגען פלאַקס. האָבען זיי געבראַכט פייכטע סחורה, וואָס איז פּשוט נישט געווען צו באַנוצען. האָט דאַן ר׳ חייא געזאָגט צו רב : „געה אַרויס און גיב זיי דעם לוין זייערן ! זאָלסט זיי אָבער דאַביי זאָגען, אַז איך באַצאָהל זיי נישט ווייל איך מוז, נור ווייל איך וויל נישט אויסנוצען מיין רעכט״ (ירושלמי בבא מציעא פרק ו׳ הלכה א׳).

עהנליך צו דעם דאָזיגען געשעהעניש מיט די אייזעל־טרייבער איז אַמאָל פאָרגעקומען ביי רב, ווען זיין שנור, אַן אַלמנה, איז געקומען איינמאָהנען ביי איהם דאָס געלד פון איהר „כתובה״. האָט ער איהר געזאָגט : „ווען איך זאָל נישט זיין קיין פריינגעביגער מענש, וואָלט איך דיר געזאָגט, אַז אפילו דאָס שטיקיל פוץ, וואָס דו טראָגסט אויף דיין קאָפּ, איז אויך מיינס !״ (ירושלמי גטין פרק ד׳ הלכה ג׳).

און ווייל רב האָט תמיד געהאַט אַן אָפּענע האַנד און ער איז געווען פרייגעביג צו יעדען, האָט ער שטענדיג באַאָבאַכטעט די טבע פון די אַרומיגע מענשען, צו זעהען, ווער פון זיי עס האָט אַן אָפּענע האַנד און ווער עס איז ענגהערציג און קאַרג.

צומאָל איז איהם אָבער זיין אייגענע פרייגעביגקייט פאַרגעקומען ווי „פזרנות" — און כדי ער זאָל זיך קענען אַליין קאָנטראָלירען פון נישט פזר'ן מעהר ווי מען דאַרף, האָט ער אָנגעזאָגט צו זיין „משמש", אַז ווען ער וועט איהם הייסען געבען אַ מתנה צו אימיצען, וואָס עס וועט זיך איהם — דעם משמש הייסט עס — אויסדאַכטען, אַז דער „מקבל" נויטיגט זיך נישט אין דעם, זאָל ער זיך פריהער מיט איהם נאָך אַמאָל באַראַטהען, איידער ער וועט געבען די מתנה (ירושלמי בבא מציעא פרק ד' הלכה ב').

טראָץ דעם אָנגענומענעם כלל, אַז אַ תלמיד טאָר נישט זאָגען קיין מיינונג אין געגענוואַרט פון זיין רבי'ן, האָט רב געגעבען זיינע תלמידים פולע ערלויבנים, זיי זאָלען פסק'נען דינים און לערנען מיט תלמידים, ווי ווייט זיי קענען. ער פלעגט אויך אָפטמאָל נעהמען מאַנכע פון זיינע תלמידים, זיי זאָלען זיצען מיט איהם צוזאַמען אין אַ „בית דין", און ער האָט געזאָגט: „אַ מענש מעג לערנען מיט זיין תלמיד און גלייכצייטיג איהם אוועקזעצען מיט זיך צו אַ בית־דין" (סנהדרין דף ל"ו עמוד א').

דעסגלייכען האָט ער געזאָגט: „ווען אַ תלמיד איז ווירדיג צו לעהרנען מיט אַנדערע און ער לעהרענט נישט, איז דאָס גלייך ווי מען וואָלט גע'הרג'עט מענשען" (סוטה דף כ"ב עמוד א'). ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ער געזאָגט: „ווער עס האַלט צוריק אַ הלכה פון זיינעם אַ תלמיד, איז גלייך ווי ער וואָלט איהם באַראַבעוועט פון אַ ירושה" (סנהדרין דף צ"א עמוד ב').

און אַזוי ווי רב האָט געוואָלט זיין גוט צו אַלע מענשען און ער האָט אַלעמען געשעצט מעהר ווי זייער ווערדע, האָט ער ליעב געהאַט דעם אמת און ער האָט זיך שטענדיג געסטאַרעט, צו זאָגען בלויז דעם אמת, אפילו ווען דאָס האָט איהם געבראַכט פערזענליכען שאַדען. אַזוי ווערד דערצעהלט, אַז דאָס ווייב זיינס פלעגט איהם תמיד קרענקען, ווייל זי האָט נישט געוואָלט קיינמאָל קאָכען דעם מאכל, וואָס ער האָט געוואָלט. אָבער ווען זיין זוהן חייא איז אונטערגעוואַקסען, פלעגט ער ברענגען צו זיין מוטער די באַפעהלען פון זיין פאָטער וועגען דעם, וואָס ער וויל עסען. פלעגט ער דאַן אָנזאָגען זיין מוטער אַנדערש, ווי דער פאָטער האָט געהייסען, איז דאַן אַרויסגעקומען דאָס, וואָס דער פאָטער האָט געוואָלט.

האָט רב אַמאָל געזאָגט צו זיין זוהן: „דאַכט זיך, אַז דיין מאַמע האָט זיך פאַרבעסערט!" — האָט חייא אויף דעם געענטפערט: „איך בין אין דעם שולדיג!" — האָט דער פאָטער פאַרשטאַנען, אַז דער זוהן זיינער פאַרדרעהט די אָנזאָגען צו דער מוטער, כדי עס זאָל אַרויסקומען דאָס, וואָס ער וויל. האָט דאָס איהם געערגערט און ער האָט געזאָגט: „דאַרפסט דאָס פון דעסטוועגען מעהר נישט טהון, ווייל עס ווערד דערפון אַ פלאָנטער פון ליגען!" (יבמות דף ס"ג עמוד א').

מאַנכעס מאָל האָבען רב'ס חברים אָדער תלמידים געפונען אין זיינע ווערטער אַ ווידערשפרוך געגען דעם, וואָס ער האָט ביי אַן אַנדערן פאַל געזאָגט. און ווען מען האָט איהם אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט, פלעגט

ער שווייגען און נישט ענטפערען אויף דער שטעל, איידער ער האָט נישט פריהער די זאַך גוט דורכגעדענקט. ווערד אין אַזאַ פאַל באַמערקט: „שתיק רב". אפילו ביי אַנדערע פאַלען, ווען עס האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַ מיי־נונגס־פאַרשידענהייט צווישען רב און אַנדערע חכמים, פלעגט ער אויך מעהר־סטענס שווייגען, און אַזוי ווי ער האָט דאָס נישט אריינלאָזען זיך אין אַ מחלוקה באַטראַכט אַלס אַ סימן פון אַ מיוחס׳דיגער משפחה, האָט ער דער־פאַר געזאָגט: „שתיקותה דבבל היינו יחוסה" (קדושין דף ע"א עמוד ב׳).

פון דעסטוועגען איז ער אָפטמאָל געווען אויפבראוזענדיג. אַמאָל איז גאָר געווען מעגליך, אַז אַ געוויסע זאַך זאָל איהם אַ לאַנגע צייט נישט אַרען, ביז ער איז פלוצים ביי דערזעלבער זאַך ארויסגעפּלאַצט אין אַ כעס.

אַזוי האָט ער אַמאָל פאַרגעלייענט אין תנ"ך ביי ר׳ יהודה הנשיא אין בית־המדרש. און ווען ער האָט שוין געהאַלטען אין מיטען לייענען, איז אָנגעקומען זיין פעטער ר׳ חייא, האָט ער צוליעב איהם אָנגעהויבען לייענען דאָסזעלבע אויף׳ס ניי. איז דאַן שפּעטער אריינגעקומען ר׳ יהודה הנשיא׳ס זוהן, האָט ער ווייטער אָנגעהויבען לייענען פונ׳ם אָנהויב. דער־נאָך איז אריינגעקומען בר־קפּרא, האָט ער ווידער געדאַרפט אָנהויבען לייע־נען אויף׳ס ניי. אויף אַזאַ אופן האָט ער דריי מאָל אָנגעהויבען לייענען דיזעלבע פּרשה פון תנ"ך פון אָנהויב. איז דאָס נאָך נישט געווען גענוג, ווייל עס איז אָנגעקומען ר׳ חנינא און מען האָט פאַרלאַנגט, ער זאָל ווידער אָנהויבען פון אָנפאַנג. האָט ער זיך אַ בייזער געטהון: „וויפיל מאָל דאַרף איך דאָס אָנהויבען אויף דאָס ניי צו לייענען?"

דער כעס זיינער איז אָבער געווען בלויז פאַר איין רגע, ווייל ווען ער האָט זיך דערנאָך די זאַך איבערגעקלערט, איז ער אויף גיך געלאָפען, דעם „באַליידיגטען" צו איבערבעטען און — ווי עס ווערד דערצעהלט — האָט זיך ר׳ חנינא נישט געוואָלט לאָזען איבערבעטען. דרייצעהן ערב־יום־כפּור׳ס איז דאַן רב געגאַנגען מפייס זיין ר׳ חנינא׳ן פאַר יענער באַליידיגונג און עס האָט אַלץ נישט געהאָלפען. אַזוי האָט אויך רב אַמאָל געהאַט אַן ארגומענט מיט אַ קצב, וועלכער האָט זיך אויך נישט געוואָלט לאָזען איבער־בעטען (זעה יומא דף פ"ז עמוד א׳).

עהנליך צו דעם איז אַמאָל געווען, ווען רב איז געשטאַנען פאַר רב שילא׳ן אַלס אַ „מתורגמן" און ער האָט פאַרטייטשט, וואָס רב שילא האָט גע׳דרשנ׳ט. האָט דאַן רב אין פאַרלויף פון רב שילא׳ס דרשה איין וואָרט אַנדערש געטייטשט, ווי רב שילא האָט געוואָלט, טראָצדעם וואָס רב שילא האָט איהם געהייסען אַנדערש זאָגען און חאָטש עס איז געווען אַן אָנגע־נומענער כלל, אַז „ווען איינער פאַרדינגט זיך צו אַרבייטען ביי אַן אַנדערן, דאַרף ער איהם אפילו וואַשען די נאַסע וואָל זיינע" (יומא דף כ׳ עמוד ב׳).

אין אַן אויפבראוז פון כעס פלעגט אַמאָל רב געבען אַ קללה. אַזוי האָט איהם אַמאָל דער דיין קרנא גענודעט מיט קינדישע שאלות, האָט איהם דערפאַר רב געשאָלטען, עס זאָל איהם ארויסוואַקסען אַ האָרן פון די אויגען. דערנאָך האָט שמואל מנהרדעא רב׳ן אַהיים־גענומען צו זיך און ער האָט איהם געגעבען עסען מאכלים, וואָס זאָלען איהם פאַרדאַרבען דעם מאָגען, האָט איהם דערפאַר רב געשאָלטען, אַז ער זאָל נישט האָבען קיין קינדער (שבת דף ק"ח עמוד א׳).

די קלענסטע באריהרונג פון זיין כבוד האָט איהם אָפּטמאָל אויפ־גערעגט. אָבער נאָך מעהר ווי רב איז געוואָרען אין כעס ווענען זיין איי־גענעם כבוד, פלעגט ער זיך בייזערן, ווען עס האָט זיך געהאנדעלט וועגען דעם כבוד פון דער תורה און פון דער אמונה. האָט ער דאן געשאָלטען מענשען, וואָס ערלויבען זיך צו טהון אזעלכע זאכען, וואָס אנדערע זאָגען, אז מען טאָר נישט טהון (שבת דף ק"ב עמוד ב'). דעסגלייכען האָט ער אויך געשאָלטען איינעם, וואָס האָט געפלאנצט א בוים אום פורים (זעה מגלה דף ה' עמוד ב').

צוליעם דעם וואָס רב פלעגט מאנכעס מאָל צוריקציהען, וואָס ער האָט פריהער געזאָגט, איז וועגען איהם אָנגענומען, אז „זמנין אָמר כך וזמנין אָמר כך" (איינמאָל זאָגט ער אזוי און איינמאָל זאָגט ער אנדערש). אזוי זיינען אויך פיעלע מאמרים זיינע איבערגעגעבען דורך פארשיעדענע תלמידים אין אנדערע נוסחאות, נישט ווייל די תלמידים האָבען יעדער אנדערש ציטירט, נור ווייל ער אליין האָט יעדעס מאָל אנדערש געזאָגט.

געוועהנליך האָט רב געדענקט, אז וועהרענד דער צייט וואָס א מענש טהוט עטוואָס, קען ער זיך דעם ענין איבערלייגען און ענדערן זיין אנזיכט, האָט ער דערפאַר אויפגעשטעלט א כלל, אז „ווען א מענש האָט אנגעהויבען טהון א זאַך מיט א תנאי און געענדיגט די זאַך האָט ער אָהן א תנאי, קענען מיר דענקען, אז דער מענש האָט אינצווישען חרטה געקראָגען אויף דעם, וואָס ער האָט אָנגעהויבען" (כתובות דף ע"ב עמוד ב'). און ווען עס איז אמאָל א סוחר צו'ן איהם געקומען מיט א טענה, אז מען האָט איהם אָפּגענארט מיט'ן פרייז פאַר זיין סחורה, האָט ער דעם „אָפּגענארטען" סוחר געזאָגט, אז ער האָט דאָס וואהרשיינליך פריהער געוואוסט, און ווען ער האָט טראָצ־דעם פארקויפט זיין סחורה פאַר א קלענערן פרייז, איז דאָס ווייל ער האָט געדארפט געלד, קען איהם דערפאַר יעצט נישט העלפען זיין חרטה (בבא מציעא דף נ"א עמוד א').

רב איז געקומען צוויי מאָל פון בבל קיין ארץ־ישראל — און ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל פארלאָזען זיין היימלאנד, אויף צו געהען קיין ארץ־ישראל, איז אָנגעגאנגען צווישען די אידען אין בבל א שטארקע וואנדער־באוועגונג. עפּיס פּלוצים האָט דאָרט אלעמען ארומגענומען א חשק פון וואנדערן. די עקאָנאָמישע אומשטענדען אין בבל זיינען דאן געווען נאָרמאלע און עס האָט נישט קיינער געדארפט פיהלען די נויטווענדיגקייט, צו פאַר־לאָזען דאָס לאנד. זיינען אָבער די בשורות פון ארץ־ישראל נישט געווען קיין פרעהליכע, האָט זיך די אידען אין בבל אויסגעדאכט, אז די תורה ווערד פארגעסען אין ארץ־ישראל, דארף מען דאָרט אהין־געהען אין מאסען, אויף צו באנייען דאָס לערנען.

זיינען דאן אָנגעקומען פון בבל קיין ארץ־ישראל מענשען ענערגישע, מיט א שטארקען ווילען און א ברייט הארץ. האָבען זיי מיט זייער אנוועזענ־הייט אריינגעבראכט אהין א ניי לעבען. אויף'ן בענקעל פונ'ם „נשיא" איז געזעסען רבנו הקדוש, דער „רעדאַקטאָר" פון דער משנה. האָט דאָרט פון דעסטוועגען עפּיס נישט געמוזט זיין אין אָרדנונג, ווען עס איז שפּעטער גע־זאָגט געוואָרען, אז „ווען די תורה איז שוין אין ארץ־ישראל געווען פארגע־סען, איז געקומען ר' חייא מיט זיינע קינדער און זיי האָבען די תורה צו־ריק באנייט" (סוכה דף ב' עמוד א').

אַט דער ר׳ חייא איז געווען רב׳ס אָנקעל, ווי מיר האָבען דאָס שוין געשריבען — און ווען ער איז געגאַנגען קיין ארץ־ישראל, זיינען צוזאַמען מיט איהם געגאַנגען זיינע צוויי זיהן, חזקיה און יהודה, זיין ברודער׳ס זוהן רבה בר חנה, זיינע חברים ר׳ חנינא בר חמא, ר׳ שמלאי און אונזער רב.

ווי עס איז אָנצונעהמען, זיינען די דאָזיגע אַלע חכמים געווען אַזעל־כע, וואָס זייערע עלטערן זיינען אַנטלאָפען פון ארץ־ישראל אין דער צייט פון קייזער האדריאַן׳ס גזרות אָדער אפשר אין די צייטען פון די שפּעטערע רדיפות. זיי האָבען זיך אויך אַלע געהאַלטען צוזאַמען אין בבל און זיי זייר־נען דערנאָך אין־איינעם געקומען קיין ארץ־ישראל.

עפּיס איז יענע צייט געווען אַזעלכע, אַז עס האָט ביי יעדען אין הארצען געלעבט דער פאַרלאַנג, פאַרטצוזעצען די באַגרינדונג פונ׳ם אידישען דת אויף די יסודות פון דער „משנה" — און ווי עס פאַרשטעהט זיך, האָט רב גענומען אַ שטאַרקע האַנד אין דער דאָזיגער אַרבייט. די מחשבות זיינע האָבען זיך דאַמאָלס אָנגעהויבען אַנטוויקלען אין דער ריכטונג, צו זעהען קלאָר, וואָס עס טהוט זיך אינ׳ם אידישען לעבען. איז דאַן ביי איהם לעבע־דיג געוואָרען דער וואונש, צו נעהמען אַ האַנד ביי דער נייער באַגרינדונג פון דער אידישער אמונה.

אין דער קאָבעניש פון די אומשטענדען איז אויפגעשטורעמט געוואָ־רען רב׳ס צאַרט־פיהלענדיג הארץ און די דאגה וועגען דער אַלגעמיינער לאַ־גע פונ׳ם פאָלק האָט איהם געמאַכט אויפציטערען. האָט זיך דאַן דאָס גאַנצע לעבען זיינס געצויגען ווי אַ לאַנגע קייט צווישען פאַרצווייפלונג און האָפנונג.

שטענדיג איז זיין הארץ געווען פול זאָרג וועגען דער לאַגע פון דער אומה. איז דאַן געווען דער איינציגער וואונש זיינער, צו זעהען דאָס פאָלק באַפעסטיגט אין זיין נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

אַט די באַשטרעבונג איז צו זעהען אין יעדער טהעטיגקייט זיינער אפילו אין יענער צייט, ווען ער איז נאָך געזעסען אַלס אַ תלמיד אינ׳ם בית־המדרש און די פעהיגקייטען זיינע האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען פאַנאַנדער־וואַקסען אין זייער הערליכער געשטאַלט, וועלכעס האָט זיך באַזונדערס ארויס־געוויזען אין זיינע שאלות צו די חכמים, וואָס ער האָט ביי זיי געלערנט. דאָס נעמליכע קען מען אויך זעהען אין זיין שפּעטערער אַנטוויקלונג, ווען ער האָט אָנגעהויבען דענקען זעלבשטענדיג און די עלטערע חכמים, ביי וועלכע ער האָט געלערנט, זיינען שוין געווען געשטאָרבען.

געקומען איז ער קיין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט זיין אָנקעל ר׳ חייא און נאָך אַנדערע חכמים פון בבל. איז דאַן געזאָגט געוואָרען, אַז דער צוועק פון זייער קומען איז געווען, באַהילפיג צו זיין צו דער אַנטוויקלונג פונ׳ם פאָלק. דאַרף מען דאָביי וויסען, אַז צו דער דערגרייכונג פון דעם דאָזיגען צוועק האָט יעדער פון זיי געהאַט זיין באַזונדערן דרך אין זיינע טענדענ־צען גלייך ווי אין זיין פיהרונג, איינער האָט געוואָלט אויפהויבען דעם גייסטיגען מעמד פון די פאָלקס־מאַסען און אַ צווייטער האָט געזאָרגט פאַר׳ן פּאָליטישען צושטאַנד, איינער האָט אָנגעפיהרט אַ פאַרטיידיגונג פון די אידען נעגען די גוים און איינער האָט געשטרעבט, צו שאַפען אַ מוסטער מיט זיינע מעשים טובים.

איז דאן דאס אנקומען פון יענע חכמים קיין ארץ־ישראל געווען א ברכה פאר דער לאגע פון די דארטיגע אידען, און א באזונדערע ווירקונג האט געהאט ר' חייא. פון איהם האט ארץ־ישראל געהאט א טאפעלטען ריוח, אן עקאנאמישען און א גייסטיגען, ווייל חוץ דער טעטיגקייט זיינער ביים לערנען האט ער אויך אנגעפיהרט א האנדעל אויף א ברייטען אופן. ער האט געקויפט פעלדער און געלאזט זיי באארבייטען אויף זיין אייגענעם חשבון אדער אויף'ן חשבון פון פעכטער. נאכדעם האט ער ארויסגעפיהרט פיעלע און פארשידענע סחורות פון ארץ־ישראל, זיי צו פארקויפען אין אנדערע לענדער. ביי אט אזעלכע אונטערנעהמונגען האט ער באשעפטיגט פיעלע מענשען, אייגענע און פרעמדע. גלייכצייטיג האט ער אויך אנגעקניפט פארבינדונגען מיט די ווייטעסטע ערטער, האט זיך דערפון אנטוויקעלט א לעבהאפטער האנדעלס־פארקעהר צווישען ארץ־ישראל און די שכנ'שע לענדער. האט דאס געבראכט פרנסה צו די, וואס האבען איהם געהאלפען, גלייך ווי עס האט אויך פאראורזאכט, וואס אנדערע מענשען האבען געשטרעבט, איהם נאכצוטהון.

דערהויפט האט ר' חייא אנגעפיהרט א מסחר מיט פלאקס, און ווי עס ווערד דערצעהלט, האט ער אמאל נישט געוואלט פארקויפען דעם פלאקס לויט דעם פרייז פון יענעם טאג, וואס די סוחרים האבען איהם געוואלט צאהלען, ווייל ער האט געדענקט, צו קריגען שפעטער א גרעסערן פרייז. האבען יענע סוחרים געוואלט קויפען ביי איהם דעם פלאקס לויט'ן פרייז פונ'ם נעקסטען פורים־טאג, ווען דער פלאקס איז געווענליך געווען אם טייערסטען. האט דאן ר' חייא געפרעגט ביי ר' יהודה הנשיא, צי מען מעג דאס טהון. האט איהם ר' יהודה הנשיא געזאגט, אז דאס וועט הייסען „רבית". האט שוין ר' חייא שפעטער דערקלערט, אז אזא מין מסחר איז אין ווידערשפרוך מיט'ן אידישען דין (זעה ירושלמי בבא מציעא פרק ח' הלכה ו').

און ווען ר' חייא איז אנגעקומען מיט זיינע מענשען אין ארץ־ישראל, האבען זיי זיך נישט באזעצט אין דער שטאדט צפורי (סעפהארים), וואו ר' יהודה הנשיא האט דאמאלס אנגעפיהרט זיין ממשלה, נור זיי זיינען געגאנגען וואוינען אין טבריה. ווערד דערפאר אנגענומען, אז דאס אנקומען פון ר' חייא קיין ארץ־ישראל און זיין דארטיגע טהעטיגקייט איז נישט געווען אין גאנצען לויט דעם נשיא'ס וואונש. ער האט נישט געוואלט, אז אויסער זיין בית־המדרש אין צפורי זאל זיך אנטוויקלען אין ארץ־ישראל א צווייטע גייסטיגע מאכט, וואס איהר פארשטעהער האט זיך אויך גערעכענט פאר אן אפשטאמער פון דוד המלך.

ווילען אבער מאנכע היסטאריקער נישט צוגעבען קיין שום באדייטונג צו דעם, וואס ר' חייא האט זיך באזעצט אין טבריה און נישט לעבען דעם נשיא אין צפורי. זיי זאגען, אז עס האט נישט אין דעם געשטעקט קיין שום זייטיגע כוונה, ווייל די אורזאך דערפון איז געווען בלויז, וואס די בבליים זיינען געווען צוגעוועהנט צו'ן א הייסערן קלימאט, האבען זיי נישט געקענט פארטראגען די לופט פון צפורי און עס איז ביי זיי געווען אנגענומען, אז דער רוב מענשען פון צפורי שטארבען פון פארקיהלונג.

די מענשען אין ארץ־ישראל פלעגען אויך זאגען, אז זייט ר' חייא איז אנגעקומען מיט זיינע זיהן און תלמידים, האבען דארט אויפגעהערט בושעווען שטורמווינטען און ערדציטערנישען, עס איז אויך נישט זויער גע־

וואָרען דער ווײַן און עס איז נישט קאַליע געוואָרען דער פלאַקס (חולין דף פ"ו עמוד א').

ווי לאַנג רב איז געווען צוזאַמען מיט זײַן אָנקעל אין טבריה, האָט ער פיעל פאַרקעהרט מיט די תלמידים פון ר' מאיר, אַ שטײַגער ווי מיט ר' שמעון בן אלעזר, מיט ר' שמעון בן חלפתא און מיט סומכוס, פון וועלכע ער האָט איבערגענומען פאַרשידענע אויסשפּרוכען פון ר' מאיר און ער האָט זיי דערנאָך איבערגעזאָגט אויף ר' מאיר'ס נאָמען, גלײַך ער זאָל זיי האָבען געהערט פון ר' מאיר'ס מויל.

אזוי פלעגט רב שטענדיג זאָגען, אַז „דער מענש דאַרף זיך צוגע־וועהנען צו דענקען, אַז אַלסדינג וואָס דער אויבערשטער טהוט, איז אודאי צום גוטען" (ברכות דף ס' עמוד ב'), אָדער אַז „דער מענש זאָל זיך תמיד באַשטרעבען, צו לערנען מיט זײַנע תלמידים אויף אַ קורצען שטײַגער" (פסחים דף ג' עמוד ב'). ביי אַנדערע געלעגענהייטען פלעגט ער זאָגען, אַז „דער מענש דאַרף שטענדיג אַרויסגעהן פון זײַן הויז, ווען עס איז ליכטיג אויף דער גאַס" (פסחים דף ב' עמוד א').

רב'ס אויסשפּרוכען, וועלכע ער האָט איבערגענומען פון ר' מאיר'ס תלמידים און ער האָט זיי ווידערהאָלט אויף'ן נאָמען פון ר' מאיר, זײַנען מעהרסטענטיילס געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געהאַנדעלט וועגען דער פיהר־רונג פון די מענשען און די באַשטרעבונגען פונ'ם לעבען. רב האָט אויך באַ־זונדערס ליעב געהאַט דאָס לעבען און ער האָט עס נישט באַטראַכט ווי אַ פאַראיבערגעהענדע ערשיינונג אין דער עקסיסטענץ פון דער וועלט.

נאָכדעם ווי ר' חייא האָט זיך באַזעצט אין טבריה, איז ער אָפּט־מאָל אין באַגלייטונג פון רב געגאַנגען אין באַזוך צו ר' יהודה הנשיא אין צפורי. און אזוי ווי דאָס געהען אהין און צוריק צווישען צפורי און טבריה פלעגט פאַרנעהמען אַ געוויסע צײַט, אויסער וואָס געהענדיג אויף'ן וועג, פלעגט מען זיך אָפּטמאָל דאַרפען אָפּשטעלען, ווען די מענשען האָבען גע־וואָלט קריגען באַלעהרונג אין אַ פראַגע, וועגען וועלכער מען האָט גראָד אין יענער צײַט נישט געקענט געהען פרעגען ביים „נשיא". האָט זיך אויף אזא אופן געגרינדעט אַ וואַנדערנדער רעליגיעזער צענטער, וועלכער האָט אָפּטמאָל געענדערט דעם פּלאַץ פון זײַן ווירקונג. און ווען ר' יהודה הנשיא איז געשטאָרבען, האָט זיך ר' חייא גערעכענט אלס אַ קאָמפּעטענטערע אוי־טאָריטעט אין רעליגיעזע פראַגען, ווי עס איז געווען דער שפּעטערער „נשיא" רבן גמליאל (דער דריטער) אָדער זײַן ברודער ר' שמעון, האָט דאָס איהם דערפאַר זעהר געקרענקט, וואָס ער איז נישט דאַן אויסגעקליבען געוואָרען צו אַן אַמט אין דער פיהרונג פונ'ם פאָלק.

דאָס אָנקומען פון ר' חייא מיט זײַן משפּחה און זײַנע תלמידים אין ארץ־ישראל איז אַלזאָ געווען אַ וויכטיג געשעהעניש פון גרויסען אײַנפלוס, ווייל חוץ זייער לערנען האָבען זיי אַרײַנגעבראַכט אַ נייעם גייסט אין די געמיטהער פון די דערשלאָגענע ארץ־ישראל'דיגע מענשען, וועלכע האָבען שוין געהאַט כמעט ווי אויפגעגעבען יעדע האָפנונג אויף אַ פרייער לעבען. אזוי ווי דאָס לעבען פון די אידען אין בבל איז דעמאָלט געווען בעסער ווי אין ארץ־ישראל, זײַנען די מענשען פון ארום ר' חייא נישט ארומגעגאַנגען מיט אָנגעבויגענע רוקענס און זיי האָבען אויך מיט זייער פרייען קוק באַאײַנפלוסט די אידען אין ארץ־ישראל.

האָט דאַן דאָס פֿאָלק אין ארץ־ישראל געזעהן אין׳ם אָנקומען פֿון ר׳ חייא אַ נייע אויפֿריכטונג פֿון דער תורה, זי זאָל נישט פֿארגעסען ווערען. צוגלייך איז אויך אויפֿגעהויבען געוואָרען דאָס געזעלשאַפֿטליכע לעבען אין די קרייזען פֿון די חכמים דורך זייערע צוזאַמענקונפֿטען און געגענזייטיגע באַזוכען פֿון איינעם ביים אַנדערן.

און אַזוי ווי רב איז אומעטום מיטגעגאַנגען מיט זיין אָנקעל ר׳ חייא און ער האָט זיך שטענדיג אינטערעסירט פֿאַר די גבורות פֿון דוד המלך גלייך ווי פֿאַר זיינע באַהעלטעניש׳ען בעפֿאַר שאול און זיינע מלחמות מיט די פלשתים, האָט זיך רב געגנוי באַקאַנט מיט דער געאָגראַפֿיע פֿון ארץ־ישראל גלייך ווי מיט די אונטערשיעדען אין דער לאַגע פֿון די אידען און זייערע מנהגים אין די פֿאַרשיעדענע ערטער (ירושלמי כתובות פרק ט׳ הלכה ט׳).

יענע צייט, וואָס רב האָט אַרומגעריזט צוזאַמען מיט זיין אָנקעל ר׳ חייא איבער פֿאַרשיעדענע לענדער, האָט ער מיט זיין שאַרפֿען בליק שטודירט דאָס לעבען פֿון פֿאַרשיעדענע פֿעלקער און זייערע קולטורען. אַזוי ווי ער האָט געקוקט מיט אָפֿענע אויגען אויף אַלע ערשיינונגען, וואָס ער האָט געזעהן אויף זיינע רייזען, האָט ער פֿאַרשטאַנען די אומשטענדען פֿון די אידען אין פֿאַרשיעדענע לענדער (קדושין דף ע״א עמוד ב׳), גלייך ווי ער האָט באַגריפֿען די פֿיהרונגען פֿון דער עבודה־זרה אין פֿאַרשיעדענע מקומות פֿון ארץ־ישראל, בבל און מדי (עבודה זרה דף י״א עמוד ב׳, ירושלמי עבודה זרה פרק א׳ הלכה ב׳).

אויף איינער פֿון יענע רייזען, וואָס רב האָט געמאַכט אין געזעלשאַפֿט פֿון זיין אָנקעל ר׳ חייא — ווערד דערצעהלט — איז ר׳ חייא אַמאָל געקומען צו זיינעם אַ גוי׳שען פֿריינד אין דער שטאָדט אשנא. האָט דאַן יענער פֿריינד געמאַכט אַ גרויסע סעודה לכבוד די געסט, אויף וועלכער ער האָט אָנגעגרייט אַלסדינג, וואָס עס איז נור באַשאַפֿען געוואָרען אין די „ששת ימי בראשית״. דערנאָך האָט דער פֿריינד געפֿרעגט: „וואָס פֿאַר אַ סעודה קען דיר שוין דיין גאָט מאַכען אויף יענער וועלט?״ — האָט איהם ר׳ חייא געענטפֿערט: „דיין סעודה האָט אַן ענד, אָבער די סעודה, וואָס אונזער גאָט וועט פֿאַר אונז מאַכען, ווען משיח וועט קומען, האָט נישט קיין סוף און קיין ענד״ (מדרש מגלת אסתר פרשה ב׳).

שפּעטער איז רב צוריקגעגאַנגען אַליין קיין בבל. איז ער אָבער דאָרט דאַמאָלס בלויז אַ קורצע צייט פֿאַרבליבען און דערנאָך איז ער ווייטער צוריקגעקומען קיין ארץ־ישראל.

ווי עס איז אָנצונעהמען, האָט רב ביי זיין אָנקומען דאָס ערשטע מאָל אין ארץ־ישראל צוזאַמען מיט זיין אָנקעל ר׳ חייא און די אַנדערע תלמידים פֿון זיין אָנקעל, נישט מעהר דאָרט פֿאַרבראַכט, ווי אַ פֿינף אָדער זעקס יאָהר צייט. דערנאָך איז ער פֿאַר אַ קורצע צייט צוריק געגאַנגען קיין בבל. און ווי עס דאַכט זיך, האָט זיין דאַמאָלסדיגע אָנוועזענהייט אין בבל נישט געהאַט קיין איינפֿלוס אויף׳ן ווייטערן גאַנג פֿון זיין לעבען אָדער אויף דער פֿיהרונג פֿון די אידען.

די אורזאַך, וואָס ער איז דאַמאָלס געגאַנגען קיין בבל, איז וואָהר־שיינליך געווען, וואָס ער האָט געוואָלט הייראַטען. חאָטש דאָס ווערד נישט אויסדריקליך דערצעהלט, קען מען דאָס אַרויסדרינגען פֿון דער געזעגענונג

זיינער מיט ר׳ חייא׳ן, ווייל ווען רב האָט זיך געזעגענט מיט זיין אָנקעל, איידער ער איז אוועקגעגאנגען פון ארץ־ישראל, האָט איהם ר׳ חייא געזאָגט: „דער אויבערשטער זאָל דיך אָפּהיטען פון יענער זאך וואָס איז ערגער פונ׳ם טויט!״...

האָט דאָן רב נאָכגעקלערט, וואָס עס קען אייגענטליך זיין ערגער פונ׳ם טויט, האָט ער וועגען דעם אַזוי לאַנג געדענקט, ביז עס איז איהם איינגעפאַלען יענער פסוק פון קהלת (קאַפּיטעל ז׳ פסוק כ״ו), וועלכער זאָגט, אַז „ביטערער ווי דער טויט קען זיין די פרוי״. קען מען דערפאַר אָננעהמען, אַז דער אָנקעל זיינער האָט איהם געוואָלט אָנזאָגען, אַז ער זאָל ביים אויסקלייבען אַ פרוי גוט אכטונג געבען (זעה יבמות דף ס״ג עמוד א׳).

און ווען רב האָט געוואָלט אוועקגעהן פון ארץ־ישראל, האָט ר׳ חייא געזאָגט צו ר׳ יהודה הנשיא: „מיין שוועסטער׳ס זוהן געהט קיין בבל, טאָ מעג ער דאָרט באַלעהרענען די מענשען?״ — האָט איהם דער נשיא געענטפערט: „ער מעג!״ — האָט דאָן ר׳ חייא ווייטער געפרעגט: „מעג ער דאָרטען פסק׳ענען שאלות?״ — האָט איהם דער נשיא געענטפערט: „ער מעג!״

דערנאָך האָט ר׳ חייא ווייטער געפרעגט, צי ער מעג אויך ארויסגעבען אַן אורטייל וועגען די „בכורות״ פון אַ בהמה טהורה, האָט איהם ר׳ יהודה הנשיא געענטפערט: „דאָס טאָר ער נישט!״ (זעה סנהדרין דף ה׳ עמוד א׳).*)

כמעט די גאַנצע צייט, וואָס רב איז דאַמאָלס געוועזען אין בבל, האָט ער פאַרבראַכט אין דער שטאָדט נהרדעא, וואו ער האָט ווייטער געלערנט. ער פלעגט זיך אויך פון דאָרט דורכשרייבען מיט ר׳ יהודה הנשיא און אין זיינע בריעף פלעגט ער אריינפלעכטען צווישען די שורות פאַרשיעדענע רעליגיעזע שאלות (זעה ירושלמי גטין פרק ה׳ הלכה ג׳).

אַ קורצע צייט שפּעטער, נאָכדעם ווי רב איז צוריקגעקומען פון בבל, איז ר׳ יהודה הנשיא געשטאָרבען. פאַרגעקומען איז דאָס ארום דעם יאָהר ג׳ אלפים תתק״נ (190 לויט קריסטליכער צייט־רעכנונג). עס האָט אויך ווייטער נישט לאַנג געדויערט, איז רב׳ס אָנקעל, ר׳ חייא, געשטאָרבען.

נאָך דער פטירה פון ר׳ יהודה הנשיא איז זיין זוהן רבן גמליאל (דער דריטער) געקומען אויף זיין פּלאַץ און ער האָט אָנגעפיהרט דאָס אַמט לערך 10 יאָהר צייט. איז דאַן רב ווייטער געזעסען ביים נשיא אינ׳ם בית־המדרש ווי אַ תלמיד. ער האָט אויך שפּעטער פיעל איבערגעגעבען פון דעם, וואָס ער האָט ביי ר׳ גמליאל געלערנט. ערשט ווען ר׳ גמליאל איז געשטאָרבען און ר׳ יהודה נשיאה דער ערשטער איז אויסגעקליבען געוואָרען אויף זיין פאָטער׳ס אָרט, האָט שוין רב נישט געוואָלט לענגער בלייבען אין ארץ־ישראל און ער איז אוועק צוריק קיין בבל, וואו ער איז פאַרבליבען ביז צום סוף פון זיין לעבען.

---

*) די גמרא באַנוצט דאָרט דעם פאָלגענדען וואָרטלויט: „בן אחותי יורד לבבל, יורה? יורה! ידין? ידין! יתיר בכורות? אל יתיר!״—און דער ענין פון „בכורות״ איז דאַמאָלס געווען, וואָס נאָכדעם ווי דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען, האָט אַ איד געדאַרפט האַלטען דעם בכור פון אַ בהמה טהורה, ביז ער האָט געקראָגען אַ מום. און וועגען דער אָנערקענונג פון אַזאַ מום האָט מען געדאַרפט אָנפרעגען ביים בית־דין. האָט ר׳ יהודה הנשיא ערלויבט, אַז רב זאָל מעגען פסק׳ענען אַלע דינים, נור די דינים פון „בכורות״ זאָל ער נישט טאָרען פסק׳ענען.

א גרויסען איינפלוס אויף רב'ס ענדגילטיגען צוריקקעהר קיין בבל האָט אויך געהאַט די פאַרערגערטע פּאָליטישע לאַגע פון די אידען אין ארץ־ישראל. צוליעב דער דאָזיגער לאַגע האָט ר' חייא איינמאָל געזאָגט, אז ווייל דער אויבערשטער האָט געוואוסט, אז די אידען וועלען נישט קענען דער־טראָגען די שווערע גזרות פון אדום, דאָס הייסט פון די רוימער, האָט ער זיי דערפאַר פארטריבען קיין בבל, וואו זיי האָבען די מעגליכקייט, צו לעבען אונטער בעסערע פּאָליטישע אומשטענדען (זעה פסחים דף פ"ז עמוד ב').

קען מען פון אזא זאָג ארויסלערנען, אז ווען ר' חייא וואָלט זיך נישט דעמאָלט געפיהלט אַלט און שוואך, אויף צוריק צו געהן קיין בבל, וואָלט ער אפשר אליין אויך אויסגעוואַנדערט פון ארץ־ישראל. פון דעסט־וועגען איז די שלעכטע פּאָליטישע לאַגע נישט געווען די איינציגע אורזאַך, וואָס רב איז צוריק־געגאַנגען קיין בבל. גיבער איז אָנצונעהמען, אז עס האָט דערביי פיעל מיטגעשפּיעלט, וואָס ר' יהודה נשיאה האָט איהם נישט געגעבען קיין באַזונדערען אַמט אין זיין בית־המדרש, ווייל ווי געדולדיג רב האָט ביז דאַמאָלט אריבערגעטראָגען יעדע צוריקזעצונג, האָט ער דאָס זיכער מעהר נישט געוואָלט ליידען און ער איז דערפאַר אוועק פון ארץ־ישראל.

עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערען, אז ווען רב איז צוריק געקומען פון בבל, האָט איהם ר' יהודה הנשיא ווידער ערלויבט, ער זאָל מעגען מתיר זיין נדרים און אורטיילען ביי פראגען וועגען פרויען־ריינקייט. און ווען ר' יהודה הנשיא איז געשטאָרבען, האָט רב געבעטען ביי זיין נאָכפאָלגער, ביי רבן גמליאל הייסט עס, ער זאָל איהם ערלויבען, מתיר צו מאַכען „בכורות". האָט איהם ר' גמליאל געענטפערט: „איך קען דיר נישט געבען מעהר, ווי מיין פאָטער האָט דיר געגעבען!" (חגיגה דף ה' עמוד א').

און האָטש רב האָט געהאַט א באַשרענקטע „סמיכה", האָט מען איהם פון דעסטוועגען אָפטמאָל מצרף געווען צו די „סנהדרין". און אזוי ווי ער איז דאַן געווען דער אינגסטער פון אַלעמען, איז ווען מען האָט אָנגעהויבען פרעגען מיינונגען ביי די, וואָס זיינען געזעסען אין די סנהדרין, האָט מען ביי איהם געפרעגט צום ערשטען (זעה גטין דף נ"ט עמוד א').

וועגען רב'ס חשיבות פון יענער צייט דערצעהלט אויך ר' יוחנן, אז ווען ער איז געזעסען אין בית־המדרש פון ר' יהודה הנשיא, פלעגט ער זי־צען זיבעצען שורות הינטער רב, און וועהרענד דעם לערנען זיינען גע־פלויגען פייערדיגע פונקען פון רב'ס מויל צום מויל פון ר' יהודה הנשיא און פון ר' יהודה הנשיא'ס מויל צו רב'ס מויל, און ער, ר' יוחנן הייסט עס, פלעגט זיך גוט איינהערען צו זייערע ווערטער און נישט פארשטעהען וואָס זיי זאָגען (חולין דף קל"ז עמוד ב').

עס דאַכט זיך אויך, אז אַנדערע תלמידים פון ר' יהודה הנשיא האָבען מורא געהאַט פאר רב'ס גרויסקייט. אזוי ווערד דערצעהלט, אז ר' חנינא בר חמא האָט געזעהן אין חלום, ווי רב ווערד ארויפגעשטעלט אויף א פּאַלמען־בוים. איז דאָס געווען פארערכענט אלס א סימן פון צוקינפטיגער גרויסקייט. האָט ר' חנינא מורא געקראָגען, אז ער זאָל איהם נישט ארי־בער־וואַקסען. האָט ער איהם דערפאר געוואָלט פארטרייבען פון ארץ־ישראל צוריק קיין בבל (יומא דף פ"ז עמוד ב').

נאָכ'ן טויט פון רבן גמליאל, דעם זוהן פון ר' יהודה הנשיא, האָט זיך געענדיגט די ערשטע עפּאָכע אין רב'ס לעבען אלס תלמיד און ער האָט

שוין געוואָלט שפּילען די ראָלע פון אַ לעהרער. אַזוי ווי ער האָט נישט מעהר געהאַט דעמזעלבען דרך־ארץ פאַר ר׳ יהודה נשיאה, ווי ער האָט געהאַט פאַר זיין זיידע׳ן ר׳ יהודה הנשיא אָדער פאַר זיין פאָטער רבן גמליאל, האָט ער מעהר נישט געוואָלט ביי איהם בלייבען אלס אַ תלמיד.

די צייט, אין וועלכער רב האָט געלעבט דאָס צווייטע מאָל אין ארץ־ישראל, איז געווען די רייכסטע אין׳ם געגענזייטיגען איינפלוס פון די תלמידי חכמים. האָבען אָבער פון דעסטוועגען געהערשט צווישען זיי שאַרפע רייבונגען און מיינונגס־פאַרשיעדענהייטען. עס האָבען אויך דאַמאָלס עקסיסטירט עטליכע גייסטיגע צענטערס און ישיבות. חוץ דער ישיבה פונ׳ם נשיא אין צפורי, זיינען געווען ישיבות אין טבריה און אין צעזאַרעא. האָט דאָן ר׳ יהודה הנשיא געשטרעבט צו קאָנצענטרירען די גאַנצע רעליגיעזע מאַכט אין זיין האַנד, און אַזוי ווי עס זיינען דאַמאָלס געווען פיעלע חכמים, וואָס האָבען זיך געקענט מעסטען אין לערנען מיט׳ן נשיא, האָט ער געקאַרגט אין געבען „סמיכה” און אַזעלכע חכמים ווי לוי בן סיסי, שמואל מנהרדעא, אַזוי ווי יהודה און חזקיה, די צוויי זיהן פון ר׳ חייא, האָבען נישט געקראָגען קיין „סמיכה”.

פּאָליטיש איז דערווייל די לאַגע פאַרערגערט געוואָרען. נאָך׳ן טויט פון קייזער קאָמאָדעאוס (אין 192 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג) האָט פּעסצעניוס ניגער פּרובירט, צו ערראָבערן די רוימישע מלוכה. האָט איהם סעפּטימוס סעווערוס אין אַן אָפענער שלאַכט באַזיעגט. איז היינט שווער צו וויסען, אויף וועמעס זייט אידען זיינען אין דעם דאַזיגען קאַמפּף געשטאַנען, גלייך ווי עס איז נישט באַוואוסט, צי עס האָט זיי נישט איינער פון די צדדים צוגעזאָגט געוויסע נאַציאָנאַלע קאָנצעסיעס, ווען ער וועט זיעגען.

לויט די אומשטענדען און די דאָקומענטען, וואָס זיינען פאַרהאַנען פון יענער מלחמה, איז אָנצונעהמען, אַז די אידען האָבען דעמאָלט גאָר נישט געקלערט וועגען אַ נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. בלויז לויט זייער פּאָליטישען אינסטינקט האָבען זיי פאַרשטאַנען, אַז זיי דאַרפען שטעהען אויף דער געגענגעזעצטער זייט, ווי עס שטעהען די אַנדערע איינוואָהנער פון ארץ־ישראל, ווייל די גוים (די רוימער, גריכען און סיריער) זיינען געגאַנגען מיט פּעסצעניוס ניגער. דאָסזעלבע האָבען אויך געטהון די „שומרונים” פון שכם — און וועגען דער שטעלונג פון די אידען איז בלויז פאַרהאַנען אַן אָנצוהערעניש אין רב׳ס אַן אויסשפּרוך, וועלכער האָט געזאָגט „מן דסופיינוס אני” (זעה ירושלמי ברכות פּרק ט׳ הלכה א׳).*)

אין דערזעלבער צייט איז אויך אויסגעבראָכען אַ מלחמה אַ שאַרפע צווישען די שומרונים און די אידען, ביי וועלכער עס איז פיעל בלוט פאַרגאָסען געוואָרען. און ווען סעפּטימוס סעווערוס האָט דערנאָך געזיעגט און ער איז געוואָרען קייזער פון רוים, זיינען די אָנהענגער פון פּעסצעניוס ניגער שווער באַשטראָפט געוואָרען. און אין יאָהר 200 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג, ווען סעפּטימוס סעווערוס איז צוריק געגאַנגען פונ׳ם שלאַכטפעלד, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרוויסטעט די פּאַרטהישע לענדער, אַדיאַבענע און

*) אַזוי ווי עס איז שווער צו זאָגען, אַז דער נאָמען „סופיינוס” פונ׳ם אויבען ציטירטען ירושלמי זאָל זיין איבערגעדרעהט פון „סעפּטימוס” און ער קען אויך גילטען פאַר׳ן נאָמען „פּעסצעניוס”, ווילען מאַנכע היסטאָריקער ערקלערען, אַז ווען רב האָט דאַמאָלס באַגעגענט סאָלדאַטען פון פּעסצעניוס ניגער, האָט ער זיי אָפּגענאַרט, אַז ער שטעהט אויף זייער זייט, ווייל ער איז צוגלייך מיט אַלע אידען געשטאַנען אויף דער זייט פון סעפּטימוס סעווערוס.

מעזאָפּאָטאמיען, נישט קענענדיג זיי אונטעריאָכען אונטער רוים, איז ער דורכגעגאַנגען ארץ־ישראל און ער האָט דאָרט ארויסגעגעבען געזעצע געגען גוים און שומרונים.

ווענען די אידען האָט ער בלויז געזאָגט, אַז „אויב זיי ווילען זיך האַלטען ביי זייער נאַרישער אמונה, זאָלען זיי זיך האַלטען אין זייער נאַרישקייט און עס זאָל זיי נישט געשטערט ווערען. ווערט זיך אָבער אַ גוי פון די ארץ־ישראל'דיגע בירגער לאָזען איבעררײדען צו דער אידישער אמונה אָדער צום קריסטענטום, זאָל מען אַזא שרײט מיט טויט באַשטראָפען".

דערווייל האָט ארץ־ישראל נישט אויפגעהערט צו זיין אַ פּלאַץ פון מלחמות און הריגות. איינער אַ געוויסער קלוידיוס, וואָס קיינער ווייסט נישט, ווער און וואָס ער איז געווען און די רוימער האָבען איהם גערופען „לאטרא", וועלכעס מיינט פּשוט אַ „באַנדיט", איז געוואָרען אַ פיהרער פון „גערילאַס", וואָס האָבען געאַרבייט אין סיריען און אין ארץ־ישראל. פון זייערע באַהעלטענישען אין די בערג פון יהודה פלעגען זיי דאַן אָנפאַלען אויף יעדען פאַרבייגעהער אָדער אויף די ארומיגע שטעדט און רויבען און הרג'נען, ווי ווייט עס האָט זיך נור געלאָזט.

און אַזוי ווי צוליעב אומערקלערליכע אומשטענדען האָבען זיך צווישען די דאָזיגע „גערילאַס" געפונען פיעלע אידען, האָט די רוימישע רעגירונג אויפגעפאָדערט ר' אלעזר בן ר' שמעון בן יוחאי און ר' ישמעאל דעם זוהן פון ר' יוסי בן חלפתא, זיי זאָלען העלפען אויסגעפינען די אידישע באַנדיטען אין זייערע הייהלען און זיי איבערגעבען צו דער רעגירונג.

האָט דאַן ר' יהושע בן קרחה געשיקט זאָגען צו ר' אלעזר ב"ר שמעון: „דו עסיג, דער זוהן פון וויין, ווי לאַנג וועסטו נאָך איבערגעבען דאָס פאָלק פון אונזער גאָט צום הרג'ענען?" — האָט ר' אלעזר געענטפערט: „איך פאַרטיליג בלויז די דערנער פונ'ם ווייננאָרטען!" — האָט ר' יהושע אויף דעם געזאָגט: „זאָל קומען דער אייגענטימער פונ'ם גאָרטען און אליין פאַרטיליגען די דערנער!" (בבא מציעא דף פ"ג עמוד ב').

ווי באַמערקט, האָט רב געהאַלטען מיט סעפּטימוס סעווערוס. אָבער איידער ער איז דאַמאָלס אַוועק פון ארץ־ישראל, האָט ער געזאָגט: „בעסער צו זיין אונטער ישמעאל, נישט אונטער אדום!" (שבת דף י"א עמוד א').*)

ארום דעם יאָהר ג' אלפים תתקע"ט לבריאת עולם (219 לויט קריסט־ליכער צייט־רעכנונג), ווען רב (אבא אריכא) איז אַלט געווען 63 יאָהר, איז ער דאָס צווייטע מאָל צוריקגעגאַנגען פון ארץ־ישראל קיין בבל און ער איז שוין טאַקי אויך דאָרטען פאַרבליבען ביז צום סוף פון זיין לעבען.

---

*) אין אָט דעם מאמר, וועלכער איז איבערגעגעבען אין דער גמרא דורך רבא בר מחסיא אויפ'ן נאָמען פון רב חמא בר גוריא, וועלכער האָט דעם מאמר געהערט פון רב, איז דער טעקסט זיכער נישט ריכטיג איבערגעגעבען געוואָרען, ווייל ער זאָגט דאָרט: „תחת ישמעאל ולא תחת אדום, תחת אדום ולא תחת חבר, תחת חבר ולא תחת תלמיד־חכם, תחת תלמיד־חכם ולא תחת יתום ואלמנה". איז דער אויסשפּרוך „תחת אדום ולא תחת חבר" אַ שפּעטערער פון נאָך רב, ווייל ער געהט אויף דער צייט, וואָס די פייער־דינער פון בבל (די „חברים") האָבען פאַרפאָלגט די אידען, און די אידען אין בבל האָבען דאַן ליבערשט געוואָלט ליידען פון די רוימער, איידער פון די פּערזער. אָבער דאָס ווייטערע פון יענעם מאמר איז שוין לחלוטין נישט צו פאַרשטעהען. נור אַזוי ווי ער איז אָנגעקומען צו אונז דורך אַ דריטען מויל און עס האָט זיך נאָך דאָרט געגראַבעלט די האַנד פון דער צענזור, איז דער שלום זיינער זיכער אַ צוגעטשעפּעטער, און איין גאָט ווייסט פון וואָס פאַר אַ האַנד.

מעגליך, אז ער האָט נאָך אמאָל געדענקט, צוריק צו געהן קיין ארץ־ישראל, ווייל ווי עס ווערד דערצעהלט, האָט ער ביי א געוויסער געלעגענהייט, געזאָגט צו זיין זוהן חייא, ער זאָל איהם אויפבויען א הויז אין ארץ־ישראל. דאָביי איז אויך געזעדט געוואָרען, ווי וויט עס גרייכען די גרעניצען פון'ם לאַנד, צו קענען באַצייכענען אן אָרט מיט'ן נאָמען „ארץ־ישראל". איז דערפון געדרונגען, אז רב האָט נאָך דאַמאָלס גע'חלום'ט אוועקצוגעהן פון בבל, נור עס האָט זיך איהם נישט איינגעגעבען און חייא האָט נישט דורכגעפיהרט דעם פאָטער'ס וואונש (זעה בראשית רבה פרשה ט"ז פיסקא ה').

איידער רב איז דאַמאָלס אָנגעקומען אין בבל, דערצעהלט די לעגענדע, איז שמואל און קרנא, וועלכע זיינען געווען דיינים אין נהרדעא, געשטאַנען ביים ברעג פון'ם „נהר מלכא", דאָס איז דער קאַנאַל, וואָס קעניג האמוראבי (אמרפל מלך שנער) האָט אויסגעבויעט, צו מאַכען א פאַרבינדונג צווישען די וואַסערען פון'ם טייך פרת מיט די וואַסערען פון'ם „טיגרים" (חדקל). איז דאַן דאָס וואַסער פון'ם „נהר מלכא" געווען זעהר טריב און שטורמיש. האָבען יענע צוויי חכמים פאַרשטאַנען, אז עס קומט יעצט אָן אין בבל א מאַן, וואָס וועט מאַכען אויפקאָכען דאָס גאַנצע אידענטום.

עס איז אויך באַלד ביי רב'ס אָנקומען געווען א צוזאַמענשטויס צווישען רב און יענע צוויי חכמים, וועלכעס האָט זיך געענדיגט מיט רב'ס א קללה, ווי מיר האָבען שוין אויבען געשריבען.

שפּעטער האָט זיך רב שטענדיג געסטאַרעט, צו זיין פריינדליך צו שמואל מנהרדעא און ער האָט איהם צוגעטיילט גרויס כבוד, חאָטש שמואל פלעגט זיך שטענדיג באַשטרעבען, צו זאָגען דאָס פאַרקעהרטע פון דעם, וואָס רב האָט געזאָגט. און ווי וויט רב פלעגט אָפּגעבען כבוד צו שמואל'ן, ווערד דערצעהלט, אז אַזוי ווי זיי זיינען אַמאָלביידע געגאַנגען צו'ן א ברית־מילה, האָט רב נישט געוואָלט אריינגעהן אין יענעם הויז בעפאָר שמואל'ן און שמואל האָט געוואָלט געבען דעם פאָרצוג צו א דריטען חכם, וועלכער איז געווען מיט זיי צוזאַמען. האָט דאַן רב געגומען שמואל'ן אויף די פּלייצעס און ער איז מיט איהם אריינגעגאַנגען אין יענעם הויז (בבא קמא דף פ' עמוד ב').

ווי עס איז שוין אויבען דערצעהלט, האָט מען דאַמאָלס די ישיבה אין נהרדעא גערופען „סדרא" און דער פיהרער פון דער דאָזיגער ישיבה איז געווען רב שילא. אין יענער צייט, ווען רב איז אָנגעקומען אין בבל, האָט אויך נאָך געלעבט אבא בר אבא, דער פאָטער פון שמואל מנהרדעא. און אַזוי ווי רב האָט נישט געטויגט צו זיין „פּוסק סדרא" אָדער א „מתורגמן", ווי מיר האָבען דאָס דערצעהלט וועגען זיין אויפשטויס מיט רב שילא, האָט ער דאַן געזוכט פרנסה פון אַן אַנדערן געביעט. האָט איהם דער „ריש גלותא" געמאַכט פאַר אַן אויבער־אויפזעהער איבער'ן מאַרק פון דער שטאָדט (אגורנומין), ער זאָל אַכטונג געבען אויף א ריכטיגע מאָס און וואָג, ער זאָל אויך אָפּשאַצען דעם ווערטה פון די סחורות, פעסטצושטעלען זייער פּרייז, נישט צו לאָזען אָפּנאַרען די קויפער. גלייכצייטיג האָט ער געדאַרפט זעהן, אז דער וויין, וואָס ווערד ארויסגעבראַכט אין מאַרק, זאָל נישט זיין קיין געפעלשטער.

האָט רב צו דעם דאָזיגען אַמט אויך נישט געטויגט. ער האָט געדענקט, אז די אויפגאַבע זיינע איז בלויז, אַכטונג צו געבען אויף דער

ריכטיגקייט פון וואג און מאס, נישט אויף די פרייזען אדער אויף דער קוואליטעט פון דער סחורה, און טאמער לאזט זיך איינער אפנארען מיט'ן פרייז אדער מיט דער קוואליטעט פון דער סחורה, דארף זיך אין דעם קיינער נישט מישען, ווייל דאס זיינען זאכען, וואס באריהרען בלויז דעם אינדיווידועלען קויפער און נישט די אלגעמיינע איינוואוינער. האט איהם דער „ריש גלותא" פאר די דאזיגע אנזיכטען ארונטערגעזעצט פונ'ם אמט, און ווייל ער האט נישט געגוי געפאלגט די באפעהלען פונ'ם „ריש גלותא", איז ער אויך ארעסטירט געווארען (ירושלמי בבא בתרא פרק ה' הלכה ה').

נאך'ן טויט פון רב שילא האט רב איבערגעלאזען די ישיבה פון נהרדעא פאר שמואל'ן און ער איז געגאנגען קיין הוצל, וואו ר' אחי בר יאשיה איז פריהער געווען דער „ראש ישיבה". און אזוי ווי די תלמידים פון ר' אחי זיינען דאמאלס געווען אהן א פיהרער, איז רב אנגענומען געווארען אלס פיהרער פון זייער ישיבה.

איז הוצל דאן געווען די ערשטע סטאנציע פאר רב'ס זעלבשטענדיגע טהעטיגקייט אין בבל. פון דאמאלס אן איז דאס ווארט זיינס געהערט געווארען און דער נאמען זיינער האט אנגעהויבען באקאנט ווערען אין אלע קרייזען פון די חכמים. און ווען רב האט דערנאך געגרינדעט זיין ישיבה אין סורא, זיינען די תלמידים פון הוצל געווען די ערשטע, וואס זיינען געקומען אין גאנצע מחנות קיין סורא.

שווער צו וויסען די אורזאך, וואס רב האט זיך עפיס פלוצלינג אויסגעקליבען דעם טהאל פון סורא און די שטאדט מתא מחסיא פאר זיין ווירקונגסקרייז. עס איז אויך כאראקטעריסטיש, אז די ישיבה אין סורא האט געקראגען א העכערן טיטעל, ווי די ישיבה אין נהרדעא האט געהאט, ווייל די ישיבה אין סורא האט זיך נישט גערופען „סדרא", נור „מתיבתא", דאביי איז אינטערעסאנט צו וויסען, אז די געגענד פון סורא איז דאמאלס געווען וויניג באוואוינט און עס האבען דארט געהויזט אלערליי צווייפעלהאפטע געזינדעל, וועלכע זיינען באשטאנען אס מייסטען פון רויבער און גנבים. האט רב'ס ישיבה געבראכט אהין קולטור און זיכערקייט פונ'ם לעבען. צוזאמען מיט'ן אנקומען פון אזוי פיעל תלמידים האט זיך אויך דארט געמאכט פרנסה פאר די מענשען, וועלכע זיינען אונטער'ן איינפלוס פון דער ישיבה ציוויליזירט געווארען.

דער קלימאט פון דער געגענד איז געווען זעהר א הייסער, ווי עס קען נישט זיין אנדערש אין א געגענד, וועלכע געפינט זיך אין א טהאל. האבען דאן די מענשען אין ארץ־ישראל געזאגט, אז „די בבליים זיינען נאראנים, ווייל זיי וואהנען אין א פינסטער לאנד" (פסחים דף ל"ד עמוד ב', יומא דף נ"ז עמוד א'), אבער אפילו דער דאזיגער הייסער קלימאט איז דארט נישט געווען קיין סטאבילער און די צייט פון רעגען איז נישט געווען קיין באשטימטע. פלעגט מען דערפאר זאגען: „אזוי ווי די בבליים זיינען ליגנער, פונקט אזוי ליגנערען זייערע רעגענס" (תענית דף ט' עמוד ב').

פון דעסטוועגען איז יענע גאנצע געגענד געווען רייך באדעקט מיט וואסער. אויסער דעם שטורמישען טייך טיגרים (חדקל) און דעם שטילען טייך פרת, איז דאס גאנצע לאנד געווען פארזייעט מיט גרעסערע און קלענערע אזערעס, וואס די ברעגעס זייערע זיינען געווען באדעקט מיט וואסערשטעקעלעך (שילף), פון וועלכע מען פלעגט מאכען ראגאזשעס. ביים שניי־

די אמוראים פון בבל

דען די דאָזיגע „שילף" זיינען געוועהנליך פיעלע ארבייטער געווען באַשעפטיגט און מען פלעגט זיי רופען „קטלי קניא באגמא", דאָס הייסט: מענשען וואָס שניידען וואַסער־שטעקעלעך אינ׳ם געמויזעכץ.

צווישען די דאָזיגע וואַסער־שטעקעלעך פלעגען זיך ווידמענען פאַרשיעדענע אויסטערלישע חיה׳לעך, ווערים און בייזע פליגען, וועלכע האָבען פאַרשפּרייט כל־ערליי קלעפּיגע קראַנקהייטען איבער דער גאַנצער געגענד. ווערען דערפאַר דערמאָנט פאַרשיעדענע „אונטערגאַנגען", וואָס האָבען אויסגעבראָכען אין יענער צייט אין סורא — און עס ווערד דאַביי צוגעגעבען, אַז אין דער שכנות פון רב האָבען יענע מיני קראַנקהייטען נישט געהאַט קיין שליטה (תענית דף כ״א עמוד ב׳).

די אורזאַך דערפון איז וואַהרשיינליך, וואָס אידען האָבען געהאַט מיטלען, אויף אויסצוהיטען זיך פון די קלעפּיגע קראַנקהייטען. געוועהנליך האָבען זיי דאָרט געפלאַנצט וועלדער פון טייטעלבוימער, צו רייניגען די לופט מיט זייער ריח. און אַז זיי האָבען שוין פאַרמאָגט אַזעלכע וועלדער, האָבען זיי די טייטעלבוימער געבראַכט נאָך אַנדערע נוצען. פון זייער האָלץ האָט מען געמאַכט פאַרשיעדענע כלים. פון די טייטלען האָט מען געמאַכט ביער צום טרינקען און פון די צווייגען ווי פון די בלעטער האָט מען געפלאָכטען קערב.

זעהר פאַרשפּרייט איז דאַן געווען אין בבל דאָס טרינקען ביער. געוועהנליך האָט מען עס פאַבריצירט פון טייטלען. אַנדערע ביערען האָט מען געמאַכט פון האָפּען, מיט וועלכע עס האָט זיך דאָרט געפיהרט אַ ברייטער האַנדעל (בבא מציעא דף צ״ב עמוד ב׳). עס איז אויך באַקאַנט געווען ביער פון גערשטען (פּסחים דף ק״ז עמוד א׳).

מאַנכע פון די חכמים אין בבל האָבען זיך אַליין אָפּגעגעבען מיט מאַכען ביער און זיי זיינען דערפון רייך געוואָרען. אין אַלגעמיין איז דאָרט ביער געווען פאַררעכענט אַלס אַ „חמר מדינה" (ד. ה. אַ סוראָגאַט פון וויין). איז דאַדורך געווען אַ קשיא, צי מען מעג קידוש מאַכען איבער ביער. האָט דאַן רב געזאָגט, אַז קידוש מאַכען איבער ביער טאָר מען נישט, אָבער הבדלה מאַכען מעג מען (פּסחים דף ק״ז עמוד א׳).

זיי האָבען אויך דאָרט אין בבל געהאַט וויניג אוילבירטען און בוימעל — און ווען ר׳ טרפון האָט געזאָגט, אַז צינדען ליכט אים פרייטאָג צו נאַכטס זאָל מען נור מיט בוימעל, האָט זיך ר׳ יוחנן בן נורי אוועקגעשטעלט און געפרעגט: „וואָס זאָלען טהון די מענשען אין בבל, וועלכע האָבען נור בלויז אויל פון מאָהן?" (שבת דף כ״ו עמוד א׳).

די פאַרשיעדענע אוילען, וואָס די חכמים פון דער משנה האָבען מתיר געמאַכט, צו צינדען לכבוד שבת, דהיינו: שמן שומשמין, שמן אגוזים, שמן צנונות, שמן דגים, שמן פקועות, עטרן און נפט, האָבען זיך אַלע געפונען אין בבל. אָבער מעהר פון אַלעמען איז דאָרט געווען רויזען־אויל, וואָס מען פלעגט שמירען אויף אַ געשוויר (שבת דף קי״א עמוד א׳). עס האָבען דאָרט אויך געוואָקסען פאַרשיעדענע מינים שמעקעדיגע פלאַנצונגען, ווי מען קען זעהן פון די ברכות, וואָס רב האָט מתקן געווען ביים הערען אַ גוטען ריח (ברכות דף מ״ג עמוד א׳ וב׳, ירושלמי ברכות פרק ו׳ הלכה ו׳).

אין דער געגענד פון סורא האָט זיך אויך געפונען פיעל ווייץ. אין אנדערע געגענדען פון בבל פלעגט אָפטמאָל אויספעהלען ווייץ, האָט מען דאָס געדאַרפט ברענגען פון סורא. דעסגלייכען האָט דאָס לאַנד געהאַט פיעל פרוכט, און ווי עס איז שוין באַמערקט, האָט דאָס לאַנד געהאַט גענוג וואסער, וועלכעס האָט פאַרגרינגערט דאָס פיהרען די פרוכט מיט שיפלעך פון איין אָרט צום אַנדערען. אזוי זאָגט אויך די גמרא: „ווער האָט עס פאַראורזאַכט, וואָס די שפייכלערס אין בבל זיינען פול מיט תבואה?" און די גמרא ענטפערט דאָרט, אז דאָס איז, ווייל „דאָס לאַנד ליגט ביי די גרויסע וואסערען". און רב האָט נאָך צו דעם צוגעגעבען, אז „בבל איז רייך און פרוכטבאַר אפילו אָהן רעגען" (תענית דף י' עמוד א').

גלייך ווי רב אליין פלעגט ארבייטען אין פעלד און פאַרפלאַנצען גערטנער מיט זיינע אייגענע הענד, פלעגען אויך זיינע תלמידים ארבייטען אין די פעלדער און אין די גערטנער. צו דער דאָזיגער ארבייט פלעגען זיי זיך לייהען געלד אינ'ם חודש תשרי און באַצאָהלען דערנאָך דעם חוב מיט תבואות אים חודש טבת לויט'ן פרייז פון תשרי (בבא מציעא דף ע"ב עמוד ב').

ווי עס איז אָנצונעהמען, האָט רב געשטרעבט, צו מאַכען זיינע תלמידים זעלבשטענדיג, זיי זאָלען זיך קענען מפרנס זיין פון דער אייגענער ארבייט און נישט דאַרפען ארויסקוקען אויף נדבות פון גוטהאַרציגע מענשען, וואָס זיינען פריינגעביג צו די לערנער, ווייל זיי ווילען געניסען דעם זכות פון זייער תורה.

האָט דערפאַר רב באַשטימט בלויז צוויי חדשים אין יאָהר צום לערנען — דעם חודש אדר און דעם חודש אלול — און די איבריגע צייט זאָלען די מענשען ארבייטען אויף פּרנסה, און וואָס ער האָט עפּיס אויסגעקליבען יענע צוויי חדשים, איז דאָס וואהרשיינליך געווען דערפאַר, וואָס מען האָט אין בבל דעם גאַנצען זומער נישט געקענט ארבייטען אָדער לערנען צוליעב דער גרויסער היץ. ערשט אין אלול, ווען די לופט האָט זיך א ביסיל אָפּגעקיהלט, האָט מען געקענט אָנהויבען דענקען וועגען לערנען. און דער צווייטער חודש, אדר, איז דאָרט תמיד געווען נאָכ'ן שניט, וועלכער פלעגט פאָרקומען אין די חדשים טבת און שבט.

דאַביי האָט מען אויך ביים לערנען אין יענע צוויי חדשים געהאַט דעם נוצען, וואָס מען האָט דאַמאָלס געקענט לערנען די דינים פון די נאָהנטע ימים־טובים.

בבל איז אויך געווען א לאַנד פון גרויסע און ברייטע לאָנקעס, וואו עס איז געווען גענוג פּלאַץ, צו האָדעווען פיעל בהמות. רב'ס תלמידים האָבען זיך דערפאַר פיעל אָפּגעגעבען מיט פאַשען בהמות און רב האָט זיך ביי זיין לערנען פיעל אינטערעסירט, צו פאַרגרינגערען די רעליגיעזע פאָרשריפטען, וואָס האָבען געשטערט ביים פאַשען די בהמות אים שבת. אזוי האָט ער גערעדט וועגען אָפּראַטעווען א בהמה, וועלכע איז אריינגעפאַלען אום שבת אין א וואסער (שבת דף קכ"ה עמוד ב') און וועגען צובינדען א בהמה מיט א שטריק אים שבת (שבת דף קי"ג עמוד א').

ווי עס איז שוין דערצעהלט, האָט רב נישט געקענט אָדער נישט געוואָלט פאַרבלייבען אין נהרדעא און ער האָט זיך אויסגעקליבען די געגענד פון סורא פאַר א צענטער פון זיין ווייטערער טהעטיגקייט. פון דאַמאָלס

אַן האָט סורא געקראָגען דעם טיטעל „אתרא דרב" — און גלייך ווי בבל איז געווען געאָגראַפיש צוטיילט אין אַן אויבערע בערגיגע געגענד און אין א נידריגע געגענד פון טאָהלען, איז דאָרט געווען צוטיילט די אידישע פאָר־שטעהערשאַפט אין צוויי צענטערס, אין סורא און אין נהרדעא.

איז דאַן דער צענטער אין סורא געוואָרען דער מעהר חשוב'ער, ווייל די מעהרסטע קהלות פונ'ם לאַנד האָבען אַנגענומען רב'ם לעהרען און איינגעאָרדענט לויט זיי די פיהרונג פון זייער לעבען. עס האָבען זיך אפילו די חכמים פון נהרדעא אָפטמאָל באַשטרעבט, דורכצודרינגען מיט אַנדערע לעהרען. האָט אָבער די דאָזיגע באַשטרעבונג זייערע נישט געהאַט קיין ערפאָלג.

רב האָט זיך אויך נישט באַנוגענט מיט דער טהעטיגקייט אין זיין ישיבה. איז ער ארומגעפאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט איבער גאַנץ בבל, איינצופיהרען אומעטום זיינע לעהרען. דאַסזעלבע האָבען אויך שפּעטער געטהון זיינע תלמידים, וועלכע האָבען זיך באַזעצט אין אריבער צוויי צעהנדליגג שטעדט און זיי האָבען דאָרט טראָץ פאַרשיעדענע געגנערשאַפטען פאַרשפּרייט רב'ם רעליגיעזע לעהרען.

דורך רעוואָלוציאָנערע קעמפּפע און וואַנדערונגען פון די מענשען ארום די ברייטע סטעפּעס און די זאַמדיגע וויסטענישען פון בבל, איז דאַן די געגענד פון סורא שטאַרק באַפעלקערט געוואָרען פון אידען. איבער נאַכט זיינען דאָרט אויסגעוואַקסען פאַרשיעדענע אידישע ישובים.

צוזאַמען מיט די אידען זיינען דאָרט אויך אָנגעקומען גוים פון די־פערענצירטע פעלקערשאַפטען, וועלכע האָבען פאַרטריבען די פריהערע איינ־וואוינער, די „פּאַרטהער", און זיי האָבען זיך באַזעצט אויף זייער אָרט.

האָבען זיך דאַן אין מאַנכע געגענדען פון בבל געוויסע אידישע שבטים ערקלערט פּאָליטיש זעלבשטענדיג און זיי האָבען אויך אויפגעשטעלט הערשער פון זייער מיט. אין אַנדערע ערטער האָבען די גוים אונטערדריקט די אידען און די אידען האָבען אָנגעבויגען זייערע רוקענס אונטער דער לאַסט פונ'ם גלות. אָפטמאָל האָבען דאַן אידען פאַרזיימט די פעלדער און זיי באַארבייט, זיינען דערנאָך געקומען גוים און האָבען יענע פעלדער מיט דער הילף פון דער נייער רעגירונג אוועקגענומען.

אויף די יסודות פונ'ם כח איז דאָרט געווען געבויעט א ניי געזעץ, אַז ווער עס האָט פאַרהאַפט א שטיק פעלד, איז דאָס פאַרבליבען זיין איי־גענטום, ביז עס איז געקומען א שטאַרקערער און האָט דאָס פאַרהאַפטע פעלד צוגענומען פאַר זיך.

ווען רב איז אָנגעקומען אין בבל, האָט דאָרט געהערשט קעניג אַר־טאַבאַן, וועלכער איז געווען זיינער א פריינד, און נאָך'ן טויט פון יענעם קעניג איז אָנגעפאַלען אויף בבל א פרעמדער שבט, וועלכער האָט זיך גע־רופען „סאַסאַנידען", האָבען זיי ארויפגעזעצט אויף'ן טהראָן זייער קעניג, ארדשיר באַבעגאַן. האָט זיך דאַן די לאַגע פון די אידען אין בבל שטאַרק פאַרערגערט. די ממשלה איז אריבערגעגאַנגען צו די אַלטע ארמיים, וואָס האָבען זיך גערעכענט פאַר אָפּשטאַמער פון יענע בבליים, וועלכע האָבען פאַרברענט דעם ערשטען בית־המקדש און ארויסגעטריבען די אידען פון ארץ־ישראל.

האָט דאַן געהערשט אַ שאַרפע שנאה צווישען די אידען און יענע ארמיים, וואָס די מעהרסטע „אנטי־גוי'שע" פאַרשריפטען אין דער גמרא זיינען געציעלט געגען זיי *). אידען האָבען זיי געוועהנליך געהאַלטען פאַר פשוט'ע מערדער און גזלנים. אפילו צו זייערע דאָקטאָרען האָט אַ איד נישט געהאַט קיין צוטרוי, ווי רב האָט געזאָגט: „ווער עס וויל בלינד ווערען, זאָל זיך לאָזען שמירען די אויגען פון אַן ארמ'ישען רופא" (נדה דף ל"ה עמוד ב', ירושלמי עבודה זרה פרק ב' הלכה ב').

גלייכצייטיג האָט זיך פון דעסטוועגען אנטוויקעלט צווישען יענע גוים אַ שטרעבונג, צו מגייר זיין, כדי צו קענען געניסען ביי די אידען דעם זכות פון אַ „גר". איז דאַן רב גלייך ווי פילע אַנדערע חכמים פון יענער צייט ארויסגעטרעטען געגען אויפנעמען גרים צוליעב דער מורא פאַר אַן אויסמישונג פון די ראַסען.

און צוגלייך מיט דער מורא פאַר אַ ראַסען־אויסמישונג האָט רב אויך מורא געהאַט פאַר אַ גייסטיגע אויסמישונג. האָט ער כסדר דעם עולם געוואָרענט, נישט צו געהן אין די וועגען פון די „אמגושים", וועלכע האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט קוקען אין די שטערען און אויסגראָבען טויטע פאַר צוועקען פון כישוף. זיי האָבען אויך געגלויבט, אַז מתים לעבען אויף יענער וועלט, הייראַטהען דאָרט און עסען גלייך ווי ביים לעבען.

די נעמליכע וואַרנונגען ווי געגען די „אמגושים", האָט רב אָנגעזאָגט, נישט נאָכצוטהון די „חברים" (לייען: האבאַרים), דאָס זיינען געווען די פּערזער, וועלכע האָבען שפּעטער פאַרפלייצט גאַנץ בבל.

צוליב די ענדערונגען אין דער פּאָליטישער לאַגע פון בבל, וואָס אידען האָבען דערפון דאַמאָלס אַזוי שטאַרק געליטען, האָט זיך אָפּטמאָל דערוועקט ביי רב אַ געפיהל פון פאַרצווייפלונג. פלעגט ער דאַן זאָגען: „עס וועט נאָך קומען אַ צייט, וואָס די תורה וועט אין גאַנצען פאַרגעסען ווערען ביי אידען" (שבת דף קל"ח עמוד ב').

לכתחלה האָבען אַלע מנהגים פון די „אמגושים" גלייך ווי פון די „חברים" זעהר אויסטערליש אויסגעזעהען ביי אידען — און וועגען די „אמגושים" איז ארומגעגאַנגען אַ ווערטעל, אַז „זיי פּרעפּלען און זיי ווייסען נישט וואָס" (סוטה דף כ"ב עמוד א'). האָט רב פון דעסטוועגען מורא געהאַט, טאָמער וועלען זיך אידען טראָץ אַלעמען אָפּלערנען פון זייערע מעשים, האָט ער זיך גענומען אָנפיהרען געגען דעם אַ שאַרפען קאַמף און ער האָט געזאָגט, אַז ווען דער אויבערשטער האָט צוגעזאָגט אַ זוהן צו אברהם אבינו, האָט אברהם געקוקט אין די שטערען און געזעהען, אַז ער קען נישט האָבען קיין קינדער, האָט איהם דער אויבערשטער געזאָגט: „קוק נישט אויף די שטערען, ווייל אַ איד דאַרף נישט גלויבען אין קיין מזל!" (זעה שבת דף קנ"ו עמוד א', נדרים דף ל"ב עמוד א').

---

*) מען דאַרף וויסען, אַז די פאַרשיעדענע „צענזאָרען" וואָס האָבען געוועהנליך באַאויפזיכטיגט דעם דרוק פונ'ם תלמוד, האָבען דאָרט אָנגעמאַכט אַן אמת'ע חורבה, ווייל זיי פלעגען אויסמעקען דאָס וואָרט „ארמי" און אריינשטעלען אויף זיין אָרט דאָס וואָרט „עכו"ם". ווי מען קען דאָס אויסגעפינען אין די נוסחאות, וואָס ווערען געבראַכט ביי ר' רפאל נטע ראַבינאָוויץ אין זיין ספר "דקדוקי סופרים", וועלכעס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט לויט אַ תלמוד כתב־יד פון שנת רס"ב (1502).

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האט רב געזאגט: „אויף יענער וועלט איז נישט פאַראַנען קיין עסען און קיין טרינקען, קיין האנדעל און קיין וואנדעל, קיין קנאה־שנאה און קיין אינטריגע, בלויז וואס די צדיקים זיצען מיט קרוינען אויף די קעפ און זיי זעטיגען זיך מיט דער הערליכקייט פון דער שכינה" (ברכות דף י"ז עמוד א').

און ווען רב האט געזעהען, אז דער עולם וויל איהם נישט פאַר־שטעהען, ווייל עס וויל זיך זיי דורכאויס גלויבען אין א ניי מין לעבען נאָך'ן טויט, אין א לעבען מיט עסען און מיט טרינקען, ווי די „אמגושים" האבען איטליכען איינגערעדט, האט ער געזאגט: „מיין זוהן, ווען דו האסט, איז דיר גוט, ווייל עס איז נישט פאַרהאנען קיין תענוג אין דער גרוב, און ווען דער טויט קומט, קען מען איהם נישט הייסען ווארטען. מענשען זיינען ווי דאס גראז פונ'ם פעלד, איינע שפּראָצען און די אנדערע וויאַנען" (ערובין דף נ"ד עמוד א').

עס דאַרף אויך באמערקט ווערען, אז ווען רב איז אָנגעקומען אין בבל, איז דאמאָלס דער מאָראַלישער צושטאנד פון די מענשען אין נהרדעא און איהר סביבה געוועזען זעהר א נידריגער. אזוי ווי זיי זיינען דאָרט גרעס־טענטיילס געזעסען אין די שטעדט, וואו עס האט געהערשט א גרויסער לוק־סוס, האבען די מענשען פיעל געזינדיגט. דערצעהלט וועגען דעם א לעגענדע, אז איינער פון די אמוראים האט אמאָל באגעגענט אליהו הנביא און ער האט געפרעגט, פאַרוואס משיח קומט נישט. האט איהם אליהו הנביא געענט־פערט: „ווי אזוי קען משיח קומען, אז עס ווערד ביי אייך אזוי פיעל געזינדיגט, אפילו היינט אים יום כפור?" (יומא דף י"ט עמוד ב').

אין מאַנכע ערטער פון דער נהרדעא'ר געגענד האט מען צוליעב דער אויסגעלאַסענהייט פון די מענשען געמאַכט די מענערשע קליידונג עהנליך צו דער ווייבערשער, עס זאָל נישט באמערקט ווערען, ווען די געשלעכטער וועלען זיך אויסמישען. די אויסגעלאַסענהייט איז אויך דאָרט געווען אזוי פאַרשפּרייט און מען האט גאַר נישט געקענט טהון דאַגעגען, האט מען אזש געמוזט אָננעהמען א כלל, אז א חשד וועגען „עריות" האט נישט דאס רעכט צו פּסל'ן אן עדות (סנהדרין דף כ"ו עמוד ב').

בעפאַר רב'ס אָנקומען אין סורא, זיינען דאָרט די מענשען אויך נישט געווען קיין צאַצקעס, ווייל זיי ווערען באַצייכענט אַלס האָפּערדיגע, אומבאַשיי־דענע און שמוציגע אין זייער ריידען. בלויז צוליעב דעם, וואָס זיי זיינען געווען גרעסטענטיילס פּאַסטוכער און ערד־ארבייטער, האבען זיי נישט גע־קענט זיין אזעלכע פאַרשייטע מענשען ווי די פון נהרדעא.

האט דאָרט רב פיעל געשטרעבט, איינצופיהרען זיטליכקייט, איבער־הויפּט האט ער דאס געטהון אינ'ם פאַרהעלטניס צווישען מאַן און פרוי. און ווען רב האט וועגען דעם גערעדט, האט ער שטענדיג באַפּוצט זיינע ווערטער מיט משלים פונ'ם לעבען און ער האט געסטראַשעט די זינדיגע מיט גאָט'ס שווערסטע שטראָפען, ווייל ירושלים איז אויך נור צוליעב אזעלכע עברות חרוב געוואָרען.

גלייך ווי דאס מאָראַלישע לעבען איז אויך דאס רעליגיעזע לעבען אין סורא געשטאַנען אויף א נידריגען מעמד. האט דאָרט רב איינגעפיהרט פאַרשיעדענע אָרדנונגען, אויף צו פאַרשטאַרקען דאס רעליגיעזע געפיהל. ער האט דאַן פיעל מחמיר געווען ביים טהון די מצוות און ערפילען די רע־

ליגיעזע פאַרפליכטונגען. ווערען די דאָזיגע חומרות זיינע באַצייכענט אַלס „חומרתי דרב" (ירושלמי שקלים פרק ז' הלכה ב' און עבודה זרה פרק ב' הלכה ה').

און גלייך ווי ער פלעגט אַמאָל שילטען, האָט ער אויך וויטער גע־שאָלטען, ווען איינער האָט זיך געמאַכט אַ היתר ביי זאַכען, וואָס מען דאַרף זיך ביי זיי נוהג זיין באיסור (זעה מגלה דף ה' עמוד ב'). ער איז געווען זיכער, אַז טאָמער איז מען איינעם חושד אין אַן עברה, האָט ער דאָס אודאי געטהון, און ווען ער האָט עס אפשר נישט געטהון אין גאַנצען, האָט ער עס האַלב געטהון, און ווען ער האָט עס נישט האַלב געטהון, האָט ער עס אין זינען געהאַט צו טהון (מועד קטן דף י"ח עמוד ב').

מיט'ן אָנקומען פון רב אין סורא איז די שטאָדט איבערגעבויעט גע־וואָרען אויף'ן שעהנסטען אופן. צווישען אַנדערע פאַרשריפטען האָט דאַן רב באַשטימט, אַז דער בנין פון אַ שוהל דאַרף זיין העכער ווי אַלע אַנדערע בנינים אין דער שטאָט. זאָגט וועגען דעם ר' חמא בר גוריא אויף רב'ס נאָמען, אַז „ווען אַ שטאָדט ציהט די דעכער פון איהרע הייזער העכער ווי דעם שוהל־דאַך, מוז אַזאַ שטאָדט חרוב ווערען" (שבת דף י"א עמוד א').

אין אַלגעמיין איז באַוואוסט, אַז רב האָט ליעב געהאַט שעהנהייט, און ווי עס ווערד דערצעהלט, האָט ער שטענדיג געטראָגען שעהנע זיידענע קליידער (סנהדרין דף ד' עמוד א'). זיינע קליידער זיינען אויך געווען אויסגענעהט מיט פאַרציערונגען (ירושלמי ברכות פרק ד' הלכה א') און זיין אונטערשריפט האָט געהאַט די צורה פון אַ פיש (בבא בתרא דף קס"א עמוד ב').

אַרום זיין בית־המדרש איז געווען געפלאַנצט אַ גאָרטען, גלייך ווי ער האָט געלאָזט פלאַנצען ביימער אַרום דער שטאָדט און אפילו אויף'ן בית־הקברות. אַרום זיין בית־המדרש האָט ער אויך אויסגעבויט אַ הויך פאַרצימער מיט ווענד ביז צום באַלקען. אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַריבער צוויי טויזענד תלמידים, וועלכע האָבען אַלע געגעסען ביי זיין טיש (כתובות דף ק"ו עמוד א'), האָט ער נישט געוואָלט, אַז די פאַרבייגעהער זאָלען אויף זיי קוקען און זיי געבען אַן „עין הרע". חוץ דעם האָט ער נאָך אויף דעמ־זעלבען פלאַץ, וואו זיינע תלמידים האָבען געגעסען, געהאַט אויך „ראָ־גאָזשעס" פאַר די תלמידים צו שלאָפען (ברכות דף כ"ה עמוד א').

עס איז אויך וואַרשיינליך, אַז רב'ס בית־המדרש איז געשטאַנען אויף אַ הויכען פלאַץ, ווי עס ווערד געוועהנליך געזאָגט „עלו לבי רב" (ירושלמי ברכות פרק ו' הלכה ו', מועד קטן פרק ג' הלכה ו'). ער האָט אויך געהייסען, אַז די שוהל זאָל זיין אין מיטען שטאָדט און יעדעם הויז זאָל זיין נאָהנט צו דער שוהל (בבא מציעא דף ק"ז עמוד ב').

ווען מיר נעמען זיך פאַרטיפען אין רב'ס לעהרען, קענען מיר אויף אַ זעהר קלאָרען אופן זעהען, אַז ער האָט געהאַט זיינעם אַן אייגענעם סיסטעם ביים לערנען. איז אָבער פאַרהאַנען אַ גרויסע שטערונג ביי דער אויפשטעלונג פון דעם דאָזיגען סיסטעם, וואָס די מעהרסטע פון רב'ס מאמרים זיינען צו אונז אָנגעקומען נישט דירעקט פון זיין מויל, נור דורך'ן מויל פון זיינע תלמידים, וועלכע האָבען אונז איבערגעגעבען זיינע ווערטער אויף זייער שטייגער. קען מען פון דעם גאַנצען מאַטעריאַל, וואָס מיר פאַרמאָגען, בלויז אַרויסנעהמען, אַז ווען רב האָט אַמאָל אַרויסגעזאָגט זיין

אנטשיידונג ביי אירגענד א געזעצליכער פראגע, האט ער זיך אין ערשטער רייהע באשטרעבט, צו באקענען מיט'ן גייסט פון דער געזעצליכער רעגעל, וועלכע קען אנגעווענדעט ווערען צו יענער פראגע.

אט דער וועג זיינער האט זיך באזונדערס אנטפלעקט, ווען ער האט זיך גענומען אונטערזוכען וועגען דעם מחבר פון אן אנאנימער „משנה". פלעגט ער דאן ארויסקומען מיט דער שאלה „מאן תנא?" (וועלכער תנא האט דאס געלערנט?)—און ווי אזוי ער האט דאן געמאכט זיין אונטערזוכונג ביי דער אויפקלערונג פון דער דאזיגער פראגע, איז רב געווען דער גרעסטער צווישען אלע פריהערדיגע חכמים.

מיט'ן גאנג פון זיין לערנען האט ער פארשטאנען, אז עס הערשען באשטימטע געזעצע אינ'ם סיסטעם פון דער משנה, לויט ווי יעדער תנא האט זיך געהאט זיין אייגענעם דרך. און ווען עס געפינט זיך ערגיץ א משנה מיט א נאמען פון א מחבר און עס דערקענט זיך דארט דער גאנג פון יענעם תנא ביים לערנען, האט שוין רב פארשטאנען, אויסצוגעפינען אנאנימע משנה'ס, וואס די טענדענץ זייערע טראגט אויף זיך דעם סטעמפעל פון דעמזעלבען גייסט, זיי צוצושרייבען צו דעמזעלבען מחבר, א שטייגער ווי ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם דין פון „שקצים ורמשים", וואס א איד טאר נישט עסען, אז ווען איינער חאפט זיי אדער ער פארוואונדעט זיי אום שבת, ווען ער נויטיגט זיך נישט אין דעם דאזיגען חאפען אדער פארוואונדען, איז ער פטור פון אן עברה. פרעגט דאן רב: „לויט וועמעס מיינונג איז דא די דאזיגע פארשריפט אויפגעשטעלט?" — ווייל די משנה איז דארט אנאנים, אהן א נאמען פון א מחבר. און ער ענטפערט אויף דעם, אז די משנה האלט ווי ר' שמעון (בן יוחאי), וועלכער זאגט: „א מלאכה, וואס איז נישט נויטיג צו דער אייגענער פארפאלקאמונג, איז דער וואס טהוט זי אום שבת, פטור פון אן עברה (זעה שבת דף ק"ז עמוד ב').

אט דער שטייגער לערנען, נאכצוזוכען דעם מחבר פון יעדער אנא־נימער משנה, איז שוין דערנאך פארבליבען ווי א סיסטעם אין דער ישיבה פון סורא ביז צו דער לעצטער צייט, וואס יענע ישיבה האט עקסיסטירט. דאגעגען האט מען אין נהרדעא קיינמאל נישט געוואלט נאכקלערען, ווער עס קען זיין דער מחבר פון א געוויסער משנה. פאר זיי איז די משנה אליין געווען וויכטיג, אהן א ריקזיכט, פון וועמען א געוויסע מיינונג שטאמט.

רב האט אויך באהערשט זעהר א שעהנעם סטיל, סיי אין העברעאיש און סיי אין ארמיש. איז דערפאר אלסדינג, וואס ער האט געזאגט, ארויס־געקומען ווי אפגעטאקט, ווי אויסגעטעסעט פון איין שטיק. איז דאדורך נאך היינט פאר יעדען פארשטענדיגען מענש אן עסטעטישער גענוס, צו פארטיפען זיך אין רב'ס סטיל, אפילו ווען דער אינהאלט פונ'ם געזאגטען זאל גראד נישט אינטערעסירען.

ווען עס האנדעלט זיך וועגען דעם באגריף „חלול השם", וואס ער מיינט און וואס פאר א טהעטיגקייט עס קען אנגערופען ווערען אויף זיין נאמען, האט רב געזאגט, אז א „חלול השם" וואלט געווען, ווען אזא מענש ווי ער זאל „נעהמען פלייש ביי א קצב און נישט באצאהלען אויפ'ן ארט", ווייל עס וואלט זיך אין אזא פאל געקענט דעם קצב אויסדאכטען, אז רב האט ביי איהם דאס פלייש אוועקגערויבט, וואלט דאס איהם געקענט דערצו פיהרען, ער זאל אליין אויך מזלזל זיין אין גזל (יומא דף פ"ו עמוד א').

אין א געשפרעך וועגן דער גענויער ערקלערונג פונ׳ם באגריף „ליידיגגעהער”, האט רב געזאגט, אז „א ליידיגגעהער הייסט אזא מענש ווי ר׳ שמואל בר שילת*), וועלכער עסט פון זיין אייגענעם און ער טרינקט פון זיין אייגענעם און ער שלאפט זיך ווי אין א פאלאץ און א קעניגליכער שטייער־קאלעקטאר קומט נישט קיינמאל צו זיין טהיר” (כתובות דף ס״ב עמוד א׳).

ביי דער פראגע, ווי וויט א מענש איז מחויב, צו זאגן מוסר צו זיינעם א מיטמענשען, האט רב געזאגט: „ביז דער אנגע׳מוסר׳טער נעמט זיך דעם מוסר־זאגער שלאגען”. — און ווען עס איז גערעדט געווארען, אז א מענש, וואס געהט אויף רייזען, דארף זיך שטענדיג האלטען ביי דער נעמליכער אכסניא און מען האט אויפגעשטעלט די פראגע: „ביז וואנען ער איז דאס מחויב צו טהון?” האט רב געזאגט: „ביז מען שלאגט איהם דארט!” (ערכין דף ט״ז עמוד ב׳).

יוצא צו זיין ביים אפהיטען די פארשריפטען פון דער רעליגיאן, האט רב געוועהנליך פיעל פארלאנגט. לויט זיין מיינונג דארף אויך א מענש זיין קאנסעקוועגט אין דער ערפילונג פון זיינע פליכטען און ער טאר נישט צוריקשרעקען פאר קיין שום הינדערנים, וואס קען שטערען דעם גאנג זיינעם. איז ער דאדורך געווען זעהר שטרענג אין אלעמען און ער פלעגט לאזען שמייסען יעדען, וואס האט זיך ערלויבט, צו טהון אנדערש ווי ער האט געהייסען.

גאנץ באזונדערס האט ער אכטונג געטהון אויף דער עהרליכער מאראל און די פארזיכערונג פון דער פרוי. ווערד וועגן דעם דערצעהלט, אז ער האט געלאזט שמייסען יעדען, וועלכער האט מקדש געווען א פרוי בלויז דורך „ביאה”, אדער ווען א מאן האט גלאט באגעגענט א פרוי אין גאס און ער האט זי מקדש געווען אהן א פריהערן שמועס וועגן א שידוך. דאסזעלבע האט ער אויך געטהון, ווען איינער האט בטל געמאכט זיין גט, אדער ווען ער האט אפגעגעבען אן ערקלערונג, אז דער גט, וועלכען ער האט געגעבען צו זיין פרוי, איז נישט גילטיג. דעסגלייכען האט ער געלאזט געבען שמיץ צו אן איידעם, וואס וואוינט מיט זיין פרוי ביים שווער אין הויז (יבמות דף נ״ב עמוד א׳, קדושין דף י״ב עמוד ב׳).

ווי קלאר רב האט זיך געסטארעט, צו ריידען און פארשטענדליך צו מאכען, וואס ער האט געוואלט זאגען, פלעגט ער געוועהנליך ארויסזאגען זיין מיינונג אין אזא קורצער צייט, אז די תלמידים זיינע האבען איהם אזש ווייניג פארשטאנען. פלעגען זיי אבער מורא האבען צו איבערפרעגען. די איינציגע, וואס האבען זיך געמאכט א הארץ און זיי האבען איהם יא אי־

---

*) ס׳איז אפילו א קשיא, וואס רב האט עפיס אויסגעקליבען אזא מענש ווי ר׳ שמואל בר שילת אלס מוסטער פאר א „ליידיגגעהער”, ווייל לויט ווי עס ווערד אנגענומען, איז דער דאזיגער ר׳ שמואל בר שילת דוקא נישט געווען קיין גרויסער שררה און אויף נישט קיין ליידיגגעהער, נור א מלמד פון קינדער, וועלכער האט זיך ערנעהרט פון דעם, וואס די תלמידים האבען איהם באצאהלט. איז דער תירוץ, אז רב האט געמיינט צו זאגען, אז א מענש ווי ר׳ שמואל בר שילת, וואס מען ברענגט איהם אלסדינג אין שטוב אריין און ער דארף נישט געהען ארבייטען אין פעלד, אויף צו קריגען א ביסיל עסען, ווי אנדערע חכמים אין בבל האבען געמוזט טהון, קען ער דערפאר רוהיג שלאפען אין זיין בעט ווי אין א פאלאץ און דער שטייער־קאלעקטאר ווייסט גאר נישט פון איהם (זעה כתובות דף נ׳ עמוד א׳ און בבא בתרא דף כ״א עמוד א׳).

בערגעפרעגט, זיינען רב כהנא און רב אסי. און ווען ער האט זיי דאן ערקלערט, וואס ער האט געמיינט צו זאגען, האבען זיי ווייטער געוואלט וויסען, פארוואס ער האט זיי פריהער יענע ווערטער נישט ערקלערט. האט ער דאן געזאגט, אז דאס איז געשעהן, ווייל ער האט געמיינט, אז זיי דארפען נישט קיין ערקלערונג (זעה מגלה דף כ"ג עמוד א', נזיר דף י"ט עמוד א', סוטה דף י"ב עמוד ב', סנהדרין דף י' עמוד ב').

ביים ציטירען די ווערטער פון דער משנה פלעגט רב זעלטען ערקלערען, וואס ער דענקט, אז די משנה מיינט, אזוי ווי פאר־וואס ער האלט אזא מיינונג און נישט קיין אנדערע. פלעגט ער דאס אבער טהון בלויז דאמאלס, ווען די תלמידים האבען איהם געפרעגט. אליין האט ער זיי גאר נישט ערקלערט, ווייל ער האט תמיד געדענקט, אז גלייך ווי דער ענין איז פאר איהם קלאר, איז ער אויך קלאר פאר די תלמידים.

און ווען עס איז אמאל אויסגעפונען געווארען ביי א דין, אז ווען אזא מעשה זאל פארקומען אויף אן אנדער ארט, וועט דער פסק זיין אן אנדערער—און ווען דאס האט זיך געקענט אויסדאכטען ווי א ווידערשפרוך, האט דאס רב אפטמאל איבערגעלאזט אהן אן ערקלערונג. און ווען מען האט איהם וועגען דעם געפרעגט, האט ער געשוויגען (זעה ביצה דף ו' עמוד א').

עס דאכט זיך אויך, אז דאס אריינלערנען פשטים און ארויסדרינגען פון דער משנה, וואס עס שטעהט נישט דארט, איז אפטמאל איהם אליין נישט געווען צום הארצען. האט ער צוליעב דעם געזאגט, אז וואס דער פסוק זאגט „כל ימי עני רעים", מיינט דאס די, וואס גיבען זיך אפ מיט גמרא, אבער „טוב לב משתה תמיד" איז געזאגט אויף די, וואס שעפען זייערע ידיעות פון דער משנה (בבא בתרא דף קמ"ה עמוד ב').

אין סורא האט מען זיך צוגעהערט צו יעדען ווארט פון רב מיט פרומער אנדאכט און מען האט זעלטען ווען אפגעפרעגט אויף זיינעם א ווארט. אנדערש איז שוין געווען אין נהרדעא. ביי די דארטיגע חכמים זיינען די ווערטער זיינע אפטמאל אויסגעקומען א ביסיל פרעמד. האט ער דאן צוליעב דעם געזאגט: „איך דארף אמאל אנגעבען א טעם וועגען דעם, וואס איך זאג, כדי שפעטערע דורות זאלען נישט קומען און מיך קריטיקירען" (שבת דף ע"ה עמוד ב').

ווי באמערקט, האט רב געשטרעבט, צו געבען פרייהייט צו זיינע תלמידים, זיי זאלען מעגען באלעהרנען די מענשען און פסק'נען דינים אהן יעדער שטערונג. דאס האט ער אויך געטהון אין געגענזאץ צו אנדערע חכמים, וואס האבען זיך געסטארעט, צו קירצען די רעכט פון זייערע תלמידים, און זיי האבען מיט א באזונדערען אייפער אכטונג געטהון, אז ווי לאנג זיי לעבען, זאלען די תלמידים נישט טארען ארויסגעבען קיין אורטייל, איידער זיי פרעגען נישט אן פריהער ביי זייער רבי'ן. פלעגט ער דערפאר אנזאגען צו זיינע תלמידים: „וואס פאר אן ענין עס קומט פאר אייך, מעגט איהר לערנען, ווייל א דיין קען בלויז וויסען דאס, וואס זיינע אויגען זעהען" (ירושלמי נדה פרק ב' הלכה ז').

יעדעס מאל, איידער ער האט זיך אוועקגעזעצט לערנען, האט ער געזאגט „קריאת שמע". און ווען ער פלעגט דערמאנען דעם שם, איז דאס ביי איהם געווען די גרעסטע דערהויבונג פאר זיין גייסט און ער פלעגט

אויך זאָגען, אז א ברכה אָהן א שם איז נישט קיין ברכה (ברכות דף מ' עמוד ב', מדרש שוחר טוב פרשה ט"ז).

ער פלעגט אויך זאָגען, אז אינ'ם שם זיינען צונויפגענומען די צעהן אייגענשאַפטען פונ'ם אויבערשטען, מיט וועלכע ער האָט כביכול די וועלט באשאַפען, דהיינו: חכמה, תבונה, דעת, כח, גערה, גבורה, צדק, משפט, חסד און רחמים (זעה חגיגה דף י"ב עמוד א').

און ווען עס איז ביי איהם אויסגעקומען אז מען האָט געדאַרפט איינעם געבען א שבועה ביי א משפט, איז די שבועה נישט געווען אין זיינע אויגען קיין ריכטיגע, אויב זי איז געווען אָהן א שם, ווייל ער האָט געגלויבט, אז דאָס דערמאָנען דעם שם אין א שבועה, וואַרפט אָן א פחד אויף די מענשען (זעה שבועות דף ל"ח עמוד ב').

עס ווערד אויך דערצעהלט, אז ווען ער איז געשטאַנען און ער האָט געדאַווענט, האָט ער אין זיין גאַנצען קערפּער געציטערט און גלייכצייטיג איז זיין נשמה געווען אָנגעפילט מיט א באַזונדערער שמחה. פלעגט ער דאַן שטענדיג זאָגען: „במקום גילה שם תהא רעדה", ד. ה. דאָרט וואו עס איז פאַרהאַנען פרייד, דאַרף אויך זיין א ציטער (ברכות דף ל' עמוד ב', יומא דף ד' עמוד ב').

איידער ער פלעגט זיך אוועקשטעלען דאַווענען, איז ער געווען באַשטרעבט, אָפּצורייניגען זיינע מחשבות און ער האָט אויפגעשטעלט א כלל, אז „ווען איינער ווייסט, אז די מחשבה זיינע איז נישט קיין באַרוהיגטע, טאָר ער נישט דאַווענען" (ערובין דף ס"ה עמוד א'). און ווען ער האָט אַמאָל גוזר תענית געווען וועגען רעגען און עס האָט נישט געהאָלפען, איז דאַן צוגעגאַנגען אַן אַנדערער צום „עמוד" און עס האָט תיכף יאָ געהאָלפען, האָט ער זיך משתדל געווען, געוואָהר צו ווערען די מעשים טובים פון יענעם „שליח צבור", וואָס אין זיין זכות האָט זיך דער אויבערשטער באַלד צוגעהערט צו זיין תפלה און ער האָט געגעבען א רעגען (תענית דף כ"ד עמוד א').

עס לאָזט זיך נישט גענוי וויסען, וויפיל פון זיינע לעצטע יאָהרען רב האָט געלעבט אין בבל. לויט ווי עס ווערד איבערגעגעבען אין דער „אגרת רב שרירא גאון", האָט רב אָנגעפיהרט זיין ישיבה אין סורא 24 יאָהר. אַנדערע היסטאָריקער באַרעכענען די צייט, וואָס רב האָט נאָך זיין צווייטען צוריקקומען פון ארץ־ישראל געלעבט אין בבל—אויף 28 יאָהר. מעג מען דערפאַר אָננעהמען, אז די דאָזיגעביידע מיינונגען זיינען ריכטיגע, ווייל עס איז מעגליך, אז די ישיבה אין סורא האָט רב אָנגעפיהרט טאַקי נישט מעהר ווי 24 יאָהר. האָט עס אָבער גענומען פיער יאָהר צייט נאָכדעם ווי רב איז אָנגעקומען אין בבל, ווען ער איז געווען א „מתורגמן" ביי רב שילא אין נהרדעא אָדער אַן אויבער־אויפזעהער איבער'ן מאַרק פון דער שטאָדט, איידער ער האָט געגרינדעט די ישיבה אין סורא.

פאַר יעדען פאַל איז זיכער, אז רב האָט דערגרייכט א הויכען עלטער און ער האָט אויך זוכה געווען, וואָס פיעלע פון זיינע באַשטרעבונגען זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען ביי זיין לעבען. די ישיבה זיינע האָט זיך גלענצענד אַנטוויקעלט און זיינע לעהרען זיינען אומעטום אָנגענומען געוואָרען.

גרויסע מחנות תלמידים, אלטע און יונגע, וואס פיעלע פון זיי זיינען דערנאך געווארען פראמינענטע חכמים, האבען איהם שטענדיג ארומגערינגעלט, סיי ווען ער איז געגאנגען אין גאס און סיי ווען ער איז געקומען אין בית־המדרש. יעדער האט איהם דאן אפגעגעבען דעם גרעסטען כבוד. די ישיבה זיינע האט מען טיטולירט מיט'ן נאמען „מקדש מעט" און איהם אליין האט מען גערופען „רבנו הגדול".

האבען דאן די געגנער זיינע געשלאסען מיט איהם שלום, און אויף ווי ווייט ער איז נישט אליין צוריקגעטראטען פון זיינער א מיינונג, ווי ער פלעגט דאס אפטמאל טהון, האט יעדער אנערקענט זיין אויטאריטעט ביי פארשיעדענע רעליגיעזע אנטשיידונגען. אפילו שמואל מנהרדעא, וועלכער פלעגט שטענדיג ארויסקומען מיט א פונקט־פארקעהרטער מיינונג ווי רב, האט זיך דאמאלס אנגעהויבען צובויגען ביים אויסטייטשען מאנכע דינים צו דער מיינונג פון רב (בבא מציעא דף ק"ז עמוד א').

כאראקטעריסטיש איז די גרינגשעצונג, מיט וועלכער שמואל פלעגט פריהער באהאנדלען רב'ס א מיינונג, ווען ער האט זי געהערט פון רב'ס א תלמיד. געוועהנליך פלעגט ער איהם אין אזא פאל נישט רופען מיט'ן נאמען רב, נור אבא. און ווען ר' חייא בר יוסף האט איהם אמאל עטוואס געזאגט אויף רב'ס נאמען, האט שמואל געענטפערט: „אויב אבא האט אזוי געזאגט, איז דאס א באוויז, אז ער ווייסט גאר נישט אין די דינים פון שבת" (זעה שבת דף נ"ג עמוד א'). עהנליך צו דעם האט שמואל געזאגט צו דעמזעלבען תלמיד ביי א שאלה פון טרפות: „אויב אבא האט אזוי געזאגט, איז דאס א באוויז, אז ער פארשטעהט גאר נישט אין די דינים פון טרפות" (זעה חולין דף מ"ה עמוד ב').

עס ווערד אויך דערצעהלט, אז עס איז אמאל געקומען א מענש צו רב מיט א פראגע, אז אזוי ווי זיין מוטער האט איהם געבוירען פון א גוי אן „ארמי", וויל ער וויסען, וואס זיין ווערדע איז ביי אידען. האט איהם רב געזאגט: „דו ביזט א כשר'ער איד!" — און געזאגט האט ער איהם דאס, ווייל ער האט געהאלטען, אז „ווען א גוי אדער א שקלאף האט געשלעכטליכע באציהונגען מיט א אידישער טאכטער, איז דאס קינד פון אזא מין פארהעלטנים א כשר'ס".

איז אזוי ווי רב האט ארויסגעזאגט זיין מיינונג, האט ר' חמא בר גוריא, רב'ס א תלמיד, א זאג געטהון צו יענעם מענשען: „טראג זיך אפ פון דאנען, ווי לאנג דו האסט נאך פיס, איידער שמואל קומט אן, ווייל קוים וועט שמואל אנקומען און ער וועט הערען, וואס רב האט געזאגט, וועט ער דיך ערקלערען פאר פסול!" (ירושלמי קדושין פרק ג' הלכה י"ב).

גאנצע טעג און נעכט איז רב געזעסען און האט געלערנט. פלעגט מען דאדורך ווענען איהם זאגען דאסזעלבע, וואס מען פלעגט אמאל זאגען ווענען דוד המלך, אז ער שלאפט נישט קיינמאל לענגער ווי עס נעמט צו ציהען דעם אטהעם זעכציג מאל (סוכה דף כ"ז עמוד א'). און אזוי ווי ער איז שטענדיג געווען אין אנשפרוך, פלעגט ער זאגען: „תלמידי חכמים האבען קיינמאל נישט קיין מנוחה, נישט אויף דער וועלט און אפילו נישט אויף יענער וועלט" (ברכות דף ס"ד עמוד א').

ווי אנגעמערקט, האט רב געהאט א גרויסע שטיצע אין קעניג ארטאבאן, וועלכער איז געווען זיינער א פערזענליכער פריינד. געשטיצט

אויף דער דאָזיגער פריינדשאַפט, האָט זיך עס איהם איינגעגעבען צו גרינ־דען די ישיבה אין סורא, און ווען קעניג ארטאַבאַן איז געשטאָרבען, האָט רב געזאָגט: „נתפרדה החבילה", ד. ה„ דער פריינדשאַפטס־בונד איז פאַ־נאַנדערגעשיידט געוואָרען, גלייך ווי עס איז אַמאָל פאָרגעקומען ביי ר' יהודה נשיאה, ווען קייזער אַנטאָנינוס איז געשטאָרבען (זעה עבודה זרה דף י' עמוד ב' און דף י"א עמוד א').

זיכער איז אויך, אז די שפּעטערע הערשער פונ'ם לאַנד האָבען רעס־פּעקטירט די ישיבה אין סורא און טראָץ די ענדערונגען, וואָס זיינען דאַן פאָרגעקומען אין דער פּאָליטיק גלייך ווי אין דער פערזאָן פונ'ם הערשער, האָט מען די ישיבה אין סורא נישט אונטערדריקט. עס איז אָבער אויך זיכער, אז אויסערהאַלב פון דער ישיבה האָט מען דאַמאָלס אָנגעטהון גרויסע צרות צו אידען, האָט זיך דערפאַר אָפטמאָל ארויסגעריסען אַ קרעכץ ביי רב, אין וועלכען ער האָט אויסגעדריקט זיין הארצוועהטאָג וועגען דער שלעכטער לאַגע פונ'ם פאָלק. אַ שטייגער ווי וואָס ער האָט געזאָגט: „ווען אַלע ימים זאָלען זיין טינט און אַלע וואַסער־ריטלעך פון די געמויזעכ־צער זאָלען זיין שרייב־פעדערען, וואָלט דאָס נישט געווען גענוג, אויף צו באַשרייבען, וואָס אַ רעגירונג קען אָלץ אויסטראַכטען געגען איהרע מענ־שען" (שבת דף י"א עמוד א').

ווי באַמערקט, איז רב געווען אַן אָנהענגער פון אַ גוטען, רוהיגען לעבען און ער האָט געוועהנליך געהאַט אַ ווערטעל, אז געוויסע מענשען איז „חייהם אינם חיים", ד. ה. אז זייער לעבען איז גאָר נישט קיין לעבען, אַ שטייגער ווי „די איינוואָהנער פון געצעלטען און די וואָס וואַנדערען אין דער מדבר" (ערובין דף נ"ה עמוד ב'), אָדער אז „מענשען בארמהערציגע, אויפגערעגטע און פיינפיהלענדיגע איז זייער לעבען גאָר נישט קיין לעבען" (פּסחים דף קי"ג עמוד ב').

עסען און קליידונג איז ביי רב שטענדיג געווען דאָס וויכטיגסטע אין לעבען. האָט ער דערפאַר תמיד געבעטען אין זיין תפלה, דער אוי־בערשטער זאָל איהם געבען „אַ לעבען פון פריעדען, אַ לעבען פון פרנסה, פון אויסגלייכען די ביינער, פון עושר און כבוד, אין וועלכען עס זאָל נישט זיין מיט וואָס זיך צו שעהמען" (ירושלמי ברכות פרק ט' הלכה ז').

וועגען עסען און קליידונג איז אויך כאַראַקטעריסטיש, וואָס ער האָט געזאָגט: „שטענדיג זאָל דער מענש פארקויפען אפילו די באַלקענס פון זיין הויז און זאָל זיך קויפען שיך פאַר די פיס. האָט ער זיך אָבער אַמאָל נעלאָזט אַן אָדער און ער האָט נישט וואָס צו איבערבייסען, זאָל ער פאַר־קויפען די שיך פון די פיס און זאָל זיך דערפאַר קויפען עסען!" (שבת דף קכ"ט עמוד א').

עס איז אויך געבליבען פאַרצייכענט, אז רב האָט געגעסען פלייש ווי ברויט — און געווען איז דאָס געוועהנליך איינגעזאַלצען פלייש און גע־טרוקענטס (שבת דף ק"מ עמוד ב'). דערנאָך פלעגט ער פאַרבייסען עטליכע יונגע טייבעלעך אָנגעפילט מיט מעהל (פּסחים דף קי"ט עמוד ב').

חוץ דעם פלעגט ער גערן עסען פיש. דערביי האָט ער אויך געגנוי געפאָלגט, וואָס אַן אַלטער פישער האָט איהם איבערגעגעבען וועגען דער צייט, ווען עס איז אַם בעסטען צו חאַפּען פיש און ווען זיי זיינען גוט צום עסען (מועד קטן דף י"א עמוד א').

ווי אַלע אַנדערע מענשען אין בבל האָט אויך רב וואהרשיינליך געליטען אויף'ן מאָגען. און ווען עס איז געזאָגט געוואָרען, אַז „עס שטאַרבען מעהר מענשען פון אַ פולען טאָפּ, ווי עס שטאַרבען פון הונגער" (שבת דף ל"ג עמוד א'), איז דאָן רב זיכער אויך געווען צווישען די ליידענדע, ווי מען קען דאָס זעהן פון דעם, וואָס ער פלעגט זאָגען: „אַ מענש קען פאַרטראָגען יעדע קראַנקהייט, נור נישט די קראַנקהייט פון די געדערים; מען קען אויך פאַרטראָגען יעדען שמערץ, אָבער נישט דעם שמערץ פון האַרצען, יעדען וועהטאָג, אָבער נישט אַ וועהטאָג אין קאָפּ" (שבת דף י"א עמוד א').

גלייך ווי די וויכטיגקייט פון עסען און פון שעהנע קליידונג איז ביי רב געווען וויכטיג אַ לעבען אָהן אַ פאַרשעהמונג (חיים שאין בהם בושה וכלימה). ער פלעגט אויך זאָגען, אַז „פאַרשעהמונג פאַרקירצט די יאָהרען פון די מענשען".

אין די שפּעטערע יאָהרען פון זיין עלטער איז רב געווען געשלאָגען אויף די אויגען. געוואוינט האָט ער דאַמאָלס ביי זיינעם אַן אייניקעל, שימי בר חייא. האָט ער דאָן מעהר נישט געקענט זעהן די מענשען, וואָס האָבען צו איהם גערעדט, נור ער האָט זיי דערקאָנט אָן דער שטימע. רב'ס אויגען זיינען שוין מעהר נישט אויסגעהיילט געוואָרען, חאָטש מען פלעגט זיי שמירען מיט אַ באַזונדערער זאַלב (חולין דף קי"א עמוד ב'). גלייכצייטיג האָט ער געליטען אויף אַ שוואַכען זכרון און מען פלעגט אָפטמאָל וועגען איהם זאָגען: „שכח לגמרא שלו". ביי אַ געוויסער פראַגע האָט ער גאָר אַליין געזאָגט: „מיר האָבען געהאַט אַ פּסוק און מיר האָבען איהם פאַרגעסען" (זבחים דף נ"ט עמוד א').

זעהענדיג, אַז ער פאַרגעסט אָפטמאָל אַליין, וואָס ער האָט אַמאָל געזאָגט, האָט דאָס איהם געמאַכט פאַרשטעהען, אַז אַ מענש קען אַמאָל פאַרגעסען אַ הלכה און זי זאָל זיך איהם דערמאָנען, ווען עס קומט פאָר אַ געשעהעניש, וועלכעס קען צוגעפּאַסט ווערען צו יענער פאַרגעסענער הלכה (זעה פסחים דף ס"ו עמוד א' און סנהדרין דף פ"ב עמוד א').

פון דעסטוועגען האָט איהם דער שכל זיינער געדיענט ביז צום לעצטען טאָג פון זיין לעבען. מיט אַ באַזונדערער עקשנות האָט ער זיך דאָן געהאַלטען ביי זיינע אַנזיכטען פון אַמאָל און ער פלעגט זאָגען: „ווער עס פיהלט זיך בכח, מיר אָבצוענטפערען, זאָל קומען און ענטפערען" (ירושלמי כתובות פרק ט' הלכה ט'). און ווען ער האָט אַמאָל אין יענער צייט געהאַט אַ וכוח מיט זיינעם אַ תלמיד וועגען אַ דין, און דער תלמיד האָט איהם באַזיעגט, האָט ער געזאָגט: „חאָטש ער האָט מיך באַזיעגט, פיהל איך, אַז די הלכה דאַרף נישט זיין אַזוי" (ירושלמי סנהדרין פרק ז' הלכה י"א).

און ווען עס איז דאָן זיין געזונדהייט אין גאַנצען געווען אָפּגעשוואַכט, איז רב געווען ווי פאַרצווייפעלט. פלעגט ער דאָן זאָגען, אַז אַן אַלטער מאַן, וועלכער געהט קוקענדיג צו דער ערד מיט אַן איינגעבויגענעם רוקען, „זוכט צו געפינען, וואָס ער האָט נישט פאַרלוירען" (שבת דף קנ"ב עמוד א'). ער פלעגט אויך זאָגען, אַז „ווען עס קומט אָן די ענדע פון אַ מענשען, איז יעדער איבער איהם אַ הערשער" (נדרים דף מ"א עמוד א').

שפּעטער איז רב געשטאָרבען. איז דאָן דאָס גאַנצע אידענטום אויפגעציטערט געוואָרען, און ווען מען האָט אָנגעזאָגט די בשורה צו שמואל

מנהרדעא, האָט ער צוריסען דרייצען קליידער זיינע און ער האָט געזאָגט: „אָט איז אַוועק דער מאַן, פאַר וועלכען איך האָב מורא געהאַט" (מועד קטן דף כ"ד עמוד א').

טויזענדער תלמידי חכמים פון אַלע עקען בבל זיינען דאַן געקומען צו רב'ס לויה. יעדער פון זיי האָט צוריסען די קליידער און געקלאָגט אויף דעם גרויסען אומגליק, וואָס האָט די אידען געטראָפען. אַלע אידישע קהלות אין בבל האָבען אויך אָנגענומען אַ באַשלוס, צו טרויערען אויף רב'ס טויט גאַנצע צוועלף חדשים און צום צייכען פון דער דאָזיגער טרויער זיינען זיי דאָס גאַנצע יאָהר נישט אַרויסגעגאַנגען מיט לולבים און הדסים צו די חתונות פון זייערע קינדער, ווי זיי פלעגען דאָס דאַמאָלס טהון (שבת דף ק"י עמוד א').

נאָך רב'ס טויט האָבען זיך זיינע תלמידים ווייטער געהאַלטען צו־זאַמען. יעדער פון זיי פלעגט אויך נאָכזאָגען, וואָס ער האָט אַמאָל גע־הערט פון רב'ס מויל — און ווער עס האָט געהאַט נאָכצוזאָגען אַ גוט וואָרט אויף'ן נאָמען פון רב, האָט זיך דערמיט אַרומגעצאַצקעט און ער האָט אויך דערפאַר געקראָגען אַ גרויסע חשיבות ביי די אַנדערע חברים.

אַ לאַנגע צייט דערנאָך איז די ישיבה אין סורא געווען אָהן אַ פיהרער, חאָטש זי האָט נישט אויפגעהערט צו עקסיסטירען און מען האָט זי גערופען „בי רב", איז דאַן די ישיבה אין נהרדעא אונטער דער פיהרונג פון שמואל געוואָרען מאַסגעבענד ביי יעדער רעליגיעזער אַנטשיידונג אין לעבען פון די אידען אין בבל, און וואָס עס איז קשה געווען אין סורא, האָט מען געשיקט פרעגען ביי שמואל אין נהרדעא.

זאָנסט איז דאַמאָלס דער זיכטבאַרער קאָפּ פון סורא געווען רב המנונא, ווי עס ווערד באַמערקט אין דער גמרא, אַז אומעטום וואו עס שטעהט „אמרי בי רב", מיינט דאָס רב המנונא (סנהדרין דף י"ז עמוד ב'), און איהם אליין, רב המנונא'ן, האָט מען גערופען „סבי דבי רב" (בבא קמא דף ע"ה עמוד א').

באַזונדערס שטאַרק איז רב'ס איינדרוק געווען אויף אַלע דורות פון'ם אידישען פאָלק דורך זיינע הערליך שעהנע תפלות, וועלכע ער פלעגט פאַרפאַסען שטעהענדיג פאַר'ן „עמוד" אַלס שליח־צבור, אָדער בעפאָר ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לערנען מיט זיינע תלמידים.

זיין גלויבען אין כח פון דער תפלה איז געווען אומגעהויער גרויס. פון דעסטוועגען האָט ער זעלטען ווען געבעטען פאַר זיך אַליין, ווייל ער פלעגט תמיד בעטען פאַר אַלגעמיינע אינטערעסען אָדער פאַר אַנדערע מענ־שען (ירושלמי נדרים פרק ט' הלכה ג'). דערפאַר פלעגט ער זאָגען, אַז „ווער עס קען בעטען פאַר אַ צווייטען און ער טהוט עס נישט, דאַרף אָנ־גערופען ווערען אַ זינדיגער" (ברכות דף י"ב עמוד ב'). גלייכצייטיג פלעגט ער אָבער אויך זאָגען, אַז פון דריי מיני עבירות קען זיך דער מענש קיינ־מאָל נישט אָפּראַטעווען, און איינע פון די דאָזיגע דריי עבירות איז די איינרעדעניש, אַז „ווען איינער האָט געדאַווענט מיט כונה, וועט זיך דער אויבערשטער זיכער מוזען צוהערען צו זיין תפלה" (בבא בתרא דף קס"ד עמוד ב').

דער אינהאַלט פון רב'ס תפלות איז מעהרסטענטיילס אַ דאַנק פאַר די חסדים וואָס דער אויבערשטער טהוט מיט זיין פאָלק ישראל, פון אברהם

אבינו אָנגעהויבען ביז צו דער צייט וואָס משיח וועט קומען—און דער גרעסטער חסד פון אַלע איז, וואָס דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבען דאָס אידישע פאָלק, זיי זאָלען זיך קענען פאר איהם אוועקשטעלען, דאנקען צו זיין ליעבען נאָמען און אָנערקענען איהם פאר זייער איינציגען גאָט.

ווייטער פלעגט רב בעטען, דער אויבערשטער זאָל ענדליך אַמאָל עפענען די אויגען פון די גוים, זיי זאָלען איינזעהען, אַז זיי דיענען צו געצקעס, וואָס קענען קיינמאָל גאָר נישט טהון. די גאַנצע וועלט זאָל דאַן איינזעהען די גרויסקייט פונ׳ם אידישען גאָט, וואָס ער האָט געטהון צו זיין פאָלק די גרויסע טובה, זיי אויסצוקלויבען פון צווישען אַלע פעלקער און ער האָט זייט אַנהויב וועלט באַשטימט פאר זייערטוועגען אזא טייערע ירושה ווי די תורה, און די וועלט אליין איז אויך נור צוליעב זיי באַשאַפען געוואָרען (זעה סנהדרין דף צ״א עמוד ב׳).

ביי אַנדערע געלעגענהייטען פלעגט רב בעטען, אַז גלייך ווי דער אויבערשטער האָט ביי יציאת מצרים אָנגעיאָגט אַ מורא אויף אַלע אומות און ער האָט אויך געטהון דאָסזעלבע, ווען ער האָט זיי ארומגעפיהרט פערציג יאָהר אין דער מדבר, זאָל ער דאָס ווייטער אַמאָל טהון, ער זאָל געבען זיין פחד אויף אַלע באַשעפענישען, אַז אַלע מענשען צוזאַמען זאָלען שאַפען איין בונד, צו דיענען דעם אויבערשטען, ווייל ווען די אומות־העולם וועלען מורא האָבען פאר די אידען, וועלען זיי אויך מורא האָבען פאר גאָט (זעה שמות רבה פרשה כ״א און כ״ג).

פיער מענשען — האָט רב געזאָגט — זיינען באַזונדערס פארפליכטעט צו דאַנקען דעם אויבערשטען פאר זיינע חסדים, דהיינו: ווען איינער מאַכט אַ רייזע אויף׳ן ים אָדער ווען איינער געהט דורך אַ מדבר, ווען איינער קומט ארויס פון אַ תפיסה און ווען איינער שטעהט אויף פון אַ קראַנקען־בעט (ברכות דף נ״ד עמוד ב׳).

רב איז געווען אַ גרויסער שפּראַך־קינסטלער און זיינע תפלות קענען זיך אין זייער פשטות אָפטמאָל אויסדאַכטען גלייך ווי די נביאים זאָלען זיי האָבען געשריבען. כאַראַקטעריסטיש איז אויך, וואָס רב האָט דעם גרעסטען טייל פון זיינע תפלות געווידמעט צו „קבוץ גליות״. אַזוי האָט ער, למשל, באַשטימט צו זאָגען יעדען טאָג: „צוברעך דעם גוי׳שען יאָך פון אונזער האַלז און פיהר אונז האַפערדיג אין אונזער לאַנד אריין!״ און אויף שבת צו מוסף האָט ער געהייסען זאָגען, אַז „דער אויבערשטער זאָל אונז ברענגען אין פריידען אין אונזער לאַנד און איינפלאַנצען אונז אין אונזערע געמאַרקען״. עהנליך צו דעם האָט ער צו מוסף פון יום־טוב געהייסען זאָגען: „זאָלסט צונויפנעהמען אונזערע צושפּרייטע פון צווישען די פעלקער און אונזערע פאַנאַנדערגעוואָרפענע זאָלסטו צוזאַמענקלייבען פון אַלע ערד־ווינקלען״.

הויפּטזעכליך קען מען באַמערקען אין רב׳ס תפלות, אַז מעהר ווי ער בעט דאָרט וועגען צוקינפטיגע חסדים, וואָס דער אויבערשטער דאַרף באַווייזען, דריקט ער אויס אַ דאַנקבאַרקייט פאר דעם, וואָס דער אויבערשטער האָט שוין באַוויזען. בלויז די פּריווילעגיע צו קענען לויבען דעם אויבערשטען, איז שוין אליין פאר זיך ווערטה אַ דאַנק. האָט ער דערפאַר געהייסען זאָגען: „מיר דאַנקען דיר, גאָטוניו, וואָס דו האָסט אונז ארויסגעפיהרט פון מצרים, אויסגעלייזט אונז פון שקלאַפעריי און דו האָסט אונז

אויך ערלויבט, צו דאנקען צו דיין גרויסען נאָמען" (ירושלמי ברכות פרק א׳ הלכה ו׳).

און נעמט איינער אויף זיך א תענית, האָט רב געזאָגט, דאַרף ער אין זיינע תפלות זאָגען, וואָס ער וויל איינענטליך מיט זיין תענית באצוועקען. עס איז נישט גענוג, וואָס דער מענש ווייסט ביי זיך, אז דער אויבערשטער ווייסט, וואָס ער וויל פועל׳ן מיט זיין תפלה, נור ער מוז דאָס אויסדריקליך זאָגען (ירושלמי ברכות פרק ב׳ הלכה ג׳). דאָס נעמליכע האָט אויך רב געהאט אין זינען, ווען ער האָט באשטימט, אז אין א טאָג, וואָס עס איז פאַרהאַנען א מוסף, זאָל מען דערמאָנען ביים דאַווענען די אורזאַך פונ׳ם מוסף (ירושלמי ברכות פרק ד׳ הלכה ו׳ און פרק ט׳ הלכה ב׳).

ביי דער מיינונגס־פאַרשידענהייט וועגען דער צייט פון דער וועלט־באשאַפונג, אין וואָס פאַר א חודש דאָס איז פאָרגעקומען, צי אין חודש ניסן, וועלכער הייסט אין דער תורה דער ערשטער חודש, אָדער אין חודש תשרי, ווען די בבליים פלעגען פייערען דעם אָנהויב פון זייער יאָהר, האָט רב געהאלטען, אז די וועלט איז באשאפען געוואָרען אין תשרי. איז אויך אָנגענומען ביי אונז, אז רב האָט מסדר געווען די פסוקים פון „מלכיות, זכרונות און שופרות", וועלכע מיר זאָגען אום ראש־השנה צו מוסף און אין דער גמרא ווערען זיי אָנגערופען „תקיעתא דרב" (זעה ראש השנה דף כ״ז עמוד א׳, ירושלמי ראש השנה פרק א׳ הלכה ג׳, עבודה זרה פרק א׳ הלכה ב׳ און ויקרא רבה פרשה כ״ט פיסקא א׳).

אין דער „הקדמה" צו „סדר מלכיות" זאָגט ער:

„קיניג דו, גאָטוניו, איבער דער גאַרער וועלט מיט דיין כבוד און דערהויב זיך איבער דער גאַרער ערד אין דיין פראַכט און טהו א שיין אין דיין ערהאבענעם שטאַרקען שטאָלץ איבער אַלע וואָס זיצען אויף דיין וועלט, יעדעס באשעפעניש זאָל וויסען, אז דו האָסט עס באשאַפען, און אַלעס וואָס האָט א לעבעדיגען אָטהעם אין דער נאָז זאָל זאָגען, אז דער גאָט פון ישראל איז דער איינציגער מלך פון דער וועלט און זיין הערשאַפט געוועלטיגט איבער אַלעמען".

אַלס איינלייטונג צו די פסוקים פון „סדר זכרונות" האָט ער געהייסען זאָגען דאָס פאָלגענדע:

„דו, גאָטוניו, געדענקסט אַלע געשעהענישען פון דער וועלט און דו דערמאָנסט אַלע באשעפענישען פון אַלע צייטען. פאַר דיר זיינען אַנטפּלעקט אַלע פאַרבאָרגענישען און די סאַמע געהיימניסע פון דער וועלט־באשאַפונג, ווייל עס איז נישט פאַרהאַנען ביי דיין כסא־הכבוד קיין פאַרגעסען און מען קען אויך גאָר נישט באהאַלטען פון דיינע אויגען. דו געדענקסט אַלעס, וואָס עס איז מיט יעדען באשעפעניש פאָרגעקומען. אַלעס איז אָפען און באַקאַנט צו דיר, ווייל דו קוקסט און זעהסט אַלסדינג ביז צום סוף פון אַלע דורות. דו האָסט אויך באשטימט א געזעצטע צייט פון דערמאָנונג פאַר יעדען לעבעדיגען נפש, עס זאָלען דערמאָנט ווערען פאַרשיעדענע געשעהענישען און ענדלאָזע מענגעס באשעפענישען, וועלכע דו ווייסט שוין פון לאַנג און דו האָסט שוין פון פריהער אַנטפּלעקט.

„אָט דער היינטיגער טאָג איז דער אָנהויב פון דיין ווערק, אַן אָנדענק צום ערשטען טאָג פון דער וועלט׳ס באשאַפונג, באשטימט פאַר אידען, אז דער גאָט פון יעקב זיצט דאַמאָלס צום משפט איבער די מענשען. היינט

ווערד אויך ארויסגעזאגט דער אורטייל פון די מדינות, וועלכע פון זיי עס זאל זיין צום שווערד און וועלכע צום פרידען, וועלכע צום הונגער און וועלכע צו זעטיגקייט.

„ווער ווערד נישט אינ'ם היינטיגען טאג דערמאנט? דאס געדעכע־ניש פון אלע באשעפענישען קומט היינט פאר דיר און דו געדענקסט די טהעטיגקייט פון יעדען מענשליכען שריט צוזאמען מיט אלע מענשליכע גע־דאנקען און טריקס. אז וואויל איז דעם מענשען, וואס פארגעסט דיך נישט און ער האלט זיך פעסט אן דיר, ווייל די וואס בעטען צו דיר ווערען קיינמאל נישט געשטרויכעלט און אייביג ווערען נישט פארשעהמט די וואס פארלאזען זיך אויף דיר".

חוץ די אלע תפלות האט אויך רב מסדר געווען די „הפטרות" פאר יעדען שבת און יום טוב נאך'ן לייענען (זעה מגלה דף ל"א עמוד ב').

אן אלגעמיינע מיינונג וועגען רב איז ביי די חכמים פון זיין צייט געווען אנגענומען און עס האט זיך אויך קיינער נישט דערוועגט, צו דענ־קען אנדערש, אז רב איז געווען „ווירדיג, די שכינה זאל אויף איהם רוהען". האט דאס אבער נישט געקענט זיין, ווייל „ער האט געוואוינט אין בבל" (זעה מועד קטן דף כ"ה עמוד א').

עס ווערד אויך דערצעהלט, אז רב האט פיעל ארומגערייזט. אין די אינטערעסען פון דער אידישער תורה און איהר פערשפרייטונג האט ער שטענדיג ארומגעוואנגעלט איבער פארשיעדענע שטעדט, סיי ווען ער איז נאך געווען אין ארץ־ישראל און סיי ווען ער איז שוין געווען אין בבל.

פלעגט ער דערפאר זעהר אפט ריידען וועגען דער פיהרונג אויף א רייזע, אדער ווען א מענש קומט אין אן אכסניא. אויף זיינע רייזען האט זיך אויך רב אומעטום באקענט מיט די אומשטענדען און ער האט פאר־שטאנען אפצושאצען די מדה פון גאסטפריינדשאפט, וועלכע ער האט אויף אלע זיינע וועגען געטראפען.

ער האט אויך פיעל געווארענט די מענשען וועגען די געפאהרען פון א רייזע — און ער פלעגט זאגען: „קיין מענש טאר נישט ארויס־געהען אליין ביי נאכט" (ברכות דף מ"ג עמוד ב'). אן אנדערעס מאל האט ער געזאגט, אז „ווען איינער באגלייט זיינעם א חבר, וועלכער געהט אויף א רייזע, אפילו בלויז פיער איילען אינערהאלב פון דער שטאדט, וועט שוין אזא רייזענדער נישט לײדען קיין שאדען" (סוטה דף מ"ו עמוד ב').

אין אלעמען, וואס רב האט געזאגט און געלעהרענט וועגען דער פיהרונג פון די מענשען, קען מען זעהען, אז ער האט שטענדיג געהאט אין זינען, צו באשיצען דעם שוואכען אקעגען דעם שטארקען. איז ער דערפאר אין ערשטער רייהע געווען באשטרעבט, צו מאכען די פרוי זעלב־שטענדיג אין איהרע האנדלונגען, זי זאל זיין אויסגעגליכט אין איהרע רעכטע מיט'ן מאן און זי זאל נישט זיין אפהענגיג פון מענערשע קאפ־ריזען.

עס האט אויך דאמאלס דער מאן געהאט א רעכט, צו געבען א גט זיין פרוי ביי דער מינדעסטער געלעגענהייט. דער באגריף „ערות דבר" (דברים כ"ד א') איז דאן אזוי אויסגעטייטשט געווארען, אז די גרינגסטע סבה האט שוין געקענט דיענען אלס אן אורזאך פאר א גט. אמאל איז זאגאר געווען גענוג, דער מאן זאל זעהען א שעהנערע פרוי ווי זיינע און

זאָל זי דערפאַר מענען גט'ן (גטין דף צ' עמוד א'). אָבער די פרוי האָט זיך נישט קיינמאָל געקענט באַפרייען פונ'ם מאַן, וואָס איהר פאָטער אָדער אַן עלטערער ברודער האָט פאַר איהרעטוועגען אויסגעקליבען.

האָבען די חכמים איינגעפיהרט מאַנכע ענדערונגען אין דעם דאָזיגען ענין, אַז ביי געוויסע אומשטענדען זאָל די פרוי קענען פאַרלאַנגען אַ גט און דער בית דין זאָל דעם מאַן דערצו צווינגען, אַ שטייגער ווי ווען דער מאַן איז געוואָרען אַ קאַליקע, ווען ער האָט פאַרלוירען אַן אויג, אויב ער האָט זיך אָפּגעהאַקט אַ האַנד, אָדער ער האָט געבראָכען אַ פוס, אָדער ווען זיין מלאכה שמעקט נישט, ווייל עס פיהלט זיך פון איהם אַן אומאַנגענעהמער ריח. עס איז זאָגאַר געווען אַ מיינונג, אַז ווען די פרוי האָט אפילו פריהער געוואוסט פון איהר מאַנ'ס פעהלערען אָדער פון זיין מיאוסער באַשעפטיגונג און זי איז טראָצדעם איינגעגאַנגען אויפ'ן שדוך, קען זי שפּעטער טענה'ן, אַז זי האָט דאַמאָלס נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי וועט דאַרפען ליידען, און יעצט ערשט זעהט זי איהר טעות (כתובות דף ע"ז עמוד א').

זיינען די דאָזיגע אַלע פאַרגרינגערונגען פאַר דער פרוי ביים פאַר־לאַנגען אַ גט נישט געווען גענוג פאַר רב. דאָס האַרץ האָט איהם שרעקליך וועה געטהון, ווען ער האָט געזעהען, ווי אַ פרוי קען זיך נישט באַפרייען, ווען זי איז אַריינגעפאַלען צו אַ שלעכטען מאַן אין די הענד, וועלכער האָט נישט די אויבען אויסגערעכענטע פעהלערען. האָט ער דערפאַר נאָך צוגעגע־בען עטליכע סבות, וואָס זאָלען דיענען פאַר דער פרוי אַלס אַן אורזאַך, צו פאַרלאַנגען אַ גט ביי איהר מאַן — און ער האָט געזאָגט, אַז „ווען איינער טהוט אַ נדר וועגען זיין ווייב, זי זאָל איהם נישט טאָרען געבען קיין פאַרגעניגען, מוז ער זי זאָפאָרט גט'ן און באַצאָהלען איהר כתובה". מען דאַרף אויך אין אַזא פאַל גאָר נישט וואַרטען, אַז טאָמער וועט דער מאַן דערווייל געפינען אַ היתר צו זיין נדר, נור ער דאַרף זי תיכף גט'ן (כתובות דף ס"א עמוד ב').

דער חוב פונ'ם מאַן, צו שפּייזען זיין ווייב און זי צו באַזאָרגען מיט אַלע איהרע באַדערפעניסען, איז אין רב'ס אויגען געווען דאָס וויכטיגסטע אינ'ם פאַרהייראַטהען לעבען — און ער האָט פעסטגעזעצט, אַז ווען איינער זאָגט צו זיין ווייב: „איך וועל דיך נישט מעהר שפּייזען!" דאַרף מען נישט וואַרטען, ביז ער וועט דעם סטראַשונאָק זיינעם אויספיהרען, נור דער בית־דין דאַרף איהם תיכף הייסען געבען דעם ווייב אַ גט און באַצאָהלען איהר כתובה (כתובות דף ס"ג עמוד א' און דף ע"ז עמוד א').

און כדי צו פאַרמיידען, ווי וויים עס איז נור מעגליך, אַז אַזעלכע פּאַרפאַלען צווישען מאַן און פרוי זאָלען נישט קענען פאָרקומען, האָט רב געזאָגט, אַז „אַ מענש טאָר נישט פאַרהייראַטען זיין טאָכטער, ווען זי איז נאָך קליין און זי קען נישט זאָגען, וועמען זי וויל פאַר אַ מאַן" (קדושין דף מ"א עמוד א'). חוץ דעם האָט ער אויך פאַרבאָטען, צו פאַרהייראַטען אַ טאָכטער צו אַן אַלטען מאַן, אָדער צו פאַרהייראַטהען אַ מינדעריעהריגען זוהן (סנהדרין דף ע"ז עמוד ב').

דאָס לעבען צווישען מאַן און פרוי איז ביי איהם געווען די גרעסטע הייליגקייט פונ'ם לעבען און ער האָט אויך כסדר געדענקט, אַנצוהאַלטען די דאָזיגע הייליגקייט. פלעגט ער זעהען די אויפגאַבע פון דער פרוי אין איהר איבערגעבענהייט צום מאַן און צו דער ערציהונג פון די קינדער. דאַביי

האָט ער אויך שטענדיג געזאָגט, אז די פרוי שטייגט ארויף אין דער מדרגה מיט איהר מאַן, אָבער זי מוז נישט מיט איהם צוזאַמען ארונטערגעהן פון דער מדרגה (זעה כתובות דף ס"א עמוד ב').

ער פלעגט אויך זאָגען: „אַ מענש דאַרף זיין געוואָרענט, נישט צו קרענקען זיין ווייב, ווייל אַזוי ווי אַ פרוי איז גרינג אויף טרעהרען, פיהלט זי זיך געקרענקט ביי דער מינדעסטער קלייניגקייט" (בבא מציעא דף נ"ט עמוד א').

די גרעסטע זאָרג פון רב איז געווען, צו דערוויטערען די מענשען פון יעדער געלעגענהייט צו אַן עברה, אָדער אפילו צו שטעלען זיך אַליין אין אַ לאַגע, ווי מען קען קומען צו דער פאַרזוכונג, צו טהון אַן עברה (סנהדרין דף ק"ז עמוד א'). פלעגט ער זיך דערפאַר שטענדיג דערוויטערען פון יעדער מעגליכקייט, צו טראַכטען וועגען אַ נסיון פון אַן עברה. און ווען ער איז אַמאָל געגאַנגען מיט זיין תלמיד רב יהודה און ער האָט געזעהן אַ פרוי געהען פאַראויס, האָט רב געזאָגט צו רב יהודה: „לאָמיר צואיילען אונזערע שריט, די פרוי אריבער צו יאָגען, מיר זאָלען נישט דאַרפען כסדר געהען הינטער'ן גיהנם!" (קדושין דף פ"א עמוד א').

און ווייל רב האָט זיך שטענדיג אויסגעהיט פון יעדער פאַרזוכונג צו'ן אַ זינד, איז ער נישט געגאַנגען קיינמאָל צו די וכוחים מיט אַנדערש-גלויביגע און ער פלעגט אויך זאָגען: „אַז וואויל איז צו דעם, וואָס טהוט תשובה, ווען ער איז נאָך ביי אַלע זיינע מענליכע קרעפטען" (עבודה זרה דף י"ט עמוד א').

ביים אויסהיטען זיך פון קומען אין וועלכען ס'איז קאָנפליקט מיט די מאָראַלישע פרינציפען, האָט זיך רב נישט בלויז אויסגעהיט פון יעדער זינד אין באַצוג צו פרויען, נור ער האָט אויך פיעל אַכטונג געטהון אויף יעדען שריט זיינעם אין אַנדערע באַציהונגען. פלעגט ער דאָדורך זאָגען, אז „אַ מענש טאָר נישט ביי זיך האַלטען אַ שווערערע אָדער אַ גרינגערע מאָס, עס זאָל איהם נישט אַמאָל אויסקומען, מיט איהר צו מעסטען" (בבא בתרא דף פ"ט עמוד ב').

אין דעמזעלבען זין פלעגט ער זאָגען, אז „ווען איינער האָט אַ מטבע, וועלכע איז גרינגער געוואָרען אין איהר מעטאָל, טאָר ער זי ביי זיך נישט האַלטען, ווייל מען קען זי אַמאָל אויסגעבען און מאַכען שטרויכלען די מענשען" (בבא מציעא דף נ"ב עמוד א').

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט רב וועגען אַן עהנליכען ענין געזאָגט, אַז „ווער עס לייהט עטוואָס צו אַן אַנדערען אָהן עדות, שטעלט ער דעם לייהער אין אַ פאַרזוכונג, די הלואה אָפּצולייקענען, און דאָס איז גלייך ווי מען לייגט אַמאָל אוועק אַ שטרויכלונג פאַר אַ בלינדען" (בבא מציעא דף ע"ה עמוד ב').

מעהר און שטאַרקער פון אַלעמען האָט רב געקעמפפט געגען פאַר-דאָרבענע זיטען און אויסגעלאַסענהייט. אין אָט דער באַציהונג האָט ער באַשטימט די שאַרפסטע געזעצע — און ווען ער האָט געזעהען, אַז די דאָ-זיגע געזעצע זיינע האָבען אַ קליינע ווירקונג, האָט ער זיך גענומען מוסר'ן די מענשען דורך מעשה'לעך, וועלכע ער פלעגט פון צייט צו צייט אריינ-פלעכטען אין זיינע דרשות.

איינע פון די דאָזיגע מעשה'לעך דערצעהלט דאָס פאָלגענדע:

— געווען אמאָל אַ געזעל ביי אַ מייסטער, וועלכער האָט געוואָרפען אַן אויג אויף דער פרוי פונ'ם מייסטער. האָט זיך דער דאָזיגער מייסטער גענדאַרפט אמאָל לייהען אַ געוויסע סומע געלד, אויף צו קענען אָנפיהרען זיין ארבייט. האָט איהם יענער געזעל געזאָגט: „שיק דיין ווייב צו מיר, וועל איך דיר די נויטיגע סומע לייהען!"

האָט דאַן דער מייסטער אוועקגעשיקט זיין פרוי צו דעם געזעל, זי זאָל איהם דאָס געלד ברענגען. האָט זי דער געזעל פאַרהאַלטען ביי זיך דריי טעג. דערנאָך איז דער מייסטער געקומען צום געזעל און ער האָט געזאָגט: „מיין ווייב, וועלכע איך האָב צו דיר געשיקט, וואו איז זי?" — האָט איהם דער געזעל געענטפערט: „איך האָב זי תיכף אָפּגעפּאַרטיגט צום אהיים־געהען. איך האָב אָבער געהערט, אַז אַ באַנדע יונגע לייט האָבען זי גע־חאַפּט אויפ'ן וועג און זיי האָבען זי מיסברויכט!"

— טאָ וואָס קען איך יעצט טהון? — האָט אויף דעם דער מייסטער געזאָגט.

„אויב דו ווילסט הערען מיין עצה" — האָט דער געזעל געענטפערט — „וואָלסטו זי גענדאַרפט גט'ן" . . .

— קען איך זי ליידער נישט גט'ן — האָט דער מייסטער געזאָגט — ווייל זי האָט אַ גרויסע „כתובה" און איך פאַרמאָג נישט אַזוי פיעל געלד!

„וועל איך דיר לייהען, דו זאָלסט קענען איהר כתובה באַצאָהלען!" — האָט דער געזעל געענטפערט.

דער געזעל האָט אויך געהאַלטען זיין צוזאָג און ער האָט געליהען דעם מייסטער די נויטיגע סומע געלד, צו באַצאָהלען דעם ווייב'ס „כתובה". האָט דאַן דער מייסטער זיין פרוי גע'גט — און דער געזעל האָט דערנאָך תיכף מיט איהר חתונה געהאַט.

און ווען עס איז געקומען די צייט, וואָס דער מייסטער האָט גע־דאַרפט באַצאָהלען דעם חוב צו זיין געזעל און ער האָט נישט געהאַט צו באַצאָהלען, האָט איהם דער געזעל געצוואונגען, ער זאָל צו איהם געהן דיענען פאַר אַ קנעכט, דעם חוב אָפּצואַרבייטען. און ווען דער געזעל איז דערנאָך געזעסען מיט דער פרוי ביים טיש און זיי האָבען זיך ביידע אונטער־האַלטען מיט עסען און טרינקען, האָט דער מייסטער געמוזט שטעהען לעבען זיי, צוקוקען ווי זיי קושען זיך און דאַביי באַדיענען — און ווען דער מייס־טער פלעגט זיי צוטראָגען דעם וויין צו טרינקען, פלעגען איהם די טרעהרען אריינפאַלען אין זייער בעכער.

האָט דער אויבערשטער נישט געקענט צוזעהען אַזאַ פאַרברעכען — און אין יענעם אויגענבליק איז פאַרזיגעלט געוואָרען דער גזר־דין איבער ירושלים, וואו אַזאַ זאַך האָט געקענט פאָרקומען, צום חרוב ווערען (גטין דף נ"ה עמוד א').

נאָך איין מעשה'לע אַזעלכע האָט רב אמאָל דערצעהלט אין זיינער אַ דרשה:

— געווען אמאָל אַ מאַן, וועלכער איז אריינגעפאַלען אין אַ קרענק צוליעב דעם, וואָס ער האָט געוואָרפען אַן אויג אויף אַ געוויסע פרוי, זי צו קריגען. האָט מען געפרעגט ביי דאָקטוירים, וואָס מען קען טהון. האָבען די דאָקטוירים געזאָגט, אַז דער מענש קען נישט געזונד ווערען, ווי לאַנג

ער וועט נישט יענע פרוי באקומען . . . האָבען די חכמים געזאָגט: „זאָל ער שטאַרבען און די פרוי וועט ער נישט קריגען!"

האָבען די דאָקטוירים געזאָגט: „ווען מען וועט די פרוי אוועק־שטעלען לעבען איהם אַן אויסגעטהוענע, איז פאַרהאַנען אַ האָפנונג, ער זאָל געזונד ווערען!" — האָבען די חכמים אויף דעם געזאָגט: „זאָל ער שטאַר־בען און די פרוי וועט מען נישט אוועקשטעלען לעבען איהם אַן אויסגע־טהוענע!"

ענדליך האָבען די דאָקטוירים געזאָגט: „זאָל מען איהם בלויז לאָזען זיך דורכשמועסען מיט דער פרוי איבער אַ פּאַרקען!" — האָבען די חכמים געזאָגט: „אויב עס געהט אַזוי ווייט, דאַרף מען איהם לאָזען שטאַרבען און מען טאָר עס נישט דערלאָזען, ער זאָל זיך מיט יענער פרוי דורכשמועסען אפילו איבער אַ פּאַרקען!" (סנהדרין דף ע"ה עמוד ב').

חוץ דער פראַגע וועגען פרויען האָט זיך רב פיעל אָפּגעגעבען מיט'ן ענין פון ערציהונג. האָט ער באַשטימט די צייט פאַר אָנהויבען לעהר־נען אַ קינד—און ער האָט אַמאָל געזאָגט צו ר' שמואל בר שילת, וועלכער איז געווען אַ מלמד אין סורא: „ביז אַ קינד ווערד נישט אַלט זעקס יאָהר, זאָלסטו עס נישט אָננעהמען צום לערנען, און אַז דו וועסט אַמאָל וועלען אַ קינד אַ קלאַפּ טהון, זאָלסטו דאָס טהון בלויז מיט אַ רימען פון אַ שוך" (בבא בתרא דף כ"א עמוד א').

דאָס לערנען איז אויך ביי איהם געווען דאָס וויכטיגסטע. פלעגט ער דאַדורך זאָגען, אַז „דער מענש טאָר זיך נישט צוריקהאַלטען פונ'ם בית־המדרש אפילו בלויז איין שעה" (שבת דף פ"ג עמוד ב').

רב איז געווען אַ „ראַציאָנאַליסט" אין די פראַגען פון אמונה, ער פלעגט דערפאַר זאָגען, אַז „דער אויבערשטער האָט געגעבען די מצוות, זיי זאָלען אויסלייטערען די אידען, גלייך ווי דער גאָלדשמיד נעמט אַריין דאָס גאָלד אין דער טעסט און לייטערט עס אויס פון פסולת" (מדרש שמואל פרשה ד').

מיט אַלע זיינע כחות און מיט דער גרעסטער ענערגיע האָט רב געקעמפּפט געגען אויסגעלאַסענהייט. מיט די שאַרפסטע ווערטער האָט ער געשטראָפט יענע אַלע, וואָס ערלויבען זיך, צו געהען אין אויסגעלאַסענע וועגען און ער האָט זיי אויך אָפטמאָל נישט געזשאַלעוועט קיין קללה. דעם־גלייכען איז ביי איהם דאָס אָפּטרעטען פונ'ם דת געווען פאַררעכענט אַלס אַ מין אויסגעלאַסענהייט. אָבער מעהר פון דעם האָט רב געקעמפּפט פאַר סאָציאַלע גערעכטיגקייט, צו באַשיצען דעם שוואַכען געגען דעם שטאַרקען. פּרינציפּיעל האָט ער אויך פאַרטראָטען די באַוועגונגס־פרייהייט פונ'ם אַר־בייטער, ווען ער איז אויף'ן טאָג געדונגען, און ער האָט געזאָגט, אַז „אַן אַרבייטער קען חרטה האָבען אויף דער אָנגענומענער אַרבייט אפילו אין מיטען טאָג" (בבא מציעא דף י' עמוד א', בבא קמא דף קט"ז עמוד ב').

ביי אַזאַ געלעגענהייט פלעגט ער שאַרף אַרויסטרעטען געגען די בעלי־בתים, וואָס אונטערדריקען זייערע אַרבייטער — און ער האָט גע־זאָגט: „וועגען פיער זאַכען מוזען די פאַרמעגענס פון די בעלי־בתים צו־גרונד געהן, דהיינו: ווען זיי האַלטען צוריק די שכירות פון זייערע גע־דונגענע מענשען, אָדער זיי נאַרען אָפּ דעם געדונגענעם אַרבייטער, ווען זיי

נעהמען ארונטער פון זיך דעם יאָך פונ'ם כלל און לייגען איהם ארויף אויף אנדערע, און ווען זיי האַלטען זיך שטאָלץ" (סוכה דף כ"ט עמוד ב').

זעהר שארף איז געווען רב'ם מלחמה געגען די, וואָס ווארפען פון זיך אראָפּ דעם עול פונ'ם כלל. איז די דאָזיגע געגנערשאַפט זיינע געקומען פון זיין טבע, וואָס ער אליין איז צו יעדער צייט געווען גרייט, צו נעהמען אויף זיך די לאַסט פון אַלע עפענטליכקייטס-אינטערעסען.

ער האָט אויך געוואָלט, עס זאָל ביי די פיהרער פונ'ם פאָלק הערשען אַ טרייע איבערגעבענהייט צו זייער אמט גלייך ווי צו די מענשען, וואָס זיינען צו זיי איבערגעבען. די פיהרער פונ'ם פאָלק זאָלען זיך נישט פיהלען העכער פון אנדערע פשוט'ע מענשען. האָט ער דאַן געזאָגט: „יעדער פאַרשטעהער פונ'ם פאָלק, וועלכער ווארפט אָן אַ צו גרויסע מורא אויף די מענשען פון זיין סביבה און ער טהוט דאָס נישט לשם־שמים, וועט נישט האָבען די זכיה, צו זעהען זיינעם אַ זוהן אַ תלמיד־חכם (ראש השנה דף י"ז עמוד א').

צום מערסטען איז רב געווען אין כעס געגען שטאָלץ און ער האָט וועגען דעם געזאָגט: „ווער עס האַלט זיך שטאָלץ איבער אנדערע מענשען און ער איז אַ געלערענטער, געהט דאָס געלערענטקייט פון איהם אוועק" (פסחים דף ט"ו עמוד ב'). און טאָמער האָט זיך איינער געהאַלטען שטאָלץ, חאָטש ער איז נישט געווען קיין לערנער, האָט רב געזאָגט, אז „ווער עס שטאָלצירט אין אַ קלייד פון אַ תלמיד־חכם און ער איז נישט קיין תלמיד־חכם, דעם וועט מען נישט אריינלאָזען אין דער מחיצה פונ'ם אויבערשטען" (בבא בתרא דף צ"ה עמוד א').

און גלייך ווי רב האָט פיינט געהאַט דאָס שפּיעלען דעם שטאָלצען, האָט ער אויך פיינט געהאַט אַ מענשען, וועלכער יאָגט אָן אַן איבריגע שרעק אויף זיינע אייגענע הויז־מענשען. — און ער האָט געזאָגט: „ווער עס ווארפט אָן אַ צו שטאַרקע שרעק אויף זיין הויז, דער ברענגט די מענשען צו אויסגעלאַסענקייט, צו בלוט־פארגיסונג און צו חלול־שבת" (גטין דף ו' עמוד ב').

ריידענדיג וועגען די מענשען פון די ארומיגע שטעדט, וועלכע ער האָט באַטראַכט אַלס די געפעהרליכסטע גנבים, פלעגט ער זאָגען: „טאָמער האָט דיר אמאָל איינער פון דער שטאָדט גרש אַ קוש געטהון, דארפסטו דערנאָך איבערצעהלען דיינע ציינער, צי דו האָסט זיי נאָך אַלע. און האָט זיך צו דיר אַ מענש פון נהר פקוד צוגעשאַרט אויף דיין וועג, איז דאָס אודאי, ווייל עס געפעלט איהם דיין מאַנטעל און ער וויל איהם ביי דיר צונעהמען. און באַגלייט דיך אַ מענש פון פומבדיתא, דארפסטו נעהמען אַז אַנדערע אכסניא, ער זאָל נישט וויסען, וואו דו געפינסט זיך" (חולין דף קכ"ז עמוד א').

און ווען עס איז איהם אמאָל דערצעהלט געוואָרען וועגען איינעם, וועלכער איז געקומען קיין בבל און מען האָט איהם דאָרט נישט געוואָלט געבען קיין עסען און קיין ארבייט, האָט ער געזאָגט: „די עשירים פון בבל זיינען באַשטימט צו געהן אין גיהנם, זיי שטאַמען איבערהויפּט פונ'ם ערב־רב, ווייל נור אַ מענש מיט רחמנות שטאַמט אָפּ פון אברהם אבינו" (ביצה דף ל"ב עמוד ב').

ווי עס איז שוין דערצעהלט, האָט רב פיעל געררייזט אין ארץ־ישראל אזוי ווי אין בבל, און חאָטש ער האָט דאָס ארומרייזען באַטראַכט ווי א לאַסט און ער פלעגט זאָגען, אז „דאָס רייזען פון א מאַן איז שווערער ווי דאָס רייזען פון א פרוי" (כתובות דף כ"ה עמוד א', סנהדרין דף כ"ו עמוד א'), האָט ער געפיהלט אזוי פיעל ליעבשאַפט צו דער ארבייט פון פאַרשפּרייטען די אידישע תורה, מיט וועלכער ער האָט זיך אויף זיינע רייזען אָפּגעגעבען. האָט זיך איהם דערפאַר אויסגערעכט, אז „דער אויבערשטער האָט ביי יעדען אין די אויגען באַליעבט געמאַכט זיין מלאכה" (ברכות דף מ"ג עמוד ב').

פון דעסטוועגען דאַכט זיך, אז דאָס געהן אליין איז איהם נמאס געווען און ער האָט דערפאַר געזאָגט, אז „יעדע שטאָדט, וואָס די וועגען פיהרען דאָרט באַרג־ארויף און באַרג־אראָפּ, מאַכט די מענשען און די בהמות צו פריה אַלט" (ערובין דף נ"ו עמוד א').

אויף די וועגען פון זיינע רייזען האָט רב דערקענט די ווערדע פון גאַסט־פריינדשאַפט. פלעגט ער דאַן דרש'ענען וועגען די אבות און זייערע פיהרונגען געגען געסט און וואַנדרער. האָט ער אויסגעדריקט א לויב צו ברזלי הגלעדי, וועלכער האָט געבראַכט פאַרשיעדענע געברויכס־ארטיקלען און עסענוואַרג צו דוד המלך, ווען ער איז אַנטלאָפען פאַר זיין זוהן אבשלום (שמואל ב' י"ז כ"ח). און אזוי ווי עס שטעהט דאָרט אין פּסוק צוויי מאָל דאָס וואָרט „קלי", האָט רב געטייטשט, אז ברזלי האָט געבראַכט צו דוד'ן צוויי מינים געקעכטסען פון צווייערליי געבראָטענע פּרוכטען (עבודה זרה דף ל"ה עמוד ב').

ער האָט אויך גע'דרש'נט וועגען דעם, וואָס דוד האָט געשיקט צעהן פון זיינע מענשען צו נבל הכרמלי (שמואל א' קאַפּיטעל כ"ה) און ער האָט געזאָגט, אז ווייל נבל האָט צו די דאָזיגע צעהן מענשען געגעבען עסען, חאָטש עס שטעהט גאָר נישט אין פּסוק, אז נבל האָט געגעבען עסען צו דוד'ס מענשען, האָט איהם דער אויבערשטער אינ'ם זכות פון דער דאָזיגער מאָהלצייט, איבריגע צעהן טעג לעבען געשענקט (ראש השנה דף י"ח עמוד א').

דעסגלייכען האָט רב געזאָגט, אז ווען יהונתן בן שאול וואָלט גע־געבען צו דוד'ן אין דער האַנד אריין צוויי לאַבענס ברויט, ווען ער האָט איהם געהייסען אַנטלויפען פאַר זיין פאָטער'ס צאָרן, וואָלט דוד נישט גע־דאַרפט נעהמען קיין ברויט ביי אחימלך און די כהנים פון נוב וואָלטען נישט אויסגעה'רג'עט געוואָרען (סנהדרין דף ק"ד עמוד א').

ווי מיר האָבען שוין געשריבען, פלעגט זיך רב חבר'ן מיט פאַסטוכער און יעגער, וועלכע האָבען איהם איבערגעגעבען פאַרשיידענע ידיעות וועגען דער טבע פון די בהמות און חיות (מועד קטן דף י"א עמוד א', סנהדרין דף ה' עמוד ב'). זיין אייגענעם זוהן חייא האָט אויך רב געלאָזט לערנען שיסען מיט א פייל־ענבויגען (זעה נדרים דף ע"ו עמוד ב').

יעגעריי איז איבערהויפּט דאַמאָלס נישט געווען זעלטען צווישען די אידען אין בבל — און לויט ווי עס ווערד דערצעהלט, איז דאַן געווען איינער, וואָס האָט אויסגעלייגט נעצען אויף צו חאַפּען פויגלען און חיות, מיט'ן נאָמען „טבי רישבא" (שבת דף י"ז עמוד ב') און אַן אנדערער פון דערזעלבער מלאכה מיט'ן נאָמען „יוסף רישבא" (שבת דף ק"ל עמוד א').

זעהר אינטערעסאַנט זיינען רב'ס קורץ סטיליזירטע „ווערטלעך", וועל־כע קענען שטענדיג דיענען אַלס באַלעהרונג פאַר'ן לעבען.

„די קללה פון א חכם" — האָט רב געזאָגט — „אפילו ווען זי ווערד געזאָגט מיט א תנאי, מוז מקוים ווערען" (מכות דף י"א עמוד א').

ווען איינער גיט א מתנה צו זיינעם א מיטמענשען, דאַרף ער דאָס איהם צו וויסען געבען (שבת דף י' עמוד ב').

אפילו א געוועהנליכער געשפּרעך פון א תלמיד־חכם פאַרלאַנגט, מען זאָל אין איהם אריינלערנען פשט (סוכה דף כ"א עמוד ב', עבודה זרה דף י"ט עמוד א').

דער קעמעל האָט געוואָלט האָבען הערנער, האָט מען איהם אָפּגע־שניטען די אויערען, וואָס ער האָט געהאַט פון פריהער (סנהדרין דף ק"ו עמוד א').

א פריזאָנער קען זיך אַליין נישט באַפרייען פון זיין תפיסה (ברכות דף ה' עמוד א', סנהדרין דף צ"ה עמוד א').

עס דאַרף גאָר נישט זיין קיין וואונדער ווען דער וואָס שטאַמט פון דיר, קען דיך אמאָל לעהרנען שכל (יבמות דף ס"ג עמוד א').

א גר אפילו ביז צום צעהנטען דור, דאַרף מען נישט באַליידיגען א גוי פאַר זיינע אויגען (סנהדרין דף צ"ד עמוד א').

„בילט אויף דיר א הונד, קענסטו אריינגעהען אין הויז, בילט אָבער אויף דיר א צווייג, דאַן זאָלסטו נישט אריינגעהען!" (ערובין דף פ"ז עמוד א'). — אָט דער מאמר ווערד געוועהנליך אויסגעטייטשט, אז א מענש מעג אריינגעהן צו זיין איידעם אין הויז, ווען ער בילט אפילו ווי א הונד, מען דאַרף אָבער נישט אריינגעהן צום זוהן אין הויז, ווען זיין ווייב בילט ווי א צווייג.

א איד, חאָטש ער האָט געזינדיגט, איז ער אַלץ א איד (סנהדרין דף מ"ד עמוד ב').

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האָט רב אָנגעזאָגט צו זיינעם א תלמיד, אז ער זאָל זיך נעהמען אָפּשינדען א נבלה אין גאַס, אבי נישט צו דאַרפען אָנקומען צו מענשען'ס הילף (בבא קמא דף ק"י עמוד א').

ווער עס האָפט צו יענעם'ס טיש, דעם איז פאַרפינסטערט זיין וועלט (ביצה דף ל"ב עמוד ב').

ביי פרומע מענשען איז דאָס געלד זייערם ליעבער ווי זייער גוף, ווייל אזוי ווי זיי שטרעקען נישט אויס די הענד צו רויב, איז זיי דאָס געלד שווער אָנגעקומען (סוטה דף י"ב עמוד א').

גאָר אינטערעסאַנט זיינען רב'ס מאמרים, אין וועלכע ער רעדט וועגען זאכען, וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט אין דער צאָהל פון ד ר י י.

פאַרהאַנען דריי „תיכף'ען" אויף דער וועלט, דהיינו: תיכף נאָך דער סמיכה קומט שחיטה, תיכף נאָך „גאל ישראל" הויבט זיך אָן די שמונה־עשרה און תיכף נאָך'ן וואַשען די הענד דאַרף מען מאַכען די ברכה (ברכות דף מ"ב עמוד א').

דריי מינים מענשען דאַרף מען היטען: א קראַנקען, א חתן און א כלה (ברכות דף נ"ד עמוד ב').

פון דרייערליי עברות קען זיך א מענש קיינמאָל נישט אויסהיטען, דהיינו: ער זאָל נישט נאָכדענקען וועגען זינדיגען, ער זאָל געווי אכטונג

געבען ביים דאווענען און ער זאָל נישט רעדען אָדער אָננעהמען לשון־הרע (בבא בתרא דף קס"ד עמוד ב').

ביי דריי מינים דאַרף דער אויבערשטער האָבען רחמנות, זיי זאָלען נישט קאַליע ווערען, דהיינו: אַ גוטער קעניג, אַ גוט יאָהר און אַ גוטער חלום (ברכות דף נ"ה עמוד ב').

דריי זאַכען פאַרקירצען די יאָהרען פון די מענשען, דהיינו: ווען מען גיט איינעם צו לייענען אין ספר־תורה און ער וויל נישט לייענען, ווען מען איז איינעם מכבד מיט'ן כוס של ברכה און ער וויל נישט בענשען, און ווער עס פיהרט זיך אויף אַ גרויסען שטייגער (ברכות דף נ"ה עמוד ב').

פאַרהאַנען דריי זאַכען, וואָס ווען איינער איז ביי זיי מאריך, פאַר־לענגערט מען איהם די יאָהרען פון זיין לעבען, דהיינו: ווער עס איז מאריך ביים דאווענען, ווער עס איז מאריך ביים טיש אָדער ביי זיין נאַ־טירליכער אויסרייניגונג (ברכות דף נ"ד עמוד ב').

דריי מיני מענשען האָט דער אויבערשטער ליעב, דהיינו: ווער עס בייזערט זיך נישט קיינמאָל, ווער עס שכור'ט נישט קיינמאָל און ווער עס פאַר'עקשן'ט זיך נישט אין זיינע מיינונגען (פסחים דף קי"ג עמוד א').

רב האָט געהאַט צו טהון מיט הונדערטער רעליגיעזע פראַגען, גלייך ווי מיט הונדערטער פראַגען פון דער אַלטעגליכער מענשליכער אויפפיהרונג, חוץ דעם האָט ער אויך געהאַט צו שליכטען הונדערטער געזעצליכע פראַגען ביי כל־ערליי סכסוכים וועגען אייגענטומס־רעכט ביים קויפען אָדער פאַר־קויפען פאַרשיעדענע געגענשטענדע אָדער נחלאות. אַמאָל האָט ער זאָגאר געדאַרפט זאָגען אַ מיינונג וועגען אַ גזלן, וועלכער האָט פאַרקויפט דאָס גערויבטע צו זיין פריהערען אייגענטימער (בבא מציעא דף ט"ז עמוד ב').

ווי מען קען אויך זעהען, איז רב'ס בליק אויף מענשען און גע־שעהענישען געווען אַ דורכדרינגענדיג שאַרפער. מיט אָט דעם חוש זיינעם פלעגט ער שטענדיג דערפיהלען דאָס אינעווייניגסטע פון יעדער ערשיינונג און ער האָט פאַרשטאַנען אלסדינג געהעריג אָפּצושאַצען.

אויסגעצייכענט אין זיין כאַראַקטער מיט אַן אומפאַרגלייכליכער ברייט־האַרציגקייט און מיט אַ פריינדשאַפטליכען בליק אויף דער וועלט און מענ־שען, איז רב געווען פאַראינטערעסירט אין אַלע אומשטענדען פונ'ם לעבען. האָט ער דערפאַר שטענדיג געהאַט פאַר די אויגען, וואָס אַ מענש מעג יאָ טהון און וואָס ער טאָר נישט טהון. תמיד זיינען זיינע געדאַנקען געווען פול זאָרג וועגען דער לאַגע פון דער אומה. איז דאַן געווען דער איינציגער וואונש זיינער, צו זעהען דאָס פאָלק באַפעסטיגט אין זיין עקסיסטענץ.

גוט ווי ער איז געווען צו אַלע מענשען, האָט רב איטליכען געשעצט מעהר ווי זיין ווערדע. דאַביי האָט ער ליעב געהאַט דעם אמת און ער האָט זיך שטענדיג געסטאַרעט, צו זאָגען בלויז דעם אמת, לויט ווי ער האָט איהם געזעהן אויף זיין אייגענעם שטייגער, אפילו ווען דאָס האָט איהם געבראַכט אַ פּערזענליכען שאַדען.

ער האָט זיך אויך גלייכצייטיג אינטערעסירט פאַר דער דיפערענצירונג אינ'ם כאַראַקטער פון יעדער מענשליכער באַטהעטיגונג, אָפּצושאַצען איהר פולע ווערדע און איהר באַדייטונג פאַר זיך און פאַר'ן פאָלק.

ווען ער האָט געלעהרענט מיט זיינע תלמידים, האָט ער אבסערווירט יעדען ריהר זייערען און יעדעם קנייטשעל אויף איטליכען'ס פנים. דערפאַר

האָט ער אויך באַלד דערשפּירט, ווי ווייט עס גערט די אויפמערקזאַמקייט פון יעדען און דאָס אויג זיינס האָט אויף גיך דערהאַפּט אַן איבריגען דרעה פון זיינעם אַ תלמיד, ווי ווייט עס האָט נישט געהאַט קיין שייכות צום ענין, וואָס מען האָט גראָד דאַמאָלס געלערענט.

יוצא צו זיין ביים אָפּהיטען די פאַרשריפטען פון דער רעליגיאָן, האָט רב געוועהנליך פיעל פאַרלאַנגט. לויט זיין מיינונג דאַרף אויך אַ מענש זיין קאָנסעקוועט אין דער ערפילונג פון זיינע פליכטען און ער טאָר נישט צוריקשרעקען פאַר קיין שום הינדערנים, וואָס קען שטערען דעם גאַנג זיינעם.

עס ווערד דערצעהלט, אַז ווען רב איז אָנגעקומען אין בבל, האָט ער דאָרט געקראָגען צו זעהען, ווי די אידען באַהאַנדלען געוויסע מצוות מיט גרינגשעצונג, אַ שטייגער ווי זיי זיינען זיך נוהג ביי די דינים פון ערובין, ביי די פראַגען פון פליישיגס מיט מילכיגס, גלייך ווי זיי קוקען נישט אויף׳ן איסור, נישט צו לאָזען ליגען פלייש אָהן אַ באַזונדערער אויפזיכט (בשר שנתעלם מן העין). איז ער דערפאַר ביי די דאָזיגע אַלע זאַכען געווען אַ „מחמיר״, חאָטש ער האָט זיך זאָנסט אָפּטמאָל ביי אַנדערע געלעגענהייטען געסטאַרעט, צו פאַרגרינגערען די געזעצליכע פאָרשריפטען, ווען ער האָט געזעהען, אַז די אומשטענדען פון דער צייט פאַרלאַנגען אַ פאַרגרינגערונג.

און גלייך ווי ער איז געווען אַ מבין אויף איטליכען קנייטשעל ביי זיינעם אַ תלמיד, האָט ער אויך געהאַט אַן אויג פאַר יעדער דיפערענצירונג ביי די געזעצליכע פאָרשריפטען, אויסצוגעפינען דעם געהעריגען אונטערשיעד אין די פאַרשיעדענע אומשטענדען.

ווען עס האָט זיך, למשל, געהאַנדעלט וועגען אַ שבועה, האָט ער אַנדערש געאורטיילט ביי אַ „שבועת פקדון״, ווען איינער האָט צו אימיצען אוועקגעגעבען עטוואָס צו באַהאַלטען אָדער ער האָט עטוואָס צו אימיצען אוועק־געליהען, און דער וואָס האָט יענעם געגענשטאַנד באַהאַלטען אָדער אַנטליהען, האָט זיך דערנאָך נישט געוואָלט מודה זיין, אָדער ווען עס איז פאָרגעקומען אַ „שבועת בטוי״, וועלכעס מיינט, ווען איינער שווערט, אַז ער וועט אַ געוויסע זאַך יאָ טהון אָדער ער וועט זי נישט טהון (זעה ירושלמי שבועות פרק ח׳ הלכה ב׳).

גלייך צו דעם האָט אויך רב שטענדיג פאַרשיעדען געאורטיילט ביי דער פראַגע פון „הקדש״, וואָס איינער האָט מקדיש געווען מיט זיין גוטען ווילען צום אויבערשטען, דאָס הייסט פאַר די באַדערפענישען פון די כהנים, און אַ פראַגע פון „תרומה״, וואָס יעדער איד האָט געמוזט געבען צו די כהנים (זעה ירושלמי דמאי פרק ז׳ הלכה ו׳).

דיזעלבע דיפערענצירונג האָט רב געמאַכט, ווען עס האָט זיך גע־האַנדעלט וועגען דער פראַגע פון פאַרקויפען אַ זאַך אָדער שענקען (זעה בבא בתרא דף נ״ג עמוד א׳).

ער האָט אויך געזאָגט, אַז ווען איינער שרייבט אָפּ אַ פעלד אַלס איינגענטום צו זיין ווייב, קען ער מעהר נישט האָבען קיין גענוס פון די פירות, וואָס וואַקסען אויף יענעם פעלד. האָט ער אָבער דאָס פעלד פאַר־קויפט צו זיין פרוי און זי האָט איהם דערפאַר באַצאָהלט פון איהר איי־גענעם פאַרמעגען, קען ער יאָ האָבען אַ גענוס פון די פירות (זעה ירושלמי כתובות פרק ט׳ הלכה א׳).

די אמוראים פון בבל

גאַנץ פאַרשיעדען איז אויך געווען רב׳ס אורטייל אין דער אַנגע־לעגענהייט פון אַן עיקר כתובה, וועלכעס איז ביי איהם באַטראַכט געוואָרען ווי אַ פּרייז, וואָס דער מאַן האָט געדאַרפט באַצאָהלען פאַר דער פרוי, און אַ „תוספות כתובה״, וועלכע האָט ביי איהם געהאַט די באַדייטונג פון אַ מתנה. און ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַריבערטראָגען דאָס אייגענטומס־רעכט פון איינעם אויף׳ן אַנדערען, איז ביי איהם געווען דאָס וויכטיגסטע, פון וועמען אָדער פון וואָסערע אומשטענדען דאָס דאָזיגע רעכט איז איבערגענומען געוואָרען (כתובות דף פ״ו עמוד א׳).

אָט די דינים זיינען באַזונדערס וויכטיג געווען אין רב׳ס אויגען צוליעב דעם אונטערשיעד אין די רעכטע פון אַ כהן און אַ ישראל, אַזוי ווי צווישען אַ איד און אַ גוי, אַ שטייגער ווי ווען אַ איד האָט איבערגענומען עטוואָס פון אַ גוי און דער דאָזיגער גוי האָט צוליעב פּאָליטישער באַ־שרענקונג נישט געקענט האָבען דערפון די פולע נוצען, אָדער ווען אַ איד האָט גע׳ירש׳נט אַן אייגענטום פון זיין מוטער און זיין מוטער האָט דאָס געהאַט בירושה פון איהר פאָטער דעם כהן (זעה ערכין דף ל״ג עמוד א׳).

געוועהנליך האָט אויך רב געדענקט, אַז וועהרענד דער צייט, וואָס אַ מענש הויבט אָן עטוואָס צו טהון, קען ער זיך דעם ענין איבערלייגען און אַנדערען זיין אַנזיכט אין מיטען פון זיין אַרבייט. ער האָט דערפאַר אויפ־געשטעלט אַ כלל, אַז „ווען אַ מענש האָט אָנגעהויבען טהון אַ זאַך מיט אַ תנאי און געענדיגט די זאַך האָט ער אָהן אַ תנאי, קענען מיר דענקען, אַז דער מענש האָט אינצווישען חרטה געקראָגען אויף דעם, וואָס ער האָט אָנגעהויבען״ (כתובות דף ע״ב עמוד ב׳).

אַזוי ווי רב האָט זיך געפיהלט פאַראַנטוואָרטליך אַלס אַ פיהרער פונ׳ם פאָלק, האָט ער געטראָגען אויף זיינע פּלייצעס אַלע זאָרגען וועגען די איינאָרדנונגען פון די פאַרשיעדענע אידישע שטעדט אַזוי ווי וועגען די ישיבות און דאָס לערנען, וועגען באַאַרבייטען פעלדער און אויסטריקענען די זומפּען. גלייכצייטיג האָט ער אויך געמאַכט די געזעצע פאַר׳ן אידישען לעבען און אַרויסגעגעבען אורטיילען ביי סכסוכים צווישען די מענשען, לויט ווי עס האָט איהם דיקטירט זיין געוויסען און ווי ער האָט פאַרשטאַנען מיט זיין שכל.

זעהר אינטערעסאַנט זיינען דאָדורך די קורצע געזעצליכע רעגעלען, וועלכע ווערען אונז איבערגעגעבען אַלס אַ באַזיס, וואָס פלעגט דעצידי־רען ביי רב׳ס אַנטשיידונגען.

ביי אַ זאַך, וועלכע געשעהט עפענטליך, פלעגט רב זאָגען, וועט אַ מענש נישט זאָגען קיין ליגען (בכורות דף ל״ו עמוד א׳).

אַ מענש לאָזט נישט איבער קיין שבועה אַלס אַ ירושה צו זיינע קינדער, ווייל קינדער קענען נישט אָפּגעבען אַ שבועה, וואָס זייער פאָטער האָט געדאַרפט אָפּגעבען (שבועות דף מ״ח עמוד א׳, ירושלמי שבועות פרק ז׳ הלכה ז׳).

ער האָט אויך געהאַלטען, אַז אַ מענש וועט נישט זאָגען קיין ליגען, ווען ער האַלט ביים שטאַרבען (ירושלמי בבא קמא פרק ט׳ הלכה ז׳).

ווען איינער ענדערט די אומשטענדען פון אַ זאַך אָדער ער לייגט אוועק יענע זאַך נישט דאָרט, וואו עס פּאַסט זיך פאַר איהר און אַן אַנ־

רב — אבא אריכא

דערער האָט דאָרט געמאַכט אַ שאָדען, איז ער פּטור פון באַצאָהלען דעם שאָדען (בבא קמא דף כ׳ עמוד א׳).

טראָצדעם וואָס אַ איד טאָר נישט נעהמען קיין פּראָצענט, מעג אַ מענש לייהען צו זיינע אייגענע קינדער אָדער צו אַנדערע הויז־מענשען זיין געלד אויף פּראָצענט, כדי זיי זאָלען וויסען דעם טעם און דעם שמערץ פון יענע, וואָס דאַרפען צאָהלען פּראָצענט (בבא מציעא דף ע״ה עמוד א׳).

שמואל ירחינאה פון נהרדעא

גערופען האָט מען איהם שמואל ירחינאה (בבא מציעא דף פ״ה עמוד ב׳) — און זיין אייגענטליכער נאָמען איז געווען שמואל בן אבא הכהן. צוזאמען מיט רב איז ער געווען צווישען די ערשטע באַגרינדער פונ׳ם „תלמוד בבלי״. געוואוינט האָט ער אין דער שטאָדט נהרדעא, וואו ער האָט אָנגעפיהרט אַן אייגענעם בית־המדרש — און נאָך׳ן טויט פון רב שילא האָט ער דאָרט געקראָגען דעם טיטול „ריש סדרא״.

וועגען דעם פאַרהעלטניס פון שמואל צו רב, איז לחלוטין נישט מעגליך, צו קענען קריגען אַ קלאָרען באַגריף. אַמאָל האָט זיך געקענט דאַכ־טען, אַז שמואל איז אַן אינטימער חבר צו רב, גייסטיג צו׳ן איהם צוגעבונ־דען און כמעט ווי אונטערטהעניג (זעה מגלה דף כ״ב עמוד א׳). זעהר אָפט האָבען אויך ביידע געזאָגט דאָסזעלבע („רב ושמואל דאמרי תרוייהו״). ביי אַנדערע געלעגענהייטען פלעגט שמואל פרעגען זיינע שאלות ביי רב אינ׳ם נוסח פון אַן איבערגעבענעם תלמיד (כתובות דף כ״ב עמוד א׳, ירושלמי שבת פרק ג׳ הלכה א׳). מאַנכעס מאָל איז ער אָבער ארויסגע־טרעטען ווי רב׳ס אַ געגנער און ער פלעגט דאָן זאָגען פונקט פאַרקעהרט ווי רב האָט געזאָגט (שבת דף נ״ג עמוד א׳, חולין דף מ״ח עמוד ב׳).

פון דעסטוועגען ווערד דערצעהלט, אַז ווען רב איז געשטאָרבען, האָט שמואל צוריסען דרייצען מלבושים זיינע און ער האָט דאביי געזאָגט: „אַט איז אוועקגעגאַנגען דער מאַן, פון וועמען איך האָב געהאַט אַזוי פיעל נוצען״ (מועד קטן דף כ״ד עמוד א׳).

וועגען שמואל׳ס לערנען ווערד געזאָגט, אַז ער איז אין ערשטער רייהע געווען אַן אַסטראָנאָמישער געלעהרטער, באַהאַוועגט אין די באַווע־גונגען פון די הימלישע פּלאַנעטען, אינ׳ם גאַנג פון דער זון מיט דער לבנה און די שטערען, אַזוי ווי אין די באַרעכנונגען פון די תקופות און די חדשים. עס איז אויך באַוואוסט, וואָס שמואל האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „עס זיינען איהם באַקאַנט אַלע וועגען פונ׳ם הימעל, גלייך ווי עס זיינען איהם באַ־קאַנט די וועגען פון נהרדעא״ (ברכות דף נ״ח עמוד א׳). ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ער געזאָגט: „איך וואָלט געקענט אויסרעכענען דעם חשבון פונ׳ם עבור פאַר אַלע אידען״ (ראש השנה דף כ׳ עמוד ב׳).

חוץ דעם איז שמואל געווען באַוואוסט אַלס אַ געלעהרענטער אין מעדיצין גלייך ווי אין אַלע אייגצעלהייטען פון דער נאַטור (נדה דף כ״ה עמוד ב׳). ווען ר׳ יוחנן פלעגט צו׳ן איהם שרייבען פון ארץ־ישראל, פלעגט ער איהם טיטולירען: „לקדם חברנו שבבבל״ (חולין דף צ״ה עמוד ב׳). אַנדערע חכמים פלעגען איהם רופען „אריוך״ און זיי פלעגען אָנווענדען אויף איהם אַ „מליצה״ אויף׳ן לשון פונ׳ם פסוק: „אריוך מלך אלסר״, וועלענדיג דערמיט זאָגען, אַז ער איז ווי אַ לייב, דער קעניג פון אַלע דינים, אויסער אין די דינים פון איסור והיתר (קדושין דף ל״ט עמוד א׳, מנחות דף ל״ח עמוד ב׳).

שמואל ירחינאה פון נהרדעא

צוליעב דער גרויסער חשיבות פון שמואל האָט מען אפילו זיין פאָטער נישט גערופען אויף זיין אייגענעם נאָמען, נור אויפ'ן נאָמען פונ'ם זוהן (אבוה דשמואל), חאָטש שמואל'ס פאָטער איז אַליין פאַר זיך געווען א לערנער און א חשוב ביי ר' יהודה הנשיא. ער האָט אויך וואהרשיינליך פאַרנומען א פּראָמינענטע שטעלונג ביי די אידען אין בבל, ווייל ער פלעגט שיקען שאלות פון אַן אַלגעמיינער רעליגיעזער אינטערעסע צו ר' יהודה הנשיא אין ארץ־ישראל, א שטייגער ווי די שאלה וועגען דעם סדר פון דער הבדלה, ווען א יום טוב געפאַלט אין א שבת־צונאַכטס (פסחים דף ק"ג עמוד א'). ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט איז שמואל'ס פאָטער אַליין גע־קומען קיין ארץ־ישראל, פאַרצולייגען מינדליך זיינע א שאלה צו ר' יהודה הנשיא וועגען א דין אין געלד־אַנגעלעגענהייטען (זעה ירושלמי בבא מציעא פרק ד' הלכה א').

וועגען שמואל'ס פאָטער ווערד דערצעהלט, אַז ער איז געווען א סוחר פון זייד, האָט איהם אמאָל ר' יהודה בן בתירה געשיקט זאָגען, אַז ער וויל ביי איהם קויפען זייד, און ווען שמואל'ס פאָטער איז צו'ן איהם געקומען מיט דער סחורה, האָט ר' יהודה געזאָגט, אַז ער האָט נור גלאַט אַזוי גערעדט, אָבער ער האָט גאָר נישט אין זינען געהאַט צו קויפען. האָט איהם שמואל'ס פאָטער געענטפערט: „איך האָב מעהר געגלויבט צו דיינע ווערטער ווי צו געלד!" — האָט ר' יהודה אויף דעם געזאָגט: „אינ'ם זכות, וואָס דו האָסט געגלויבט צו מיינע ווערטער, וועסטו זוכה זיין צו האָבען אַזא זוהן ווי שמואל הנביא!" (מדרש שמואל פרשה י').

עס דאַרף דאָ אויך איבערגעגעבען ווערען אַן אינטערעסאַנטער אַנעק־דאָט, וואָס ווערד דערצעהלט וועגען שמואל'ס פאָטער (אינ'ם ספר „הלכות גדולות סוף הלכות גטין, און ער ווערד אויך דערמאָנט אין תוספות קדושין דף ע"ג עמוד א' און אינ'ם פירוש הרא"ש, קדושין פרק ד'), אַז ווען ער איז אמאָל געגאַנגען קיין ארץ־ישראל, האָט איהם באַגעגענט א פרוי פון די מדיים און זי האָט איהם פאַרלאַנגט, ער זאָל מיט איהר סעקסועל פאַרקעהרען, ווייל זי האָט געוואוסט, אַז א גרויסער מאַן דאַרף פון איהם אַרויסקומען. איז ער פון איהר אַנטלאָפען און מיט'ן כח פונ'ם „שם המפורש" איז ער אין דערזעלבער נאַכט אַנגעקומען צו זיין ווייב, וועלכע איז דאַן שוואַנגער גע־וואָרען.

אָבער אַזוי ווי מען האָט נישט געוואוסט, אַז דער אייגענער מאַן איז געווען ביי דער פרוי, האָט מען זי גענומען צום בית־דין און מען האָט זי פאַראורטיילט צו „מלקות".

האָט שמואל וועגען דעם געזאָגט: „ווען איך בין דעמאָלט געווען אין מיין מוטער'ס ליב, האָב איך ביי יענע שמיץ אַנגעבויגען מיין קאָפּ, די רוט זאָל מיך נישט טרעפען און עס זאָל מיר נישט וועה טהון!"...

אין זיין יוגענד האָט שמואל וואהרשיינליך געלערענט ביי זיין פאָטער. שפּעטער איז ער געגאַנגען לערנען אין ארץ־ישראל — און ווי עס ווערד דער־צעהלט, האָט ער זיך דאָמאָלס אָפּגעגעבען מיט אויסהיילען די אויגען פון ר' יהודה הנשיא. האָט ער דאַן אַרגומענטירט וועגען די רפואות, וואָס ער האָט שוין געוואָלט געבען. און ווען ער האָט שוין געהאַט אויסגעהיילט די אויגען פון ר' יהודה הנשיא, ווערד ווייטער דערצעהלט, אַז ר' יהודה הנשיא האָט געהאַט צער, וואָס ער האָט געוואָלט געבען סמיכה צו שמואל'ן און ער האָט עס נישט געקענט טהון (!).

עס ווערד אפילו נישט אנגעגעבען די אורזאך, פארוואס דער נשיא האט נישט געקענט שמואל'ן מסמיך זיין. דענקט מען דאדורך, אז אזוי ווי ער איז דאמאלס קראנק געווען, האט ער נישט צונויף־גערופען די חכמים צו דער „סמיכה". האט איהם שמואל געטרייסט און ער האט געזאגט: „דו דארפסט דיך גאר נישט מצער זיין וועגען מיר, ווייל עס שטעהט אודאי אנ־געשריבען אינ'ם ספר פון אדם הראשון, אז שמואל ירחינאה וועט מען רופען חכם, אבער נישט רבי" (בבא מציעא דף פ"ה עמוד ב').

ווי באמערקט, האט זיך שמואל פיעל אפגעגעבען מיט מעדיצין. ער האט אויך געזאגט, אז ער וויסט צו געפינען א רפואה צו יעדער מין קראנק־הייט, חוץ צו דריי, דהיינו: ווען איינער עסט א ביטערע פרי אויף'ן ניכ־טערען מאגען, ווען איינער טהוט זיך אן א פייכטען פלאקסענעם גארטעל אויף די לענדען און ווען איינער עסט א מאלצייט און מאכט נישט דערנאך קיין באוועגונג אויף וויניגסטענס פיער איילען (בבא מציעא דף קי"ג עמוד ב').

אזוי ווי די מענשען אין שמואל'ס סביבה האבען מעהרסטענטיילס גע־האט צו טהון מיט אויגען־וועהטאג, האט ער אויסגעפונען אן אויגען־זאלב, וועלכע איז באקאנט אונטער'ן נאמען „קילורין דמר שמואל". אבער חאטש ער איז אליין געווען דער ערפינדער פון דער דאזיגער זאלב, פלעגט ער פון דעסטוועגען זאגען, אז „איין טראפען קאלט וואסער אין דער פריה און דאס וואשען די הענד מיט די פיס אין ווארים וואסער ביינאכט איז בעסער ווי אלע אויגען־זאלבען פון דער וועלט" (שבת דף ק"ח עמוד ב').

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האט ער געזאגט: „ווער עס וואשט זיך דעם פנים און ער ווישט איהם נישט גוט אפ, ווערד ביי איהם די הויט פונ'ם פנים צופאטעלט" (שבת דף קל"ג עמוד ב').

ווען איינער האט זיך געלאזט צו־אדער — האט אויך שמואל געזאגט — און ער האט זיך דאביי צוגעקיהלט, מעג מען פאר איהם מאכען א פייער אים שבת, אפילו ווען עס איז אין דרויסען אזוי היים ווי אין תקופת תמוז (שבת דף קכ"ט עמוד א').

אין איינקלאנג מיט זיינע מעדיצינישע טעאריען האט ער אנגעזאגט, וואס מען דארף געבען צו עסען א מענשען, ווען עס חאפט איהם אן א „בולמוס", וועלכעס מיינט א חלשות פון הונגער (זעה יומא דף פ"ג עמוד ב'). אמאל האט ער אויך גע'דרשנ'ט מעדיציניש וועגען דעם סדר פון די אותיות אינ'ם א"ב און ער האט געזאגט: „נון סמך עין, מיינט: נונא סמא לעיניא, דאס הייסט: פיש עסען איז א גוט מיטעל צו די אויגען" (נדרים דף נ"ד עמוד ב').

צווישען שמואל'ס באפריינדעטע באקאנטע איז געווען א גוי'אישער שטערענזעהער מיט'ן נאמען אבלאט, מיט וועמען ער פלעגט וואהרשיינליך האבען וכוחים וועגען דער ווערדע פון שטערענזעהעריי, און ווי עס ווערד דערצעהלט, האט איהם שמואל אמאל באוויזען, אז שטערענזעהעריי האט נישט קיין איינפלוס אויפ'ן גאנג פון א אידען'ס לעבען, ווייל א איד קען מיט זיינע תפלות ענדערן יעדען גזר, וואס שטעהט וועגען איהם אנגע־שריבען אין די שטערען (שבת דף קנ"ז עמוד ב').

נאך'ן טויט פון קעניג ארטאבאן, וועלכער איז געווען א פריינד פון רב, אזוי ווי פון זיין נאכפאלגער ארדעשיר, איז ארויפגעקומען אויפ'ן טהראן פון פרס און בבל, קעניג סאפאר דער ערשטער („שבור מלכא" פון דער גמרא),

שמואל ירחינאה פון נהרדעא

וועלכער איז געווען א פריינד פון שמואל. איז דער דאָזיגער קעניג געגאַנגען אין א מלחמה געגען קאפאדאציען און ער האָט ערָאָבערט די הויפט־שטאָדט מאַזאקא צעזארעא, וואו עס זיינען דאַן דער׳הרג׳עט געוואָרען צוועלף טויזענד אידען. הערענדיג דאָס דאָזיגע אומגליק, האָט שמואל נישט צוריסען זיינע קליידער און ער האָט אויך נישט פאַראָנשטאַלטעט קיין עפענטליכע טרויער. די אורזאַך דערפון איז געווען, וואָס לויט ווי ער האָט געדענקט, האָבען זיך יענע אידען פאַרדיענט דעם טויט, ווייל זיי האָבען געקעמפפט געגען שבור מלכא (זעה מועד קטן דף כ״ו עמוד א׳).

אזוי ווי שמואל האָט שטענדיג געהאַט דעם מוטה, צו באַהויפטען זיינע אַנזיכטען אַקעגען אַלעמען, האָט ער נישט געהאַט קיין מורא, צו געהן צו די וכוחים אין „בי אבידן״, גלייך ווי ער פלעגט אויך אַרגומענטירען וועגען ענינים פון דער אמונה מיט קעניג סאפאר (סנהדרין דף צ״ח עמוד א׳).

ווי עס איז אָנצונעהמען, האָט שמואל ביי זיין צוריקקומען פון ארץ־ישראל געבראַכט מיט זיך די משניות פון ר׳ יהודה הנשיא, וועלכע ער האָט דאַן געלעהרענט מיט זיינע תלמידים, איינגעטייטשט זיי און ערקלערט. ער איז אויך געווען דער ערשטער, וועלכער האָט זיך ערלויבט צו זאָגען זאכען, וואָס האָבען זיך אין יענע משניות נישט געפונען — און ער פלעגט דאָס באַצייכענען מיט דער ערקלערונג: „חסורי מחסרא והכי קתני״, דאָס מיינט, אז עס פעהלט דאָרט עטוואָס און מען דאַרף עס אנדערש לערנען (זעה שבת דף ל״ד עמוד ב׳, ביצה דף ל״א עמוד ב׳, קדושין דף ל״ט עמוד א׳).

די הלכות, וואָס זיינען דאַן ארויסגעגאַנגען פון שמואל׳ס בית־המדרש, ווערען געוועהנליך באַצייכענט אַלס „תני דבי שמואל״ און עס ווערד אויך דערצעהלט, אז שמואל האָט געהאַט לעבען זיך א בלינדען תלמיד־חכם, וועל־כער האָט געדענקט די משניות פון ר׳ יהודה הנשיא אויף אויסענווייניג און ער האָט אויך מסדר געווען שמואל׳ס ברייתות (ביצה דף ט״ז עמוד ב׳).

פון שמואל׳ס לעהרען איז צו זעהן, אז ער האָט זיך שטענדיג געסטאַרעט צו פאַרגרינגערען געוויסע שטרענגע פאַרשריפטען אפילו געגען דער מיינונג פון אנדערע חכמים. אזוי האָט ער, למשל, אויפגעשטעלט א כלל, אז אין דינים פון „אבלות״ איז די הלכה שטענדיג ווי דער מקיל זאָגט (ערובין דף מ״ו ע׳ ב׳). ביי אַן אנדערער געלעגענהייט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען די פאַרשריפטען פון א תענית, האָט ער געזאָגט, אז דער דין איז, ווי ר׳ מאיר האָט געזאָגט, ווייל עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אז ר׳ מאיר איז דער גרעסטער מקיל. האָט ער אָבער געהערט, אז ר׳ שמעון בן גמליאל איז מעהר מקיל, האָט ער געזאָגט, אז דער דין איז ווי ר׳ שמעון בן גמליאל זאָגט (זעה תענית דף י״ח עמוד א׳).

ווי עס דאַכט זיך, האָט שמואל געוואָלט עפּיס אויפטהון וועגען דעם ענין פאַסטען, ווען ער האָט געזאָגט, אז עס איז נישט פאַרהאַנען קיין תענית־צבור אין בבל חוץ „תשעה באב״ (פסחים דף נ״ד עמוד ב׳). ער האָט אָבער נישט דייטליך ערקלערט, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען. עס איז אויך אָנצונעהמען, אז ער איז איבערהויפט נישט געווען קיין אָנהענגער פון תעניתים, ווייל ער האָט אַמאָל געזאָגט, אז „ווער עס פאַרברענגט די צייט אין תעניתים, ווערד אָנגערופען א זינדיגער״ (תענית דף י״א עמוד א׳).

צווישען אנדערע פארגרינגערונגען פון שמואל דארף מען דער־מאָנען די פארגרינגערונגען זיינע ביי די דינים פון שבת (זעה שבת דף י"ט עמוד ב׳, דף כ"ב עמוד א׳ און דף נ"א עמוד א׳). מען דארף אויך געדענ־קען, וואָס ער ערלויבט צו מאכען א פייער פאַר א קינפעטאָרין (שבת דף קכ"ט עמוד א׳) און וואָס ער איז מתיר אויסצולעשען א שטיק צוגליהטען מעטאל, ווען ער ליגט אין גאַס, כדי נישט צו שעדיגען די מענשען, וואָס געהען דאָרט פארביי (שבת דף מ"ב עמוד א׳, זבחים דף צ"א עמוד ב׳).

אינטערעסאַנט איז אויך, וואָס ער זאָגט ביי די דינים פון כלים אויף פסח, אז מען דארף נישט צוברעכען די טעפּ בעפאָר פסח, ווייל מען וועט זיי מעגען נוצען נאָך פסח (פסחים דף ל׳ עמוד א׳), גלייך ווי וואָס ער זאָגט, אז „אלע כלים, וואָס מען נוצט אין זיי חמץ'דיג אויף קאַלט, מעג מען נוצען אויף פסח'דיג" (פסחים דף ל׳ עמוד ב׳).

וועגען שמואל'ס כח אין דרש האָבען די מענשען פון זיין צייט נישט געהאַט קיין גרויסע מיינונג, ווייל ער פלעגט מאנכעס מאָל וועלען אריינטייטשען א פּסוק אין א מאמר, וועלכער האָט אבסאָלוט נישט קיין צוזאמענהאנג, האָטש דער מאמר אליין פאַר זיך איז א זעהר אינטערעסאַנ־טער, א שטייגער ווי וואָס ער זאָגט: „נישט פארהאַנען קיין אונטערשיעד צווישען דער איצטיגער וועלט און די טעג פון משיח, ווי נור די אונטער־טהעניגקייט צו די מלוכות". איז טאַקי דער דאָזיגער מאמר זעהר א שעה־נער, קען מען אָבער נישט פארשטעהען, ווי ער פּאַסט זיך צום פּסוק: „לא יחדל אביון מקרב הארץ", מיט וועלכען שמואל באגרינדעט זיין מאמר (ברכות דף ל"ד עמוד ב׳, שבת דף ס"ג עמוד א׳, פסחים דף ס"ח עמוד א׳, סנהדרין דף צ"א עמוד ב׳).

ביי אלע פראַגען פון געלד־אנגעלעגענהייטען אָדער פערזענליכע רעכ־טע, האָבען די חכמים נגעבען דעם פאָרצוג צו שמואל'ס א מיינונג איבער דער מיינונג פון רב (זעה בכורות דף מ"ט עמוד ב׳). אין אן עהנליכער אנגעלעגענהייט איז אויך געזאָגט געוואָרען, אז „ווער עס האַלט נישט לויט שמואל'ס מיינונג, דער ווייסט גאָר נישט אין די דינים פון נזיקין" (ירושלמי קדושין פרק א׳ הלכה ו׳).

שמואל האָט זיך אויך שטענדיג געסטאַרעט, צוצופּאַסען די אידישע דינים וועגען געלד־זאכען צו די געזעצע פונ'ם לאַנד, ווי מען קען דאָס זעהען אין דעם גרויסען כלל, וועלכען ער האָט אויפגעשטעלט אין זיין סענטענס: „דינא דמלכותא דינא" (גיטין דף י׳ עמוד ב׳).

דעסגלייכען האָט ער איינגעפיהרט ביי געלד־פּראָצעסען דעם פּרינציפּ, אז ווען איינער פאָדערט עטוואָס ביי א צווייטען און דער אנדערער לייקענט אָפּ די פאָדערונג, דארף דער פאָדערער ברענגען די באווייזע, אז יענער איז איהם טאַקי שולדיג א חוב (בבא קמא דף מ"ו עמוד א׳). אין דעמזעלבען זין האָט ער אויך אויפגעשטעלט א כלל, אז טאָמער איז ביי איינעם א ספק וועגען א פאָדערונג, דארף דער צווייפלער ברענגען די באווייזע (כתובות דף ע"ו עמוד ב׳).

טראָצדעם וואָס שמואל ירחינאה האָט נישט געקראָגען ביים נשיא אין ארץ־ישראל קיין „סמיכה", ווערד ער טיטולירט א צעהנדליגג מאָל אינ'ם תלמוד בבלי: „מר שמואל" — און אינ'ם תלמוד ירושלמי ווערד

איהם דריי מאָל צוגעגעבען דער טיטעל „רבי" (פאה פרק ד' הלכה ה', שקלים פרק ד' הלכה ד', נדרים פרק ב' הלכה ב').

און טאָמער וויל אימיצער זאָגען, אז ביי יענע דריי ציטירטע מאמרים פונ'ם ירושלמי האנדעלט זיך גאָר וועגען אן אנדערען ר' שמואל, זיינען דיעזעלבע מאמרים פונ'ם ירושלמי פאַרהאַנען אינ'ם בבלי אויף אונזער שמואל'ס נאָמען (אָהן דעם טיטעל „רבי").

ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט, וויפיל א מענש מעג פאַרדינען ביים פאַרקויף פון א זאך און עס זאָל נישט הייסען, אז דער קויפער איז אָפּ־גענאַרט געוואָרען פון א „מקח טעות", האָט שמואל באַשטימט דעם ריווח אויף א זעקסטעל פונ'ם פּרייז (בבא מציעא דף מ' עמוד ב', בבא בתרא דף צ' עמוד ב'). א מענש דאַרף זיך איבערהויפּט אויסהיטען, נישט צו הינטערגעהען קיינעמען, אפילו נישט א גוי (חולין דף צ"ד עמוד א').

פון אנדערע שמואל'ס מאמרים מעג זיך אויסדאַכטען, אז ער איז נישט געווען צופרידען פון די „פרנסים", וואָס זיינען דאַמאָלס אויפגעשטאַ־נען, צו פיהרען דאָס פאָלק, ווייל ער האָט נישט געגלויבט אין זייערע „ריינע הענד". פלעגט ער דערפאַר זאָגען: „קוים ווערד איינער א פאַרגעזעצטער איבער קהל, ווערד ער תיכף רייך". לויט די דאַמאָלסדיגע באַגריפען האָט יעדער פרנס געדאַרפט האָבען עפּיס א פלעק אין דער משפחה, האָט דאַן שמואל די דאָזיגע מיינונג באַגרינדעט מיט דעם ארגומענט, אז ווען אימיצער וועט וועלען פרעגען: „פאַר־וואָס האָט שאול המלך'ס מלוכה נישט לאַנג געדויערט?" וועט מען איהם דאַרפען ענטפערען, אז דאָס איז געווען, ווייל זיין משפחה האָט נישט געהאַט אויף זיך קיין פלעק (יומא דף כ"ב עמוד ב').

אין איינקלאַנג מיט זיינע מעדיצינישע ידיעות האָט שמואל פיעל געהאַלטען פון וואַשונגען, האָט ער וועגען דעם אמאָל געזאָגט: „דער שטויב, וואָס קלויבט זיך אָן ביי א מענשען אויפ'ן קאָפּ, ווען ער וואַשט זיך נישט געהעריג, מאַכט בלינד זיינע אויגען; דער שטויב פון די קליידער, וואָס א מענש טראָגט אויף זיין לייב און זיי זיינען נישט געוואַשען, ברענגט צו מרה־שחורה; דער שטויב, וואָס קלויבט זיך אָן אויף א מענשען פונ'ם שוויים, ברענגט שמוציגען אומפלויט" (נדרים דף פ"א עמוד א').

ביי דער פריינדשאַפט פון קעניג סאַפּאָר דעם ערשטען (שבור מלכא) צו שמואל ירחינאה איז אינטערעסאַנט צו וויסען, אז ווען שמואל פלעגט געהען צום קעניג, פלעגט ער דאָרט ווייזען אקראָבאַטישע קונצשטיקלעך — און ווי עס ווערד דערצעהלט, פלעגט ער געהען מיט אַכט פולע גלעזער וויין אין דער האַנד און נישט פאַרגיסען דאַביי א טראָפּען (סוכה דף נ"ג עמוד א').

וועגען שמואל'ס קינדער איז באַקאַנט, אז איין זוהן זיינער איז גע־שטאָרבען ביים פאָטער'ס לעבען (מועד קטן דף י"ח עמוד א'). און ווי עס ווערד דערצעהלט וועגען דעם צוזאַמענשטויס צווישען רב און שמואל ביי זייער ערשטער באַגעגעניש, האָט דאַן שמואל אהיימגענומען רב'ן צו זיך אין הויז און ער האָט איהם געגעבען צו עסען אומפאַרדויליכע מאכלים, האָט איהם רב דערפאַר געשאָלטען, אז די קינדער זאָלען זיך ביי איהם נישט האַלטען. און ווי עס הייסט, איז טאַקי די דאָזיגע קללה מקוים גע־וואָרען (שבת דף ק"ח עמוד א').

זיינען ביי שמואל'ן געבליבען פון אלע זיינע קינדער דריי געראָטענע טעכטער. זיינען צוויי פון זיי ביי די גרויסע מלחמות פון רוים געגען בבל

אוועקגעפיהרט געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט און זיי זיינען שוין דערנאָך פאַרבליבען אין ארץ־ישראל (כתובות דף כ״ג עמוד א׳). שפּעטער איז אויך די דריטע טאָכטער פון שמואל׳ן געפאַנגען געוואָרען ביי אַן איבערפאַל אויף דער שטאָדט נהרדעא און אַ גוי האָט זי געהייראַט. האָט זי זיך דאָך באַשטרעבט, אַז דער גוי׳שער מאַן איהרער זאָל זיך מגייר זיין — און איהר זוהן, וואָס זי האָט פון דעם דאָזיגען גוי געבוירען, ווערד דערמאָנט אין דער גמרא אַלס רב מרי בר איסור גיורא, אָדער רב מרי בר רחל בת שמואל (זעה יבמות דף מ״ה עמוד ב׳).

שמואל האָט זיך שטענדיג געסטאַרעט, צוצופּאַסען די אידישע דינים ווי ווייט זיי האָבען נישט קיין שייכות צו די פעסטגעזעצטע מנהגים פון דער אמונה — צו די געזעצע פונ׳ם לאַנד, האָט ער אָבער נישט אַלס־דינג געקענט דורכפיהרען, ווי ער האָט געוואָלט, ווייל די אַנדערע חכמים האָבען דאָס נישט געוואָלט אָננעהמען.

ביי די פּערזער, למשל, איז געווען איינגעפיהרט, אַז „חזקה״ האָט געהייסען, ווען איינער האָט אָנגעהאַלטען אַ פעלד אָדער אַ בנין פאַר גאַנצע פערציג יאָהר צייט, אַנדערש ווי עס איז געווען איינגעפיהרט ביי אידען, וואָס אַ „חזקה״ האָט ביי זיי געהייסען, ווען איינער האָט אָנגעהאַלטען אַ געגענשטאַנד דריי יאָהר.

דעסגלייכען האָט שמואל געוואָלט איינפיהרען דעם מנהג פון די פּערזער, אַז רייכע באַזיצער זאָלען קענען איבערנעהמען די פעלדער ביי די אָרימע פאַר די שטייערען, וואָס זיי צאָהלען צו דער קעניגליכער קאַסע. דאָס קעניגליכע געזעץ אין פּערזיען האָט דאַן געזאָגט, אַז ווער עס צאָהלט די קעניגליכע שטייערען, דער קען געניסען פונ׳ם באָדען.

און וועגען דעם ענין פון „רוב דעות״ ביים אַרויסגעבען אַ פּסק, האָט שמואל אויפגעשטעלט אַ כלל, אַז אין געלד־אַנגעלעגענהייטען דאַרף מען נישט געהן נאָכ׳ן רוב (בבא בתרא דף צ״ב עמוד ב׳). אָפטמאָל איז איהם בעסער געפעלען די מיינונג פון אַ יחיד, ווען ער איז געווען אַ „מחמיר״ אָדער ווען זיין מיינונג איז נישט געווען אין געגנערשאַפט צו דער משנה (זעה מגלה דף י״ח עמוד ב׳, יבמות דף פ״ג עמוד א׳). ער האָט אויך געהאַלטען, אַז ווען עס זיינען ערגיץ פאַרהאַנען געוויסע מנהגים, באַשטימטע פון אַ אידישען „קבוץ״, קענען זיי ענדערן אַ דין (בבא מציעא דף קי״ב עמוד ב׳, שבועות דף מ״ה עמוד א׳).

דעסגלייכען האָט שמואל באַשרענקט דאָס רעכט פון אַ געצוואונגענעם גט (גט מעושה), ווען עס איז נישט געווען קיין הינדערנים ביי דער הייראַט אָדער ווען דער מאַן האָט נישט אָפּגעטהון אַזוינס, וואָס דער בית־דין האָט איהם געדאַרפט צווינגען צום גט (זעה גטין דף פ״ח עמוד ב׳).

אין זיין ווילען צו שטעהען ביי דער זייט פון אַלע אונטערדריקטע און צו אונטערשטיצען די שוואַכע, האָט שמואל באַשטימט הומאַניטאַרע געזעצע פאַר יתומים און אלמנות. אַזוי האָט ער באַשטימט, אַז אַלע באַוועגליכע זאַכען, וואָס געפינען זיך אין אַ ירושה פון יתומים, וועלכע דאַרפען געשפּייזט ווערען, זאָל מען זאָפאָרט נעהמען צום אָפּשאַצען און תיכף זיי פאַרקויפען נאָך די עלטערען׳ס טויט (כתובות דף ק׳ עמוד ב׳). ער האָט אויך ערלויבט, אַוועקצולייהען דאָס געלד פון יתומים אויף פּראָצענט (בבא מציעא דף ע׳ עמוד א׳).

ווער עס פאַרשרייבט זיין אייגענטום צו זיין ווייב — האָט שמואל ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט געזאָגט — מאַכט זי בלויז פאַר אַן אַפּוטרופּוס איבער'ן פאַרמעגען, ווייל עס קען נישט מיינען, אַז אַזאַ מענש נעמט אַוועק די ירושה ביי זיינע קינדער, נור עס מיינט, אַז ער וויל בלויז, די קינדער זאָלען די פרוי רעספּעקטירען, ווען זיי וועלען זעהען, אַז זיי קריגען זייער חיונה דורך איהר האַנד (בבא בתרא דף קמ"ד עמוד א').

אַן אלמנה — האָט אויך שמואל פעסטגעשטעלט — אַז זי געפינט עט־וואָס, באַלאַנגט דאָס צו איהר אַליין (כתובות דף צ"ו עמוד א'). און אַז מען דאַרף איהר אויסצאָהלען די „כתובה", דאַרף מען נישט אַריינרעכענען דעם ווערטה פון די קליידער, וואָס זי טראָגט אויף זיך (כתובות דף נ"ד עמוד א').

צו יענער צייט האָט געהערשט אין בבל דער מנהג פון „שמיטת כספים", וועלכעס מיינט, אַז ווען איינער האָט געליהען געלד צו אַ צווייטען, האָט דאָס יאָהר פון „שמיטה" אָפּגעווישט דעם חוב, סיידען ווען דער בעל־חוב האָט פריהער אָנגעשריבען אַ „פּרוזבול" (אָדער „פּרוסבול"), לויט ווי הלל הזקן האָט געהאַט איינגעפיהרט, אַז ווען איינער לייהט דעם אַנדערען געלד, זאָל ער בעפאָר דער „שמיטה" איבערגעבען דעם חוב צום בית־דין, וועט ער קענען איינמאָהנען דעם חוב נאָך דער „שמיטה".

איז די דאָזיגע איינפיהרונג שמואל'ן לחלוטין נישט געפעלען. נור וואָס ער האָט אייגענטליך געוואָלט און ווי אַזוי ער האָט געדענקט צו סעט־לען די פראַגע אויף אַן אַנדערן אופן, איז נישט גענוי באַקאַנט. גאָר צו־ערשט האָט ער געהאַט אַ טענה, וואָס יעדע דריי מענשען האָבען זיך גע־קענט ערקלערען אַלס אַ בית־דין און זיי האָבען געקענט אָנשרייבען אַזאַ „פּרוזבול". דערנאָך האָט ער געזאָגט, אַז „דער דאָזיגער פּרוזבול איז אַ חרפּה פאַר די דיינים, און ווען ער וואָלט געהאַט כח, וואָלט ער דעם גאַנצען ענין פון פּרוזבול בטל געמאַכט" (גטין דף ל"ו עמוד ב').

וואָלט עס אָבער געווען פאַרפעהלט צו גלויבען, אַז שמואל האָט געוואָלט צוריק איינפיהרען דעם אַלטען דין פון „שמיטת כספים". ער האָט בלויז געוואָלט, אַז ווען איינער לייהט דעם אַנדערן אָהן אַ באַזונדערען תנאי, זאָל עס הייסען, גלייך ער זאָל האָבען אין פאָראויס אויסגענומען, אַז די „שמיטה" זאָל נישט אָפּווישען דעם חוב. נור אַזוי ווי ער האָט נישט געקענט דורכפיהרען זיין ווילען אין פּראַקטיק, האָט ער בלויז אָנגעזאָגט, אַז נישט יעדער בית־דין זאָל מעגען שרייבען אַ „פּרוזבול". שפּעטער האָט ער זיך נאָך דייטליכער ערקלערט און ער האָט באַשטימט, אַז בלויז דער בית־דין אין סורא אָדער נהרדעא זאָל מעגען שרייבען אַ „פּרוזבול".

צוליב דעם איז טאַקי שווער צו דערגעהען, וואָס שמואל האָט אין דעם דאָזיגען ענין געוואָלט אויפטהון, ווייל די גמרא גיט אונז איבער אַ פאַראָרדנונג פון שמואל וועגען „שמיטת כספים" אין צוויי געגענזייטיג ווידערשפּרעכענדע נוסחאות — אוןביידע מאמרים שטאַמען פון דעמזעלבען תלמיד (רב יהודה), וועלכער גיט איבער די הלכה אויף שמואל'ס נאָמען און ער זאָגט, אַז „ווער עס לייהט געלד צו זיין חבר אויף צעהן יאָהר צייט, ווישט די שמיטה אָפּ דעם חוב" (מכות דף ג' עמוד א'), און באַלד דערנאָך זאָגט דערזעלבער תלמיד אויף שמואל'ס נאָמען, אַז „ווער עס

ליהט צו א צווייטען אויף א צייט פון צעהן יאהר, קען נישט די שמיטה אפּווישען דעם חוב" (מכות דף ג' עמוד ב').

איז דאדורך בלויז זיכער, אז חאטש שמואל האט נישט בטל גע־מאכט די איינריכטונג פון'ם „פּרוזבול", און ער האט אויך נישט צוריק איינגעפיהרט דעם אלטען דין פון דער תורה, אז די „שמיטה" זאל אפּווי־שען אלע חובות, האט ער מיט זיין זאג וועגען „פּרוזבול" געהאט די וויר־קונג, מען זאל נישט מעהר מדקדק זיין אינ'ם ענין פון אפּווישען געלד־חובות אינ'ם יאהר פון „שמיטה" מיט דער הילף פון א „פּרוזבול", גלייך ווי ער האט אמאל געזאגט, אז „יתומים דארפען נישט קיין פּרוזבול, ווייל א חוב פון יתומים קען נישט בטל ווערען אין א שמיטה" (בבא קמא דף ל"ז עמוד א').

גלייך ווי רב האט שמואל שטרענג אכטונג געגעבען אויף דער מאַ־ראל פון די מענשען און די ריינקייט פון די זיטען, סיי ביי מענער און סיי ביי פרויען. אזוי פלעגט מען, למשל, אין נהרדעא זעהר גרינג נעהמען דעם ענין פון קדושין און גטין. האט דאן שמואל אנגעזאגט, אז „ווער עס איז נישט געניו באהאוונט אין אלע דינים פון גטין און קדושין, טאר נישט האבען קיין שום באציהונג צו זיי" (קדושין דף ו' עמוד א').

דאס מקדש־זיין א פרוי איז ביי שמואל'ן אין די אויגען געווען דאס וויכטיגסטע מאראלישע פּרינציפּ אין דער מענשליכער געזעלשאפט — און ווען ער האט געזעהען, ווי די מענשען האלטען די קדושין פאר גרינג און זיי טענה'ן מאנכעס מאל, אז אזוי ווי זיי האבען די פרוי מקדש געווען מיט א זאך, וואס איז ווייניגער ווערטה ווי א פּרוטה, האט נישט די קדושין קיין גילטיגקייט. האט דאן שמואל מתקן געווען, אז ווען א מאן איז מקדש א פרוי אפילו בלויז מיט א טייטעל, וועלכע האט נישט אין בבל דעם ווערטה פון א פּרוטה, איז די קדושין א גילטיגע, ווייל ווען די טייטעל איז אהן א ווערטה אין בבל, האט זי וואהרשיינליך יא דעם ווערטה פון א פּרוטה אין אן אנדער לאנד (קדושין דף י"ב עמוד א').

כאראקטעריסטיש איז אויך, וואס שמואל האט ווייניג געגלויבט אין דער צניעות פון ווייבער. האט ער דערפאר מחמיר געווען ביי א פרוי, וועלכע איז געווען געפאנגען צווישען גוים, זי זאל נישט זיין באגלויבט, ווען זי זאגט, אז זי איז נישט מיסברויכט געווארען (כתובות דף כ"ג עמוד א'). און ווען א כלה איז שוואנגער געווארען ביי איהר פאטער אין הויז, איז חאטש מען האט געוואוסט, אז דאס קינד איז פון איהר חתן, האט שמואל פון דעסטוועגען געהאלטען, אז א מיידעל וואס האט געקענט אפּטהון אזא זאך, מעג מען חושד זיין, אז זי האט זיך אויך מפקיר געווען צו אנ־דערע מענער. איז דאן דאס קינד ביי איהם אין די אויגען געווען פאר־רעכענט אלס א „שתוקי", דאס הייסט א „ספק ממזר", וואס א איד טאר זיך נישט מיט איהם משדך זיין (יבמות דף ס"ט עמוד ב').

אין זיין באשטרעבונג, אז פרויען זאלען זיך נישט קיינמאל צו־נויפקומען מיט מאנסבילען, האט ער איינגעפיהרט, מען זאל זיך נישט בא־דיענען אין הויז מיט א פרוי, סיי מיט א דערוואקסענער און סיי מיט א קליינער, מען זאל אויך נישט באגריסען קיין פרוי, זי זאל נישט דארפען ענטפערען אויף'ן גרוס (קדושין דף ע' עמוד א'). דאס בלויזע הערען די שטים פון א פרוי איז אין זיינע אויגען געווען גענוג, צו ברענגען דעם

מענשען צו שלעכטע געדאנקען (ברכות דף כ"ד עמוד א'). דערפאר האט ער אויך פאראָרדנעט, אז מען טאָר נישט זיין אליין אין א צימער מיט קיין איינציגער פון די 19 קרובים, וואס די תורה האט אָנגעזאָגט, מען זאָל נישט האָבען מיט זיי קיין געשלעכטליכען אומגאנג (קדושין דף פ"א עמוד ב').

ווען רב האט מתקן געווען זיינע תפלות, וועגען וועלכע מיר האָבען אויבען געשריבען, האט איהם שמואל ביי מאנכע פון זיי געהאָלפען — און די תפלה פון יום־טוב, וועלכער געפאלט אין א שבת־צו־נאכטס (ותודיענו), הייסט אין דער גמרא „מרגניתא דרב ושמואל" (ברכות דף ל"ג עמוד ב'). דעסגלייכען האט שמואל מתקן געווען די „תפלה קצרה" (הביננו) פאר וואנ־דערער, וואס געפינען זיך אין מיטען וועג און זיי קענען נישט זאָגען די גאנצע שמונה־עשרה (ברכות דף כ"ט עמוד א').

שמואל איז אויך געווען באוואוסט אין זיין באשיידענהייט. האט ער דערפאר געגלויבט, אז די באשיידענהייט פון הלל הזקן האט עס באווירקט, וואס ער האט זוכה געווען, די הלכה זאָל אומעטום זיין, ווי ער האט גע־זאָגט. און ווייל הלל איז געווען א באשיידענער מענש — פלעגט שמואל צוגעבען — זיינען אויך די תלמידים זיינע געווען געלאסענע און באשיי־דענע מענשען (ערובין דף י"ג עמוד ב').

דיזעלבע מדה פון באשיידענהייט פלעגט שמואל שטענדיג באווייזען אקעגען זיינע תלמידים. ווען עס האט איהם אמאָל איינער פון זיי אויפ־מערקזאם געמאכט אויף א ווידערשפרוך אין זיינע מיינונגען, האט ער נישט קיינמאָל געשטרעבט, צו בארעכטיגען דעם ווידערשפרוך, אָדער צו וועלען איינריידען, אז מען פארשטעהט איהם נישט און דער ווידערשפרוך אין זיין מיינונג איז גאר נישט קיין ווידערשפרוך, ווי אנדערע חכמים פלע־גען אין אזא פאל טהון, נור ער האט געשוויגען און ער האט אויך מודה געווען אויף'ן אמת (ערובין דף ע"ד עמוד א').

זעהר אָפט איז שמואל ארויסגעקומען ווי רב'ס א געגנער מיט א מיינונג, וועלכע איז געווען פונקט פארקעהרט ווי רב האט געזאָגט. טראָצ־דעם האט ער מאנכעס מאָל צוגעגעבען, אז רב האט רעכט — און ווען זיין תלמיד רב חייא בר יוסף האט איהם אמאָל ביי א דין וועגען ערובין געפרעגט: „איז די הלכה ווי דו זאָגסט, אָדער זי איז ווי רב זאָגט?" האט שמואל אויף דעם געענטפערט: „די הלכה איז ווי רב זאָגט!" (ערובין דף צ' עמוד ב').

צומאָל האט אויך שמואל געשטרעבט, צוצופאסען זיין ערקלערונג צו דער הלכה לויט דער שיטה פון רב (בבא מציעא דף ק"ז עמוד א'). און איינמאָל האט רב באזוכט שמואל'ן אין זיין הויז און ער איז געווען מיט איהם צוזאמען אין א שבת, האט דאן שמואל אָנגעזאָגט צו זיינע הויז־מענשען, זיי זאָלען זיך אזוי פיהרען אין די דינים פון שבת, ווי רב הייסט (ערובין דף צ"ד עמוד א').

ווי דערצעהלט, האָבען ביידע — רב און שמואל — געהאט טענות צום נשיא אין ארץ־ישראל וועגען „סמיכה". רב'ס טענות זיינען אפילו נישט געווען אזעלכע שטארקע, ווייל ער האט געהאט יאָ באקומען א שטיקיל „סמיכה" (יורה? יורה! ידין? ידין! יתיר בכורות? אל יתיר!). איז ער אָבער בייז געווען, וואס ווען ער האט געוואָלט, אז רבן גמליאל (דער דריטער) זאָל איהם די סמיכה פון זיין פאטער דערגענצען, האט איהם

דער נשיא געענטפערט, אז ער קען איהם נישט געבען מעהר, ווי דער פאטער זיינער האט איהם געגעבען.

דאגעגען האט שמואל נישט געקראגען אפילו א באשרענקטע „סמיכה" און ער האט זיך אויך קיינמאל נישט פרובירט, דאס צו איבער־אנדערשען. איז ווען ר' יהודה נשיאה דער ערשטער (דער אייניקעל פון ר' יהודה הנשיא) האט מתיר געמאכט צו נוצען גוי'שען אויל און די נאכריכט איז אנגעקומען אין בבל, האט רב נישט געוואלט אננעהמען די דאזיגע תקנה. האט איהם שמואל דערצו געצוואונגען און ער האט איהם געסטראשעט, אז ער וועט איהם זאגסט אנרופען „זקן ממרא" (ירושלמי עבודה זרה פרק ב' הלכה ט').

עס איז אויך וואהרשיינליך, אז מעהר פון אלעמען האט שמואל'ן פארדראסען, וואס די מענשען אין בבל האבען געדארפט ארויסקוקען, אז דער בית־דין אין ארץ־ישראל זאל צו זיי שיקען שלוחים, מודיע צו זיין וועגען „עבור" גלייך ווי וועגען די ימים־טובים — און דערפאר האבען די אידען אין בבל נעדארפט פייערען יעדען יום־טוב צוויי טעג, חאטש שמואל האט געהאט גענוי אסטראנאמיש אויסגערעכענט די יאהרען פון'ם „עבור" און ווען יעדער יום־טוב דארף אויספאלען.

האט ער אבער מורא געהאט, עטוואס צו אונטערנעהמען וועגען דעם, ער זאל נישט האבען אזא אפשניט ווי חנניה בן חזקיה האט אמאל באקומען.*) ער האט אפילו אויפגעשריבען אן אזוי אנגערופענע „ברייתא דסוד העבור", וואס יעדער האט געקענט פון איהר פארשטעהן, ווען עס דארף זיין אן עבור־יאהר. איז אויך די דאזיגע ברייתא נישט אנגענומען געווארען ביי די חכמים — און ווי עס ווערד דערצעהלט, האט איהם אבא, דער פאטער פון רב שמלאי, געפרעגט א שאלה אין זיין „סוד העבור", וועלכע שמואל האט נישט געקענט פארענטפערען. האט איהם דאן יענער אבא געזאגט: „אז דו ווייסט מיר נישט צו ענטפערען אויף מיין שאלה, זיינען וואהרשיינ־ליך פארהאנען נאך אנדערע שאלות, וואס דו קענסט נישט פארענטפערען!" (ראש השנה דף כ' עמוד ב').

---

*) זעה „אונזערע גייסטיגע ריעזען", ערשטער טייל, זייטע 297 — אין דער ביאגראפיע פון ר' נתן הבבלי.

מר עוקבא — ריש גלותא

אפגעזונדערט פון דער גוי'שער סביבה האבען די אידען אין בבל געלעבט. די אפגעזונדערטקייט זייערע איז אויך פארשטארקט געווען דורך דעם, וואס זיי האבען דארט געהאט אן אייגענע אויטאנאמע פארוואלטונג פאר אלע רעליגיעז־נאציאנאלע אינטערעסען, און די שייכות זייערע צו דער רעגירונג פונ'ם לאנד איז בלויז געווען, וואס זיי האבען איהר געדארפט צאהלען שטייערען, פאר וועלכען עס האט זיי די רעגירונג געגעבען איהר שוץ, ווי ווייט א רעגירונג האט דאמאלס געשיצט איהרע מענשען.

פלעגט מען געוועהנליך די דאזיגע שטייערען נישט צאהלען דירעקט צו דער רעגירונג, נור צו א „פארשטעהער", וועלכער האט געהאט די אויפגאבע, צו קאלעקטען אלע אפצאהלונגען ביי די אידען — און אויף אזא אופן איז ער געווארען א מין „פארמיטלער" צווישען די אידען און דער רעגירונג.

יעדעס מאל, ווען עס איז ביי אזא „פארמיטלער" אויסגעקומען, צו איבערגעבען די קאלעקטעטע שטייערען צום קעניג אדער צו זיין שטעלפארטרעטער, האט ער געהאט די געלעגענהייט, צו בעטען א בעסערען שוץ פאר די אידען, אדער אפצושטעלען א געוויסע קעניגליכע פארארדנונג, וועלכע איז באטראכט געווארען ווי א „גזירה". און אזוי ווי די אידען האבען געוואוסט, אז אט דער מענש איז א „קרוב למלכות", איז ער דערפאר מיט דעמזעלבען כח געווארען ווי א „הערשער" איבער דער אידישער גאס און ער האט זיך אויך גענומען דאס רעכט, צו זאגען א מיינונג אין אלע ענינים פונ'ם לעבען.

אט אזא פארשטעהער פון די אידען אין בבל איז געווען דער „ריש גלותא" (דער קאפ פון די פארטריבענע), וועלכער פלעגט דאן האבען צו זאגען איבער די אידען פון אלע לענדער ארום דעם גאנצען פערזישען גאלף אין דרום, גלייך ווי פונ'ם טייך חדקל (טיגרים) אין מערב־זייט ביז העטווייט צו די אינדישע ברעגעס. דאביי האט עס זיך אויך געמאכט, וואס דער „נשיא" אין ארץ־ישראל און דער „ריש־גלותא" אין בבל זיינען געווען אפשטאמער פון „מלכות בית דוד".

ווי עס איז אנצונעהמען, זיינען נישט אלע, וואס האבען געטראגען די קרוין פון א „ריש גלותא", געווען אויסגעשפראכענע „צאצקעס" אין זייער פיהרונג אקעגען די פאלקסמאסען, ווען די גמרא דרשנ'ט אויפ'ן פסוק „לא יסור שבט מיהודה", אז דאס מיינט די „ראשי גליות" אין בבל, וואס „הערשען איבער די אידען מיט דער רוט און מיט א שטעקען" — אין געגענזאץ צו די „נשיאים" אין ארץ־ישראל פון הלל'ס גזע, וועלכע גיבען זיך מעהר אפ מיט פארשפרייטען די תורה צווישען אידישע קינדער (סנהדרין דף ה' עמוד א' און הוריות דף י"א עמוד ב').

די אמוראים פון בבל

ליידער איז נישט פאַרהאַנען קיין דאָקומענטאַרישע צוזאַמענשטעלונג אין אַ כראָנאָלאָגישער אָרדנונג וועגן די „ראשי גולה". די גמרא ברענגט בלויז פיער־פינף נעמען פון „ראשי גולה", קען מען ביי זיי נישט געני וויסען, וועלכער עס איז געווען פריהער און ווער שפּעטער. אַ מעהר אויספיהרליכען צעטעל נעמען ברענגט דער „סדר עולם זוטא". זיינען אָבער די דאָזיגע נעמען גרעסטענטיילס נישט ריכטיג איבערגעגעבען, ווי עס האָבען דאָס שוין פאַרשידענע היסטאָריקער באַוויזען.

לויט ווי עס איז איבערגעגעבען אין דער „אגרת רב שרירא גאון", איז מר עוקבא געווען „ריש גלותא" נאָך רב הונא ריש־גלותא, וועלכער האָט געלעבט אין די צייטען פון ר' יהודה הנשיא.*) איז אָבער פאַרהאַנען אַ מאמר אין אַ ירושלמי, וואו עס ווערד געזאָגט, אַז מר עוקבא האָט אַמאָל געשיקט אַ בריעף צום „ריש גלותא" מיט אַ באַלעהרונג, אַז ער טהוט נישט רעכט, וואָס ער געהט שלאָפען און ער שטעהט אויף אונטער די קלאַנגען פון מוזיק (זעה ירושלמי מגלה פרק ג' הלכה ג'). וויל מען פון דעם דאָזיגען מאמר ארויסדרינגען, אַז מר עוקבא איז נישט געווען קיין „ריש גלותא". איז עס פון דעסטוועגען גאַנץ גוט מעגליך, אַז אין דער צייט וואָס מר עוקבא האָט יענעם בריעף געשריבען, איז ער טאַקי נישט געווען קיין „ריש גלותא", אָבער שפּעטער איז ער דאָס יאָ געווען.

און אַזוי ווי מיר וויסען, אַז ווען רב איז אָנגעקומען אין בבל, האָט איהם דער דאַמאָלסדיגער „ריש גלותא" איבערגעגעבען די אויפזיכט איבער די מאָסען און די וואָגען אויף די מאַרקען פון נהרדעא, האָט אָבער רב נישט אָנגעפיהרט זיין אַמט צו דער צופרידענהייט פונ'ם „ריש גלותא", וועלכער האָט איהם געלאָזט אַרעסטירען (ירושלמי בבא בתרא פרק ה' הלכה ה'). קען מען נישט אָננעהמען, אַז דער דאָזיגער „ריש גלותא" איז געווען מר עוקבא, וועלכער איז געווען זעהר אַ גוטער און אַ פרומער מענש און עס איז אויך גאָר נישט מעגליך, אַז ער האָט געזאָלט לאָזען אַרעסטען אַזאַ מענש ווי רב.

נאָך אַ באַוויז איז פאַרהאַנען, אַז מר עוקבא איז יאָ געווען אַ „ריש גלותא", וואָס מען האָט צו איהם געשיקט אָנזאָגען וועגען די פראַגען פון „עבור" (ראש השנה דף י"ט עמוד ב'). ער האָט אויך אַמאָל געפונען צוויי בריעף, אַרויסגעשיקטע צו'ן אַ פריהערן „ריש גלותא" פונ'ם בית־דין הגדול אין ארץ־ישראל, וואו עס איז אָנגעזאָגט געוואָרען, אַז דער בית־דין אין ארץ ישראל האָט עס געפונען פאַר נויטיג, צו מאַכען אַן „עבור" פון אַ חודש (ירושלמי מגלה פרק א' הלכה ה').

יעדענפאַלס איז זיכער, אַז פאַר אַ געוויסע צייט פון זיין ווירקונג איז מר עוקבא געווען בלויז אַן „אב בית דין". אַלס אַזעלכער האָט ער אויך געהאַט אַן אייגענעם בית־המדרש מיט תלמידים און ער האָט באַאיינפלוסט דעם גאַנג פונ'ם אידישען לעבען אין בבל.

מעגליך איז אויך, אַז מר עוקבא איז געווען אַ זוהן פון רב הונא דעם „ריש גלותא" און ער האָט דאָס אַמט גע'ירשנ'ט נאָך זיין פאָטער. נור פריהער אַ ביסעל ווען רב איז אָנגעקומען אין בבל, איז געווען אַן אַנדערער „ריש גלותא". זאָנסט וויסען מיר וועגען מר עוקבא'ס פאָטער אַזוי

*) זעה „אונזערע גייסטיגע ריעזען", ערשטער טייל, זייטע 357.

פיעל, אז ער איז געווען איינער פון די חשוב'ערע אידען אין זיין צייט, ווייל ווען עס איז אמאל געווען די פראגע, ווי לאנג מען דארף ווארטען נאך פלייש, צו קענען עסען קעז, האט מר עוקבא געזאגט: „אין אט דער באַציהונג בין איך אקעגען מיין פאטער ווי עסיג אקעגען ווין, ווייל ווען מיין פאטער האט געגעסען פלייש, האט ער נישט דערנאך געגעסען קיין קעז ביז אויף'ן צווייטען טאג" (חולין דף ק"ה עמוד א').

דעם בית־דין זיינעם האט מר עוקבא געהאט אין דער שטאדט כפרי אין בבל (קדושין דף מ"ד עמוד ב') און שמואל ירחינאה איז געווען איינער פון יענע, וואס זיינען געזעסען מיט מר עוקבא ביים בית־דין. און חאטש מר עוקבא איז געווען ביי שמואל'ן ווי א תלמיד און ער פלעגט אפטמאל נאכזאגען מאמרים אויף שמואל'ס נאמען, איז מר עוקבא פון דעסטוועגען געווען דער פארזיצער. עס ווערד אויך דערצעהלט, אז ווען מר עוקבא און שמואל זיינען געזעסען און זיי האבען געלערנט, איז מר עוקבא געזעסען בעפאר שמואל'ן פיער איילען פון ווייטען, ווי א תלמיד, און ווען זיי זיינען ביידע געזעסען ביי א דין תורה, איז שמואל געזעסען בעפאר מר עוקבא פיער איילען פון ווייטען מיט א באזונדערען נידריגען זיץ (מועד קטן דף ט"ז עמוד ב').

שמואל האט אויך פארשטאנען אפצוגעבען דעם געהעריגען כבוד צו מר עוקבא, און ווי עס ווערד דערצעהלט, האט ער אמאל געזאגט צו זיין תלמיד רב יהודה ווענגען מר עוקבא, אז ער איז „דער קאפ פון זיין קאפ". וועלכעס מיינט, אז רב יהודה דארף באטראכטען מר עוקבא'ן אלס רבי פון זיין רבי'ן (שבת דף נ"ה עמוד א').

מר עוקבא האט אפט נאכגעזאגט דינים אויף שמואל'ס נאמען (ערובין דף פ"א עמוד א', בבא קמא דף קי"ב עמוד ב'). דעסגלייכען איז זיכער, אז שמואל האט איהם איבערגעגעבען מאנכע מעדיצינישע קענטניסע, ווי מיר געפינען, אז ר' ינאי האט געשיקט פון ארץ־ישראל צו מר עוקבא, ער זאל איהם שיקען די אויגענזאלב פון שמואל'ן (שבת דף ק"ח עמוד ב').

ווי עס ווערד אויך דערצעהלט, האט רב אחא בר יוסף געפיהלט אמאל עפיס א קלעמעניש אונטער'ן הארץ, איז ער געקומען צו מר עוקבא נאך א רפואה (שבת דף ק"מ עמוד א'). מר עוקבא פלעגט אויך האבען א כלל, וועלכען ער האט וואהרשיינליך איבערגענומען פון שמואל, אז אין א טאג פון א הייסען ווינד (יומא דשותא) איז ער נישט געגאנגען זיצען ביים בית־דין (ערובין דף ס"ח עמוד א').

און חוץ וואס מר עוקבא איז געווען ווי א תלמיד ביי שמואל ירחינאה, האט ער אויך וואהרשיינליך געלערנט ביי שמואל'ס פאטער און ביי לוי בן סיסי (זעה שבת דף ק"ח עמוד ב', מועד קטן דף כ"ו עמוד ב').

זעהר אינטערעסאנט זיינען די מעשיות, וואס ווערען דערצעהלט ווענגען מר עוקבא'ס גוטהארציגקייט. אזוי ווי ער איז זעהר רייך געווען און ער איז אויך געווען געבענשט מיט א פרוי, וועלכע האט זיך גענוי צוגעפאסט צו'ן איהם מיט איהר גוטהארציגקייט, האט ער געקענט געבען אונטערשטיצונגען אזוי וועיט ווי זיין הארץ האט געגלוסט.

ווערד דערצעהלט, אז עס האט אמאל געוואוינט אן ארימאן אין מר עוקבא'ס שכנות און מר עוקבא האט נישט געוואלט איהם עפענטליך דער־

לאנגען זיין נדבה, טאָמער וועט זיך דער אָרימאַן שעהמען צו נעהמען. האָט ער גענומען פיער גילדען און ער האָט זיי אוועקגעלייגט ביים אָרימאַן'ס הויז אונטער דער שוועל, דאָרט וואו די טהיר עפענט זיך, און דער אָרימאַן האָט זיך געמוזט אויף זיי אָנשטויסען, און אַזוי ווי ער האָט אויף'ן אַנ־דערן טאָג געזעהען, אַז דער אָרימאַן האָט די פיער גילדען געפונען און געקויפט דערפאַר שפייז פאַר זיין הויז, האָט מר עוקבא ווידערהאָלט די זעלבע טהאַט זיינע יעדען טאָג, ביז עס איז דעם אָרימאַן איינמאָל איינגע־פאַלען, ער זאָל דוקא וועלען זעהען דעם מענשען, וואָס גיט איהם די נדבות. האָט דער אָרימאַן אָפּגעוואַרט אין דער פריה, און ווען ער האָט ביי זיך אין שטוב דערפיהלט, אַז עס רודערט זיך עפּיס אין דרויסען ביי דער טהיר, איז ער גיך אַרויסגעלאָפען. איז אָבער מר עוקבא גיכער געלאָפען, דער אָרימאַן זאָל איהם נישט קענען אָניאָגען, און אַזוי ווי יענער אָרימאַן איז איהם כסדר נאָכגעלאָפען, איז מר עוקבא אַריינגעשפּרונגען אין אַ קאַלך־גרוב, וואו ער האָט זיך אָפּגעבריהט די קנאַפּלען פון זיינע פיס.

אַן אַנדערע מעשה ווערד דערצעהלט וועגען אַן אָרימאַן, וועלכער האָט געוואוינט אין מר עוקבא'ס שכנות און מר עוקבא פלעגט איהם שיקען איינמאָל אין יאָהר יעדען ערב יום־כפור פיער־הונדערט גילדען. און איינ־מאָל אין אַ געוויסען ערב יום כפור האָט מר עוקבא געשיקט די פיער הונ־דערט גילדען צו יענעם אָרימאַן דורך זיין זוהן. איז דאַן זיין זוהן צוריק־געקומען מיט'ן געלד און ער האָט געזאָגט צום פאָטער, אַז די מענשען דאַרט דאַרפען נישט די נדבה, ווייל ער האָט געזעהען, אַז מען גיסט זיך אין יענעם הויז מיט די בעסטע וויינען. האָט זיך מר עוקבא אויף זיין זוהן אָנגעבייזערט און ער האָט געזאָגט: „אויב יענער אָרימאַן איז טאַקי צוגעוועהנט צו'ן אַ בעסער לעבען, דאַרף מען דאָס איהם געבען!"

ווי וויט עס האָט געגרייכט מר עוקבא'ס גרויסע פרומקייט און זיין גוטהאַרציגקייט צו מענשען, קען מען זעהען פון זיין צוואה. אַזוי ווי ער האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, האָט ער זיך געהייסען דערלאַנגען די חשבונות פון צדקה, וועלכע ער האָט פאַרטיילט אין זיין לעבען, און ווען ער האָט דאַן אויסגעפונען, אַז די גאַנצע צדקה זיינע באַטרעפט נישט מעהר ווי זיבען טויזענד דינרין, האָט ער דערפון געהאַט גרויס עגמת־נפש און ער האָט געזאָגט: „איז דאָס די גאַנצע שפייז, וואָס איך האָב מיר צוגע־גרייט פאַר אַזאַ וויטען וועג?" — האָט ער דאַן געהייסען, מען זאָל אַ העלפט פון זיין געלד, וואָס וועט נאָך זיין טויט בלייבען, פאַרטיילען צווישען אָרימע לייט (כתובות דף ס"ז עמוד ב').

מר עוקבא'ס גוטער נאָמען איז אומעטום געווען באַקאַנט און ער האָט אויך געגרייכט קיין ארץ־ישראל. און ווען די חכמים אין ארץ־ישראל האָבען איהם אַמאָל געדאַרפט שרייבען, האָבען זיי איהם טיטולירט: „לדזיו ליה כבר בתיה", דאָס הייסט: צו דעם וואָס זיין הערליכקייט איז גלייך צו דער הערליכקייט פון משה רבנו, וועלכער איז געווען ווי אַ זוהן ביי בתיה בת פרעה (זעה סנהדרין דף ל"א עמוד ב').

עס ווערד אויך דערצעהלט, אַז ווען עס איז געשטאָרבען דער זוהן פון מר עוקבא'ס שוועער, דער ברודער פון זיין פרוי, האָט מר עוקבא געוואָלט האַלטען שבעה און שלשים לכבוד זיין פרוי. איז דאַן רב הונא, דער תלמיד

מר עוקבא — ריש גלותא

פון רב, געקומען צו מר עוקבא מנחם־אבל זיין (זעה מועד קטן דף ב' עמוד ב').

כמעט אין דערזעלבער צייט האָט איינער אַ לערנער מיט'ן נאָמען גניבא געהאַט מחלוקות מיט מר עוקבא און מר עוקבא איז געווען געקרענקט דערפון ביז טיעף אין זיין נשמה.

דערזעלבער גניבא האָט אויך געהאַט מחלוקות מיט רב (ירושלמי עבודה זרה פרק ב' הלכה ח'), חאָטש ער האָט שפּעטער נאָכגעזאָגט מאַנכע דינים אויף רב'ס נאָמען (ברכות דף כ"ה עמוד א', עבודה זרה דף ל"ו עמוד ב'). און צוליעב זיינע מחלוקות מיט רב און מיט מר עוקבא האָבען איהם רב חסדא און רב הונא גערופען „פלגאה", וועלכעס הייסט פילאָלאָגיש איבערזעצט: „האַלבגעלעהרטער" און רש"י טייטשט עס „בעל־מחלוקות" (גטין דף ל"א עמוד ב').

האָט דאַן מר עוקבא געשיקט אַ שאלה צו ר' אלעזר בן פדת אין ארץ־ישראל און ער האָט געזאָגט: „פאַרהאַנען מענשען, וואָס שטעהען אויף געגען מיר און איך קען זיי מסר'ן צו דער רעגירונג, וואָס זאָל איך טהון?" — האָט איהם ר' אלעזר געענטפערט מיט אַ פסוק פון תהלים, וואו דוד המלך זאָגט: „איך האָב מיר געטראַכט, איך וועל היטען מיין וועג פון צו זינדיגען מיט מיין צונג, איך וועל מאַכען צו מיין מויל אַ שלאָס, ווי לאַנג דער רשע איז אַקעגען מיר". האָט מר עוקבא ווייטער געשיקט זאָגען צו ר' אלעזר: „ער טהוט מיר אָן צופיעל קרענקונג!" — האָט איהם ר' אלעזר געענטפערט מיט אַן אַנדערען פסוק פון תהלים, וואו דוד המלך זאָגט: „וואַרט צו גאָט'ס הילף און האָף צו'ן איהם!" און אַזוי ווי עס ווערד דאָרט געברויכט דער אויסדרוק „והתחולל", האָט ר' אלעזר איינגעטייטשט: „האָף צו גאָט, אַז ער וועט אַנידערוואַרפען דיינע שונאים דערשלאָגענע!" (גטין דף ז' עמוד א').

ענדליך, ווערד דערצעהלט, איז דער דאָזיגער גניבא אריינגעפאַלען צו דער רעגירונג אין די הענד און ער איז פאַראורטיילט געוואָרען צום טויט (ירושלמי גטין פרק ו' הלכה ה').

רבה בר אבוה

ווי לאַנג שמואל ירחינאה האָט געלעבט, האָט זיך נישט קיינער דערוועגט, צו וועלען אימיצען אוועקזעצען אויף רב׳ס פּלאַץ אין דער ישיבה פון סורא. איז דאַן די ישיבה אין נהרדעא געווען דער איינציגער צענטער פאַר אַלע אינטערעסען פונ׳ם אידישען לעבען אין בבל. דאָרט זיינען ארויסגע־געבען געוואָרען אַלע אַנטשיידונגען אין די פראַגען פון רעליגיעזער פיה־רונג — און ווי עס דאַכט זיך, האָט זיך אויך דאָרט געפונען די פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע פאָרשטעהערשאַפט פאַר אַלע אידען פון דער פערזישער אימ־פּעריע.

און ווען שמואל ירחינאה איז געשטאָרבען, איז די ישיבה פון נהרדעא געבליבען אַ פאַר׳יתומ׳טע, ווייל טראָצדעם וואָס אַזאַ תלמיד חכם ווי מר עוקבא איז דאָרט געווען „ריש גלותא” און די מענשען זיינען געווען געצוואונגען, איהם צו געהאָרכען, האָט ער נישט געקענט קיינמאָל דערגריי־כען שמואל׳ס באַדייטונג.

מר עוקבא איז איבערהויפּט נישט געווען דער איינציגער, וואָס האָט דאַמאָלס גענומען אַ האַנד אין דער פיהרערשאַפט ביי די אידען אין בבל, ווייל עס האָט אין דערזעלבער צייט געלעבט און געווירקט נאָך איין פאָר־שטעהער — רבה בר אבהו *).

לויט ווי רב שרירא גאון דערצעהלט וועגען זיך אין זיין „אגרת”, האָט ער זיך גערעכענט אַלס אַן אָפּשטאַמער פון רבה בר אבהו, וועלכער איז געווען „ריש גלותא”. ווילען דאָס מאַנכע היסטאָריקער באַצווייפלען, ווייל אויב מיר נעהמען אָן, אַז מר עוקבא איז געווען „ריש גלותא”, האָט רבה בר אבהו נישט געקענט צו דערזעלבער צייט זיצען אויף דעמזעלבען אַמט.

איז דאָס אָבער טראָצדעם מעגליך, ווייל אַזוי ווי דאָס אַמט פונ׳ם „ריש גלותא” איז בלויז געווען אַ פּאָליטישע שטעלונג און דער פאָר־שטעהער פון אָט דעם אַמט האָט בלויז געדאַרפט זיין דער פאַרמיטלער צווי־שען דער רעגירונג און די אידען, ביי וועלכע מ׳ען האָט געדאַרפט קאָלעק־טען די שטייערען און שליכטען אינעווייניגסטע סכסוכים, האָט די רע־גירונג פון בבל געקענט גאַנץ גוט ארויפלייגען די דאָזיגע אויפגאַבע איינ־מאָל אויף מר עוקבא און איינמאָל אויף רבה בר אבהו.

געלערענט האָט רבה בר אבהו ביי רב (אבא אריכא) און אויף׳ן נאָמען פון רב האָט ער איבערגעגעבען צעהנדלינגער מאמרים. עס איז

*) דער נאָמען רבה איז אַן אָפּקירצונג פון „רב אבא” — און דער נאָמען „אבהו”, וועלכער ווערד אין דער גמרא אָפטמאָל געשריבען „אבוה” (מיט׳ן ו׳ בעפאָר דעם ה׳), ווילען מאַנכע לייענען על משקל „גבוה” אָדער „מנוח”. דאַרף אָבער דער דאָזיגער נאָמען געלייענט ווערען „אביהו”, ווי אהרן הכהן׳ס צווייטער זוהן האָט געהייסען (זעה „אונזערע גייסטיגע ריעזען”, צווייטער טייל, זייטע 210).

אויך אָנצונעהמען, אַז נאָך רב׳ס טויט זיינען פיעלע פון רב׳ס תלמידים גע־גאַנגען קיין נהרדעא, פאָרטצוזעצען זייער לערנען אין דער ישיבה פון שמואל. זיינען זיי אָבער געווען אַזוי שטאַרק אנהענגליך צו רב׳ס תורה און צו זיין שטייגער לערנען, אַז חאָטש זיי האָבען זיכערליך אָפּגעגעבען דעם העכסט מעגליכען כבוד צו שמואל׳ן, האָבען זיי נישט נאָכגעזאָגט קיינמאָל וועלכען ס׳איז מאמר אויף זיין נאָמען.

דאָס נעמליכע איז אויך שפּעטער געווען מיט רבה בר אבהו, וועל־כער האָט פאַרנומען אַ פּראָמינענטע שטעלונג ביי די אידען אין בבל און ער האָט אויך זיכערליך אָנגעפיהרט אַן אייגענעם בית־המדרש מיט תלמידים, ווען עס זאָל אפילו זיין אמת, אַז ער איז נישט געווען קיין „ריש גלותא״. האָט פון דעסטוועגען חוץ רב נחמן בר יעקב, וועלכער דערמאָנט די לעהרען פון רבה בר אבהו לערך הונדערט מאָל, קיין איינציגער פון די אַנדערע „אמוראים״ איהם נישט דערמאָנט — און וואָס רב נחמן בן יעקב דערמאָנט איהם יאָ, קען אָנגענומען ווערען, אַז דאָס איז ווייל ער איז געווען אַן איידעם ביי רבה בר אבהו. זאָנסט האָט זיך רבה בר אבהו אַ ביסיל גע׳חבר׳ט מיט רב הונא און מיט רב יהודה, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געלערנט ביי רב (שבת דף קל״ד עמוד ב׳). און ווען רב נחמן און רב הונא זיינען געגאַנגען מבקר־חולה זיין ביי רבה בר אבהו, ווען ער איז געלעגען קראַנק, האָבען זיי אויסגענוצט די געלעגענהייט, ביי איהם צו פרעגען, ער זאָל זיי זאָגען, ווי אַזוי רב האָט ביי געוויסע געלעגענהייטען גע׳פסקנ׳ט (גטין דף ע״ב עמוד א׳, בבא בתרא דף קל״ו עמוד א׳).

רב נחמן׳ס פאָטער איז געווען איינער פון די דיינים ביי שמואל ירחינאה, און אַזוי ווי ער האָט אָפּטמאָל מיטגענומען דעם זוהן זיינעם צו די משפּטים פונ׳ם בית דין און ער האָט איהם אויך דערנאָך איבערגעגעבען צו רבה בר אבהו אין זיין בית־המדרש, איז דער בחור רבה׳ן זעהר גע־פעלען געוואָרען, צו נעהמען איהם פאַר אַן איידעם. נור אַזוי ווי עס האָט ביי דעם יונגען מאַן נישט געוואַקסען קיין באָרד, האָט מען געדענקט, אַז ער איז נישט קיין פולשטענדיגער מאַנסביל, האָט רבה בר אבהו געבעטען ביי די חכמים פון נהרדעא, זיי זאָלען דעם דאָזיגען ענין גענוי אונטער־זוכען (זעה יבמות דף פ׳ עמוד ב׳).

און ווי עס איז צו זעהען, איז דאַן דער רעפּאָרט פון די חכמים אויסגעפאַלען צו דער צופרידענהייט פון רבה בר אבהו, ווען ער האָט תיכף נאָך זייער באַריכט נעגעבען זיין געלעהרענטע טאָכטער ילתא צו רב נחמן פאַר אַ פרוי.

די דאָזיגע ילתא איז פיעל מאָל דערמאָנט אין דער גמרא, וואו עס ווערען וועגען איהר דערצעהלט פאַרשיעדענע מעשיות, וועלכע באַווייזען, אַז זי האָט געוואָלט באַהאַנדעלט ווערען, נישט ווי מען פלעגט זיך דאַמאָלס נוהג זיין אַקעגען אַ פרוי, נור ווי אַ גלייכגעשטעלטע פּערזאָן.

ווערד וועגען איהר דערצעהלט, ווי עס איז אַמאָל געקומען עולא, אַ תלמיד פון ר׳ יוחנן, צו גאַסט צו רב נחמן. האָט איהם רב נחמן פאַרבעטען צום טיש, און נאָכדעם ווי זיי האָבען געהאַט געגעסען און געבענשט, האָט עולא דערלאַנגט דעם „כוס של ברכה״ צו רב נחמן. האָט רב נחמן געזאָגט: „לאָמיר שיקען דעם כוס של ברכה צו מיין פרוי ילתא!״

האט דאס עולא נישט געוואלט טהון און ער האט נאך אויסערדעם געמאכט א באמערקונג אויף'ן נאמען פון ר' יוחנן, וועלכע האט דערנידריגט די ווערדע פון דער פרוי אפילו אלס אזעלכע, וואס ברענגט קינדער אויף דער וועלט. האט דאס ילתא געהערט, איז זי אויפגעשטאנען אין כעס און זי האט צובראכען פיער הונדערט פעסלעך וויין (!). האט דאן רב נחמן געזאגט צו עולא: „לא'מיר איהר שיקען אן אנדערן כוס!" — האט איהר עולא געשיקט זאגען, אז יעדער וויין, וואס געפינט זיך אין א פאס, איז גלייך ווי א „כוס של ברכה" און אויב זי וויל, קען זי דערפון טרינקען. האט זי דאן אפגעענטפערט: „פון אזעלכע וואנדערער הערט מען בלויז פוסטע ווערטער און פון אפגעריסענע שמאטעס מאכט זיך אומפלויט!" (ברכות דף נ"א עמוד ב').

אן אנדערע מעשה ווערד דערצעהלט וועגען רב עמרם חסידא, וואס די דיענער פונ'ם „ריש גלותא" פלעגען איהם אנטהון צרות, ווייל זיי האבען נישט געקענט ליידען זיין אפגעהיטקייט. און ווען זיי פלעגען איהם אמאל שטארק דערקוטשען, פלעגט ער געהען שלאפען א גאנצע נאכט אויף'ן שניי. האבען איהם די דיענער אויף'ן אנדערען טאג געפרעגט, וואס זיי זאלען איהם געבען צו עסען, האט ער זיך געהייסען ברענגען מאגערע פלייש און וויין געמישט מיט וואסער. האבען איהם די דיענער אויף להכעים געבראכט פעט פלייש און נישט געוואסערטען וויין. איז ער דערפון קראנק געווארען און עם האבען זיך איהם געמאכט בלאטערען אויף זיין גאנצען לייב. האט דאס ילתא געהערט, האט זי איהם גענומען אין א באד, וואו זי האט איהם געשמירט און געזאלבט — און פון איהר האט ער זיך געלאזט אלסדינג טהון (גטין דף ס"ז עמוד ב').

ביי אן אנדערער געלעגענהייט, ווען רב יהודה — א תלמיד פון רב און שמואל — איז געקומען מיט א שאלה צו רב נחמן און עס איז דאן אין פארלויף פונ'ם שמועס ארויף־געשוואומען א פראגע, צי מען מעג שיקען א גרוס צו'ן א פרוי דורך איהר מאן, האט רב יהודה געזאגט אויף שמואל'ס נאמען, אז מען זאל נישט פאר קיין פאל שיקען א גרוס צו'ן א פרוי, נישט פערזענליך און אויך נישט דורך איהר מאן. האט ילתא אויף דעם א זאג געטהון צו'ן איהר מאן: „שיק אוועק דעם דאזיגען פארשוין וואס גיכער, מען זאל דיך נישט פארגלייכען צו אנדערע עמי־ארצים!" (קדושין דף ע' עמוד ב').

אויסערדעם ווערד נאך פון איהר דערצעהלט, ווי זי האט אמאל געפרעגט ביי איהר מאן אן ערקלערונג וועגען דעם כלל, וואס מיר האבען, אז אלס־דינג וואס די תורה האט אונז פארבאטען צו געניסען, האט מען אונז ערלויבט עטוואס אנדערעס עהנליכעס מיט דעמזעלבען טעם (חולין דף ק"ט עמוד ב').

ווי עס הייסט, איז רבה בר אבהו צוויי מאל זיך צונויפגעקומען מיט אליהו הנביא. האט די באשרייבונג פון איין צוזאמענקונפט זיינער א גע־וויסע אלעגארישע באדייטונג. זי איז איבערהויפט איבערגעגעבען אין אן אומפארשטענדליכער פארם, ווי מען קען זי בלויז אין אן אלעגארישער איינטייטשונג פארשטעהען.

אמאל — ווערד דערצעהלט — האט רבה בר אבהו באגעגענט אליהו הנביא אויף א גוי'אישען בית־הקברות און ער האט איהם געפרעגט, צי „קברי עכו"ם מטמאים". דערנאך ווערד דערצעהלט, ווי אליהו הנביא האט

רבה בר אבוה

געקומען רבה'ן אין גן־עדן אריין און ער האָט איהם געזאָגט: „ציה ארונטער דיין מאַנטעל!" — האָט רבה ארונטערגעוואָרפען דעם מאַנטעל און איהם דערנאָך אויסגעקוועטשט און פארקויפט דעם אויסגעקוועטשטען ריח פאַר צוועלף טויזענט דוקאטען, פון וועלכע ער האָט אוועקגעגעבען א העלפט צו זיינע איידעמעס (בבא מציעא דף קי"ד עמוד ב').

ביי אן אנדערער צוזאַמענקונפט מיט אליהו הנביא האָט איהם רבה בר אבהו געפרעגט וועגען אסתר'ס א האנדלונג אקעגען אחשורוש (זעה מגלה דף ט"ו עמוד ב').

נישט לאַנג נאָך שמואל'ס טויט איז אויסגעבראָכען א שרעקליכע מלחמה ארום נהרדעא. ס'איז דאַן אויפגעשטאַנען איינער א פיהרער פון א רוימישער רויבער־באַנדע מיט'ן נאָמען פפא בן נצר, וועלכער ווערד אין דער רוימישער געשיכטע אָנגערופען אָדענאַטוס. איז ער אָנגעפאַלען מיט זיין ארמיי אויף דער שטאָדט נהרדעא און ער האָט זי חרוב געמאַכט. איז דאַמאָלס די ישיבה פון נהרדעא פאַר א געוויסע צייט בטל געוואָרען און רבה בר אבהו איז צוזאַמען מיט זיין איידעם געווען געצוואונגען, צו פאַרלאָזען די שטאָדט.

האָבען זיי דאַןביידע ארומגעוואַנדערט פון איין שטאָדט צו דער אנדערער. צוערשט האָבען זיי זיך פרובירט באַזעצען אין שכנציב און אין שלהי, וועלכע זיינען געווען נאָהנט צו נהרדעא, ביז זיי האָבען זיך דערנאָך ענדגילטיג באַזעצט אין דער שטאָדט מחוזא ביי די ברעגעס פונ'ם טייך „חדקל" (טיגריס), האָט דאָרט רבה בר אבהו געגרינדעט א בית־דין און ער האָט זיך ווייטער גענומען פיהרען די אָנגעלעגענהייטען פון די אידען אין בבל (זעה שבת דף נ"ט עמוד ב', ערובין דף כ"ו עמוד א', יבמות דף קט"ו עמוד ב').

ביי יענער מלחמה אין נהרדעא זיינען צוויי פון שמואל'ס טעכטער אוועקגעפיהרט געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט און מען האָט זיי געבראַכט קיין ארץ־ישראל. און טראָצדעם וואָס שמואל האָט אָנגעזאָגט, אז ווען א פרוי ווערד באַפרייט פון געפאַנגענשאַפט, דאַרף זי נישט זיין באַגלויבט, ווען זי זאָגט, אז זי איז נישט מיסברויכט געוואָרען, האָבען די חכמים אין ארץ־ישראל יאָ געגלויבט, ווען די צוויי טעכטער פון שמואל האָבען ערקלערט, אז זיי זיינען „ריין" (כתובות דף כ"ג עמוד ב').

א דריטע טאָכטער פון שמואל איז אויך דאַמאָלס געפאַנגען געוואָרען און א גוי האָט זי געהייראַטה. האָט זי זיך דאַן באַשטרעבט, אז דער גוי'־שער מאַן איהרער זאָל זיך מגייר זיין — און איהר זוהן, וואָס זי האָט פון דעם דאָזיגען גוי געבוירען, ווערד דערמאָנט אין דער גמרא אלס רב מרי בר איסור גיורא אָדער רב מרי בר רחל בת שמואל (זעה יבמות דף מ"ח עמוד ב').

עס איז אויך שפּעטער געווען א שאלה וועגען דער ירושה פון דעם דאָזיגען איסור גיורא, ווייל די מוטער פון רב מרי איז פאַרגאַנגען אין טראָגען, איידער איהר מאַן האָט זיך מגייר געווען (זעה בבא בתרא דף קמ"ט עמוד א').

מיט זיין ווילדער ארמיי האָט דער אויבען־דערמאָנטער אדענאַטוס באַזיעגט די פערזער אין דער געגענד פון נהרדעא און ער האָט אויך גע־שטערט דעם גאַנג פון זייער אנטוויקלונג. האָט ער זיך דערפאַר ארויפגע־

ארבייט פון א געוועהנליכען רויבער־הויפּטמאַן, וועלכער איז לויט'ן רוימישען געזעץ געווען אַ פּשוט'ער „חייב־מיתה'ניק", צו דער מדרגה פון אַן אנערקענטען העלפער אין דער אויפהאַלטונג פון דער רוימישער הערשאַפט איבער קליינאַזיען.

די רוימישע רעגירונג האָט איהם אויך שפּעטער אַנערקענט אַלס זעלבשטענדיגען הערשער איבער דער שטאָדט תדמור (פּאַלמירא), וועלכע שלמה המלך האָט געהאַט מיט טויזענד יאָהר פריהער אויסגעבויט. דערנאָך איז אָדענאַטוס געוואָרען אָנגרייפעריש געגען דער פּערזישער אימפּעריע גופא און ער האָט אָנגעהויבען אַ מלחמה מיט קעניג סאַפּאָר דעם ערשטען (שבור מלכא), וועלכער האָט זאָגאָר געמוזט אַנטלויפען פון זיין הויפּטשטאָדט קטעזיפאָן.

זעקס לאַנגע יאָהרען האָט אָדענאַטוס אָנגעהאַלטען זיין הערשאַפט און קייזער גאַליענוס האָט איהם געמוזט אנערקענען אַלס שותּף אין דער רעגירונג פון רוים (אין 264 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג). דערנאָך האָט עס אָבער נישט לאַנג גענומען, האָט איינער פון זיינע נאָהנטע דעם אָדענאַטוס דער'הרג'עט. האָט דאַן איטליכער געגלויבט, אַז די פרוי זיינע, די קעניגין זענאָביא, וועלכע האָט נאָך איהר מאַן'ס טויט ווייטער אָנגעפיהרט די מלוכה, האָט געהאַט אַ האַנד אין זיין ערמאָרדונג.

וועגען דער דאָזיגער קעניגין זענאָביא דערצעהלען קריסטליכע כראָניקער, אַז זי איז געווען שטאַרק גענייגט צו דער אידישער אמונה. עס ווערד אויך איבערגעגעבען, אַז אין געגענזאַץ צו'ן איהר מאַן, וועלכער איז געווען רוים'ס העלפער, האָט זי געשטרעבט, צו באַפרייען רוים'ס אַזיאַטישע באַזיצונגען פון פרעמדער הערשאַפט.

פון דעסטוועגען — ווערד דערצעהלט — האָבען די אידען אין ארץ־ישראל נישט געשטיצט איהר טהעטיגקייט, און ווען קייזער אוירעליאַנוס האָט געקעמפּפט געגען זענאביא, האָבען איהם אידען געהאָלפען*).

---

*) זעה „אונזערע גייסטיגע ריעזען", צווייטער טייל, זייטע 224.

רב נחמן בר יעקב

אין דער שילדערונג פון רבה בר אבהו איז אונז עטליכע מאָל אויס־געקומען, צו דערמאָנען זיין אײדעם רב נחמן בר יעקב, וועלכער האָט גע־הייראט זיין טאָכטער ילתא. ווערד דער דאָזיגער רב נחמן אָפטמאָל אָנ־גערופען אָהן דעם נאָמען פון זיין פאָטער (רב נחמן סתם) — און געווען איז ער איינער פון די אינגערע „אמוראים" אין בבל. ביים ענד פון זיין לעבען, הייסט עס, איז ער געווען נאָהנט צו ניינציג יאָהר אַלט, און די צייט זיינע קען באַשטימט ווערען צווישען ג' אלפים תתקצ"ה און ד' אלפים פ"ד לבריאת עולם, דאָס הייסט צווישען די יאָהרען 235 און 324 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג.

די צייט פון רב נחמן'ס ווירקונג איז געווען אַ פריויהיטליכע. דאָס לעבען פון די אידען אין בבל, וואו עס האָט דאַן געהערשט אַ געוויסע פּאָ־ליטישע זיכערקייט, האָט אויסגעגליכט ביי די מענשען דעם געבויגענעם רוקען זייערן און עס האָט זיי אַריינגעגעבען זעלבסטבאַוואוסטזיין און לע־בענספרייד.

ווי עס איז שוין דערצעהלט, איז אין די טעג פון רבה בר אבהו אָנגעפאַלען אַ שונא אויף דער שטאָדט נהרדעא און די דאָרטיגע ישיבה האָט געמוזט געהן אין גלות. האָט דאָס אָבער וואהרשיינליך געדויערט בלויז עטליכע יאָהר און עס האָט אויך אין אַלגעמיין נישט געהאַט קיין איינפלוס אויף דער פּאָליטישער לאַגע פון די אידען אין בבל. רבה בר אבהו אַליין איז דאַן פאַרבליבען אין מחוזא און ער איז אויך אפשר דאָרט געשטאָרבען. אָבער זיין אײדעם רב נחמן איז צוריק־געקומען קיין נהרדעא און ער האָט דאָרט אָנגעפיהרט אַן אייגענע ישיבה, וועלכע האָט פאָרטגע־זעצט די אַרבייט פון שמואל ירחינאה און פון רבה בר אבהו אויף'ן בעסטען אופן (זעה בבא בתרא דף קנ"ג עמוד א').

אַלס אײדעם פונ'ם „ריש גלותא" (חתנא רבי נשיאה) האָט זיך אונ־זער רב נחמן איינגעאָרדנעט זיין פיהרונג אויף אַ הערשאַפטליכען שטייגער. און וואָס מר עוקבא האָט אַמאָל פאַרגעוואָרפען אַן אַנדערן „ריש גלותא", אַז ער טהוט נישט רעכט, וואָס ער געהט שלאָפען און ער שטעהט אויף אונטער די קלאַנגען פון מוזיק (זעה ירושלמי מגלה פרק ג' הלכה ג'), האָט דאָס געקענט אין אַ פיעל שטאַרקערער פאָרם געזאָגט ווערען וועגען רב נחמן בר יעקב, וועלכער איז בלויז געווען אַן אײדעם ביים „ריש גלותא" און ער פלעגט זיך פיהרען אויף אַזאַ אַריסטאָקראַטישען אופן, ווי מען האָט עס דאַמאָלס גאָר נישט געזעהן ביי אידען.

דיענער, באַוואָפענטע מיט שטעקענס און מיט בייטשען, האָבען איהם בסדר אַרומגערינגעלט, ווען ער האָט זיך באַוויזען אין גאַס אָדער ווען ער איז געזעסען ביים בית־דין, גרייט צו שלאָגען יעדען, וואָס וועט איהם נישט אָפּגעבען דעם געהעריגען כבוד, אָדער ער וועט נישט וועלען אָננעהמען זיין פּסק־דין (זעה קדושין דף ל"ג עמוד א').

די אמוראים פון בבל

אזוי ווי עס האָט איהם דער שווער זיינער אויפגעהויבען צו דער מדרגה פון א „ראש בית־דין" אין נהרדעא, פלעגט ער שטאָלצירען מיט דעם דאָזיגען אמט זיינעם אקעגען אלע זיינע חברים, צו וועלכע ער פלעגט שטענדיג זאָגען, אז זיי האָבען נישט קיין רעכט, צו קריטיקירען זיינע אורטיילען, ווייל ער איז דער ריכטער און נישט זיי (כתובות דף צ"ד עמוד ב').

ביים ארויסזאָגען זיינעם א פסק פלעגט ער נישט קיינמאָל נעהמען וועלכע עס איז ריקזיכט אויף די אומשטענדען. איז דערפאַר כאראקטע־ריסטיש, וואָס עס ווערד דערצעהלט, אז עס איז אמאָל צו'ן איהם געקומען אן אלטע פרוי באַקלאָגען זיך אויף די דיענער פונ'ם „ריש גלותא", וואָס האָבען ביי איהר אוועקגענומען עטליכע שטיק בוי־האָלץ, צו מאַכען א סוכה פאַר'ן „ריש גלותא". האָט זי דאַן געשריגען, אז דער „ריש גלותא" זיצט צוזאַמען מיט זיינע געסט אין א גע'גזל'טער סוכה.

האָט זיך רב נחמן וועהרענד דער גאַנצער צייט פון דער אידענע'ס טענות נישט אומגעקוקט אויף איהר און ער האָט זיך אויך נישט צוגע־הערט צו איהרע געשרייען. האָט דאָס די אידענע פאַרדראָסען און זי האָט א זאָג געטהון: „וואָס הערסטו זיך נישט איין צו מיין געשריי? ביזט שטאָלץ אויף דער מחנה דיענער דיינע, און ווער מיינסטו בין איך? איך בין אברהם אבינו'ס א טאָכטער און ביי מיין פאָטער אין הויז זיינען גע־ווען דריי הונדערט און אכטצעהן דיענער און דאָ קעהרט נישט קיינער פאַר מיינע געשרייען!" — האָט רב נחמן אויף דעם געזאָגט: „זי איז א שרייערקע און עס קומט איהר נישט מעהר ווי דאָס געלד פאַר'ן האָלץ!" (סוכה דף ל"א עמוד א').

אין זיין שטאָלץ אויף דעם ריכטערליכען אמט האָט רב נחמן אמאָל געפרעגט ביי רב הונא: „איז די הלכה ווי איך זאָג, אָדער זי איז ווי איהר דענקט?" — האָט רב הונא געענטפערט: „די הלכה איז זיכערליך אזוי ווי איהר זאָגט, ווייל איהר זענט נאָהנט צום הויז פונ'ם ריש גלותא, וואו עס זיצען די דיינים" (בבא בתרא דף ס"ה עמוד א').

ביז צו דער צייט פון רב נחמן איז געווען אן אנגענומענער כלל, אז „דיני ממונות" דאַרפען גע'משפט ווערען ביי דריי דיינים. איז אויך טאַקי זעהר זעלטען געווען ערלויבט, צו משפט'ן אין אזא אנגעלעגענהייט ביחידות, און אזוי ווי רב נחמן האָט דאָס כסדר געטהון, איז דאָס באַטראַכט געוואָרען ווי אן איבערברוך אין א לאַנגסטיג אָנגענומענעם דין (זעה סנהדרין דף ה' עמוד א'). ביי אן אנדערער געלעגענהייט, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען א שטר־חוב, וואָס רב יהודה בר יחזקאל האָט צוריסען, ווייל ער האָט געדענקט, אז אָט דער שטר־חוב איז א פסול'ער, האָט רב נחמן געזאָגט, אז נור א „קינד" האָט יענעם שטר־חוב צוריסען און ער האָט דאַן צוגעגעבען, אז „די גאַנצע וועלט איז אקעגען איהם ווי קינדער" (בבא מציעא דף ס"ו עמוד א').

רב נחמן איז אויך געווען אָהן ריקזיכט אקעגען זיינע שקלאַפען. ווי אָפט שמואל ירחינאה פלעגט מאַכען אן אונטערזוכונג אויף זיינער א שקלאַפין פאַר מעדיצינישע צוועקען און ער האָט דאָס געטהון אויף אזא אופן, אז די שקלאַפין זאָל זיך דאַרפען שעהמען, האָט ער געוועהנליך אין אזא פאַל באַצאָהלט דער שקלאַפין פיער גילדען פאַר דער חרפה. און ווען

עס האָט איהם אימיצער געפרעגט, פאַר־וואָס ער טהוט דאָס, האָט ער גע־ענטפערט: „עס שטעהט טאַקי אין דער תורה, אז דער שקלאַף דאַרף אייביג ארבייטען, דאַרף מען אָבער וויסען, אז דער שקלאַף איז אונזער אייגענטום בלויז צו ארבייטען, אָבער נישט צום פאַרשעהמען"...

דאַגעגען האָט רב נחמן קיינמאָל נישט געאַכטעט אויף דער חרפה פון זיינער א שקלאַפין. שמואל ירחינאה פלעגט אויך פאַרהייראַטען זיינע שקלאַפינען צו זיינע מענליכע שקלאַפען, לויט ווי יעדע איינציגע האָט זיך אויסגעקליבען. דאַגעגען האָט זיי רב נחמן אויסגעמישט איינע מיט די אַנדערע, און ווען עס איז איהם געפעלען, האָט ער אוועקגענומען די פרוי ביי איינעם פון זיינע שקלאַפען און אוועקגעגעבען זי צו אַן אַנדערן שקלאַף, נישט אַכטענדיג אויף זייער מאָראַליש געפיהל (נדה דף מ"ז עמוד א').

רב נחמן האָט אויך איינגעפיהרט א נייעם אין דער פּראָצעדור פון משפטים. ביז דאַמאָלס איז געווען אָנגענומען, אז ווען איינער מאָהנט געלד ביי א צווייטען, וועלכער לייקענט אין גאַנצען אָפּ דעם חוב, איז דער געמאָהנטער פטור פון באַצאָהלען אפילו אָהן א שבועה, ווייל מען האָט גערעכנט, אז ווען איינער איז אימיצען שולדיג א חוב, וועט ער נישט קיינמאָל האָבען די העזה, דעם חוב אין גאַנצען אָפּצולייקענען.

האָבען זיך אָבער אין רב נחמן'ס צייטען פאַרמעהרט אַזעלכע העזה'־ניקעס, וואָס פלעגען אויף א ליגנערישען אופן לייקענען זייער חוב און מען האָט זיי נישט געקענט הייסען שווערען. האָט רב נחמן מתקן געווען א „שבועת היסת", וועלכע איז איינגעפיהרט געוואָרען אין אַזא פאַל, וואו דער מאָהנער האָט נישט געקענט אַרויסשטעלען קיין עדות פאַר זיין חוב און דער אַנדערער צד האָט דעם חוב אין גאַנצען אָפּגעלייקענט*).

רב נחמן האָט דאַן גערעכנט, אז א שולדיגער וועט געוועהנליך אָפּ־לייקענען זיין שולד, ווען ער וועט וויסען, אז ער דאַרף נישט שווערען, אָבער עס וועט נישט קיינער אַרויסקומען מיט א פאָדערונג, ווען מען איז איהם נישט שולדיג (בבא מציעא דף ה' עמוד א', שבועות דף מ' עמוד ב').

זעהר פיעל ווערד גערעדט וועגען רב נחמן'ס עשירות. האָט זיך זיין ווייב ילתא אַמאָל אָנגע'ברוגז'ט, ווייל עס האָט איהר איינער פון די חכמים נישט געוואָלט שיקען דעם „כוס של ברכה", האָט זי דאַן צובראָכען 400 פעסלעך וויין (ברכות דף נ"א עמוד ב'). עס ווערד אויך דערצעהלט, אז רב נחמן פלעגט אַרויספאָהרען אין א גאָלדענעם וועגעלע, באַדעקט מיט א פעכער פון פּערפּיל־וואָל און געפיהרט פון שקלאַפען (גטין דף ל"א עמוד ב').

אַמאָל — ווערד דערצעהלט — איז געקומען צו רב נחמן אין גאַסט איינער פון די ארץ־ישראל'דיגע תלמידי־חכמים מיט'ן נאָמען ר' יצחק. האָט איהם רב נחמן אויפגענומען מיט דער גרעסטער פריינדשאַפט, און נאָכדעם ווי דער גאַסט האָט זיך גוט אָנגעגעסען און אָנגעטרונקען, האָט איהם רב נחמן געבעטען, ער זאָל איהם בענשען. האָט איהם ר' יצחק דערצעהלט פאָלגענדען משל:

גענוועזן אַמאָל א וואַנדערער, וועלכער האָט אַרומגעבלאָנדזעט אין א מדבר, א מיעדער, א הונגעריגער און א דורשטיגער. האָט ער פּלוצים

*) וואָס א „שבועת היסת" איז, ווייסט מען זעהר גוט. עס האָט אָבער נאָך קיינער נישט ביז היינט ריכטיג שפּראַכליך ערקלערט, פאַרוואָס אַזא שבועה הייסט „שבועת היסת" און וואָס עס איז די אמת'ע טייטש פון'ם וואָרט.

געפונען א בוים, וואס זיינע פירות זיינען געווען זיסע, זיין שאטען איז געווען אן אנגענעהמער און א קוואל איז געפלאסען אונטער איהם. האט דאן יענער וואנדערער געגעסען פון יענעם בוים'ס פירות, געטרונקען פון זיין קוואל און אוועקגעזעצט זיך אפרוהען אין זיין שאטען.

דערנאך האט יענער וואנדערער געוואלט געהען ווייטער, האט ער זיך אויסגעדרעהט צו דעם בוים און א זאג געטהון: „מיט וואס קען איך דיך בענשען, מיין טהייערער בוים? זאל איך דיר זאגען, אז דיינע פירות זאלען זיין זיסע? זיינען זיי דאך זיסע פון פריהער! זאל איך דיר זאגען, אז דיין שאטען זאל זיין אנגענעהם? איז דיין שאטען אנגענעהם פון פריהער! זאל איך דיר זאגען, אז א קוואל וואסער זאל אונטער דיר פליסען? האסטו שוין דעם קוואל וואסער פון פריהער! וויל איך דיר דערפאר בלויז ווינשען, אז אלע פלאנצונגען, וואס מען וועט פון דיר פלאנצען, זאלען זיין גלייך צו דיר!"

אזוי איז אויך מיט דיר — האט ר' יצחק צוגעגעבען — דו ווילסט, איך זאל דיך בענשען, טא מיט וואס קאן איך דיך בענשען? זאל איך דיך בענשען מיט תורה? האסטו געגוג תורה פון פריהער! זאל איך דיך בענשען מיט עשירות? האסטו שוין עשירות פון פריהער! זאל איך דיך בענשען מיט קינדער? ביזטו שוין געבענשט מיט קינדער פון פריהער! וויל איך דיר דערפאר בלויז ווינשען, אז אלע וואס וועלען פון דיר ארויס־קומען, זאלען זיין גלייך צו דיר! (תענית דף ה' עמוד ב' און דף ו' עמוד א').

רב נחמן'ס טהעטיגקייט ביי זיין לערנען באציהט זיך הויפטזעכליך צו הלכות פונ'ם פראקטישען לעבען און באזונדערס צו געלד־אנגעלעגענ־הייטען. וואס ער האט געזאגט און ווי אזוי ער האט גע'פסק'עט, איז דאן געבליבען א פעסטגעזעצטער כלל ביי די דיינים אין בבל, ווי עס פלעגט אויך שטענדיג הייסען, אז „אומעטום וואו עס האנדעלט זיך וועגען געלד־־פראגען, איז די הלכה ווי רב נחמן האט געזאגט" (כתובות דף י"ג עמוד א', קדושין דף נ"ט עמוד ב', בבא מציעא דף י' עמוד א').

אפטמאל האט רב נחמן ביי זיינעם א פסק־דין נישט געקוקט, וואס די סתם משנה איז געווען געגען זיין פיהרונג. אזוי ווי ער איז געוועהנליך נאכגעגאנגען די מיינונג פון שמואל ירחינאה, וועלכער האט געהאלטען, אז „דינא דמלכותא דינא", האט ער אויך גענומען אייניגע פערזישע גע־זעצע און האט זיי ארייגעפלאכטען אין די אידישע דינים.

צו באמערקען איז אויך, אז טראץ זיינע שטרענגע פרינציפען, האט ער מאנכעס מאל געוואלט פארגרינגערען די אנגענומענע רעליגיעזע פיהרונג, א שטייגער ווי וואס ער האט געזאגט, אז ציגעל אדער בוי־שטיינער, וואס זיינען איבערגעבליבען פון א פארענדיגטען בנין, מעג מען אוועקנעהמען אים שבת, ווייל זיי זיינען נישט מעהר קיין בוי־מאטעריאל, נור זיי זיינען ווי כלים (ביצה דף ל"א עמוד ב').

און ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם ענין „חזקה", האט רב נחמן געזאגט, אז די מענשען פונ'ם „ריש גלותא" האבען נישט קיין חזקה ביי אנדערע און אנדערע קענען נישט האבען קיין חזקה ביי זיי, דהיינו: ווען איינער פונ'ם ריש־גלותא'ס מענשען האלט די פעלדער פון אן אנדערן, איז דאס נישט קיין „חזקה", גלייך ווי עס איז נישט קיין חזקה, ווען אי־

רב נחמן בר יעקב

מיצער האָלט עטוואָס פונ'ם ריש־גלותא'ס אייגענטום, ווייל מען האָט די מענשען פונ'ם ריש גלותא נישט געקענט קיין זאַך פאַרוועהרען און מען האָט זיי געמוזט לאָזען טהון, וואָס זיי האָבען געוואָלט.

עס האָט אויך נישט געקענט זיין קיין רייד וועגען „חזקה" ביים אייגענטום פונ'ם „ריש גלותא", ווייל זיינע מענשען פלעגען לאָזען פרעמדע וואוינען אין זיינע הייזער אָדער באַארבייטען זיינע פעלדער און זיי פלעגען דאַביי שווייגען, ווייל עס האָט זיי נישט געאַרט, ווען אַנדערע האַלטען דעם ריש־גלותא'ס הייזער אין אָרדנונג אָדער מיסטיגען זיינע פעלדער, צו מאַכען זיי פרוכטבאַר, וויסענדיג, אַז מען קען יעדע זאַך צוריקנעהמען מיט כח, ווען מען וועט נור האָבען דעם נויטיגען חשק דערצו (בבא בתרא דף ל"ו עמוד א').

אַמאָל איז אין רב נחמן'ס געגענוואַרט גערעדט געוואָרען וועגען משיח — און עס זיינען דאַן געזאָגט געוואָרען פאַרשיעדענע מיינונגען, ווער און וואָס משיח איז, האָט רב נחמן אויף דעם געזאָגט, אַז „אויב משיח איז צווישען די לעבעדיגע, קען זיין, אַז ער אַליין איז עס" (סנהדרין דף צ"ח עמוד א').

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט איינער פון די חכמים געלע־רענט בעפאַר רב נחמן די ברייתא, וועלכע זאָגט, אַז אַזוי ווי ר' יהודה הנשיא איז געשטאָרבען, איז בטל געוואָרען עניוות און גאָטעספאָרכטיג־קייט, האָט רב נחמן צו יענעם אַ זאָג געטהון: „דאַרפסט נישט זאָגען, אַז עס האָט אויפגעהערט גאָטעספאָרכטיגקייט, ווען איך בין נאָך דאָ!" (סוטה דף מ"ט עמוד ב').

אַמאָל האָט זיך רב נחמן ערלויבט צו רופען רב יהודה בר יחזקאל, דעם ראש־ישיבה פון פומבדיתא, ער זאָל זיך שטעלען בעפאַר איהם צום משפט אין נהרדעא. איז די מעשה דערפון אַזוי געוועזן: עפּיס איינער אַ מענש פון נהרדעא איז געקומען קיין פומבדיתא, וואו ער איז געגאַנגען קויפען פלייש ביי אַ קצב. איז גראַד דעמאָלט דאָרט געוועזן אַ דיענער פון רב יהודה בר יחזקאל. האָט דער קצב צו יענעם פאַרשוין געזאָגט: „דאַרפסט אַ ביסיל וואַרטען, ביז איך וועל האָבען געגעבען פלייש צום דיענער פון רב יהודה בר יחזקאל!"

האָט זיך יענער מענש איבערגעקרימט און געפרעגט: „ווער איז דאָס דער רב יהודה בר שוועסקאל, וואָס איך זאָל עפּיס איהם צוליעב דאַר־פען וואַרטען?" — האָט מען דאָס איבערגעגעבען צו רב יהודה, האָט עס איהם שטאַרק פאַרדראָסען, און אַזוי ווי מען האָט איהם נאָך דערצעהלט עהנליכע מעשים וועגען יענעם פאַרשוין, האָט ער איהם אַריינגעלייגט אין חרם. האָט דאַן יענער מענש צוגעקלאָגט רב יהודה'ן צו רב נחמן. האָט רב נחמן נישט פיעל איבערגעקלערט און ער האָט אַרויסגעשיקט אַ „הזמנה" צו רב יהודה, ער זאָל זיך קומען פאַרענטפערען פאַר זיין טהאַט.

וואָלט דאַן רב יהודה נישט געהאַרכט דעם באַפעהל פון רב נחמן און ער וואָלט נישט געקומען צום משפט. איז ער אָבער געגאַנגען פריהער פרעגען ביי רב הונא, וואָס ער זאָל טהון. האָט איהם רב הונא געזאָגט, אַז לויט רעכט וואָלט ער נישט געדאַרפט געהן, ווייל ער איז אין תורה גרעסער פון רב נחמן. נור אַזוי ווי יענער איז דער איידעם פונ'ם „ריש גלותא", זאָל ער איהם אָנטהון דעם כבוד און יאָ געהן (קדושין דף ע' עמוד א').

די אמוראים פון בבל

אין די קרייזן פון די חכמים אין בבל פלעגט מען זיך איבערהויפט באקלאגן אויף די התנהגות פון רב נחמן, וואס ער בויט צו־פיעל אויף דער תקיפות פון זיין שווער, דעם „ריש גלותא", אז ער ערלויבט זיך אזש ארויסצוזאגן אזעלכע מיינונגען, וואס זיינען פארורעכענט געווען אלס זינ־דיגע נעגען פריהערע חכמים, א שטייגער ווי וואס ער האט אמאל אין א שמועס וועגען א דין פון ר׳ יוחנן געטהון א שבועה, אז ווען ער וואלט יענעם דין געהערט אפילו פון ר׳ יוחנן אליין, וואלט ער איהם אויך נישט געפאלגט (חולין דף קכ"ד עמוד א׳).

ווי אויבען דערצעהלט, איז ר׳ נחמן׳ס ווייב געווען א פערזאן מיט אן אייגענארטיגען כאראקטער און זי האט אויך אזוי צו זאגען געהאט די אויבערהאנד אין הויז, איז דאס אפשר געווען די אורזאך, וואס ווען ר׳ נחמן איז אנגעקומען אין דער שטאדט שכנציב, האט ער געהייסען אויס־זוכען פאר זיך א פרוי, וואס זאל זיין וויליג, צו וואוינען מיט איהם ווערענד דער צייט, וואס ער וועט פארברייגגען אין יענער שטאדט — און דערנאך זאל זי אוועקגעהען פון איהם מיט א גט (יומא דף י"ח עמוד ב׳, יבמות דף ל"ז עמוד ב׳).

עס איז אויך פארהאנען עפיס א שרעקליכע מעשה וועגען ר׳ נחמן׳ס טעכטער, וואס זיינען געפאנגען געווארען צווישען גוים, און פריהער פלע־גען זיי מישען די קאכענדיגע טעפ אויפ׳ן אויוועז מיט די בלויזע הענד, אזוי אז ווער עס האט דאס געזעהן, האט געקענט מיינען, אז זיי פיהלען נישט דאס ברענען אין זייערע הענד צוליעב זייער גרויסער צדקות. שפעטער איז רב עיליש געווען א געפאנגענער מיט זיי צוזאמען, און ער האט זיי דוקא געוואלט אויסלייזען, ווייל זיי זיינען געווען רב נחמן׳ס טעכטער. האט ער אבער אונטערגעהערט, ווי זיי רידען איינע צו דער אנדערער און זיי זא־גען: „וואס פעהלט אונז דא? אין נהרדעא האבען מיר געהאט מענער און דא פעהלט דאס אונז אויך נישט! טא לאמיר זיך הייסען אוועקפיהרען ווייט פון דאנען, אונזערע מענער זאלען נישט קענען קומען אונז אויס־לייזען פון דער געפאנגענשאפט" (גטין דף מ"ה עמוד א׳).

אינטערעסאנט איז, אז ווען רבא איז בשעת דער פטירה פון רב נחמן געזעסען ביי זיין בעט, האט איהם רב נחמן צוגעזאגט, אז ער וועט זיך איהם באווייזען פון יענער וועלט — און ווען עס האט זיך דאן רב נחמן באוויזען צו רבא׳ן, האט איהם רבא געפרעגט, צי ער האט געהאט צער ביי יציאת נשמה, האט איהם רב נחמן געזאגט, אז דאס שיידען־זיך פון זיין נשמה איז געווען ווי דאס ארויסציהען א האהר פון דער מילך. און ווען דער אויבערשטער וואלט איהם יעצט געוואלט צוריקשיקען, פון וואנען ער איז געקומען, וואלט ער דאס נישט אנגענומען, ווייל ער וואלט מורא גע־האט, אז ער וועט ווייטער דארפען דורכגעהען די שמערצען פונ׳ם לעבען און דעם שרעק פונ׳ם מלאך־המות...

רב הונא—ראש־ישיבה אין סורא

אין יענער צייט, וועגען וועלכער מיר שרייבען דא, האבען די אידען אין ארץ־ישראל שרעקליך געליטען פון מאטעריעלער נויט גלייך ווי פון פאליטישע פארפאלגונגען. גרויסע טיילען פונ'ם לאנד זיינען דאמאלס געווען פארוויסט, אויסגעליידיגט פון מענשען און עס האט דארט פשוט אוים־געזעהן ווי אויף א בית־עולם. האט דאן דער דאזיגער צושטאנד פאר־אורזאכט, וואס וועלכער איד עס האט נור געהאט די מעגליכקייט, צו פאר־לאזען ארץ־ישראל, האט דאס געטהון — און גליקליך געשעצט האבען זיך יענע, וואס עס האט זיך זיי איינגעגעבען, אנצוקומען אין בבל.

ירושלים און איהר גאנצע סביבה איז געווען באזעצט פון גוים — און אין בבל האט זיך איינגעארדנעט אן אייגענארטיג אידיש לעבען אויף א באזונדערן שטייגער. און אזוי ווי עס האט זיך דארט דאס דאזיגע לעבען לכתחלה באגרינדעט אויף דאוונען און לערנען, איז דער רעספעקט פאר דער תורה געווען זעהר א גרויסער און די תלמידי־חכמים זיינען געווען די אייגענטליכע פיהרער פונ'ם פאלק.

איז דאן איינער פון די דאזיגע חכמים געווען רב הונא פון דער שטאדט דיאקארא, וועלכע הייסט אין דער גמרא „דיוקרא" אדער „דיוקרת" — און ווי מיר האבען שוין אינ'ם ערשטען טייל פון „אונזערע גייסטיגע ריעזען" באמערקט, טאר מען נישט דעם דאזיגען רב הונא פארוועקסלען מיט רב הונא רבה, דעם „ריש גלותא" פון בבל, וועלכער האט געלעבט אין ר' יהודה הנשיא'ס צייטען. אט דאס דארף מען געגוי באאבאכטען, ווייל אזוי ווי עס זיינען געווען עטליכע חכמים מיט'ן נאמען הונא, האבען זיך די דאזיגע צוויי פערזאנען אפטמאל ביי פארשיעדענע מפרשים אונזערע פארוועקסעלט.

געבוירען איז אונזער רב הונא פון דיאקארא ארום דעם יאהר ג' אלפים תתקע"ו לבריאת עולם (דאס איז 216 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג) און געשטארבען איז ער ארום ד' אלפים נ"ז (297 לויט קריסטליכער צייט). דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבען האט ער פארבראכט אין דער ישיבה פון סורא, וואו ער איז אנגעקומען אין זיין פריהעסטער יוגענד אלס א תלמיד פון רב (אבא אריכא) און ער איז שוין דארט פארבליבען ביז צום סוף פון זיין לעבען. דארט איז ער אויסגעוואקסען אלס איינער פון די גרעסטע אין זיין צייט, וואס אפילו אין ארץ־ישראל האט מען זיך צוגע־הערט צו זיין תורה.

גלייך ווי רב חסדא איז רב הונא אנגערופען געווארען „חסידא דבבל" (תענית דף כ"ג עמוד ב') און עס איז אויך וועגען איהם געזאגט געווארען, אז ער איז געווען ווירדיג, די שכינה זאל אויף איהם רוהען. איז דאס אבער נישט געשעהען, ווייל ער האט געוואוינט אין בבל (מועד קטן דף כ"ה עמוד א').

דורך רב הונא'ס הענד זיינען צו'ן אונז אנגעקומען די מעהרסטע הלכות פון רב. דעסגלייכען זיינען פארהאנען פיעלע מאמרים פון רב הונא, וואס מען זעהט אין זיי באשיינפערליך, אז זיי שטאמען פון רב, חאטש דאס ווערד נישט געזאגט. דאביי איז אויך כדאי צו וויסען, אז רב האט אפטמאל געזאגט צו רב הונא אין נישט קיין רעספעקטירענדען טאן (זעה ערובין דף ט"ז עמוד א', חולין דף צ"ה עמוד א').

אזוי באלד ווי רב איז געשטארבען, איז רב הונא געווארען דער פיהרער פון דער ישיבה אין סורא. נור אזוי לאנג ווי שמואל ירחינאה האט געלעבט, איז די ישיבה פון נהרדעא געווען מעהר אין חשיבות ביי די אידען אין בבל. א צייט לאנג האט מען אויך דאמאלס באטראכט רב המנונא אלס דעם גייסטיגען יורש פון רב. צוגלייך זיינען אויך פיעלע תלמידים פון דער ישיבה אין סורא אוועקגעגאנגען לערנען אין אנדערע ישיבות, וועלכע האבען זיך אין יענער צייט אנגעהויבען אנטוויקלען.

ערשט ווען שמואל ירחינאה איז אויך געשטארבען און די ישיבה אין נהרדעא האט אנגעהויבען פארלירען איהר פריהערע באדייטונג, אי־בערהויפט נאכדעם ווי נהרדעא איז חרוב געווארען, האט רב הונא גע־קראגען דעם טיטול „ראש ישיבה" אין סורא.

ווער רב הונא'ס עלטערען זיינען געווען, איז נישט באקאנט. אזוי ווי מען ווייסט אבער פון דער „אגרת דרב שרירא גאון", אז ער איז געווען אן אפשטאמער פונ'ם ריש־גלותא'ס משפחה, ווילען מאנכע היסטאריקער באהויפטען, אז ער איז געווען אן אייניקעל פון רב הונא רבה, דעם „ריש גלותא" פון ר' יהודה הנשיא'ס צייטען, חאטש ער אליין דערמאנט נישט נאר אין ערגיץ וועגען זיין אפשטאמונג.

אינטערעסאנט איז, וואס עס ווערד דערצעהלט וועגען רב הונא'ס עשירות. גאר צוערשט ווערען דערצעהלט מעשיות וועגען זיין ארימקייט — און פלוצים, קיינער ווייסט נישט ווי אזוי און פון וואנען, איז ער אויס־געוואקסען א „גביר".

ווען ער איז נאך געווען אן ארימאן — ווערד דערצעהלט — פלעגט ער אליין באארבייטען זיין פעלד, און ווען עס זיינען אמאל געקומען מענ־שען, זיך משפט'ן ביי איהם, האט ער זיי געזאגט: „גיט'ס מיר איינעם, וואס זאל טהון מיין ארבייט ווערענד איך וועל אויסהערען אייערע טענות, וועל איך אויפנעהמען אייער משפט!" (כתובות דף ק"ה עמוד א').

ביי אן אנדערער געלעגנהייט — ווערד דערצעהלט — האט רב הונא געפאסעט זיינע בהמות אין פעלד, איז דאן איינער צו'ן איהם צו־געקומען און האט איהם געבעטען, ער זאל זיין אן עדות פאר זיינעטוועגען אין א געוויסער אנגעלעגנהייט, וועלכע איז איהם וואהרשיינליך גוט בא־קאנט געווען. האט רב הונא צו יענעם מענשען א זאג געטהון: „ווען דו וועסט מיר באצאהלען, וויפיל איך קען האבען שאדען ביים אוועקגעהן פון מיין ארבייט, וועל איך געהן עדות זאגען פאר דיינעטוועגען!"

דעסגלייכען ווערד דערצעהלט, אז עס זיינען אמאל צו'ן איהם געקומען צוויי מענשען וועגען א משפט, ווען ער איז געשטאנען אויף א טייטעל־בוים, וואו ער האט גראד דאמאלס ארונטער־געקליבען די פירות, האט ער זיי געענטפערט: „ווען איהר וועט ארויפגעהן אויפ'ן בוים מיך פארטרעטען, וועל איך איבערנעהמען אייער משפט!" (ירושלמי סנהדרין פרק א' הלכה א').

פון יענער צייט שטאמען אויך זיינע ידיעות אין דער טבע פון בוימער, מיט וועלכע ער האט זיך געהאלפען ביים פעסטשטעלען געוויסע דינים (זעה שבת דף נ"ד עמוד ב').

ווייטער ווערד דערצעהלט, אז עס האט איהם איינמאל אויסגעפעהלט ווייז אויף א שבת'דיגען קידוש, האט ער פאר'משכון'ט זיין גארטעל און ער האט זיך ארומגעבונדען מיט א שטריק. און אזוי ווי ער איז דאן מיט'ן ארומגעוויקעלטען שטריק געגאנגען אין בית־המדרש אריין, האט איהם דארט רב געפרעגט, וואס דער ארומגעוויקעלטער שטריק באטייט, האט איהם רב הונא דערצעהלט, וואס עס האט פאסירט, האט איהם רב געבענשט, אז ער זאל נאך אמאל געהען ארומגעוויקעלט אין זייד (מגלה דף כ"ז עמוד א').

און פלוצים ווערד דערצעהלט, אז רב הונא האט פארמאגט פיעלע פעלדער און וויינגערטנער, וועלכע ער האט שוין נישט אליין באארבייט, נור ער האט זיי איבערגעגעבען צו פעכטער, און די סטאדעס שאף זיינע האבען זיך געפאסעט אין די ווייטע סטעפעס פונ'ם זידליכען בבל (ברכות דף ה' עמוד א', בבא קמא דף פ' עמוד ב').

דערווייל איז אויך די משפחה זיינע אויסגעוואקסען גרוים מיט זיהן, טעכטער, שנורען און אייניקלעך — און ווען ער האט חתונה געמאכט זיין זוהן רבה, איז רב הונא געזעסען אויף א בעט אין א זייטיגען צימער, און אזוי ווי ער איז געווען א קליין־געוואקסענער, האט מען איהם דארט נישט ארויסגעזעהן. זיינען דאן געקומען זיינע טעכטער און זיינע שנורען און זיי האבען ארויפגעווארפען אויף איהם זייערע זיידענע קליידער, וועלכע האבען איהם אין גאנצען צוגעדעקט. און ווען מען האט איהם דערנאך אפגעדעקט, האט מען זיך דערמאנט, אז ווען ער איז געווען אן ארימאן און ער איז אמאל געקומען ארומגעוויקעלט מיט א שטריק צו רב אין בית־המדרש אריין, האט איהם רב געבענשט, ער זאל נאך אמאל זיין ארומגע־וויקעלט אין זייד.

וועגען די אויפטהוען פון רב הונא מיט זיין עשירות ווערד דער־צעהלט, אז אין צייטען פון שטורמווינטען, וועלכע פלעגען אפט פארקומען אין סורא און זיי האבען אויסגעריסען בוימער און איבערגעקעהרט הייזער, פלעגט רב הונא נאכ'ן איינשטילען פונ'ם שטורם נעהמען א שפאציר דורך די גאסען פון סורא, און ווען ער האט דאן געזעהען א בויפעליגע מויער, וועלכע האט געליטען פונ'ם שטורמווינט, און זי האט געהאלטען ביים איינפאלען, האט ער געהייסען זיינע קנעכט, די מויער ארונטערצורייסען, זי זאל נישט באשעדיגען די פארבייגעהער, און דערנאך האט ער געלאזט אויפשטעלען אויף זיין חשבון א נייע וואנד, אויב ער האט געוואוסט, אז דער אייגענטימער פון יענער מויער פארמאגט נישט גענוג געלד, ער זאל דאס קענען אליין טהון (מגלה דף כ"ז עמוד א' וב').

און יעדעס מאל, וואס רב הונא האט זיך געזעצט עסען — ווערד דערצעהלט — האט ער געהייסען ברייט עפענען אלע טהירען פון זיין הויז און ארייגרופען יעדען הונגעריגען, צו קומען עסען מיט איהם אין־איינעם (תענית דף כ' עמוד ב').

עס ווערד אויך דערצעהלט, אז אין די חדשים אדר און אלול, ווען עס פלעגען זיך צונויפקומען די תלמידים פון דער ישיבה, פלעגט ער שפייזען אכט הונדערט תלמידים אויף זיינע הוצאות.

אין יענע צוויי חדשים (ירחי כלה) פלעגען רב הונא׳ן ארומרינגלען דרייצען „מתורגמנים״, און וואס זיי האבען דאן געהערט פון זיין מויל, פלעגען זיי איבערגעבען אין אן אויסגעטייטשטער פארם צו די תלמידים. דאביי ווערד אונז געגעבען א באגריף פון דער צאהל תלמידים, וואס זיינען געזעסען ביי די פיס פון רב הונא אין זיין ישיבה, אז „ווען זיי פלעגען אויפשטעהען פון זייערע פלעצער און אפשטויבען די פאלעס פון זייערע קליידער, פלעגט עס פארדעקען די זון אין ארץ־ישראל״ (כתובות דף ק״ו עמוד א׳).

ער פלעגט אויך זאגען, אז „ווער עס גיט זיך אפ בלויז מיט לעהרנען און ער טהוט נישט קיין טובות צו מענשען, איז דאס גליך, ווי ער וואלט נישט געהאט קיין גאט״ (עבודה זרה דף י״ז עמוד ב׳).

פון דעסטוועגען האבען די חכמים קיינמאל נישט צוריקגעהאלטען זייער מיינונג, ווען מען האט געדארפט רב הונא׳ן אויס׳מוסר׳ן. אזוי איז ביי איהם אמאל זויער געווארען פיערהונדערט פעסער וויין און ער האט געהאט דערפון א גרויסען שאדען אין געלד. זיינען די חכמים געקומען איהם טרייסטען און זיי האבען איהם געזאגט: „וואלסט יעצט געדארפט א ביסיל אונטערזוכען דיינע מעשים, ווייל דו קענסט נישט דענקען, אז דער אויבערשטער וועט איינעם שטראפען, ווען עס קומט איהם נישט קיין שטראף. זיכערליך פיהרסטו זיך נישט ווי עס געהער צו זיין מיט דיין פעכטער, ווייל דו גיסט איהם נישט דעם געהעריגען חלק אין די טרויבען!״

האט רב הונא דאס געהערט און ער האט זיך פארגענומען צו פאר־בעסערען זיינע האנדלונגען (ברכות דף ה׳ עמוד ב׳).

ווי עס הייסט, איז רב הונא געווען פערציג יאהר צייט „ראש ישיבה״ אין סורא. אונטער זיין לייטונג האבען זיך די אידען אין בבל לאנגזאם באפרייט פון זייער רעליגיעזער אפהענגיקייט פון די חכמים אין ארץ־ישראל. רב הונא איז דאן געווען דער ערשטער, וועלכער האט אין פיעלע באצי־הונגען איבערגעריסען די פארבינדונג מיט ארץ־ישראל און ער האט גע־זאגט: „מיר האבען זיך אליין געמאכט ווי ארץ־ישראל״ (גטין דף ו׳ עמוד א׳, בבא קמא דף פ׳ עמוד א׳).

אין אמת׳ן האט אויך בבל דאמאלס אריבערגעשטיגען די ווערדע פון ארץ־ישראל מיט איהר תורה און נור צוליעב דער אנהענגליכקייט צו דער אמאליגער היים פון דער אידישער אמונה פלעגען די אידען אין בבל ווייטער שיקען פרעגען שאלות אין ארץ־ישראל, מען זאל דארט אנטשיידען אין אזעלכע דינים, וואס די חכמים אין בבל האבען נישט געוואלט נעהמען אויף זיך די פאראנטווארטונג. איז דאן ביי די חכמים אין בבל געווען אנגע־נומען דער כלל, אז „איינער פון זיי (דאס הייסט פון די חכמי ארץ־ישראל) איז אזוי גוט ווי צוויי פון אונז (דאס הייסט פון די חכמי בבל), און איינער פון אונזערע, וואס געהט אהין, איז אזוי גוט ווי צוויי פון זייערע״ (כתובות דף ע״ה עמוד א׳).

ווי לאנג ר׳ יוחנן (דער אזוי אנגערופענער „מסדר״ פונ׳ם תלמוד ירושלמי) האט געלעבט אין ארץ־ישראל, איז רב הונא׳ס חשיבות געווען בלויז אין בבל, אבער נאכדעם ווי ר׳ יוחנן איז געשטארבען, איז די חשיבות פון רב הונא אנערקענט געווארען אפילו אין ארץ־ישראל, וואו מען פלעגט איהם רופען „ראש לכל ראשי המטות״ (ירושלמי חגיגה פרק א׳ הלכה ח׳) —

און חאָטש ער איז נישט געווען קיין כהן, פלעגט ער אים שבת און יום־טוב לייענען די ערשטע פרשה און די ארץ־ישראל'דיגע אמוראים ר' אמי און ר' אסי, וואָס ביידע זיינען געווען חשוב'ע כהנים, פלעגען דאָס דערלאָזען (מגלה דף כ"ב עמוד א', גטין דף נ"ט עמוד ב').

זוכענדיג אין רב הונא'ס מאמרים, געפינט מען דאָרט שפורען פון רב'ס גייסט, גליך ווי פון זיין סטיל מיט דער קורצגעפאסטער שפראך, וואו עס ווערד געזאָגט אלסדינג מיט איין וואָרט. בלויז אין איניגע ערטער גע־פינען מיר ביי רב הונא א נייגונג צו'ן א געגנערשאפט צו רב. טראָצדעם האָט ער אליין אויפגעשטעלט א כלל, אז „די הלכה איז אומעטום ביי רע־ליגיעזע האנדלונגען ווי רב זאָגט, און ביי געלד־אנגעלעגנהייטען איז שטענ־דיג די הלכה ווי שמואל זאָגט" (בכורות דף מ"ט עמוד ב'). אין אנדערע ערטער געפינען מיר אויך ביי רב הונא א נייגונג צו פלפול, וואו עס וויל זיך איהם פארקריכען אָן א זייט פונ'ם ענין, ווענען וועלכען עס האנדעלט זיך דאָרט (זעה בבא בתרא דף מ"ז עמוד ב', חולין דף מ"ט עמוד ב', ערכין דף י"ד עמוד א').

כאראקטעריסטיש איז אויך, וואָס ווען רב הונא איז אפילו אמאָל ארויסגעטרעטען אין א פראגע פון געלד־אנגעלעגנהייטען געגען דער מיינונג פון זיין חבר און צייטגענאָסע רב נחמן בר יעקב, האָט ער פון דעסטוועגען באלד צוגעגעבען, אז „די הלכה איז וואהרשיינליך אזוי ווי רב נחמן זאָגט, ווייל ער איז מעהר באהאוונט אין אזעלכע דינים" (בבא בתרא דף ס"ה עמוד א').

מעהר אינטערעסאנט פאר'ן גייסט פון יענער צייט איז, וואָס רב הונא זאָגט אין דער פראגע, וואָסערע ספרים מען דארף אפראטעווען ביים אויס־ברוך פון א פייער אים שבת. ווען די משנה זאָגט, אז איבערזעצטע ביכער פון כתבי־קודש, וואָס מען לייענט זיי אפילו נישט, מעג מען אפראטעווען אים שבת, און אז מען דארף זיי פאר יעדען פאל באהאלטען און מען טאָר זיי נישט לאָזען אויף הפקר. זאָגט דאגעגען רב הונא, אז „כתבי־קודש אין תרגום־לשון אָדער אין אנדערע לשונות דארף מען נישט ראטעווען אים שבת פון א פייער" (שבת דף קט"ו עמוד א').

עס דארפען דאָ נאָך דערמאָנט ווערען מאָנכע מאָראלישע לעהרען פון רב הונא, א שטייגער ווי וואָס רב חלבו האָט געזאָגט אויף זיין נאָמען, אז „ווער עס מאכט זיך א באשטימטען אָרט פאר זיין דאווענען, דעם העלפט דער גאָט פון אברהם אבינו, ווייל אברהם האָט אויך געהאָט א באשטימטען אָרט פאר זיינע תפלות". און ווען אזא מענש שטארבט, האָט רב חלבו ווייטער געזאָגט, קלאָגט מען אויף איהם: „אוי איז דאָס געווען א באַ־שיידענער און א פרומער מענש, איינער פון אברהם אבינו'ס תלמידים".

און ווען איינער געהט ארויס פון שוהל — האָט רב חלבו אָן אנדער מאָל געזאָגט אויף'ן נאָמען פון רב הונא — זאָל ער נישט מאכען קיין גרויסע שפרייזען. און טאָמער מאכט זיך איינער א מנהג, צו דאווענען הינטער דער שוהל, דארף מען אזא מענש רופען „רשע". מען דארף אויך אכטונג טהון, צו דאווענען מנחה, ווייל אליהו הנביא איז געהאָלפען געוואָרען אין זיין קאמפף געגען די „נביאי הבעל" אין דער צייט פון מנחה. מען דארף אויך וויסען, אז יעדער מענש, וואָס האָט אין זיך יראת־שמים, ווערען זיינע רייד געהערט.

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האט רב חלבו געזאגט אויף'ן נאמען פון רב הונא, אז „ווער עס געניסט פון דער סעודה ביי א חתונה און ער איז נישט משמח די חתן־כלה, דער איז עובר אויף די פינף קולות פונ'ם פסוק און ער האט דאדורך פינף עברות. און ווער עס ווייסט, אז זיינער א חבר גריסט איהם געוועהנליך, דארף ער דעם חבר פריהער באגריסען. און ווען איינער גריסט א צווייטען און יענער ענטפערט נישט אויף'ן גרוס, ווערד ער אנגערופען גזלן" (ברכות דף ו' עמוד ב').

ווי פיעלע אנדערע חכמים פון יענער צייט האט אויך רב הונא שטארק באדויערט, וואס אידען קענען נישט מעהר מקריב זיין קיין קרבנות, און ווען ער פלעגט ביים לייענען די תורה צוקומען צום פסוק „ויקרא אברהם שם המקום ההוא ה' יראה, אשר יאמר היום בהר ה' יראה" (בראשית כ"ב י"ד), פלעגט ער זיך פאנאנדערוויינען און ער פלעגט זאגען: „ווי טרויעריג, ווען א קנעכט וואס דער אייגענטימער זיינער וויל איהם זעהן און ער מוז זיך פון איהם שטענדיג דערווייטערען!"

דאסזעלבע איז אויך געווען, ווען ער פלעגט ביים לערנען די תורה צוקומען צום פסוק „וזבחת שלמים ואכלת שם" (דברים כ"ז ז'), פלעגט ער זיך פאנאנדערוויינען און זאגען: „א קנעכט, וואס דער אייגענטהימער זיינער גארט צו עסען ביי זיין טיש, זאל זיך פון זיין אייגענטימער מוזען דערווייטערען!" (חגיגה דף ד' עמוד ב').

ווי עס איז אנצונעהמען, האט רב הונא געלעבט אריבער אכטציג יאהר, און איידער ער איז געשטארבען, איז ער גאר נישט קראנק געווען. די באדייטונג זיינע איז אויך געווען אזוי גרויס, אז מאנכער פון זיינע נאכ־פאלגער פלעגט זיך ווינשען, דער אויבערשטער זאל איהם געבען די חכמה פון רב הונא (מועד קטן דף כ"ח עמוד א').

רב חסדא הכהן

אין דער צייט, וואָס רב הונא איז געקרוינט געוואָרען אַלס „ראש ישיבה" אין סורא, האָט זיך דאָרט געפונען צווישען די פּראָמינענטערע תּלמידים, וואָס זיינען איבערגעבליבען פון רב'ס בית המדרש — רב חסדא, וועלכער הייסט אינ'ם תלמוד ירושלמי: „רב חסדאי" אָדער „חסדי".

ווערד וועגען איהם דערצעהלט, אַז ער איז געווען אַ כהן (ברכות דף מ"ד עמוד א', חולין דף מ"ד עמוד ב'). און ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, האָט איינער אַ שטערנזעהער פאָראויסגעזאָגט וועגען איהם, אַז ער וועט זיין אַ געלעהרטער (יבמות דף כ"א עמוד ב'). לאַנגע יאָהרען האָט אויך דער דאָזיגער רב חסדא אָנגעפיהרט אַן אייגענע ישיבה אין כפרי — און נאָכדעם ווי רב הונא איז געשטאָרבען און עס איז אויך געשטאָרבען רב יהודה בר יחזקאל, איז רב חסדא אָנגעקומען אויף רב הונא'ס פּלאַץ אין דער ישיבה פון סורא.

לויט דער צאָהל יאָהרען, וואָס רב (אבא אריכא) האָט געלעבט אין בבל, איז אָנצונעהמען, אַז ווען רב איז געשטאָרבען, איז רב חסדא אַלט געווען אַ יאָהר דרייסיג. איז דערפון געדרונגען, אַז ער איז וואהרשיינליך געווען אַ תלמיד ביי רב, חאָטש עס געפינט זיך נישט אין ערגיץ דערמאָנט, אַז רב חסדא האָט געזאָלט אַמאָל פּערזענליך צוזאַמענקומען מיט רב אָדער שמואל, ווייל ווי לאַנג רב האָט געלעבט, איז רב חסדא וואהרשיינליך געזעסען באַשיידען אין אַ ווינקעל פון רב'ס בית־המדרש און ער האָט זיך דאָרט פרום צוגעהערט צו רב'ס ווערטער.

פון דעסטוועגען האָט ער עטליכע מאָל נאָכגעזאָגט פאַרשיעדענע הלכות אויף רב'ס נאָמען (ברכות דף מ"ג עמוד א', פסחים דף ק"ז עמוד א'). ביי אַ געוויסער געלעגענהייט האָט ער ביים נאָכזאָגען אַ דין אויף רב'ס נאָמען איהם אָנגערופען „רבנו" (ברכות דף ל"ח עמוד ב'). אַזוי ווי ער האָט זיך אַליין געהאַלטען פאַר'ן גרעסטען בקי אין די הלכות פון רב, האָט ער אַמאָל אַ זאָג געטהון, אַז ווער עס וועט איהם זאָגען אַ ניי וואָרט פון רב, וועט ער איהם געבען צוויי שטיק פון זיינע „מתנות כהונה" (שבת דף י' עמוד ב').

ערשט נאָך שמואל ירחינאה'ס טויט, ווען רב הונא איז געוואָרען „ראש ישיבה" אין סורא, איז רב חסדא אנערקענט געוואָרען אַלס אַ תלמיד פון רב הונא — און דאַמאָלס איז ער שוין געווען אַ מאַן פון אַ יאָהר פערציג. אין דער צווישענצייט האָט ער אויך געלערענט ביי פאַרשיעדענע אַנדערע רב'ס תלמידים און מען האָט זיך אָנגעהויבען רעכענען מיט זיינער אַ מיינונג.

דאָביי איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אין די אַלע יאָהרען, וואָס רב חסדא איז געזעסען ביי רב הונא אינ'ם בית־המדרש, האָט ער זיך געהיט, נישט צו זאָגען אַ וואָרט, וואָס זאָל זיך קענען דאַכטען ווי אַ הלכה (ערובין דף ס"ב

עמוד ב׳). און ווען עס האָט אַמאָל אימיצער געבראַכט צו׳ן איהם אַ שאלה וועגען אַ דין, האָט ער זי תיכּף איבערגעגעבען צו רב הונא (בבא מציעא דף ז׳ עמוד א׳).

איינמאָל בלויז, ווערד דערצעהלט, האָט פּאַסירט אַן אויסנאַהמס־פאַל, ווען דער „ריש גלותא" האָט געפרעגט ביי רב הונא, פון וואַנען עס נעמט זיך, וואָס מען טאָר נישט אָנטהון קיין קרוין אויף׳ן קאָפּ פון חתן־כלה ביי זייער חתונה. האָט רב הונא געענטפערט: „מיר האָבען דאָס מדרבנן, וועלכע האָבען אונז געלעהרענט, אַז זייט דער צייט פון דער מלחמה געגען קייזער וועספּאַזיאַן האָט מען פאַרבאָטען צו טראָגען די קרוינען פון חתנים און צו מאַכען שמחות ביי פאַרלאָבונגען".

דאָס זאָגענדיג, איז רב הונא אַרויסגעגאַנגען פונ׳ם בית־המדרש. האָט דאַן רב חסדא אַ זאָג געטהון:

— ס׳איז נישט בלויז מדרבנן, ווייל עס איז אונז אויך אָנגעזאָגט אין פסוק, ווי עס הייסט „נעם אַרונטער דאָס מיצעל און הויב אָפּ די קרוין פונ׳ם קאָפּ" (יחזקאל כ״א ל״א). איז אַ קשיא: וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס מיצעל מיט דער קרוין? איז דער תירוץ, אַז דער פסוק וויל אונז זאָגען, אַז ווי לאַנג דאָס מיצעל איז אויף׳ן קאָפּ פונ׳ם כהן־גדול, קען זיין די קרוין אויף׳ן קאָפּ פון אַנדערע מענשען, פאַלט אָבער אַרונטער דאָס מיצעל פונ׳ם כהן־גדול׳ס קאָפּ, פאַלט אויך אַרונטער די קרוין פון די אַנדערע מענשען!"

דערווייל איז רב הונא צוריק אַריינגעקומען — און ווי ער האָט געהערט די אויסטייטשונג פון רב חסדא, האָט ער זיך נישט געבייזערט, וואָס רב חסדא האָט זיך ערלויבט אויסצודריקען אַ מיינונג אין אַ געגענ־זאַץ צו זיין רבי׳ן, נור ער האָט געזאָגט: „איך שווער ביי גאָט, אַז דער איסור, וועגען וועלכען מיר האָבען גערעדט, איז מדרבנן. נור וועגען דעם, וואָס חסדא האָט דאָ געזאָגט, קען מען בלויז זאָגען, אַז אַזוי ווי זיין נאָמען איז חסדא, אַזוי זיינען די ווערטער זיינע פול חסד!" (גטין דף ז׳ עמוד א׳)*).

רב חסדא און רב הונא ווערען געוועהנליך טיטולירט ביי זייערע צייטגענאָסען „סבי דסורא" (סנהדרין דף י״ז עמוד ב׳). מיט זייער טהע־טיגקייט האָבען ביידע אויפגעהויבען דעם פּרעסטיזש פון דער ישיבה אין סורא, חוץ וואָס רב הונא׳ס באַדייטונג איז אויך גרויס געווען אין ארץ־ישראל (גטין דף נ״ט עמוד ב׳). ביידע האָבען לאַנג געלעבט. רב חסדא איז אַלט געוואָרען 92 יאָהר — און ווי עס שיינט, האָט ער געלעבט מעהר ווי צעהן יאָהר נאָך רב הונא׳ס טויט (מועד קטן דף כ״א עמוד א׳).

גלייך ווי עס ווערד דערצעהלט וועגען רב הונא, אַז ער איז געווען פריע־הער אַן אָרימאַן און דערנאָך איז ער רייך געוואָרען, זאָגט דאָס נעמליכע רב חסדא אַליין וועגען זיך. און ווען עס איז אַמאָל גערעדט געוואָרען וועגען דער ווערדע פון עסען גרינצייג, האָט רב חסדא געזאָגט: „איך האָב נישט געגעסען קיינמאָל קיין גרינצייג. ווען איך בין געווען אָרים, האָב

---

*) אין ירושלמי (סוטה פרק ט׳ הלכה ט״ו) ווערד די דאָזיגע מעשה דערצעהלט אין אַן אַנדערער פאָרם. דאָרט הייסט עס, אַז דער „ריש גלותא" האָט געשיקט פרעגען ביי רב חסדא די טייטש פונ׳ם פסוק „הסיר המצנפת והרים העטרה", האָט איהם רב חסדא אויסגעטייטשט דעם פסוק לויט ווי עס איז אויבען ציטירט, האָט דאָס ר׳ יוחנן געהערט און ער האָט געזאָגט: „זיין נאָמען איז חסדא און זיינע ווערטער זיינען פול חסד!"

איך נישט געגעסען קיין גרינצייג, ווייל עס מאכט א שטארקען אפעטיט און איך האב נישט געהאט גענוג דעם אפעטיט צו שטילען. און ווען איך בין געווארען רייך, האב איך עס נישט געגעסען, ווייל איך דענק, אז אנ־שטאט צו עסען גרינצייג, איז בעסער צו עסען פלייש און פיש" (שבת דף ק"מ עמוד ב').

וועגען רב חסדא'ס עשירות ווערד דערצעהלט, אז עס איז איהם געקומען אויף א נאטירליכען וועג. ער האט אויך אמאל אליין געזאגט, אז אזוי ווי ער האט זיך אפגעגעבען מיט מאכען ביער, האט ער אויסגע־פונען דעם סוד, ווי אזוי צו ווערען רייך (פסחים דף קי"ג עמוד ב'). אלס א באווייז פאר דער גרוים פון זיין עשירות ווערד דערצעהלט, אז זיינע הינד האבען נישט געגעסען עפים אנדערש ווי זעמעלמעהל (מועד קטן דף כ"ח עמוד א'). האבען אבער זיינע תלמידים ווארשיינליך נישט געגעסען דאס־זעלבע, ווייל ער פלעגט זיי לערנען קארגשאפט און ער פלעגט זאגען: „ווער עס קען עסען גערשטענע ברויט און ער עסט ווייצענע, דער איז עובר אויף בל תשחית" (שבת דף ק"מ עמוד ב').

טראץ זיין רייכטום, וועלכעס האט איהם געגעבען די מעגליכקייט פאר א גרויסע דינערשאפט, האט ער פערזענליך באאויפזיכטיגט זיינע פעלדער און ער האט דארט אכטונג געגעבען אויף יעדען ברעקעלע (בבא קמא דף צ"א עמוד ב').

אינטערעסאנט איז אויך, אז ער פלעגט אנטרויען אלסדינג אין דער פיהרונג פונ'ם הויז צו זיינע דינער, נור די שליסעל פון דער האלץ־קאמער האט ער ביי זיך באהאלטען (גטין דף נ"ז עמוד א').

ווי עס ווערד איבערגעגעבען, איז פאר א לאנגע צייט רב חסדא'ס רבי געווען דער בבל'שער אמורא א ב י מ י, וועלכער האט נישט געהאט קיין שום טיטעל — און מיר ווייסען וועגען זיין טהעטיגקייט פון רב חסדא'ס נאכזאגען זיינע הלכות, גלייך ווי וואס רב חסדא האט זיך אמאל געריהמט, אז ער האט פיעל מאל געקראגען קלעפ פון אבימי און זיי געדולדיג ארונ־טערגעשלונגען (מנחות דף ז' עמוד א').

אזוי ווי רב חסדא איז רייך געווארען, האט ער באקומען א געוויסען שטאלץ אקעגען רב הונא, אין זיין געוועהנליכען לעבען האט ער זיך אלץ וויי־טער געהאלטען באשיידען פונקט אזוי ווי פריהער, און ווענען ער האט באגע־גענט אין גאס, עס האט געמעגט זיין אפילו א גוי, האט ער איהם אקעגען־געטרא־גען זיין פריינדליכען „גוט מארגען" (גטין דף ס"ב עמוד א'). אזוי ווי ער האט זיך אבער וואהרשיינליך געפיהלט מיט עפים געקרענקט פון רב הונא, האט ער געזוכט א געלעגענהייט, איהם אפצוצאהלען פאר דער קרענקונג.

עס האט זיך אויך אזא געלעגענהייט געפונען, ווען עס איז אמאל פארגעקומען צווישען ביידען אן ארגומענט וועגען דעם כבוד, וואס א מענש איז מחויב אפצוגעבען צו זיין רבי'ן. האט רב חסדא געפרעגט, ווי אזוי דאס איז, ווען דער תלמיד איז אזעלכער, וואס דער רבי דארף איהם האבען, ווייל ער דארף זיך שארפען דעם שכל, צו קענען פארענטפערען דעם תלמיד'ס טיפזיניגע שאלות.

האט רב הונא פארשטאנען, אז רב חסדא מיינט דא זיך אליין און ער וויל איהם געבען א שטאך מיט זיין פראגע. האט דאן רב הונא א זאג געטהון: „חסדא, חסדא! מעגסט וויסען, אז איך דארף דיך גאר נישט, אבער דו דארפסט מיך יא!" . . .

זיינען זיי זיך דאן ביידע פאר א צייט פון פערציג לאנגע יאהרען פאנאנדערגעגאנגען. איז רב חסדא אוועקגעגאנגען פון סורא און ער האט זיך באזעצט אין כפרי, וואו ער האט אנגעפיהרט אן אייגענע ישיבה און באלעהרענט די מענשען אויף זיין אייגענעם שטייגער (ערובין דף ס"ב עמוד ב').

דערנאך איז רב חסדא געזעסען פערציג תעניתים, ווייל ער האט געהאט עגמת-נפש, וואס ער האט זיין רבי'ן געקרענקט — און רב הונא האט אויך געפאסט פערציג תעניתים, ווייל ער האט רב חסדא'ן אומזיסט חושד געווען, אז ער האט מיט זיין שאלה געמיינט איהם צו שטעכען (בבא מציעא דף ל"ג עמוד א').

רב חסדא איז געווען זעהר שארף ביי די איינטייטשונגען פון די הלכות, גלייך ווי ער איז געווען געשיקט ביים ארויסלערנען איין זאך פון דער אנדערער דורך זיין „פלפול" — און אלס א מוסטער פון זיין שטייגער לערנען ווילען מיר דא ברענגען צוויי ביישפילען:

ווען עס האנדעלט זיך, צו ערקלערען די אורזאך, וואס א מענש מעג ארויסגעהען אים שבת צווייטויזענד איילען פון זיין ארט, חאטש עס שטעהט בפירוש אין דער תורה „אל יצא איש ממקומו ביום השביעי" (שמות ט"ז כ"ט), האט רב חסדא געזאגט, אז אזוי ווי עס איז דא געברויכט דאס ווארט „מקום" און ביי א רוצח בשוגג שטעהט „ושמתי לך מקום" (שמות כ"א י"ג), דארף מען ביידע פסוקים פארגלייכען און פארשטעהען, אז עס מיינט די שטאדט. דערנאך שטעהט ביים רוצח בשוגג דער אויסדרוק „ינוס", דארף מען זאגען, אז דער „מקום", וואס שטעהט ביי שבת, מיינט אויך ווענען אנטלויפען. איז יעצט א שאלה, ווי ווייט מעג מען לויפען? שטעהט דארט ווייטער „גבול עיר מקלטו אשר ינוס" (במדבר ל"ח כ"ו), מוזען מיר דענקען ביי „אל יצא איש ממקומו", גלייך ווי עס וואלט דארט אויך גע- שטאנען „גבול". דערנאך דארפען מיר דרש'נען איין „גבול" פון אנ- דערען „גבול" און דעם אנדערן „גבול" פונ'ם אויסדרוק „חוץ", ווי דער פסוק זאגט „ומדותם מחוץ לעיר אלפים באמה" (במדבר ל"ה ה'). נמצא, אז דער שיעור פון א „תחום-שבת", וואס א מענש מעג פון דארט אוועק- לויפען, איז די גרעניץ פון „אלפים באמה" (ערובין דף נ"א עמוד א').

אן עהנליכען פלפול האט רב חסדא געזאגט ביים ענין „בדיקת חמץ". פון וואנען ווייסט מען, אז מען דארף דעם חמץ בודק זיין ביי א ליכט? — שטעהט ביי חמץ „שבעת ימים שאור לא ימצא" (שמות י"ב י"ט), און אזוי ווי עס שטעהט ביי דער מעשה פון יוסף'ס בעכער „ויחפש וימצא" (בראשית מ"ד י"ב), פארשטעהט מען, אז אום צו געפינען, דארף מען זוכען, און ווענען זוכען שטעהט א פסוק „אחפש את ירושלים בנרות" (צפניה א' י"ב), ווייסט מען, אז ווען מען וויל זוכען צו געפינען, דארף מען געברויכען ליכט. און וויל מען וויסען, מיט וויפיל ליכט מען דארף זוכען, שטעהט ווייטער א פסוק „נר ה' נשמת אדם חופש כל חדרי בטן" (משלי כ' כ"ז). איז דערפון געדרונגען, אז ווען מען וויל זוכען צו געפינען, דארף מען זוכען ביי אן איינציג ליכט (פסחים דף ז' עמוד ב').

נאכדעם ווי רב חסדא איז אוועקגעגאנגען פון רב הונא'ס בית-המדרש, פלעגען אפטמאל פארקומען צווישען זיי מיינונגס-פארשיעדענהייטען אין די ענינים פון הלכה, וואו איינער האט געזאגט פונקט פארקעהרט ווי דער

אנדערער, א שטייגער ווי ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דער פראגע, ווי ווייט עס דארף גרייכען די ריינקייט פון אן ארט, אז מען זאל דארט מעגען זאגען קריאת־שמע (ברכות דף כ״ח עמוד א׳), אדער צי מען מעג מאכען אים שבת א לעבעל אין א פאס, אריינצושטעקען א צאפען (שבת דף קמ״ז עמוד א׳), אדער וועגען דער פראגע, וואס אלע עסענווארג פאר־לאנגען זאלץ און צי מען דארף אויך אין א פון נעכטען צוגעגרייטען עסען אריינטהון געווירץ (ביצה דף י״ד עמוד א׳).

ביי אן אנדערער געלעגענהייט איז די מיינונגס־פארשידענהייט זייערע געוועזען אין א וויכטיגער לעבענספראגע: איינער האט איבערגעגעבען צו אי־מיצען א גט פאר זיין ווייב און יענער האט אויסגעפיהרט זיין שליחות און דעם גט געהעריג איבערגעגעבען. דערנאך האט דער מאן חרטה גע־קראגען און ער האט גע׳טענה׳ט, אז ער האט דעם גט איבערגעגעבען צום שליח בלויז צום באהאלטען. דאגעגען האט דער שליח גע׳טענה׳ט, אז ער האט גענומען דעם גט צו איבערגעבען צו דער פרוי. האט רב הונא גע־זאגט, אז דער מאן איז באגלויבט און דער גט איז נישט קיין גט. רב חסדא האט דאגעגען געזאגט, אז דער שליח איז באגלויבט און דער גט איז א גילטיגער (גטין דף ס״ד עמוד א׳).

אבער חאטש רב הונא איז געווען ווי ברוגז אויף רב חסדא, האט ער פון דעסטוועגען געהייסען זיין זוהן רבה, ער זאל געהען צו רב חסדא׳ס בית־המדרש. האט אפילו דער דאזיגער רבה אין דער התחלה נישט גע־וואלט געהען. האט איהם דער פאטער געזאגט, אז ער דארף יא געהען, ווייל רב חסדא איז זעהר שארף אין זיינע ארגומענטען וועגען א הלכה און ער וועט ביי איהם פיעל לערנען (שבת דף פ״ב עמוד א׳).

שפעטער איז רבה בר רב הונא געווארען אן איבערגעגעבענער חבר צו רב חסדא. אזוי ווי זיי פלעגען לערנען אין־איינעם, האבען זיי אויך אפט־מאל ביידע געזאגט דאסזעלבע, ווי עס הייסט, אז „רב חסדא ורבה בר רב הונא דאמרי תרוויהו״ (שבת דף פ״ט עמוד א׳, פסחים דף י׳ עמוד ב׳, כתובות דף צ״ט עמוד ב׳). דערנאך זיינען ביידע אפטמאל געזעסען צו־זאמען ביי א דין־תורה (שבת דף י׳ עמוד ב׳).

זעהר גערן האט זיך רב חסדא אפגעגעבען מיט דרש׳נען אויף פאר־שיעדענע פסוקים, ארויסצוברענגען א הלכה אדער צו באגרינדען אן אנ־גענומענע הלכה. אזוי האט ער למשל געזאגט, אז ווער עס בעט פאר אן אנדערען, דארף נישט דערמאנען דעם נאמען פון יענעם, פאר וועמען ער בעט, גלייך ווי משה רבנו האט געבעטען פאר זיין שוועסטער מרים און ער האט בלויז געזאגט „אל נא רפא נא לה״, ווייל דער אויבערשטער ווייסט שוין אליין, פאר וועמען די תפלה איז (ברכות דף ל״ד עמוד א׳).

אזוי ווי דער שבת איז דאמאלס געווען דאס וויכטיגסטע אין דער אי־דישער אמונה און יעדער האט זיך עס געהאלטען פאר א זכיה, צו העלפען ביי דער צוגרייטונג צום שבת, האט רב חסדא געזאגט, אז כדי צו קענען העלפען צוגרייטען אלסדינג פאר שבת, דארף יעדער מענש פרייטאג זעהר פריה אויפשטעהען (שבת דף קי״ז עמוד ב׳).

עס איז גאנץ זיכער, אז רב חסדא האט פארבראכט א געוויסע צייט אין ארץ־ישראל. עס איז נור נישט באוואוסט, ווען דאס איז געווען. ווילען מאנכע באהויפטען, אז רב חסדא איז געגאנגען קיין ארץ־ישראל מיט רב

הונא'ס לויה. איז דאָס אָבער שווער אָנצונעהמען, ווייל ווען רב הונא איז געשטאָרבען, איז רב חסדא געווען א בן שמונים — און פאַר אַזאַ מענש איז עס אַ ביסיל צו באַשווערליך, צו געהען פון בבל קיין ארץ־ישראל.

רב חסדא'ס חברים זיינען געווען רב נחמן בן יעקב, רב ששת און — ווי עס איז אויבען דערצעהלט — רבה בר רב הונא. עס ווערד אויך דער־צעהלט, אַז ווען רב חסדא האָט אַמאָל באַגעגענט רב ששת'ן, האָבען זיך ביי איהם די ליפּען געטרייסעלט פאַר מורא, רב ששת זאָל איהם נישט פרעגען קיין קשיות. עס האָט אויך דאַמאָלס רב ששת געציטערט אין גאַנצען קער־פּער, רב חסדא זאָל נישט אָנהויבען מיט איהם איינעם פון זיינע שאַרפע פּלפּולים.

געוועהנליך פלעגט רב חסדא זיצען גאַנצע נעכט און לערנען. ווערד דערצעהלט, אַז זיינע אַ טאָכטער האָט איהם אַמאָל געפרעגט, צי ער וואָלט זיך נישט געקענט פאַרגינען אַ ביסיל שלאָף. האָט איהר רב חסדא גע־ענטפערט: „אָט וועלען באַלד אָנקומען די לאַנגע טעג פון'ם קבר, וועל איך דאַן האָבען גענוג צייט פאַר אַ גוטען שלאָף!" (ערובין דף ס"ה עמוד א').

רב חסדא האָט איבערגעלאָזען זעקס זיהן געלעהרענטע און פראָמי־נענטע. האָט ער פון דעסטוועגען איינמאָל ערקלערט, אַז טעכטער זיינען ביליכער ווי זיהן (בבא בתרא דף קמ"א עמוד א'). אין זיין באַשטרעבונג פאַר'ן וואוילזיין פון זיינע טעכטער האָט ער זיי באַלעהרענט, ווי זיי זאָלען זיך פאַרהאַלטען ביי די אינטימע באַציהונגען מיט זייערע מענער (שבת דף ק"מ עמוד ב').

און אַזוי ווי רב חסדא האָט זוכה געווען צו אַ לאַנגען לעבען און צו רייכטום, האָט ער אויך זוכה געווען צו זעהען זעכציג חתונות ביי זיינע קינדער און אייניקלעך (מועד קטן דף כ"ח עמוד א').

וועגען רב חסדא'ס פּטירה דערצעהלט די גמרא, אַז דער „מלאך־המות" האָט איהם גאָר נישט געקאָנט טהון, ווייל ער האָט נישט אונטער־בראָכען אַ רגע אין זיין לערנען. האָט זיך דער מלאך־המות אַוועקגעזעצט אויף'ן שפּיץ פון אַ צעדער אינ'ם גאָרטען פון בית־המדרש, איז דער בוים איינגעבראָכען געוואָרען, איז רב חסדא פאַר אַ רגע שטיל געבליבען, און ער איז דאַן תיכף געשטאָרבען.

רב יהודה בר יחזקאל

גאנץ באזונדערס פראָמינענט אין זיינע אנשויאונגען גלייך ווי אין זיינע פערזענליכע אייגענשאַפטען איז געווען רב יהודה בר יחזקאל, וועלכער ווערד געוועהנליך דערמאָנט אין דער גמרא אָהן אַ נאָמען פון זיין פאָטער (רב יהודה סתם).

לויט ווי עס איז פון די פאַרהאַנענע „מאמרים" זיינע אָנצונעהמען, איז ער ביי זיין פאַרקעהר מיט מענשען זעהר שאַרף געווען אין'ם אויסדרוק, און ווען עס האָט זיך אימיצער דערוועגט, צו זאָגען אַ וואָרט, וואָס איז איהם נישט געפעלען געוואָרען, האָט ער אַזאַ מענש פשוט דער'הרג'ט מיט גיפ־טיגע רייד.

ווי לאַנג רב (אבא אריכא) האָט געלעבט און אָנגעפיהרט זיין ישיבה אין סורא, איז רב יהודה בר יחזקאל געווען זיינער אַ „תלמיד מובהק", וואָס רב האָט זיך אָפטמאָל געדאַרפט צוהערען צו זיינע ווערטער. תמיד ווען רב האָט געדאַרפט מאַכען אַ רייזע פאַר אַן אַלגעמיינעם צוועק, פלעגט ער רב יהודה'ן מיטנעהמען, כדי צו האָבען מיט וועמען צו ריידען אויף'ן וועג (קדושין דף פ"א עמוד א', עבודה זרה דף ע"א עמוד א'). און ווען רב האָט אָוועקגעגעבען זיין זוהן חייא צום לערנען, האָט ער אויסגעקליבען רב יהודה'ן אַלס לעהרער (ערובין דף ב' עמוד ב' און דף י"א עמוד א').

געבוירען איז רב יהודה בר יחזקאל אַרום דעם יאָהר ג' אלפים תתקע"ט לבריאת עולם (219 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג) אין דעמזעלבען טאָג, וואָס ר' יהודה הנשיא איז געשטאָרבען אין ארץ ישראל (זעה קדושין דף ע"ב עמוד ב') — און געשטאָרבען איז רב יהודה בר יחזקאל אַרום דעם יאָהר ד' אלפים נ"ט (299 לויט קריסטליכער רעכנונג).

דער פאָטער זיינער, רב יחזקאל, איז אויך געווען אַ תלמיד־חכם. ווי עס ווערד דערצעהלט, פלעגט איהם שמואל ירחינאה אָפגעבען כבוד, און ווען ער האָט איהם באַגעגענט, פלעגט ער פאַר איהם אויפשטעהען (קדושין דף ל"ג עמוד ב'). פון זיין פאָטער האָט רב יהודה געקראָגען דעם ערשטען אונטערריכט (ירושלמי ברכות פרק ט' הלכה ב', תענית פרק א' הלכה ג'). דערנאָך איז ער מיט'ן אייגענעם פליים אַזוי גרויס אויסגעוואַקסען, אַז ווען דער פאָטער זיינער האָט געלערענט מיט זיין ברודער רמי, האָט זיך רב יהודה ערלויבט צו זאָגען צו זיין פאָטער, אַז ער לעהרענט נישט ריכטיג (קדושין דף ל"ב עמוד א').

אין דער צייט, וואָס שמואל ירחינאה איז געשטאָרבען, איז רב יהודה בר יחזקאל געווען אַ מאַן פון אַ יאָהר זעכציג. די גרויסע מתיבתא פון נהרדעא איז דאַן אַריבערגעטראָגען געוואָרען אונטער רב הונא אין סורא. האָט דאַמאָלס רב יהודה געגרינדעט די ישיבה אין פומבדיתא, און חאָטש רב יהודה איז געווען דער קאָפּ פון יענער גרויסער ישיבה, איז ער אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אונטער'ן איינפלוס פון רב הונא אין סורא.

ווי באמערקט, איז רב יהודה געווען א תלמיד פון רב — און ווען רב איז געשטארבען, האט ער געלערנט א קורצע צייט ביי רב אסי אין הוצל. דערנאך האט ער געלערנט ביי שמואל ירחינאה אין נהרדעא. האט זיך אבער אפטמאל געטראפען, אז ווען רב יהודה פלעגט נאכזאגען שמואל'ס א מאמר, פלעגען אנדערע חכמים זאגען, אז שמואל האט דאס גאר־נישט גע־זאגט. אפילו רב יהודה'ס אייגענער ברודער רמי בר יחזקאל, האט אמאל א זאג געטהון: „איהר דארפט נישט הערען, וואס מיין ברודער זאגט אויף'ן נאמען פון שמואל!" (כתובות דף כ"א עמוד א', חולין דף מ"ד עמוד א').

ביי אנדערע געלעגענהייטען, ווען רב יהודה האט אמאל עטוואס געזאגט אויף זיין אייגענעם נאמען, פלעגען אנדערע חכמים זאגען: „אט דאס וואס רב יהודה האט יעצט געזאגט, איז גאר נישט זיינס, נור עס איז פון שמואל'ן!" (ערובין דף ז' עמוד א', יבמות דף י"ח עמוד א', כתובות דף י"ב עמוד ב').

העכסט שארפזיניג און מעהר קאפ ווי געפיהל, איז ביי רב יהודה געווען דער עיקר דאס לערנען, און דאס דאווגען איז געווען ביי איהם פאר־רעכענט ווי א נעבענזאך — און אזוי ווי עס האט זיך איהם קיינמאל נישט געוואלט אויפהערען צו לערנען, ווערד דערצעהלט, אז ער האט בלויז איינ־מאל אין דרייסיג טאג געדאווענט (ראש השנה דף ל"ח עמוד א').

זאגט ער פון דעסטוועגען אמאל צו דעמזעלבען ענין, אז ער האלט עס זיך פאר א זכות, וואס ער איז מקיים די מצוה פון „עיון תפלה" (שבת דף קי"ח עמוד ב'). האט מען דעם דאזיגען זאג זיינעם ערקלערט, אז ווען ער האט איינמאל אין דרייסיג טאג געדאווענט, פלעגט ער פריהער רייניגען זיין נשמה און ערשט דערנאך דאווענען (ברכות דף ל' עמוד א').

דער שארפזין זיינער איז געווען א לאגישער, דערפאר האט ער זיך אויך מעהרסטענטיילס אפגעגעבען מיט פראגען פון געלד־אנגעלעגענהייטען, וואו ער האט געהאט אברייט פעלד פאר דער אנטוויקלונג פון זיין פאר־שטאנד. עס איז אויך דערצעהלט געווארען, אז ווען ער פלעגט אמאל ביי זיין לערנען צוקומען צו די דינים פון טומאה וטהרה, אדער צו אזעלכע ענינים, וואס האבען נישט געהאט מעהר קיין געזעצליכע ווערדע אין זיין צייט, פלעגט ער זיך דאביי קווענקלען און ער פלעגט זאגען: „אט אזעל־כע פראגען זיינען געווען אינטערעסאנט צו רב און שמואל!" (ברכות דף כ' עמוד א', תענית דף כ"ד עמוד א', סנהדרין דף ק"ו עמוד ב').

צוליעב זיין שארפקייט האט איהם שמואל גערופען „שיננא", וועלכעס מיינט שארפזיניגער (ברכות דף ל"ו עמוד א', ראש השנה דף כ"ד עמוד ב')*). אן אנדער מאל האט שמואל אויף איהם געזאגט, אז ער איז גאר נישט פון א פרוי געבוירען, ווייל ער איז פשוט א מלאך (נדה דף י"ג עמוד א').

---

*) דער אויסדרוק „שיננא" געפינט זיך צוואנציג מאל אין תלמוד בבלי — און די געלעגענהייטען פאר דעם דאזיגעןווארט זיינען שטענדיג געווען אזעלכע, וואס רב יהודה האט געהאט אן אנדערע מיינונג ווי זיין רבי, שמואל ירחינאה. לויט'ן גאנג פון די גע־שפרעכען דאכט זיך אויך, אז שמואל פלעגט איהם וועלען זאגען: „שארפזיניגער מוח דו!" זיכערליך איז דער דאזיגער טיטעל געווען גאנץ ערנסט געמיינט, ס'איז אבער אויך מעגליך, אז דער טיטעל איז געווען געמיינט אין אן איראנישען זין, חוץ דעם איז נאך פארהאנען אן אנדערער טייטש פאר'ן ווארט "שיננא", וואס רב האי גאון זאגט, אז עס מיינט „א מענש מיט גרויסע צייהנער" (זעה „שטה מקובצת" אויף מסכת כתובות).

רב יהודה בר יחזקאל

אזוי ווי ער האָט געשטאַמט פון אַ מיוחס'דיגער גזע, וועלכע האָט געצויגן איהר שורש העט אַרויף צו די נביאים, האָט ער שטאַרק מדקדק געווען אויף דער ריינקייט פונ'ם יחוס, האָט דאָס איהם טאַקי אָפטמאָל אַריינגעטריבען אין זעהר שאַרפע מחלוקות. אין זיינע אויגען האָבען די „עולי גולה" אין עזרא הסופר'ס צייטען געהאַט אַ ווערדע בלויז דערפאַר, וואָס עזרא האָט אַרויסגענומען די פסול'ע משפחות פון בבל, זיי אַוועקצו־פיהרען קיין ארץ־ישראל און די ריינע משפחות האָט ער איבערגעלאָזען אין בבל.

ווי עס איז שוין אָנגעמערקט, האָבען זיך די פיהרער פון די ישיבות אין בבל כסדר באַשטרעבט, צו באַפרייען דאָס לעבען פון די אידען אין בבל פון דער ארץ־ישראל'דיגער אַפּוטרופּסות. האָבען אָבער פיעלע תלמידים פון די ישיבות אין בבל שטענדיג געגאַרט צו געהען קיין ארץ־ישראל. איז דאָס רב יהודה'ן נישט געפעלען געוואָרען און ער פלעגט זאָגען, אז „יעדער וואָס וואוינט אין בבל, איז גלייך ווי ער וואָלט געוואוינט אין ארץ־ישראל" (כתובות דף קי"א עמוד א'), און וויל איינער פון בבל טראַכטען געהען קיין ארץ־ישראל, איז דאָס פשוט אַן עברה, ווי דער אויבערשטער האָט אָנ־געזאָגט דורך ירמיהו הנביא (קאַפּיטעל כ"ז פסוק כ"ב): „בבלה יובאו ושמה יהיו" (ברכות דף כ"ב עמוד ב', שבת דף מ"א עמוד א').

איז אָבער ביי מאַנכע תלמידים די ליעבע צו ארץ־ישראל געווען שטאַרקער ווי זייער רבין'ס געגנערשאַפט, האָבען זיי איהם גאָרנישט געזאָגט וועגען זייער פאַרלאָזען דאָס לאַנד, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אז ער וועט זיי נישט לאָזען געהען. איינער פון די דאָזיגע תלמידים איז געווען רב אבא, אַ געבוירענער אין בבל, וועלכער האָט געלערנט ביי רב יהודה און ער איז אַוועקגעגאַנגען פון זיין רבי'ן, נישט־פאַרגענדיג ביי איהם קיין ערלויבנים (ברכות דף כ"ד עמוד ב'). דאָסזעלבע האָט אויך געטהון ר' זירא. אפילו רב יהודה'ס אייגענער ברודער, רמי, האָט אויך נישט געקוקט אויף זיין ברודער'ס מיינונג און ער איז אַוועקגעגאַנגען פון בבל, צו באַזעצען זיך אין ארץ־ישראל (כתובות דף קי"א עמוד ב').

ווי עס איז באַמערקט, איז פאַמיליען־ריינקייט געווען ביי רב יהודה אין די אויגען דאָס וויכטיגסטע אין דער גאַנצער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ פונ'ם אידישען פאָלק. און ווייל ער האָט זיך שטענדיג געגריבעלט אין דער ריינקייט פון די פאַמיליען, איז איהם שווער אָנגעקומען, אויסצוזוכען אַ פרוי [illegible] זיין זוהן יצחק, וועלכער איז שוין לאַנג געווען הייראַטס־פעהיג, ביז עולא איז אַמאָל אויף זיינע שטענדיגע רייזען צווישען ארץ־ישראל און בבל אָנגעקומען קיין פומבדיתא, און ווען ער האָט געהערט וועגען רב יהודה'ס קאַפּריזנע אונטערזוכונגען אינ'ם לעבען פון די פאַרשיעדענע פאַ־מיליען, האָט ער אַ זאָג געטהון: „פון וואַנען ווייסען מיר, פון וועמען מיר אַליין שטאַמען אַפּ? אפשר זיינען מיר אויך אָפּשטאַמער פון יענע גוי'שע משפחות, וואָס האָבען זיך אַריינגעחאַפּט צווישען אידען אין די צייטען פונ'ם חורבן?"

צוליעב דער אַגיטאַציע פון רב יהודה בר יחזקאל אין דער פראַגע פון פאַמיליען־ריינקייט, האָט מען אין פאַרשידענע אידישע הייזער אויפגעלייזט פאַרבינדונגען פון שדוכים און עס זיינען זאָגאַר אַרויסגעקומען מאַנכע גטין. איז דאַדורך דאָס פאָלק אויפגערעגט געוואָרען איבער רב יהודה און

עס האָט זיך אמאָל צונויפגעקליבען א מחנה מענשען, וועלכע האָבען איהם פשוט געוואָלט פארשטייניגען. האָט ער זיך פאר דעם דאָזיגען מאָב גאָר נישט דערשראָקען און ער האָט א זאָג געטהון, אז „ווען זיי וועלען איהם צורייצען, וועט ער אויפדעקען, אז זיי שטאמען אלע פון פסול׳ע משפחות". האָבען דאָס די מענשען דערהערט און זיי האָבען זיך דערשראָקען, האָבען זיי אוועקגעוואָרפען די שטיינער פון זייערע הענד און זיי האָבען ר׳ יהודה׳ן נישט מעהר באלעסטיגט (קדושין דף ע׳ עמוד א׳ וב׳).

אין אָט דעם ווילען זיינעם, אויפצודעקען פסול׳ע משפחות, האָט זיך רב יהודה אמאָל צוזאמענגעשטויסען מיט איינעם א פּאָליטישען תקיף, בטי בר טוביה. דער דאָזיגער מענש איז געווען א פריי־געוואָרענער שקלאף, וועלכער האָט עס פארשטאנען, אויפצוהויבען זיך פון זיין נידריגער מדרגה, ביז ער איז געוואָרען א חשוב ביי קעניג סאפּאָר (שבור מלכא). האָט זיך דאָן איטליכער צו איהם צוגעשמייכעלט און געסטארעט, צו געפינען לייטזעליגקייט אין זיינע אויגען. בלויז רב יהודה האָט געהאַט דעם מוטה צו זאָגען, אז אזוי ווי יענער מענש האָט אין זיין שטאָלץ נישט ארויסגע־נומען קיין „שטר שחרור" ביי זיין פריהערן איינגענטהימער, האָט ער ווײ־טער דעם דין פון אן „עבד" און א פרייער מענש טאָר זיך נישט מיט איהם משדך זיין.

ווי מיר האָבען שוין דערצעהלט וועגען איינעם א מענש פון נהרדעא, וועלכער איז אמאָל געקומען קיין פומבדיתא און ער איז דאָרט געגאנגען קויפען פלייש ביי א קצב, איז גראד דאמאָלס דאָרט געווען א דינער פון רב יהודה בר יחזקאל. האָט דער קצב צו יענעם פארשוין געזאָגט: „דארפסט א ביסיל וואָרטען, ביז איך וועל האָבען געגעבען פלייש צום דיענער פון רב יהודה בר יחזקאל!"—האָט זיך יענער מענש איבערגעקרימט און געפרעגט: „ווער איז דאָס דער רב יהודה בר שוועסקאל, וואָס איך זאָל עפּיס איהם צו־ליעב דארפען וואָרטען?"—האָט מען דאָס איבערגעגעבען צו רב יהודה, האָט דאָס איהם שטאַרק פארדראָסען. און אזוי ווי מען האָט איהם נאָך דערצעהלט, אז יענער פארשוין באריהמט זיך מיט א יחוס, וואָס גרייכט ביז די חשמונאים און ער רופט יעדען מיט א צונעמעניש „עבד", האָט איהם רב יהודה ארײַנ־געלייגט אין חרם, ווי שמואל ירחינאה האָט שוין לאנג פריהער אויפגע־שטעלט א כלל, אז „ווער עס ריהמט זיך מיט זיין אָפּשטאמונג פון די חשמונאים, דער איז זיכערליך א שקלאף", ווייל הורדוס המלך האָט אויס־גע׳הרג׳ט אלע השמונאים און עס איז נישט פארבליבען פון זיי קיין שריד ופליט.

דערפאר האָט יענער מענש צוגעקלאָגט רב יהודה׳ן צו רב נחמן בר יעקב. האָט רב נחמן נישט פיעל געקלערט און ער האָט ארויסגעשיקט א „הזמנה" צו רב יהודה, ער זאָל זיך קומען פארענטפערען פאר זיין טהאָט. וואָלט רב יהודה נישט געהאָרכט דעם באפעהל פון רב נחמן און ער וואָלט נישט געקומען צום משפט. איז ער אָבער געגאַנגען פריהער אָנ־פרעגען ביי רב הונא, וואָס ער זאָל טהון. האָט רב הונא געזאָגט, אז לויט רעכט וואָלט ער נישט געדארפט געהען, ווייל ער איז אין תורה גרעסער פון רב נחמן. נור אזוי ווי יענער איז דער איידעם פונ׳ם „ריש גלותא", זאָל ער איהם אָנטהון דעם כבוד און יאָ געהן.

און אזוי ווי רב יהודה איז צוגעקומען צו רב נחמן בר יעקב, האָט ער איהם געטראָפען ארבייטען ביי א „געלענדער" צו זיין דאַך, האָט דאָן

רב יהודה בר יחזקאל

רב יהודה א זאָג געטהון: „ווי קומט עס, וואָס דו טהוסט אליין אזא ארבייט, וועלכע פּאסט זיך נישט פאר דיין געזעלשאפטליכע שטעלונג און זי וואָלט געדאַרפט געטהון ווערען דורך אנדערע?״ — און וואָס רב נחמן האָט אויף דעם געענטפערט און ווי אזוי ער האָט ווייטער ארגומענטירט, האָט איהם רב יהודה שפּראַכליך אויסגעבעסערט יעדען זאַץ אָדער ער האָט איהם געזעצליך באַוויזען, אז ער טהוט נישט ריכטיג. האָט ילתא, די פרוי פון רב נחמן, דערהערט די אַרגומענטען, האָט זי א זאָג געטהון צו איהר מאן: „שיק דעם מענשען אוועק, ווייל דו וועסט נאָך קריגען א שם פון אן עם־האָרץ!״ (קדושין דף ע׳ עמוד א׳).

נאָכ׳ן חורבן פון נהרדעא איז די שטאָדט פּומבדיתא געוואָרען א צענטער פאר׳ן גייסטיגען לעבען פון די אידען אין בבל — און ווען עס האָט זיך אמאָל אין יענער צייט גערעדט וועגען אידען אין די „גלות־לענדער״, האָט עס געמיינט פּומבדיתא (ראש השנה דף כ״ג עמוד ב׳).

שפּעטער איז די שטאָדט פּומבדיתא ביי די אידען אין בבל פּשוט פארהייליגט געוואָרען. האָט מען דאן געוואָלט זאָגען, אז „ווער עס געהט ארויס פון פּומבדיתא, צו באזעצען זיך אין אן אנדערער שטאָדט, איז דאָס גלייך ווי ער וואָלט ארויסגעגאנגען פון ארץ־ישראל קיין חוץ־לארץ״ (זעה כתובות דף קי״א עמוד א׳).

פון אלטע דאָקומענטען וועגען פּומבדיתא איז אויך צו זעהען, אז די דאָזיגע שטאָדט איז געווען זעהר א ריינע מיט פּיעלערליי היגיענישע איינריכטונגען און די הייזער זיינען דאָרט פּשוט געווען ווי פּאלאצען. א לאנגע רייהע פון יאָהרען האָט אויך געהערשט א געוויסע „קאָנקורענץ״ צווישען דער ישיבה אין סורא, וועלכע האָט אויך געהייסען „מתא מחסיא״, אַקעגען דער ישיבה אין פּומבדיתא, האָט דאַן איינער פון די חכמים אָנגעזאָגט צו זיינע קינדער, זיי זאָלען ליעבערשט וואוינען „אינ׳ם שמוץ פון מתא מחסיא, איידער אין די פּאלאצען פון פּומבדיתא״ (הוריות דף י״ב עמוד א׳).

ווען מען נעמט זיך צונויפשטעלען די מאמרים פון רב יהודה בר יחזקאל, וואָס ער האָט געזאָגט אויף׳ן נאָמען פון רב (אבא אריכא), וועט מען אויסגעפינען, אז די צאָהל זייערע האָט דערגרייכט נאָהנט צו פיער הונדערט. זיינען 144 פון זיי וועגען די דינים פון איסור והיתר, 46 פון זיי זיינען וועגען די דינים פון קרבנות און טומאה וטהרה, 34 זיינען וועגען דיני ממונות און 157 אין אגדה און מדרש.

און ווען עס האָט זיך גערעדט וועגען דער ישיבה פון פּומבדיתא, פלעגט מען זיך דערצעהלען זעהר אינטערעסאנטע מעשיות וועגען דעם דאָרטיגען לערנען, עס פלעגט אויך איטליכער זאָגען, אז דאָרט וואו רב יהודה האָט זיין ישיבה, דאָרט בליהט דער אמת׳ר שארפזין.

פלעגט מען זיך דערצעהלען א מעשה, ווי איינער פון רב יהודה׳ס תלמידים, רמי בר דיקולא, איז אמאָל אין ערב יום־כפּור אָנגעקומען פון פּומבדיתא קיין סורא, האָט ער דאָרט געזעהן, ווי מען וואַרפט אוועק די אייטערס פון די בהמות, ווייל אין סורא האָט מען נישט געגעסען דאָס פלייש פון אן אייטער — מחמת מורא, וואָס עס קאָן זיך נאָך דאָרט געפינען א לעק מילך, און אין פּומבדיתא האָט מען דאָס יא געגעסען, נאָכדעם ווי מען האָט עס פריהער צושניטען אין דער לענג און אין דער ברייט.

האט דער דאזיגער רמי בר דיקולא אויפגעקליבען די אוועקגעוואר־פענע אייטערס און האט זיי אויפגעגעסען. האט מען איהם דערפאר גע־בראכט בעפאר רב חסדא, ער זאל זיך פארענטפערען פאר זיין טהאט. האט איהם רב חסדא געפרעגט, ווי ער פאלט אוים צו טהון אזא זאך, צו עסען פלייש פון אייטערס, ווען ער דארף וויסען, אז אין סורא עסט מען דאס נישט.

„איך קום פון דער שטאדט, וואו רב יהודה בר יחזקאל איז ראש־ישיבה, און דארט עסט מען יא דאס פלייש פון אן אייטער" — האט רמי בר דיקולא געזאגט.

— ווייסט דאך — מאכט רב חסדא — אז מען דארף שטענדיג מחמיר זיין אין דער רעליגיעזער פיהרונג לויט דעם מנהג פון דעם ארט וואס מען קומט פון דארט אדער וואס מען געהט דארט אהין, און אז דו ביזט געקומען אין סורא, האסטו נישט געטארט עסען קיין אייטער.

האט רמי אויף דעם געענטפערט: „כ'האב די אייטערס געגעסען אויסערהאלב די גרעניצען פון דער שטאדט".

— און ווי אזוי האסטו די אייטערס געבראטען? — האט רב חסדא ווייטער געפרעגט.

„מיט שטענגלעך פון ווייטרויבען האב איך זיי געבראטען!" — האט רמי געענטפערט.

— אזוי? — האט רב חסדא א זאג געטהון — איז טאמער זיינען די שטענגלעך געוועזען פון „יין נסך"?

האט רמי אויף דעם געענטפערט: „די שטענגלעך זיינען געוועזען מעהר ווי צוועלף חדשים אלט, אין גאנצען אויסגעטריקענט און דער דין פון יין נסך איז שוין אויף זיי נישט חל!"

שפעטער האט מען געזעהן, אז דער מענש לייגט נישט קיין תפלין. האט מען איהם געפרעגט די אורזאך דערפון, האט ער געענטפערט: „איך לייד אויף די גדערים, און רב יהודה לעהרענט, אז ווער עס ליידעט אויף די גדערים, איז פטור פון תפלין".

דערנאך האט מען ווייטער געזעהן, אז דער מענש געהט אהן ציצית. האט מען איהם געפרעגט די אורזאך, האט ער געזאגט: „איך טראג א געבארגטע איינהיל, און א געבארגטע איינהיל, זאגט רב יהודה, איז פטור פון ציצית!"

בשעת דעם דאזיגען שמועס האט רמי געזעהן, ווי מען ברענגט צום בית־דין א מענשען צום שמייסען, ווייל ער האלט נישט בכבוד זיינע על־טערען. איז ווי מען האט שוין געהאט דעם מענשען צוגעבונדען צו'ן א זייל, האט רמי א זאג געטהון: „לאזט אפ דעם מענש, ווייל יעדע מצוה, וואס די תורה האט אוועקגעשטעלט פאר איהר א באלויהנונג, א שטייגער ווי ביי מצוות כבוד אב ואם, פאר וועלכער עס איז צוגעזאגט געווארען א שכר פון א לאנג לעבען, דארף מען די שטראף פאר נישט־האלטען די מצוה איבערלאזען צום הימעל, און דער בית־דין של מטה דארף זיך וועגען דעם גאר נישט קימערן" (זעה חולין דף ק"י עמוד א' וב').

אין דער סביבה פון רב יהודה בר יחזקאל זיינען דאן אויסגעוואקסען די שארפע מוחות פון פומבדיתא (סנהדרין דף י"ז עמוד ב'), וועגען וועל־כע עס איז געווען באקאנט, אז זיי קענען מיט זייער פלפול „דורכפיהרען א העלפאנד דורך אן אויער פון א נאדעל" (בבא מציעא דף ל"ח עמוד ב').

האָט דער דאָזיגער שטייגער לערנען שטאַרק אויסגענומען ביי מאַנכע יונגע תלמידים. זיינען אָבער געווען אַנדערע, וואָס רב יהודה'ס שטייגער לערנען איז זיי נישט געפעלען און זיי זיינען אוועקגעגאַנגען פון רב יהודה'ס ישיבה. מאַנכע פון זיי האָבען אפילו באַנוצט דעם אויסרייד, אַז עס האָט זיי פּלוצים אָנגענומען אַ בענקעניש קיין ארץ־ישראל. אין אמת'ן איז אָבער אָנצונעהמען, אַז דער פּומבדיתא'ר פּלפּול האָט ביי זייער אוועקגעהן געשפּילט אַ געוויסע ראָלע.

עס קען אויך אָנגענומען ווערען, אַז דער שטייגער לערנען פון רב יהודה איז געווען גוט באַוואוסט אין ארץ־ישראל און עס האָט איהם דאָרט קיינער נישט אָנערקענט. און ווען רב יהודה'ס אַ תלמיד, רב אבא, האָט באַשלאָסען, צו געהען קיין ארץ ישראל, האָט ער טאַקי מורא געהאַט, אַז מען וועט איהם דאָרט פאַר זיין שטייגער לערנען אויסלאַכען. און ווען ער איז דאַן געקומען קיין ארץ־ישראל און ער האָט דאָרט עטוואָס געזאָגט, האָבען איהם די חכמים פון ארץ־ישראל טאַקי אויסגעלאַכט (ביצה דף ל"ח עמוד ב').

צוויי יאָהר פאַר רב יהודה'ס טויט איז רב הונא געשטאָרבען. איז דאַן רב יהודה כמעט ווי פון זיך אַליין געוואָרען דער „קאָפּ" פון אַלע אידען אין בבל. אַזוי ווי עס איז אויף רב הונא'ס אָרט אין סורא נישט ערוועהלט געוואָרען קיין אַנדערער, זיינען אַלע תלמידים פון רב הונא געגאַנגען לערנען ביי רב יהודה אין פּומבדיתא.

מאַנכע מאמרים פון רב יהודה בר יחזקאל באַווייזען, אַז ער איז געווען גוט באַהאַוונט אין דער טבע פון פאַרשיעדענע בהמות און אַנדערע לעבעדיגע באַשעפעניש'ען. עס איז זיך אויך וועגען דעם נישט צו פאַרוואונדערען, ווייל ער האָט דאָס זיכערליך געלערענט ביי שמואל ירחינאה, וועלכער איז שטענדיג באַטראַכט געוואָרען אַלס אַ גרויסע אויטאָריטעט אין אַזעלכע אַנגעלעגענהייטען (זעה שבת דף ע"ז עמוד ב').

ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אָפּצושאַצען די ווערדע פון בוימער פאַר דער געזונדהייט פון די מענשען, האָט ער דערפאַר אָנגעזאָגט אַז ווען איינער געהט אַרויס אינ'ם חודש ניסן און ער זעהט, ווי די בוימער באַדעקען זיך מיט בלעטער, דאַרף ער אָפּגעבען אַ לויב צום באַשעפער אין אַ ספּעציעלער ברכה (זעה ברכות דף מ"ג עמוד ב', ראש־השנה דף י"א עמוד א').

אינטערעסאַנט איז נאָך צוצוגעבען וועגען דער פיהרונג פון רב יהודה, אַז ווען ער איז געזעסען אינ'ם בית־המדרש ביי שמואל'ן, איז אַמאָל אַהין געקומען אַ פרוי, וועלכע האָט געשריגען וועגען פאַרשיעדענע עוולות, וואָס זיינען איהר געטהון געוואָרען. האָט זיך שמואל אויף איהר נישט אומגעקוקט און ער האָט זיך נישט צוגעהערט צו איהרע געשרייען. האָט דאַן רב יהודה אַ זאָג געטהון: „האָסטו דען נישט קיין מורא פאַר'ן פּסוק, וועלכער זאָגט, אַז ווער עס פאַרשטאָפּט זיין אויער, נישט צו הערען דאָס געשריי פון אַן אָרימאַן, וועט דערנאָך אַליין אויך דאַרפען שרייען און קיינער וועט איהם נישט הערען?" (שבת דף נ"ה עמוד א').

עס ווערד אויך דערצעהלט, אַז עס איז אַמאָל איינער פון רב יהודה'ס נאָכבאַרשאַפט געשטאָרבען און עס זיינען נישט געווען נאָך איהם קיין אבלים, האָט רב יהודה צונויפגעקליבען יעדען טאָג פון דער שבעה צעהן מענשען, זיי זאָלען דאָרט זיצען ווי אבלים. איז דאַן נאָך זיבען טעג יענער

מענש געקומען צו רב יהודה'ן צו חלום און ער האָט איהם געדאנקט פאר דעם פארגעניגען, וואס ער האָט איהם געטהון (שבת דף קנ"ב עמוד ב').
טראָץ זיין גרויסקייט אין תורה האָט זיך רב יהודה נישט באַדיענט מיט זיין לערנען אלס קוואל פון פרנסה — און ווי עס דאכט זיך, האָט ער געצויגען זיין חיונה פון א האנדעל מיט וויין (זעה בבא מציעא דף מ' עמוד א' און חולין דף צ"ד עמוד א').

ביים לערנען מיט זיינע תלמידים האָט רב יהודה ארויפגעלייגט דאָס הויפט־געוויכט אויף די ענינים פון „נזיקין" און דערפאר האָט ער געזאָגט, אז „ווער עס וויל גילטען אלס פרום דארף זיך אינטערעסירען פאר פראגען פון שאָדענס" (בבא קמא דף ל' עמוד א'). אין זיין ישיבה האָט מען אויך מעהרסטענטיילס געלערנט דינים פון נזיקין (תענית דף כ"ד עמוד ב').
רב יהודה איז געווען הויך געוואקסען, איינער פון די העכסטע אין זיין צייט, האָט ער אָבער געגרייכט בלויז צו די אַקסלען פון רב (נדה דף כ"ב עמוד ב'). ער האָט אויך געהאַט גרויסע אויגען (בכורות דף מ"ד עמוד א'), און ווען ער איז אַלט געוואָרען, איז ביי איהם די זעה־קראַפט קאַליע געוואָרען (גטין דף י"ט עמוד ב'), און וואָס שמואל ירחינאה פלעגט איהם רופען „שיננא", פלעגען איהם אויך מאנכע פון זיינע חברים אזוי רופען. ער איז אויך געווען א קרענקליכער, ער פלעגט אָפטמאָל פאַלען חלשות ביי א ליידיגען מאָגען (שבת דף ל"ז עמוד ב').
פון זיינע תקנות דארף מען נאָך דערמאָנען, אז ער האָט באַשטימט, ווי אזוי א „שטר חליצה" דארף געשריבען ווערען (יבמות דף ל"ט עמוד ב') און ווי אזוי עס דארף געשריבען ווערען א דאָקומענט פאר דער באַ־פרייאונג פון א שקלאַף (גטין דף פ"ו עמוד א').

רבה בר נחמני

נאכדעם ווי רב יהודה בר יחזקאל איז געשטאָרבען, האָבען די בעלי־בתים אין פומבדיתא איינשטימיג באשלאָסען, איבערצוגעבען די פיהרונג פון זייער ישיבה צו רבה בר נחמני*). איז ער אָבער געווען א גרויסער אָרימאן און דערצו נאָך א זעהר באשיידענער מענש, האָט ער דעם דאָזיגען אמט נישט געוואָלט אָננעהמען. אזוי ווי די „ראשי ישיבה" פון סורא זיינען מעהרסטענטיילס געווען עשירים, האָט רבה גדענקט, אז עס דאַרף אויך זיין דאָסזעלבע אין פומבדיתא. זיינען די פיער־הונדערט תלמידי חכמים — וואהרשיינליך אויף א פאָרשלאַג פון רבה אליין — געגאַנגען צו רב הונא בר חייא**) און זיי האָבען איהם געקרוינט אלס ראש־ישיבה אין פומבדיתא.

איז אָבער תיכף באוואוסט געוואָרען, אז רב הונא בר חייא האָט געמאַכט זיין פאַרמעגען פון דעם, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין האַנד דאָס קאָלעקטען די שטייערען פון די אידען אין בבל פאַר דער פערזישער רע־גירונג. איז דאַמאָלס אזא באשעפטיגונג באטראַכט געוואָרען פאַר זעהר נישט עהרענהאַפט און עס איז אויך געווען אָנגענומען א מיינונג, אז א אידישער „שטייער־קאָלעקטאָר", וועלכער שטעהט אינ'ם דיענסט פון דער גוי'שער רעגירונג, פאַרלירט זיין „חלק עולם הבא". האָבען דערפאַר די חכמים געשיקט א ספּעציעלע שליחות צו רב הונא בר חייא, לאמור, אזוי צו זאָגען: „קלויב דיר אויס איינס פון די צוויי עמטער. זאָל עס זיין דער אמט פון א ראש־מתיבתא אָדער פון א שטייער־קאָלעקטאָר, ווייל דו קענסט נישט אָנהאַלטען אזעלכע צוויי עמטער צוזאַמען!"...

האָט רב הונא בר חייא באַלד אויפגעגעבען זיין אמט אלס „שטייער־קאָלעקטאָר". האָבען אָבער מאַנכע חכמים נישט געקוקט אויף דעם, וואָס רב הונא האָט דאָס קאָלעקטען שטייערען פאַר דער רעגירונג אויפגעגעבען, ווייל זיי האָבען געדענקט, אז ווער עס נעמט איינמאָל אָן אזא אמט, דער פאַרדיענט נישט מעהר קיין אכטונג ביי אידען (זעה בכורות דף ל"א עמוד א').

איז טאַקי דאַמאָלס צוליעב דעם די באדייטונג פון דער ישיבה אין פומבדיתא געפאַלען אין איהר ווערדע — און ווען רב הונא איז געשטאָר־בען, האָט מען געדאַרפט אויסקלייבען אויף זיין אָרט א מאַן, וועלכער זאָל קענען צוריקברענגען דעם גלאַנץ פון דער פומבדיתא'ר ישיבה מיט זיין גרוים וויסען, גלייך ווי מיט זיינע פערזענליכע מעלות, האָבען זיך דאַן גע־פונען בלויז צוויי פּאַסיגע קאַנדידאַטען פאַר דעם דאָזיגען אמט, דהיינו: רבה בר נחמני און רב יוסף בר חייא.

---

*) דער נאָמען רבה איז אן אפּקירצונג פון „רב אבא", דאָס נעמליכע איז אויך ביים נאָמען רבא".

**) נישט צו פאַרוועקסלען מיט רב הונא, דעם ראש ישיבה אין סורא, אָדער מיט רב הונא רבה, דעם צייטגענאָסע פון ר' יהודה הנשיא.

ביידע זיינען געווען באַוואוסטע חכמים, די גרעסטע פון יענעם דור. אין דער צייט, וואָס רב הונא בר חייא איז געווען ראש־מתיבתא אין פומבדיתא, איז די באַדייטונג פון רבה בר נחמני שטאַרק געוואַקסען און מען פלעגט איהם דאַן טיטולירען „עוקר הרים", ווערענדיג זאָגען, אַז ער רייסט אויס בערג און צערייבט זיי אויף שטויב מיט זיין פּלפּול. אזוי ווי מען האָט גערעכענט, אַז רבה בר נחמני וועט דעם אמט נישט אָננעהמען, האָט מען געמוזט האָבען ביי דער האַנד אַ צווייטען קאַנדידאַט, איז דאָס געווען רב יוסף בר חייא, וואָס מען האָט איהם געוועהנליך טיטולירט „סיני", ווייל עס זיינען אַלע דינים פון דער תורה אזוי סיסטעמאַטיש געווען איינ־געאָרדנעט אין זיין קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט זיי טאַקי אָט יעצט געהערט פונ'ם אויבערשטען'ס מויל אויף'ן באַרג סיני.

האָבען די חכמים פון בבל נישט געוואוסט קיין עצה, וועמען פון ביידען אויסצוקלייבען. האָבען זיי געשיקט פרעגען אין ארץ־ישראל, וואָס זיי זאָלען טהון. האָבען זיי די חכמים פון ארץ־ישראל געענטפערט, אַז אזוי ווי אַ „סיני" איז וויכטיגער ווי אַן „עוקר הרים", זאָלען זיי דעם „סיני" אויסקלויבען. האָט אָבער רב יוסף בר חייא נישט געוואָלט אָננעהמען דעם אמט, ווייל עס האָט איהם אמאָל איינער אַ שטערנזעהער געזאָגט, אַז ווען ער וועט זיין אַ ראש־ישיבה, וועט ער נישט לענגער דערלעבען צו אמטירען ווי בלויז צוויי יאָהר (ברכות דף ס"ד עמוד א', הוריות דף י"ד עמוד א').

תיכף ווי רב יוסף האָט נישט געוואָלט דעם אמט אָננעהמען, איז אויסגעקליבען געוואָרען רבה בר נחמני און מען האָט איהם געדאַרפט צווינגען דעם אמט איבערצונעהמען. עס האָט זיך איהם אויך באַלד איינ־געגעבען, אויפצוהויבען דעם פּרעסטיזש פון דער ישיבה אין פומבדיתא, וואו עס פלעגען זיך דערנאָך אין די חדשים אדר און אלול (די „ירחי כלה") צונויפקלויבען צוועלף טויזענד מענשען און אמאָל זאָגאַר מעהר.

ווענען דער צייט, וואָס רבה בר נחמני איז געבוירען געוואָרען און ווי אַלט ער איז געווען, ווען ער איז געשטאָרבען, איז דער חשבון אַ פּאַר־וויקעלטער. לויט ווי עס הייסט, האָט ער נישט מעהר געלעבט ווי פערציג יאָהר (מועד קטן דף כ"ח עמוד א'). ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט ווערד דערצעהלט, אַז רבה'ס ברידער האָבען איהם געהייסען געהן לערנען ביי ר' יוחנן אין ארץ־ישראל (כתובות דף קי"א עמוד א'), דערנאָך ווערד גע־זאָגט, אַז ער איז געווען ראש־ישיבה אין פומבדיתא צוויי און צוואַנציג יאָהר (ברכות דף ס"ד עמוד א') און געשטאָרבען איז ער, לויט „אגרת רב שרירא גאון", אין ד' אלפים צ' (330 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג), מוז מען אַלזאָ זאָגען, אַז ער האָט פיעל לענגער געלעבט ווי פערציג יאָהר. אונזער רבה וואָלט זאָגסט געדאַרפט זיין ווייניגער ווי צעהן יאָהר אַלט, ווען ער איז געוואָרען אַ תלמיד ביי ר' יוחנן.

לויט ווי עס ווערד דערצעהלט, איז רבה בר נחמני געקומען פון אַ שטאָדט מיט'ן נאָמען מימלא אין בבל (מימאַלים), וואָס דער גרעסטער טייל פון איהרע איינוואָהנער איז באַשטאַנען פון כהנים, און ווי עס איז דאַן געווען אָנגענומען, זיינען זיי אַלע אַרויסגעקומען פון עלי הכהן'ס משפחה, אויף וועלכער עס איז געלעגען אַ קללה, אַז די מאַנסבילען פון יענער פאַ־מיליע זאָלען שטאַרבען יונגערהייד. פלעגט זיך יעדער צוגערייזטער אין מימלא דאַרפען וואונדערען, וואָס עס איז נישט דאָרט פאַרהאַנען קיין על־טערער מענש (זעה בראשית רבה פרשה נ"ט פיסקא א').

רבה בר נחמני

עס ווערד אויך דערצעהלט, אז רבה בר נחמני האט געהאט דריי ברי־דער, וואס זייערע נעמען זיינען געווען: כיילי, רב חנינא און רב אושעיא, זיינען זיי אלע דריי געווען גרויסע אָרימע לייט. איז דאן רב חנינא און רב אושעיא געגאנגען קיין ארץ־ישראל, וואו זיי האבען זיך מפרנס געווען פון מאכען שיך. און אזוי ווי זיי זיינען געווען אפגעהיט פון עברות, האט מען זיי גערופען „רבנן קדישי דבארעא דישראל". די עובדא זייערע איז געווען, וואס זיי פלעגען זיצען אויף'ן מארק פון די זונות, פאר וועלכע זיי האבען גענייהט שיך, פלעגען די זונות אויף זיי קוקען מיט זשעדנע אויגען און זיי האבען די זונות נישט געווירדיגט אפילו מיט א בליק (פסחים דף ק"י עמוד ב').

פון זיין יוגענד אן האט זיך רבה בר נחמני אויסגעצייכענט מיט א שארפען פארשטאנד און מיט א קלארען שכל. ווי פיעלע אנדערע חכמים פון בבל איז ער יונגערהייד געגאנגען לערנען אין ארץ־ישראל, און ווען ער איז דערנאך צוריקגעגאנגען קיין בבל, לערנען ביי רב נחמן בר יעקב, ביי רב הונא און ביי רב חסדא, פלעגען איהם די ברידער זיינע שטענדיג האקען אין קאפ אריין, ער זאל ווייטער געהען קיין ארץ־ישראל. האט ער זיי געהערט און ער איז פאר א קורצע צייט געגאנגען צום צווייטען מאל לערנען אין ארץ־ישראל. האט אבער זיין שארפער גייסט נישט געפונען קיין באפרי־דיגונג אינ'ם איינפאכען לערנען פון ארץ־ישראל און ער איז דאן ווייטער צוריקגעגאנגען קיין בבל.

ווי באמערקט, איז רבה געווען זעהר ארים און ער איז אויך געווען א קראנקער מענש. פלעגט דאן דער עולם ריידען וועגען דער אומגערעכטיג־קייט פונ'ם שיקזאל און מען פלעגט זאגען, אז רבה איז אזא צדיק ווי רב חסדא איז געווען, פון דעסטוועגען האט רב חסדא געלעבט צוויי און ניינציג יאהר און רבה האט געלעבט בלויז פערציג יאהר. רב חסדא האט דער־לעבט זעכציג חתונות ביי קינדער און איינקלעך און רבה האט געליטען פון זעכציג מיני קראנקהייטען אין זיין הויז. ביי רב חסדא'ן האבען די הינד נישט געוואלט עסען קיין זעמעל־מעהל און ביי רבה האבען די מענשען געזוכט א ביסיל גערשטענע מעהל און זיי האבען עס נישט באקומען (מועד קטן דף כ"ח עמוד א').

אלס „ריש מתיבתא" פלעגט זיך רבה בר נחמני באשטרעבען, פאפּ־פולער צו מאכען אין זיין לערנען אלסדינג, וואס ער האט געהערט ביי זיינע רביים. אויסערדעם האט ער זיך ספּעציאליזירט אין די דינים פון „טומאה וטהרה", זיי פארשטענדליך צו מאכען צו זיינע תלמידים, חאטש ער האט פאר דעם דאזיגען געגענשטאנד נישט געפונען פיעל צוהערער, ווייל עס האט דאן איטליכער געוואלט לערנען בלויז די דינים פונ'ם פראקטישען לעבען און נישט אזעלכע דינים, וואס זיינען געווען באשטימט פאר משיח'ס צייטען. האט זיך דאן אונזער רבה באקלאגט: „איך בין פאראיינזאמט אינ'ם לערנען די דינים פון נגעים און איך בין אויך פאראיינזאמט ביים לערנען די דינים פון טומאת אוהל" (בבא מציעא דף פ"ו עמוד א').

ביי זיין לערנען פלעגט רבה בר נחמני ארומנעהמען יעדען ענין פון אלע זיינע זייטען מיט דעם געהעריגען פארשטענדניס, ער פלעגט אויך אפט מאל אריינפלעכטען א שטיקיל „אגדה" אין דער הלכה, צו שמעלצען די הארטקייט פונ'ם דין מיט א ביסיל פּאעזיע. און יעדעס מאל וואס ער האט געלעהרענט מיט זיינע תלמידים, פלעגט ער געוועהנליך דעם אונטערריכט

אָנהויבען מיט אַ „גלייכווערטעל", דעם תלמיד בעסער צו פאראינטערעסי־רען אינ'ם ענין.

פאר אָט דעם אַלעמען איז רבה בר נחמני געווען זעהר געעהרט אין די אויגען פון די חכמים, וועלכע האָבען פון איהם פיעל געהאַלטען, סיי פאר זיין קלאָרע אויפפאסונג אין דער תורה און סיי פאר זיינע גוטע מדות. אַזוי ווי ער איז אָבער געווען אַ מענש פון אמת און ער האָט זיך פאר־האַלטען שטרענג ביים אָפּהיטען פון יעדען דין, דערביי האָט ער אויך נישט קיינעמען פארשוינט און ער פלעגט שטרענג באַשטראָפען יעדע זינד, האָט איהם דער המון אין פומבדיתא, וועלכער איז נישט באַשטאַנען פון גאָלע צאַצקעס, פיינט געהאַט (שבת דף קנ"ג עמוד א').

און ווען עס איז אַמאָל נישט געגאַנגען קיין רעגען, האָט רבה גע־הייסען פאַסטען און ער האָט אויך מסדר געווען די תפלות, וואָס מען דאַרף זאָגען. האָט עס אָבער נישט געהאָלפען. האָבען די מענשען צו איהם גע־זאָגט: „דאַכט זיך, אַז רב יהודה בר יחזקאל איז געווען אַ גרעסערער חשוב ביי זיין לעבען נאָמען, ווייל זיין תפלה איז נישט קיינמאָל געווען אָהן אַ ווירקונג!" — האָט זיי רבה אויף דעם אָפּגעענטפערט: „נישט צוליעב אונז האַלט דער אויבערשטער צוריק זיין רעגען, ווייל אינ'ם קענען די תורה זיינען מיר גרעסער פון רב יהודה'ס דור. וואָס קענען מיר אָבער טהון, אַז די מענ־שען זיינען היינט נישט אַזוי גוט ווי די מענשען פון יענעם דור?" (תענית דף כ"ד עמוד ב').

די מעהרסטע יאָהרען זיינע איז רבה בר נחמני געווען זעהר אָרים. האָט ער דאַדורך געדאַרפט אָנקומען צו דער הילף פונ'ם „ריש גלותא". די „ראשי מתיבתא" אין סורא זיינען געווען רייך. גרעסטענטיילס האָבען זיי פאַר זייער אייגען געלד אויסגעהאַלטען אַלע תלמידים ביי זייער טיש. דאַ־געגען זיינען די „ראשי מתיבתא" אין פומבדיתא געווען אָרימע לייט, האָט מען דאַדורך געמוזט אוועקשטעלען אַ פושקע, אויף צו קלויבען נדבות, און יעדער וואָס איז נור געווען ביכולת, האָט געדאַרפט אריינוואַרפען זיין נדבה, אויסצוהאַלטען דעם „ריש מתיבתא" אין פומבדיתא צוזאַמען מיט זיינע תלמידים (גטין דף ס' עמוד ב').

אין יענער צייט האָבען זיך אויך אָנגעהויבען רעליגיעזע פארפאָל־גונגען אַקעגען די אידען אין בבל, וואָס חאָטש זיי זיינען נישט געווען אַזוי שרעקליך, ווי עס זיינען געווען די רדיפות אין ארץ־ישראל, האָבען זיי פון דעסטוועגען געגצליך צוטרייסעלט די פּאָליטישע זיכערקייט, אין וועלכער עס האָבען די אידען אין בבל ביז דאַמאָלס געלעבט.

די היסטאָרישע שילדערונגען פון אָט די פארפאָלגונגען זיינען אפילו זעהר קאַרגע און עס איז אויך אָנצונעהמען, אַז אין פארגלייך מיט די פאר־פאָלגונגען געגען אידען, וואָס זיינען אין יענער צייט פאָרגעקומען אין ארץ־ישראל, האָבען די רדיפות אין בבל געהאַט אַ פּנים פון אַ קינדער־שפּיעל, האָבען זיי פון דעסטוועגען געטראָגען אַן אויסגעשפּראָכענעם ערנסטען כאַ־ראַקטער און רבה בר נחמני האָט דורך זייער ווירקונג זיין לעבען פאר־לוירען.

די פארפאָלגונגען, וועגען וועלכע עס ווערד דאָ גערעדט, זיינען פאָרגעקומען אין די צייטען פון קעניג סאַפּאַר דעם צווייטען, וועלכער הייסט אויך אין דער גמרא „שבור מלכא". אָט דער קעניג האָט רעגירט לענגער פון אַלע פּערזישע קעניגע, וואָס זיינען געווען בעפאָר איהם אָדער נאָך

איהם, ווייל ער איז מעהר ווי א גאנצען מענשען־לעבען געזעסען אויף פערזיען'ס טהראָן (פון 309 ביז 380 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג).

איידער סאפאָר איז נאָך געבוירען געוואָרען, האָט מען איהם שוין געקרוינט אַלס קעניג, ווייל ווען די מוטער זיינע, די קעניגין איפרא הורמיז, איז פארגאַנגען אין טראָגען, האָבען די פערזישע גלחים אַרויפגעלייגט די קרוין אויף איהר לייב, וועלכעס האָט געמיינט, אַז דאָס קינד, וואָס זי וועט ברענגען אויף דער וועלט, איז באַשטימט אַלס קעניג, איידער עס איז נאָך געבוירען.

צווישען שבור מלכא דעם ערשטען, וועלכער איז געווען א פריינד פון שמואל ירחינאה, און שבור מלכא דעם צווייטען, איז געווען א צייט פון אַרום 70 יאָהר (פון 240 ביז 309 לויט קריסטליכער צייט) — און אין דער דאָזיגער צווישענצייט האָבען רעגירט אין פערזיען זעקס פאַרשידענע קעניגע, וואָס האָבען אָנגעהאַלטען די טראַדיציאָנעלע פריינדליכקייט צו אי־דען פון שבור מלכא דעם ערשטען. געבראָכען די דאָזיגע טראַדיציע האָט שבור מלכא דער צווייטער. האָט זיך דאַן אין דער גאַנצער פערזישער מלוכה אָנגעהויבען א פאַרפאָלגונג געגען אידען און אין'ם זכות פון די אידען האָט מען אויך פאַרפאָלגט די קריסטען.

איז פון דעסטוועגען די לאַגע פון די אידען אין דער צייט פון יע־נער פאַרפאָלגונג געווען א גרינגערע ווי די לאַגע פון די קריסטען, ווייל די קעניגין איפרא הורמיז, די מוטער פון שבור מלכא, האָט באַשיצט די אידען, ווי ווייט דאָס איז איהר געווען מעגליך.

לויט ווי עס ווערד דערצעהלט, איז איפרא הורמיז געווען שטאַרק געניינט צו דער אידישער אמונה און זי האָט אויך זעהר פאַרעהרט די אידישע חכמים. און ווען זי האָט געזעהן, אַז איהר זוהן פאַרפאָלגט די אידען אַזוי שטאַרק און ער קוועטשט פון זיי אַרויס דעם מאַרך פון די ביינער פאַר שטייערען, האָט זי גענומען א טעפּעל גאָלדענע רענדלאַך און האָט עס אַוועקגעשיקט צו דער ישיבה אין פומבדיתא, מען זאָל עס דאָרט באַנוצען פאַר'ן בעסטען צוועק, וואָס די חכמים וועלען זאָגען. האָט מען דאַן באַ־שלאָסען, דאָס דאָזיגע געלד צו באַנוצען אויף צו העלפען אַלע יענע אידען, וואָס קענען נישט באַצאָהלען זייערע שטייערען און זיי זיינען צוליב דעם אויסגעזעצט צו דער געפאַהר, גענומען צו ווערען אין קעניגליכע געפאַנ־גענשאַפט (בבא בתרא דף ח' עמוד א').

וועגען יענע פאַרפאָלגונגען פון שבור מלכא דערצעהלט די גמרא, אַז ווען עס איז אָנגעקומען א קעניגליכע אַרמיי קיין פומבדיתא, זיינען רבה בר נחמני און רב יוסף בר חייא אַנטלאָפען (חולין דף מ"ו עמוד א'). האָט מען דאַן דערצעהלט צום קעניג, אַז עס איז פאַרהאַנען איינער א איד, אַרום וועלכען עס קלייבען זיך צונויף פאַר גאַנצע צוויי חדשים אין יאָהר, איין חודש אין זומער און איין חודש אין ווינטער, אַריבער צוועלף טוי־זענד מענשען, שטערט דאָס די מענשען אין דער אַרבייט און עס ברענגט דערמיט שאַדען צו דער קעניגליכער קאַסע.

האָט דאַן דער קעניג אַרויסגעשיקט שלוחים, רבה'ן צו כאַפּען. האָט דאָס רבה געהערט, איז ער אַנטלאָפען און ער האָט זיך באַהאַלטען צווישען די געמויזעכצער פון אַרום פומבדיתא. דאָרט האָט ער אַרומגעבלאָנדזעט ביז ער איז פאַרקראָכען אין א וואַלד און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף א בוים. האָט ער דאָרט אַמאָל פּלוצים דערהערט טריט פון א מענשען, האָט

ער געמיינט, אז מען איז איהם שוין געקומען חאפּען, איז ער דאַן באַלד פאר מורא געשטאָרבען.

איז דאָס דאָזיגע אַנטלויפען פון רבה בר נחמני און דאָס אויסבאַ־האַלטען זיך זיינס אויסגעפּוצט געוואָרען מיט פאַרשידענע נסים. ווערד דערצעהלט, אז ער האָט זיך אמאַל אין דער צייט פון זיין אַנטלויפען צו־נויפגעטראָפען מיט׳ן קעניגליכען שליח אין איין אכסניא און ער האָט זיך פון זיינע הענד וואונדערבאר ארויסגעדרעהט.

דערנאָך ווערד דערצעהלט, ווי אזוי רבה איז אויף א וואונדערליכען אופן געשטאָרבען. עס האָט זיך פּלוצים „אויבען אין דער ישיבה פונ׳ם הימעל" אַנטוויקעלט א מיינונגס־פאַרשידענהייט וועגען א דין אין „טהרות", וואָס דער אויבערשטער אַליין האָט גע׳פּסק׳נט „טהור" און די גאַנצע „מתיבתא דרקיעא" האָט גע׳פּסק׳נט „טמא". האָט מען אויבען באַשלאָסען, אז אזוי ווי רבה בר נחמני פלעגט זאָגען „יחיד אני בנגעים, יחיד אני באהלות", זאָל מען טאַקי איהם רופען, ער זאָל דעם דין פּסק׳נען.

קען דאָס אָבער נישט זיין, ווי לאַנג דער מענש לעבט, האָט מען ארויסגעשיקט דעם מלאך־המות, ער זאָל רבה׳ן ברענגען. האָט אָבער דער מלאך־המות נישט געקענט צו איהם צוטרעטען, ווייל דאָס מויל זיינס האָט נישט גערוהט א מינוט פון לערנען. איז דורכדעם דער מלאך־המות גע־פאַלען אויף דעם אויבען־דערמאָנטען „טריק", וואָס עס האָט זיך רבה׳ן אויסגעדראכט, אז אימיצער איז איהם געקומען חאפּען, האָט ער פאַר איין רגע אונטערבראָכען זיין לערנען. האָט דער מלאך־המות די דאָזיגע רגע אויסגענוצט און האָט א חאַפּ געטהון רבה׳ס נשמה צו דער „ישיבה של מעלה".

האָבען די חכמים אין פּומבדיתא נישט געוואוסט, וואָס עס איז מיט רבה׳ן געשעהען. איז אַרונטערגעפאַלען א קוויטעל פונ׳ם הימעל, וואו עס איז געווען געזאָגט: „רבה בר נחמני איז ארויפגענומען געוואָרען צו דער ישיבה אויבען!"

זיינען דאַן אביי און רבא צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע חכמים גע־גאַנגען זוכען רבה׳ס טויטען קערפּער צום באַערדיגען. האָבען זיי נישט געוואוסט צו טרעפען דעם אָרט, וואו דער גוף זיינער געפינט זיך. זיינען זיי געגאַנגען צו די געמויזעכצער, וואו רבה האָט זיך געהאַט באַהאַלטען. האָבען זיי דערזעהן א מחנה פויגלען, וואָס שפּילען זיך אַרום, האָבען די חכמים געזאָגט: „ווי עס דאַכט זיך, ליגט אונזער מת דאָרט!"

האָבען זיי דאַן רבה׳ן באַקלאָגט דריי טעג און דריי נעכט. איז דערנאָך ווייטער אַרונטערגעפאַלען א קוויטעל פונ׳ם הימעל, אויף וועלכען עס איז געווען אָנגעשריבען: „ווער עס שיידט זיך יעצט אָפּ פונ׳ם מת, זאָל זיין אין חרם!" — האָבען די חכמים באַקלאָגט רבה׳ן נאָך זיבען טעג. דערנאָך איז ווייטער אַרונטערגעפאַלען פון הימעל א קוויטעל, וואו עס איז געווען געזאָגט: „געהט אהיים אין פריעדען!" (בבא מציעא דף פ"ו עמוד א׳).

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון רבה בר נחמני דאַרף דאָ צוגעגעבען ווערען, אז אומעטום וואו עס ווערד אין דער גמרא דערמאָנט דער נאָמען רבה אָהן א נאָמען פון זיין פאָטער (רבה סתם), איז דאָרט געמיינט אונזער רבה בר נחמני. און וועגען דעם חשבון פון זיינע יאָהרען איז צוצוגעבען, אז ער איז וואהרשיינליך אין זיינע יונגע יאָהרען געווען א תלמיד פון ר׳

יוחנן, ווייל עס ווערד דערצעהלט, אז ר' חסדא האט איהם אמאל געזאגט, וואס ער פלעגט אויך זאגען צו אנדערע ר' יוחנן'ס תלמידים: „ווער הערט דיך מיט דיין רבי'ן ר' יוחנן?" (נדרים דף נ"ט עמוד א').

מען דארף אויך געדענקען, אז רבה'ס ברידער האבען דורכאויס געוואלט, ער זאל געהן לערנען אין ארץ־ישראל, האבען זיי איהם דאן גע־שריבען: „טראצדעם וואס דו ביזט זעהר א געלערנטער מענש, איז עס נישט גלייך, ווען איינער לערנט פון זיך אליין, אדער ער לערנט ביי א רבי'ן, און ווענסטו וועלען זאגען, אז דו האסט נישט קיין רבי'ן אין ארץ־ישראל, זאגען מיר דיר, אז דו האסט יא. און ווער איז עס? ר' יוחנן!" (כתובות דף קי"א עמוד א').

איידער רבה בר נחמני איז אוועק קיין ארץ־ישראל, האט ער גע־לערנט ביי רב הונא, דעם ראש ישיבה אין סורא (גטין דף כ"ז עמוד א', בבא מציעא דף י"ח עמוד ב'), און נאכדעם ווי רב הונא איז געשטארבען, איז רבה געגאנגען לערנען צו רב חסדא, איז דאס דאזיגע לערנען ביי רב חסדא'ן נישט געווען ווי דאס לערנען ביי א רבי'ן, נור ווי מיט א חבר (זעה ערובין דף ל"ח עמוד ב', ביצה דף כ"ח עמוד א'). עס האט אויך דאמאלס נישט לאנג גענומען, איז רבה געגאנגען פון סורא קיין פומבדיתא לערנען ביי רב יהודה בר יחזקאל (ערובין דף מ' עמוד ב').

רב יוסף בר חייא

נאָך רבה בר נחמני'ס טויט האָט רב יוסף בר חייא געמוזט אָנ־נעהמען דאָס אמט פון א ראש־ישיבה אין פומבדיתא.

לאַנג שוין זיינען ביידע, רבה בר נחמני און רב יוסף בר חייא, באַטראַכט געוואָרען אלס די גרעסטע חכמים פון זייער דור, און ווי מיר האָבען שוין געשריבען, פלעגט מען רבה'ן טיטולירען „עוקר הרים", וועלענדיג זאָ־גען, אַז ער רייסט אוים בערג און צורייבט זיי אויף שטויב מיט זיין פלפול. און רב יוסף בר חייא פלעגט מען טיטולירען „סיני", ווייל אַלע דינים פון דער תורה זיינען געוועזען אַזוי סיסטעמאַטיש איינגעאָרדנעט אין זיין קאָפּ, גלייך ער וואָלט זיי געהערט פונ'ם אויבערשטען'ס מויל אויף'ן בארג סיני. און ווען עס האָבען איהם די מענשען פון פומבדיתא געוואָלט ערוועהלען אלס ראש־ישיבה, איידער זיי האָבען אויסגעקליבען רבה בר נחמני, איז ער געגאַנגען פרעגען אַן עצה ביי א „שטערענזעהער" . . .

אַט דער רב יוסף בר חייא, וועלכער ווערד אומעטום אָנגערופען רב יוסף סתם, אַהן א נאָמען פון זיין פאָטער, איז געבוירען לערך ד' אלפים ל' לבריאת עולם (דאָס הייסט 270 לויט קריסטליכער רעכענונג) און גע־שטאָרבען איז ער ד' אלפים צ"ג (דאָס מיינט 333 לויט קריסטליכער צייט) — און געוועזן איז ער א מענש א קראַנקער, שטענדיג ליידענד, דערפאַר איז ער אויך געוועזן זעהר אַן אויפגערעגטער און ער פלעגט זאָגען: „דריי מיני מענשען זיינען פאַרהאַן אויף דער וועלט, וואָס זייער לעבען איז נישט קיין לעבען, דאָס זיינען די בעלי רחמנות, די בייזע און די פיינפיהליגע, און די דאָזיגע אַלע דריי מדות האָב איך איבערגענומען" (פסחים דף קי"ג עמוד ב').

ווי עס ווערד דערצעהלט, איז ער שפּעטער נאָך מעהר קראַנק געווען און ער איז זאַגאַר בלינד געוואָרען. האָט ער נישט געהאַט קיין קרענקונג פון דעם, וואָס ער דאַרף לעבען אין דער פינסטערניש, נור וואָס ער קען נישט זעהן און ער איז דערפאַר פטור פון יענע אַלע מצוות, וואָס א מענש דאַרף מקיים זיין, ווען ער זעהט מיט די אויגען (בבא קמא דף פ"ז עמוד א').

דערנאָך האָט רב יוסף ווייטער דורכגעמאַכט א שווערע קראַנקהייט, ביי וועלכער עס איז אין גאַנצען אָפּגעשוואַכט געוואָרען דער כח פון זיין זכרון און ער האָט פאַרגעסען זיין לערנען. האָט זיך דאַן אייניגע מאָל גע־טראָפען, וואָס ווען מען האָט רב יוסף'ס אַן אייגענע הלכה געלערענט אין בית־המדרש, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט דאָס קיינמאָל נישט געהערט און מען האָט איהם געדאַרפט דערמאָנען, אַז ער אַליין האָט עס געזאָגט (זעה ערובין דף י' עמוד א', נדרים דף מ"א עמוד א').

פלעגט ער דאַן זאָגען, אַז אַזוי ווי עס זיינען די גאַנצע און די צו־בראָכענע לוחות פון משה רבנו געלעגען איינע נעבען די אַנדערע אינ'ם ארון הקודש, איז דערפון געדרונגען, אַז ווען א תלמיד חכם האָט פאַרגעסען

זיין לערנען, טאָר מען איהם נישט פאַרשעמען (מנחות דף צ"ט עמוד א'). און וועגען זיין בלינדקייט איז נישט באַוואוסט, צי דאָס איז געווען בעפאָר זיין לעצטער קראַנקהייט און צי ער איז שוין פאַרבליבען בלינד ביז צולעצט.

אין געגענזאַץ צו רבה בר נחמני, וועלכער איז געווען אַן אָרימאַן, איז רב יוסף בר חייא געווען א רייכער מענש, וועלכער האָט געהאַט זיין איינגענם פיעל גאָלד און זילבער, פעלדער און וויינגאָרטנער — און זיינע וויינגאָרטנער זיינען געווען אַזעלכע, וואָס ער האָט זייער ווין געקענט מישען מיט צוויי מאָל אַזוי פיעל וואַסער, ווי מען פלעגט אריינטהון אין יעדען אנדערען ווין (מנחות דף פ"ז עמוד א').

קלינגט דערפאַר א ביסיל צו־פיעל איראָניש, ווען ער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „אָרימקייט פּאַסט זיך צו אידען ווי א רויטע איינהיל צו'ן א ווייס פערד" (חגיגה דף ט' עמוד ב').

אַן עהנליכע איראָניע האָט ער געברויכט, ווען ער איז אַלט געוואָרען זעכציג יאָהר און ער האָט דאַן געמאַכט א סעודה פאַר די אנדערע חכמים, ביי וועלכער ער האָט געזאָגט „פון כרת־יאָהרען בין איך באַפרייט!" (מועד קטן דף כ"ח עמוד א').

רב יוסף איז געווען אַנדערש ווי זיין חבר רבה אין אַלע זיינע דרכים, אין זיין מאָראַלישער אויפפיהרונג גלייך ווי ביי זיין לערנען. ער איז אויך ביי זיך געווען גאַנץ באַשיידען און ער פלעגט זאָגען: „א לעהרער, וואָס איז מוחל אויף זיין כבוד, איז דער כבוד זיינער פאַרציכטעט" (קדושין דף ל"ב עמוד א').

דער אונטערשיעד ביים לערנען צווישען רבה און רב יוסף איז געווען אין פיעלע באַציהונגען. רבה פלעגט זיך מעהרסטענטיילס סומך זיין אויף זיין איינענעם באַגריף און ביי זיינע אויספּרוכען האָט ער נישט קיינמאָל באַאַכטעט, ווען די פון איהם אַנערקענטע מיינונג איז געווען די מיינונג פון א מינאָריטעט, און ווען ער האָט געבראַכט ראיות צו זיינע אויס־שפּרוכען, האָט מען געוועהנליך געדאַרפט אין זיי פיעל אַריינ'פּלפול'ן און זוכען צו פאַרענטפערען קשיות (זעה שבת דף כ"ג עמוד ב', ערובין דף י"ט עמוד ב', בבא בתרא דף ל"א עמוד א', עבודה זרה דף מ"א עמוד א'). דאַגעגען זיינען רב יוסף'ס אויספּרוכען באַגרינדעט אויף א פּשוט'ע ער־קלערונג און זיי נויטיגען זיך נישט אין פּלפּולים, ווייל ער האָט שטענדיג געהאַט בלויז אין זינען וואָס די משנה און די ברייתא זאָגען אָהן שום דריידלעך און אויבער־פּשט'לעך (זעה שבת דף י"ח עמוד א', ערובין דף כ"ט עמוד ב', כתובות דף פ"א עמוד ב', מנחות דף ע"ה עמוד ב').

אַזוי ווי מען האָט געוואוסט, אַז רב יוסף איז גוט באַהאַוונט אין „מעשה מרכבה", האָט מען איהם פיעל מאָל געבעטען, ער זאָל דאָס לעהרענען מיט זיינע תלמידים. האָט ער דאָס אָבער קיינמאָל נישט געוואָלט טהון, האָט מען זיך איינמאָל אויף איהם וועגען דעם שטאַרק אָנ־געזעצט, האָט ער זיך אַרויסגעדרעהט דערפון מיט א פסוק און ער האָט געזאָגט, אַז וואָס דער פסוק זאָגט „דבש וחלב תחת לשונך", מיינט דאָס, אַז ווען וועלכער ס'איז ענין איז אַזוי גוט ווי האָניג און מילך, דאַרף מען עס טאַקי האַלטען הינטער דער צונג און נישט אויסזאָגען (חגיגה דף י"ג עמוד א').

די אמוראים פון בבל

רב יוסף בר חייא האט זיך אויך פיעל אפגעגעבען מיט'ן תרגום צו דער תורה און ספעציעל צו די הפטרות. אזוי ווי דער ברייטער אידישער עולם אין בבל האט דאמאלס ווייניג פארשטאנען העברעאיש, האט מען געדארפט פארלייענען די סדרות און די הפטרות אויף'ן בבל'שען לשון. האט זיך רב יוסף געסטארעט, צונויף צו שטעלען א קארעקטע כאלדעאישע איבערזעצונג פון די סדרות און די הפטרות לויט דער אלטער גריכישער איבערזעצונג פון עקילס (אדער אונקלוס הגר), איז דאס דאן געווארען די גרונדלאגע פון אונזער „תרגום אונקלוס".

מיט א באזונדערער פארליעבע פלעגט ער זיך ביי זיינע געזעצליכע אנטשיידונגען באנוצען מיט פאלקסווערטלעך, א שטייגער ווי: „מיט דעמ־זעלבען לעפעל, וואס דער מייסטער מאכט, קען ער זיך אנבריהען די צונג מיט זענף" (פסחים דף כ"ח עמוד א'); אדער: „קענסט ווארפען א קללה אויף א הונד'ס עק און ער וועט אלץ טהון דאס אייגענע" (מועד קטן דף י"ז עמוד א').

אזוי ווי רב יוסף איז געווען רייך, האט ער די תלמידים זיינע, אנ־געהאלטען ביי זיין אייגענעם טיש און די צאהל זייערע ווערד אנגעגעבען אויף לערך פיער הונדערט (כתובות דף ק"ו עמוד א').

ווי עס ווערד אויך איבערגעגעבען, איז ער געווען זעהר באשיידען. ער איז זיך אויך געווען אליין גוט באוואוסט וועגען זיין באשיידענקייט — און ווען עס איז דאן געזאגט געווארען, אז אזוי ווי ר' יהודה הנשיא איז גע־שטארבען, איז בטל געווארען די באשיידענקייט ביי אידען, האט ער א זאג געטהון: „זאגט'ס דאס נישט, ווייל איך בין דא!" (סוטה דף מ"ט עמוד ב').

צוזאמען מיט רבה בר אבהו האט רב יוסף געהאלטען, אז אזוי, ווי א איד טאר נישט אוועקגעהען פון ארץ־ישראל קיין בבל, טאר מען נישט אוועקגעהען פון בבל וואוינען אין אן אנדער לאנד, אפילו נישט פון פומבדיתא קיין בי־כובי, וועלכע איז געווען די נאהנטסטע שטאדט צו פומבדיתא. און ווען עס איז אמאל איינער אוועקגעגאנגען פון פומבדיתא, וואוינען אין בי־כובי, האט איהם רב יוסף אריינגעלייגט אין חרם. אז אנ־דערער איז אוועקגעגאנגען פון פומבדיתא קיין אסתוניא, וועלכעס געפינט זיך — לויט דער מיינונג פון געוויסע געאגראפען — אינ'ם דרום'דיגען מעזאפאטאמיען, איז ער תיכף געשטארבען (כתובות דף קי"א עמוד א').

קומענדיג אויף דער עלטער, האט רב יוסף דורכאוים געוואלט האבען די געוויסהייט, אז די תורה וועט בלייבען אין זיין פאמיליע, האט ער גע־פאסט פערציג תעניתים, האט מען איהם אין חלום געוויזען דעם פסוק „דברי אשר שמתי בפיך, לא ימושו מפיך" (ישעיה נ"ט כ"א). אזוי ווי דאס האט איהם אבער נישט צופריעדען געשטעלט, האט ער געפאסט ווייטערע פערציג תעניתים, האט מען איהם אין חלום געוויזען „לא ימושו מפיך ומפי זרעך". און ווען ער האט דערנאך ווייטער געפאסט נאך הונדערט תעניתים, האט מען איהם שוין געוויזען „לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך". איז איהם דאס שוין געווען גענוג, ווייל ווען ער איז ביי זיך געווען זיכער, אז די אייניקלעך זיינע וועלען אויך קענען לערנען, האט ער שוין געגלויבט, אז די תורה וועט בלייבען אין זיין פאמיליע (בבא מציעא דף פ"ה עמוד א').

רבה בר רב הונא

רב הונא, דער ראש ישיבה אין סורא, האָט איבערגעלאָזען אַ זוהן מיט'ן נאָמען רבה, וועלכער האָט פיעל געלערענט ביי זיין פאָטער און ער האָט אויך פון איהם גע'ירשנ'ט אַלע גוטע מדות.

און ווען עס איז דער דאָזיגער רבה בר רב הונא געשטאָרבען, איז די ישיבה אין סורא ווי פאַר'יתום'ט געוואָרען, ווייל עס האָט איהר געפעהלט די גרויסע צענטראַלע פערזענליכקייט. האָט זי דאַן דער גרעסטער טייל פון איהרע תלמידים פאַרלאָזען און זיי זיינען אוועקגעגאַנגען לערנען אין פומבדיתא.

ווי עס דאַכט זיך, האָט רבה בר רב הונא געהאַט נאָך די זכיה, צו לערנען ביי רב און שמואל. פיעלע תלמוד'שע מאמרים האָט ער אויך נאָכ־געזאָגט אויף זייערע נעמען. דערנאָך איז ער געגאַנגען קיין ארץ־ישראל און ער האָט דאָרט געלערנט אַ קורצע צייט ביי ר' יוחנן (פסחים דף צ' עמוד א', בבא בתרא דף קל"ה עמוד ב'). שפּעטער האָט ער אָנגעפיהרט זיין אייגענעם בית־המדרש, זאָגאַר דאַמאָלס ווען עס האָט נאָך געלעבט רב חסדא, וועלכער איז געווען דער נאָכפאָלגער פון רב הונא אויפ'ן אַמט פון „ריש מתיבתא" אין סורא.

זיכערליך האָט רב הונא געהייסען זיין זוהן זאָל זיך חבר'ן מיט רב חסדא, ווייל ווען רבה האָט אַמאָל פאַרנאַכלעסיגט זיינע באַזוכען ביי רב חסדא, האָט איהם דער פאָטער דערפאַר אָנגעשטראָפט און רבה האָט זיך געדאַרפט פאַרטיידיגען (שבת דף פ"ב עמוד א').

אויסערדעם איז רבה געווען אַ דיין ביי רב חסדא'ס בית דין (שבת דף י' עמוד א') און די חשיבות זיינע ביי רב חסדא איז געווען אַזוי גרויס, אַז רב חסדא פלעגט אָפטמאָל טראָץ זיין עלטער אָנטהון רבה'ן דעם כבוד און קומען צו איהם אין בית־המדרש אריין, איינהערען זיך צו זיין לערנען (גטין דף מ"ו עמוד א').

זיינען אָבער די אויפטהוען פון רבה בר רב הונא פאַר דער אנטוויק־לונג פונ'ם תלמודישען לערנען וויניג וואָס באַקאַנט. בלויז אַזוי פיעל ווייסט מען, אַז ער איז געווען זעהר באַשיידען אין זיין פיהרונג, און ווען ער האָט אפילו פאַרקעהרט מיט אַ נידריגערן פון זיך, פלעגט ער איהם אָפּגעבען זיין כבוד. דאַביי איז ער אויך געווען צימליך רייך מיט אייגענע פעלדער און וועלדער, פון וועלכע ער האָט געצויגען זיין פרנסה (בבא מציעא דף ק"ח עמוד א').

וועגען רבה'ס באַשיידענקייט איז פיעל גערעדט געוואָרען אפילו אין אַ שפּעטערען דור און מאַנכער פון די נאָכפאָלגענדיגע אמוראים האָט זיך געוואונשען צו דערגרייכען די מדרגה פון רבה בר רב הונא'ס באַשיידענקייט (מועד קטן דף כ"ח עמוד א').

העכסט אינטערעסאַנט איז דאָס פאַרהעלטניס פון רבה בר רב הונא צום „ריש גלותא", וועלכעס קען נישט דערגאַנגען ווערען אויף קלאָר, ווי

וויט עס האָט געגרייכט, ווייל טראָצדעם וואָס עס ווערד דערצעהלט, אז ער פלעגט צוזאַמען מיט רב חסדא׳ן מאַכען די „יום-טוב׳דיגע באַזוכען״ ביים „ריש גלותא״ (סוכה דף י׳ עמוד ב׳), און ווען דער אמורא עולא איז אַמאָל אין אַ שבת געקומען צום „ריש גלותא״, האָט ער דאָרט רבה׳ן געטראָפען (שבת דף קנ״ז עמוד ב׳), איז דאָס נישט אָנצונעהמען אַלס אַן אויסדריקליכען צייכען פון איבערגעבענהייט, ווייל עס איז מעגליך, אז דאָס איז בלויז פאַרגעקומען, ווי לאַנג רב חסדא האָט געלעבט. שפּעטער, ווען רבה בר רב הונא איז געוואָרען אַ זעלבשטענדיגער „ראש ישיבה״ אין סורא, איז איהם אַמאָל אויסגעקומען, צו צאַנקען מיט די מענשען פונ׳ם ריש-גלותא׳ס הויז, האָט ער דאַן צו זיי אַ זאָג געטהון: „נישט פון אייך האָב איך באַקומען די ערלויבנים, צו לערנען מיט אַנדערע, נור איך האָב דאָס געקראָגען פון רב (אבא אריכא), און רב האָט די דאָזיגע ערלויבנים געקראָגען פון רב חייא און רב חייא האָט זי באַקומען פון ר׳ יהודה הנשיא״ (סנהדרין דף ה׳ עמוד א׳).

און ווען רבה בר רב הונא איז געשטאָרבען, איז דאָס געוועזען אין איין צייט מיט׳ן טויט פון רב המנונא, האָט מען זיי דאַן ביידען געפיהרט צו באַגראָבען אין ארץ-ישראל. האָט מען דעם גאַנצען וועג געפיהרט ביידע „ארונות״ אין איין גלייכער שורה, ביז מען איז צוגעקומען צו׳ן אַ שמאָלער בריק, וואו מען האָט נישט געקענט מעהר פיהרען איינעם לעבען אַנדערן אין דערזעלבער שורה, נור מען האָט זיי געדאַרפט שטעלען איינעם הינטער דעם אַנדערן. זיינען די קעמלען, וואָס האָבען געפיהרט די „ארונות״, שטעהען געבליבען בעפאָר דער בריק. איז דאַן אָנגעקומען אַ רייזענדער סוחר, האָט ער געפרעגט, וואָס מען איז דאָ עפּיס פלוצים שטעהן געבליבען. האָט מען איהם אויף דעם געזאָגט, אז מען פיהרט דאָ צוויי חכמים צו זייער קבורה, ווייל יעדער איינער פון זיי, אז דער אַנדערער זאָל געהען פריהער. און נאָכדעם ווי מען האָט יענעם רייזענדען סוחר געזאָגט, ווער די צוויי טויטע חכמים זיינען, האָט ער געזאָגט, אז רבה בר רב הונא דאַרף געפיהרט ווערען דער ערשטער. האָט מען רבה׳ס קעמעל געלאָזט געהן פאָראויס. איז דאָס, דאַכט זיך, דעם טויטען גאָר נישט ניחא געוועזען, ווייל דער קעמעל זיינער האָט אַ בריקע געטהון דעם סוחר און עס האָט איהם אויסגעשלאָגען די צייהן (מועד קטן דף כ״ה עמוד ב׳).

אביי בר כייליל

ווען רבה בר רב הונא האָט אָנגעפיהרט די ישיבה אין סורא, האָט מען זיך אין דער ישיבה פון פומבדיתא נישט געקענט אייניגען וועגען דער פערזאָן פון א „ראש ישיבה", וואָס זאָל פארטרעטען די שטעלע פון רב יוסף בר חייא.

זיינען דאָרט געווען פאַר דעם דאָזיגען אמט פיער קאנדידאטען, דהיינו: אביי בר כייליל, רבא (רב אבא בר חמא הכהן), רב זירא דער צווייטער און רבה בר מתנה. האָבען זיך די דאָזיגע פיער קאנדידאטען איינפארשטאַנען, מען זאָל זיי אלע אין־איינעם פאָרלייגען עפּיס א הארבע קשיא וועגען א הלכה, און וועלכער פון זיי עס וועט געבען א מעהר קלאָרע תשובה, וואָס קיינער וועט זי נישט קענען אָפּוועגדען, דער וועט געקרוינט ווערען אלס „ריש מתיבתא" אין פומבדיתא.

איז דאַן אביי בר כייליל אַרויסגעקומען דער זיגער אין אָט דעם מאָדרנעם „קאָנקורענץ קאַמפּף", ווייל מען האָט אויף זיין אויסשפּרוך גאָר נישט געקענט אָפּפרעגען. דערפאַר איז ער אויך ערוועהלט געוואָרען אלס „ריש מתיבתא" (הוריות דף י"ד עמוד א').

געבוירען איז אביי אין ד' אלפים מ' לבריאת עולם (280 לויט קריסט־ליכער צייטרעכנונג) און געשטאָרבען איז ער ארום ד' אלפים צ"ח (דאָס הייסט 338 לויט קריסטליכער צייט). ער ווערד אויך אָפטמאָל אָנגערופען נחמני אויף'ן נאָמען פון זיין זיידען נחמני, דעם פאָטער פון רבה, ביי וועמען ער איז געווען אויפגעצויגען. איידער ער איז געבוירען געוואָרען, איז זיין פאָטער געשטאָרבען, און זיין מוטער איז געשטאָרבען ביי זיין געבורט, איז אזוי ווי ער איז געבליבען פאר'יתום'ט אָהן א פאָטער און אָהן א מוטער, האָט איהם זיין אָנקעל רבה גענומען צום ערציהען.

פון דעם דאָזיגען אָנקעל (רבה בר נחמני) האָט אביי באַקומען זיין גרויס וויסען אין הלכה. פון איהם האָט ער אויך גע'ירשנ'ט טיעפקייט און שארפזיניגקייט. אויסערדעם האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט נאָבעלע מדות און מיט א ריינעם כאראקטער, וועלכער דערקענט זיך אָם בעסטען אין דעם פאָלגענדען אויסשפרוך זיינעם: „שטענדיג זאָל א מענש זיין אָפענהערציג אין זיין גאָטעספארכטיגקייט, פריינדליך אין זיין פארקעהר, קיינעמען נישט צו דערצערענען. גאַנץ באַזונדערס דאַרף מען זיך פארהאַלטען אין פריעדען מיט קרובים, גלייך ווי מיט יעדען אַנדערן מענש, אפילו מיט א גוי אין גאַס, כדי צו זיין באַליעבט ביי אַלעמען, וואָס שטעהען העכער און צו זיין אָנ־גענומען ביי מענשען, וואָס שטעהען נידריגער" (ברכות דף י"ז עמוד א').

מיט קינדערשער פארעהרונג דערמאָנט אביי שטענדיג די אָם זיינע, וועלכע האָט ביי איהם פארטרעטען די שטעלע פון דער מוטער און זי האָט איהם אויך געגעבען פארשיעדענע אונטערווייזונגען פאר'ן לעבען, גלייך ווי פאַר דער פיהרונג פון די מענשען און פאַר דער טבע פון דער וועלט.

די אמוראים פון בבל

מיט׳ן גרעסטען דרך־ארץ ציטירט ער אריבער א צעהנדלינג איהרע סענ־טענצען, גלייך ווי דאס וואלטען געווען די אויסשפרוכען פון א פראמינענ־טען רבי. די דאזיגע אויסשפרוכען פלעגט ער געוועהנליך באצייכענען מיט׳ן ווערטעל „אמרה לי אם״. און ווי עס איז פון יענע אלע מאמרים צו זעהען, איז אנצונעהמען, אז די דאזיגע אביי׳ס ערציהערין איז געווען אן אויסערגעוועהנליכע פרוי מיט א גרויסער לעבענס־ערפאהרונג און מיט א ברייטען פארשטאנד (זעה שבת דף קל״ד עמוד א׳, ערובין דף כ״ט עמוד ב׳, יומא דף ע״ה עמוד ב׳, מועד קטן דף י״ב עמוד א׳, כתובות דף י׳ עמוד ב׳).

עס איז אויך אנצונעהמען, אז זי האט זיך פארדיענט דעם כבוד, וואס אביי האט איהר געגעבען, ווייל זי האט איהם אפגעהיט ווי אן אויג אין קאפ, עס זאל איהם נישט געשעהן קיין שלעכטס און ער זאל האבען אלסדינג, וואס ער דארף, כדי נישט געשטערט צו זיין ביים לערנען. ער זאגט דאס אויך אמאל אליין, אז „ווען די מוטער זאל איהם געווען הייסען טהון די גרינגסטע זאך, וואלט ער נישט געהאט די מעגליכקייט צו לערנען״ (ערובין דף ס״ה עמוד א׳).

אביי האט פארמאגט אייגענע פעלדער און וויינגערטנער, וועלכע ער האט געוועהנליך איבערגעגעבען צו פאכטערס צום באארבייטען. דאביי איז לחלוטין נישט קלאר, צי ער איז געווען וואהלהאבענד, ווייל ער האט שטענדיג אנגעפיהרט א באשיידענעם לעבען, ווי עס איז צו זעהען פון דעם וואס ווען זיין אלמנה האט נאך זיין טויט פארלאנגט, דער בית־דין זאל איהר צו׳פסק׳נען מזונות מיט וויין, האט מען איהר געענטפערט, אז אויף וויפיל עס איז באקאנט, איז ביי אביי קיינמאל נישט געקומען קיין וויין אויף זיין טיש (כתובות דף ס״ה עמוד א׳).

ווי ווייט אביי׳ס גוטער נאמען איז געווען אומעטום באקאנט, איז צו זעהען דערפון, וואס אפילו די שומרונים, וועלכע האבען זאנסט שלעכט געלעבט מיט אידען, זיינען געווען אביי׳ס פארעהרער. אמאל האבען זיי געפונען זיינעם א פארלוירענעם אייזעל, האבען זיי איהם אפגעגעבען בלויז אויף אביי׳ס ווארט, אז דער אייזעל איז זיינער, נישט־פארלאנגענדיג פון איהם קיין באזונדערע סימנים (גטין דף מ״ה עמוד א׳).

איז דערפאר צו פארוואונדערען, אז אין די יאהרען, וואס אביי איז געווען „ריש מתיבתא״ אין פומבדיתא, האט זיך דארט די צאהל תלמידים פארמינדערט אויף צוויי הונדערט, אנשטאט וואס זייער צאהל האט פריהער געגרייכט אין די טויזענדער.

קען אלזא אנגענומען ווערען, אז די דאזיגע פארמינדערונג פון די תלמידים אין דער ישיבה פון פומבדיתא איז נישט געווען צוליעב דעם, וואס דער חשק צום לערנען איז פלוצים ביי די אידען אין בבל שוואכער געווארען, נור ווייל עס האבען דאן אלע תלמידים געשטרעבט, צו קומען קיין מחוזא, וואו עס האט איטליכען צוגעצויגען די פערזענליכקייט פונ׳ם דארטיגען „ריש מתיבתא״ — רבא, וואס חאטש ער האט געהאט דעמ־זעלבען סיסטעם ביים לערנען ווי אביי, האט טראצדעם געהערשט א שטענ־דיגע מיינונגס־פארשיעדענהייט צווישעןביידען און די תלמידים זיינען אפשר מעהר געניינט געווען צו רבא׳ס זייט.

כמעט ביי אלע חכמים פון יענער צייט האט ווי אויפגעהערט דאס באדערפעניש, אריינצוברענגען נייע אויסטייטשונגען פאר די מצוות פון

דער תורה. ווי עס האָט זיך דאַמאָלס איטליכען אויסגעדאַכט, זיינען שוין אַלע הלכות פון'ם אידישען לעבען מיט זייערע טראַדיציאָנעלע ערקלערונ־גען געווען איינגעטייטשט אויף אַלע מעגליכע אופנים.

האָט זיך דאַן אביי צוזאַמען מיט רבא גענומען אויסגעפינען נייע ענינים, וואָס זיינען נאָך נישט ערקלערט געוואָרען פון אַנדערע. זיינען דאָס געווען פראַגען, וואָס זיינען ארויפגעשוואומען אין די אַלטעגליכע געשע־העניש־ען און מען האָט זיך נישט פריהער אָפּגעשטעלט אויף זיי, שטרע־בענדיג צו געפינען א לעזונג פאַר די דאָזיגע פראַגען, לויט ווי זיי האָבען געקענט. דאָס זיינען די אזוי אָנגערופענע „הוויות דאביי ורבא" (דיסקו־סיאָנען וועגען זאַכען, וואָס קענען אמאָל פּאַרקומען).

כדי בעסער פאַרשטענדליך צו מאַכען דעם ענין פון די דאָזיגע „הוויות", ווילען מיר דערמאָנען צוויי פון זיי.

איין שאלה איז: „עד זומם אם למפרע הוא נפסל או מכאן ולהבא הוא נפסל?" — דאָס מיינט: ווען עס זיינען געקומען עדות, וועלכע האָבען ערקלערט פאַר'ן בית־דין, אז זיי האָבען א געוויסע זאַך געזעהען, און דערנאָך זיינען געקומען אַנדערע עדות, וואָס האָבען באַוויזען, אז יענע ערשטע עדות האָבען געזאָגט א ליגען, ווערד דאַן זייער עדות זאָגען פסול אויף תמיד. איז אַלזאָ א שאלה, פון ווען אָן עס ווערען אַזעלכע עדות גע'פסל'ט, צי פון זייער פאַלשער עדות־זאָגען אָנגעהויבען, אָדער ערשט פון דער צייט, ווען עס ווערד באַוויזען, אז זיי האָבען פאַלש עדות געזאָגט? ווייל טאָמער האָבען די דאָזיגע פאַלשע עדות אין דער צווישענצייט פון זייער ערשטען עדות־זאָגען ביז צום איבערגעוויזען ווערען אַלס ליגנער, אונטערגעשריבען דאָקומענטען אָדער געזאָגט עדות אמת'ע וועגען אַנדערע אַנגעלעגענהייטען, צי דאַרף זייער אונטערשריפט אָדער זייער שפּעטערע עדות־זאָגען אַנערקענט ווערען אָדער נישט?

די אַנדערע שאלה איז: „בעל חוב אם למפרע הוא גובה או מכאן ולהבא הוא גובה?" — דאָס מיינט: צי שטעהט דאָס אייגענטום פון'ם געלד־לייהער (מלוה) באַלד ביים ערשטען טאָג פון דער הלואה און ער קען מיט דעם פאַר'משכון'טען (פאַרמאַרטגיידזשטען) אייגענטום טהון, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען זיין אייגענס, אָדער ער קריגט ערשט דאָס פאַרפי־נונגס־רעכט איבער'ן פאַרמשכון'טען אייגענטום פון יענעם טאָג אָן, וואָס מען זעהט, אז דער שולדיגער קען נישט אָדער ער וויל נישט באַצאָהלען זיין חוב?

וועגען דער צייט, ווי לאַנג אביי איז געווען „ריש מתיבתא" אין פומבדיתא, זיינען פאַרהאַנען פאַרשיעדענע מיינונגען. איינע האַלטען, אז דאָס האָט בלויז געדויערט פינף יאָהר. דאַנגעגען זאָגען אַנדערע, אז ער האָט אַמטירט צוועלף אָדער דרייצען יאָהר.

אין אביי'ס לעצטע טעג האָבען זיך געהערט שלעכטע בשורות פון ארץ־ישראל. די אידען זיינען דאָרט דאַמאָלס שרעקליך אונטערדריקט גע־וואָרען דורך די רוימער אונטער קייזער קאָנסטאַנציוס. זיינען דאַן פיעלע פליכטלינגע פון ארץ־ישראל אָנגעקומען אין פומבדיתא, וועלכע ווערען אָנגערופען אין דער גמרא „נחותי דמערבא". האָבען די דאָזיגע פליכט־לינגע מיטגעבראַכט מיט זיך די תורה פון ר' יוחנן און זיי האָבען אויך געהאָלפען צו'ן א וויטערער אַנטוויקלונג פאַר דער תורה פון בבל.

האָט מען דאַן איבערגעגעבן צו אביי אויף'ן נאָמען פון ר' יוחנן, אז עס איז ערלויבט פאַר א פרוי, וואָס איהרע צוויי ערשטע מאַנען זיינען געשטאָרבען, זי זאָל הייראַטען א דריטען מאָל, ווייל ר' יוחנן האָט גע־האַלטען, אז אזא פרוי קען נאָך נישט באַצייכענט ווערען אלס א „קטלנית" (דאָס מיינט א פרוי, וואָס איהרע מאַנען שטאַרבען אין איהרע זינד און זי טאָר נישט מעהר הייראַטען). האָט דאַן אביי אָנגענומען ר' יוחנן'ס מיי־נונג און ער האָט תיכף געהייראַטה די שעהנע פרוי הומא, אַן אייניקעל פון רב יהודה בר יחזקאל, וועלכע איז שוין געוועזן צוויי מאָל אַן אלמנה. און נאָכדעם ווי זי האָט חתונה געהאַט מיט אביי אלס איהר דריטען מאַן, האָט ער נישט מעהר לאַנג געלעבט און ער איז געשטאָרבען — 58 יאָהר אלט.

דער נאָמען זיינער איז געוועזן אביי בר כייליל הכהן — און לויט ווי עס ווערד איבערגעגעבען אין דער „אגרת רב שרירא גאון", איז דער דאָזיגער כייליל געוועזן א ברודער פון רבה בר נחמני. אָבער גלייך ווי מיר ווייסען נישט, וואָס פאַר א נאָמען „כייליל" איז, ווייסט מען אויך נישט די באַדייטונג פונ'ם נאָמען „אביי". זאָגט אויף דעם דער „יוחסין", אז אביי איז א נוטריקון פונ'ם פסוק „אשר בך ירוחם יתום" (הושע קאַפּיטעל י"ד פסוק ד'). אַנדערע דאַגעגען זאָגען, אז דער נאָמען „אביי" איז א סירישער און די טייטש פונ'ם וואָרט איז אַ טרייסט, וועלכעס איז כמעט דאָסזעלבע וואָס „נחמני", ווי אַנדערע פלעגען אונזער אביי רופען (זעה שבת דף ל"ג עמוד א', נדרים דף נ"ד עמוד ב').

אין דער צייט, וואָס אביי איז געבוירען געוואָרען, איז זיין אָנקעל רבה בר נחמני געוועזן נאָך א יונגער מענש, ניט עלטער פון אַרום 17 יאָהר. ער איז אויך דאַמאָלס געוועזן א תלמיד פון רב יהודה בר יחזקאל אין פומבדיתא. און ווען אביי איז אַ ביסיל אונטערגעוואַקסען, האָט איהם דער אָנקעל זיינער תיכף גענומען צום לערנען אין דער ישיבה פון זיין רבי'ן. און ווען דאָס לערנען דאָרט איז אפילו געוועזן דאַמאָלס איבער אביי'ס השגות, האָט דער אָנקעל זיינער געוואָלט, ער זאָל זיך דאָרט גלאַט אַזוי איינהערען, וואָס די גרויסע חכמים לעהרנען. און ווען אביי איז שפּעטער רייף גע־וואָרען אין זיין אויפפאַסונג, גוט צו פאַרשטעהען, וואָס מען לערנט אינ'ם בית־המדרש, זיינען די רביים זיינע געוועזן רבה בר נחמני און רב יוסף בר חייא, וועלכע זיינען דערוויי'ל געוואָרען די פיהרער פון דער ישיבה אין פומבדיתא.

דאָס פאַרהעלטניס פון אביי צו זיין אָנקעל רבה בר נחמני איז געוועזן פול „יראת הכבוד" פון א תלמיד צו זיין רבי'ן, אויסגעמישט מיט אַן אומגעהייערער קינדערשער ליעבשאַפט. רבה בר נחמני איז אויך שטענ־דיג געוועזן באַשטרעבט אָנצושטאָפּען זיין ברודער'ס זוהן מיט אַלע מעגליכע חכמות און צו שאַרפען זיין מוח מיט אַלערליי שאַרפזיניגקייטען (ברכות דף ל"ג עמוד א'). דאַגעגען איז דאָס פאַרהעלטניס פון אביי צו רב יוסף בר חייא געוועזן גאָלע רעספּעקט. ווערד טאַקי דערצעהלט, אז ווען אביי פלעגט דערזעהן בלויז די אויערען פון רב יוסף'ס אייזעל, וועלכעס איז געוועזן א צייכען, אַז דער רבי זיינער קומט אָן, איז איידער ער האָט נאָך דערזעהען דעם רבי'ן אליין, איז ער שוין געשטאַנען פול עהרפורכט אויף זיינע פיס (קדושין דף ל"ג עמוד א').

אביי בר כײליל

װען אביי איז נאָך יונג געװען, איז ער שױן געװען באַװאוסט מיט זײַן טיפער געלעהרזאַמקײט. האָט ער דאַן באַלד אָנגעפיהרט אַן אײגענע ישיבה, אפילו װען זײַן רבי רב יוסף בר חייא האָט נאָך געלעבט (בבא בתרא דף כ״ב עמוד א׳). װי עס איז שױן אױבען דערצעהלט, איז רב יוסף בר חייא אױף זײַנע עלטערע יאָהרען קראַנק געװען און ער האָט אױך פאַר־געסען זײַן לערנען. פלעגט איהם אביי אָפטמאָל דערמאָנען זײַנע אײגענע הלכות. אָבער אײדער רב יוסף בר חייא האָט נאָך געהאַט פאַרגעסען זײַן לערנען, האָט אביי שטענדיג מיט איהם דיסקוטירט אין פאַרשידענע פראַ־גען און רב יוסף פלעגט איהם דאביי באַהאַנדלען נישט װי אַ תלמיד זײַנעם, נור װי אַ חבר.

מיט זײַן חבר רבא איז אביי געװען פון קינדװײַז אָן צוזאַמען אױפ־געצױגען (ברכות דף מ״ב עמוד א׳). דערנאָך האָבען זיך די אומשטענדען אַזױ אַנטװיקעלט, אַז װען אביי האָט געלערנט בײַ רבה בר נחמני, האָט רבא געלערנט בײַ רב נחמן בר יעקב אין מחוזא און אין נהרדעא. האָט דאַדורך געהערשט אַ גרױסע מײנונגס־פאַרשידענהײט צװישען בײדען, װעלכע האָט אָבער שטענדיג געטראָגען אַ פרײַנדשאַפטליכען כאַראַקטער.

פון דער צײַט, װאָס אביי האָט געלערנט צוזאַמען מיט רבא, גע־פינט זיך אין דער גמרא דער אױסדרוק „אביי ורבא דאמרי תרווייהו״ לערך דרײַסיג מאָל. װײַטער געפינט זיך דאָרט אַ צװאַנציג מאָל דער אױסדרוק „מתיב אביי לרבא״ (אביי האָט בײַ רבא׳ן אָפּגעפרעגט) און אַ 70 מאָל גע־פינט זיך דער אױסדרוק „אמר אביי לרבא״ (אביי האָט רבא׳ן ערקלערט).

דאָ דאַרפען אױך פאַרצײכענט װערען די צום מעהרסטען כאַראַקטע־ריסטישע אױסשפּרוכען פון אביי אין פראַגען פון „הלכה״, װעלכע גיבען אונז אַ בילד פון זײַן געדאַנקען־גאַנג.

העברעאיש אַלס אַ שפּראַך איז דאַן אַזױ פאַרהײליגט געװען אין די באַגריפען פון׳ם פאָלק, אַז מען האָט אַזש מורא געהאַט צו געברױכען אַ העברעאיש װאָרט אױף אַן אומרײנעם פּלאַץ. האָט אביי װעגען דעם גע־זאָגט: „װאָכענדיגע װערטער מעג מען זאָגען אין לשון־הקודש אפילו אױף אַן אומרײן אָרט״ (שבת דף מ׳ עמוד א׳).

אביי האָט אױך שטאַרק אַכטונג געטהון אױף די רײנקײט פון׳ם מענשען בײַם אַרױסגעהען אין גאַס. און אַזױ װי מען האָט דאַמאָלס אַכטונג געגעבען, צו װאַשען זיך די הענד בעפאָר דעם עסען, האָט אביי געזאָגט, אַז „דאָס װאַשען די הענד און דאָס מױל נאָכ׳ן עסען איז אַ װיכטיגערע פליכט״ (ערובין דף י״ז עמוד ב׳).

בײַ דער שאלה פון חמץ אים פסח אָדער נאָך פסח, װעלכעס איז אסור בהנאה, האָט אביי געזאָגט, אַז װען די הנאה קומט געגען דעם מענ־שען׳ס װילען, איז זי ערלױבט (פסחים דף כ״ה עמוד ב׳).

אין דער פראַגע פון אַ גט האָט ער געזאָגט, אַז דאָס רײדען װעגען געבען אַ גט צו דער פרױ, איז נאָך נישט קײן פאַרפליכטונג צו דער אױספיה־רונג פון דעם, װאָס מען האָט גערעדט (גטין דף ל״ד עמוד א׳). און װען אײנער זאָגט צו אַ פרױ, אַז ער איז זי מקדש מיט דעם, װאָס ער האָט איהר געליהען, איז די קדושין נישט גילטיג. זאָגט ער איהר אָבער, אַז ער איז זי מקדש מיט׳ן נוצען פון דער הלואה, איז די קדושין אַ גילטיגע (קדושין דף ו׳ עמוד ב׳).

ביי אן „ער זומם”, דאס מיינט: ווען אן עדות איז געקומען צום בית־דין און ער האט ערקלערט, אז ער האט א געוויסע זאך געזעהען, דער־נאך איז געקומען אן אנדערער עדות און ער האט באוויזען, אז יענער ערשטער עדות האט געזאגט א ליגען, איז דאן זיין עדות־זאגען פסול גע־ווארען אויף תמיד, האט אביי געזאגט, אז דאס פסל'ן זיינס דארף זיין פונ'ם פאלשען עדות־זאגען אנגעהויבען (בבא קמא דף ע"ג עמוד א').

און וועגען דעם פאר'משכון'טען אייגענטום פון א שולדנער, האט אביי געזאגט, אז אזא אייגענטום שטעהט אינ'ם רשות פונ'ם געלד־לייהער באלד ביים ערשטען טאג פון דער הלואה און ער קען מיט דעם פאר'משכון'־טען אייגענטום טהון, גלייך ווי דאס וואלט געווען זיין אייגענס (גטין דף ל"ד עמוד א').

נאך א וויכטיגע פראגע איז געווען, אז ווען איינער פארלירט עט־וואס און ער איז זיך מייאש דערפון, ווייל ער ערווארטעט נישט מעהר, דאס פארלוירענע צוריק צו געפינען, מעג דער וואס געפינט דאס פארלוירענע עס באהאלטען, ווייל ער איז א „זוכה מן ההפקר”. טאמער איז אבער דער פארלירער אומבאוואוסט וועגען זיין פארלוסט און עס האט שוין דערווייל אימיצער דאס פארלוירענע געפונען, הייסט דאס א „יאוש שלא מדעת” און וועגען אזא „יאוש” האט אביי געהאלטען, אז ער הייסט נישט קיין אמת'ר יאוש, און ווער עס געפינט אזא פארלוסט, האט נישט קיין רעכט, דאס צו באהאלטען (בבא מציעא דף כ"א עמוד ב').

אין זיינע באלעהרונגען האט זיך אביי אפטמאל באנוצט מיט „פאלקס־ווערטלעך”, א שטייגער ווי וואס ער זאגט: „קיינמאל זאל נישט א מענש עפענען זיין מויל צום שלעכטען, נישט צו געבען א געלעגענהייט צום שטן, ער זאל קענען שעדיגען” (ברכות דף י"ט עמוד א'). ביי אן אנדערער געלעגענהייט האט ער געזאגט: „א דיענסט וואס דערצערענט פיעל מאל איהר הארינטע קריעגט דערנאך איהר באצאהלונג פאר אלעמען מיט איינ־מאל” (שבת דף ל"ב עמוד א') אדער: „ווען א דארפישער מענש ווערד א קעניג, פיהלט זיך פון איהם שטענדיג דער ארט, פון וואנען ער איז גע־קומען” (מגלה דף ז' עמוד ב').

ווען אביי האט געלערנט ביי זיין אנקעל רבה בר נחמני, האט ער געלערנט גאנצע טעג און נעכט, און ווען מען האט איהם אמאל געפרעגט, פארוואס ער מאכט נישט קיין „ערוב” ביים ארייגאנג צו זיין הויז, האט ער געענטפערט: „ווי קען איך האבען אין זינען אזעלכע זאכען, ווען איך בין כסדר באשעפטיגט מיט לערנען?” (ערובין דף ס"ח עמוד ב').

א לאנגע צייט האט אביי פיעל געליטען פון פארשיעדענע קראנקהיי־טען. אזוי האט ער, למשל, געליטען פון אן אזוי אנגערופענעם „וואסער־בויך”, וועלכעס האט נישט צוגעלאזען א רעגעלמעסיגע פארדויאונג פון שפייז און ער איז פשוט געווען פארהונגערט (שבת דף ל"ג עמוד א'). צוליעב דעם דאזיגען ליידען זיינעם האט ער אפילו נישט געקענט דוכנ'ען (חולין דף קל"ג עמוד א'). ער האט אויך פיעל געליטען פון קאליע צייהנער (יומא דף פ"ד עמוד א'). דאס מויל זיינס איז געווען פול געפעהרליכע צאהנ־געשווירען, צו וועלכע ער האט באנוצט פארשיעדענע רפואות, וואס האבען נישט געהאלפען, ביז עס איז נישט אנגעקומען אין פומבדיתא א רייזענ־

דער סוחר, וועלכער האט איהם געגעבען די ריכטיגע רפואה (עבודה זרה דף כ"ח עמוד א').

דאס קענען לייגען תפלין, צו וועלכען עס האט זיך געגויטיגט א ריינער קערפער, איז דעמאלט — ווי עס דאכט זיך — געווען אנגענומען ביי אונזערע חכמים ווי א זאך, וואס מען דארף זיך וועגען איהר פרעהען. ווערד דערפאר דערצעהלט, אז אביי איז אמאל געזעסען ביי זיין אנקעל רבה בר נחמני, האט ער דאן געזעהען, ווי דער אנקעל איז עפיס שטארק דערפרעהט. האט אביי דעם אנקעל געפרעגט, ווי עס קומט, וואס ער איז עפיס פלוצים צו־פיעל אויפגעלייגט, ווען דער פסוק האט אונז אנגעזאגט „וגילו ברעדה", וועל־כעס מיינט, אז יעדע פרייד דארף זיין פארבונדען מיט א ציטער. האט איהם דער אנקעל געענטפערט: „אט האב איך געלייגט תפלין!" (ברכות דף ל' עמוד ב').

ווי אויבען דערמאנט, האט אביי פארמאגט אייגענע פעלדער און וויינגערטנער, וועלכע ער האט איבערגעגעבען צו פאכטערס, האט ער זיך אבער פון דעסטוועגען אליין אויך אפגעגעבען מיט פעלדארבייט. וואהר־שיינליך האט ער געהאט וועגען דעם מיט די פאכטערס אן אפמאך, ווייל ווי עס ווערד דערצעהלט, פלעגט ער א גאנצען טאג זיצען און לערנען און ביינאכט פלעגט ער דארפען באוואסערען זיינע פעלדער. און ווען עס איז אמאל צו'ן איהם געקומען איינער א תלמיד און ער האט איהם געבעטען, ער זאל מיט איהם לערנען, האט איהם אביי געזאגט, אז ער האט נישט קיין צייט דערצו, ווייל בייטאג דארף ער אליין לערנען און ביינאכט דארף ער באוואסערען זיינע פעלדער (גטין דף ס' עמוד ב').

נאכ'ן טויט פון רב יוסף בר חייא האט מען געדארפט אויסקלויבען א „ריש מתיבתא" פאר דער ישיבה אין פומבדיתא, זיינען דאן געווען פיער קאנדידאטען פאר דעם דאזיגען אמט, און ווען אביי איז דאן ארויסגעקומען דער זיגער, איז פון דאמאלס אן זיין גרויסער נאמען נאך מעהר באריהמט געווארען. האבען זיך צו איהם צונויפגעקליבען פיעלע תלמידים און ער פלעגט זאגען: „די באלוינונג פאר'ן הערען דעם רבין'ס דרשה, איז דאס שטופען זיך צו הערען" (ברכות דף ו' עמוד ב'). עס זיינען איהם אויך זיינע תלמידים זעהר ליעב געווען און ער פלעגט זאגען: „זאל דאס מיר בייזשטעהען, וואס ווען איך האב געזעהן, אז א תלמיד האט געענדיגט לער־נען א מסכתא, האב איך באלד געמאכט א יום־טוב פאר די רבנן" (שבת דף קי"ח עמוד ב').

ווייטער ווערד דערצעהלט, אז אביי פלעגט יעדען פרייטאג פאר נאכט קריגען א גרוס פונ'ם הימעל. האט ער דאן איין מאל געהערט, אז דער פרומער אבא אומנא קריגט אזא גרוס יעדען טאג. האט דאס איהם גע־קרענקט, נישט צוליעב דעם וואס יענער האט אזא גרויסע זכיה, נור וואס ער קען נישט האבען אזא זכיה, האט ער דערפאר געשיקט עטליכע תלמידים זיינע, צו אונטערזוכען דעם זכות פון יענעם אבא אומנא. האבען זיי אויסגעפונען, אז דער דאזיגער אבא אומנא איז ווירקליך גרויס אין זיינע גוטע מעשים און ער פארדיענט זיך די אויסצייכנונג (תענית דף כ"א עמוד ב').

כאראקטעריסטיש איז אויך, וואס עס ווערד דערצעהלט וועגען אביי'ס טאלעראנץ, ווי ער פלעגט יעדען באאורטיילען צום גוטען, ווייל ער האט פאר־

שטאנען, אז א מענש קען נישט שטענדיג זיצען און לערנען (קדושין דף ל"ג עמוד א'). דעסגלייכען פלעגט ער זאגען, אז די גאנצע וועלט קען נישט זיין ווי יעקב אבינו (יבמות דף ע"ו עמוד א'). און טאמער ווייסט נישט א תלמיד חכם עפיס א זאך, איז דאס נאך נישט קיין באווייז, אז ער איז נישט קיין גרויסער מענש (גטין דף ו' עמוד ב').

און ווען אביי האט אמאל געוואלט אנ'מוסר'ן דעם עולם, וואס זיי זיינען נישט מקפיד אויף דער זינד פון „חלול שבת", האט ער געזאגט, אז די אורזאך וואס ירושלים איז חרוב געווארען, איז דאס בלויז געווען, ווייל זיי האבען דארט מחלל־שבת געווען (שבת דף קי"ט עמוד א'). און ווען אביי האט געזעהען, אז עס זיינען פארהאן אידען, וואס העלפען דער רע־גירונג ארויס קוועטשען פון די מענשען די קעניגליכע שטייערען אהן רחמנות, האט ער דערצעהלט וועגען א קעניגליכען באאמטען א איד, וועלכער איז פארוואונדעט געווארען פון א שלאנג און עס האט איהם נישט גע־האלפען קיין שום רפואה, און דאס איז איהם געקומען, ווייל ער האט נישט אכטונג געגעבען אויף דעם כבוד פון די חכמים, וואס זייער ביס איז ווי דער ביס פון א שלאנג.

צוליעב אביי'ס אפשטאמונג פון עלי הכהן, וואלט ער געדארפט לעבען בלויז פערציג יאהר, ווי זיין אנקעל רבה. האט ער זיך אבער פיעל אפגעגעבען מיט תורה און גמילות חסדים, איז ער דערפאר אויסנאהמסווייז פון דער גאנצער משפחה אלט געווארען זעכציג יאהר (ראש השנה דף י"ח עמוד א').

רבא בר יוסף בר חמא

דער נאָהנטסטער חבר פון אביי בר כיילי איז געווען רבא בריה דרב יוסף בר חמא, וועלכער ווערד אומעטום אין דער גמרא אָנגערופען בלויז מיט דעם איינפאַכען נאָמען ר ב א, און חאָטש עס האָט אָפטמאָל געהערשט אַ שאַרפע מיינונגס־פאַרשידענהייט צווישען אביי און רבא און זיי זיינען אויך דאָס רוב פון זייער לעבען נישט געווען צוזאַמען אין דערזעלבער שטאָדט, ווערען זיי פון דעסטוועגען מעהרסטענטיילס דערמאָנט אין איינעם.

ווי עס הייסט, זיינען זיי ביידע (אביי און רבא) צוזאַמען אויפ־געבראַכט געוואָרען אין זייער יוגענד. עס איז נור נישט גענוי באַוואוסט, ווען און ווי אַזוי דאָס איז געווען. און טראָץ דער מיינונגס־פאַרשידענהייט צווישען ביידען האָט אויך מאַנכעס מאָל געטראָפען, וואָס ביידע האָבען געזאָגט דאָס נעמליכע. איז דאָס אָבער געווען גאָר אַ זעלטען געשעהעניש.

אינטערעסאַנט איז אויך, אַז ביי אַ מיינונגס־פאַרשידענהייט צווישען ביידען איז געוועהנליך אביי דערמאָנט דער ערשטער און רבא דער צווייטער. קען מען אָבער דערפון נישט אַרויסדרינגען, אַז דאָס איז צוליעב דעם, וואָס אביי׳ס חשיבות איז אַ גרעסערע. עס איז בלויז אָנצונעמען, אַז דאָס איז, ווייל אביי איז פריהער גרויס געוואָרען און ביי אַ „קאָנקורענץ־קאַמף" וועגען דעם אַמט פונ׳ם ראש־ישיבה אין פומבדיתא איז ער געבליבען דער זיעגער. אויסערדעם דאַרף באַמערקט ווערען, אַז חאָטש רבא האָט שוין געהאַט אָנגעפיהרט אַן אייגענעם בית־המדרש אין מחוזא, פלעגט ער אָפט־מאָל געהן קיין פומבדיתא, הערען אביי׳ס אַ מיינונג, ווען עס איז איהם אַמאָל עטוואָס שווער געווען און עס האָט זיך איהם נישט געוואָלט דעם ענין אליין אָנטשיידען.

דאָס מעהרסטע, וואָס רבא האָט געלערנט, האָט ער איבערגענומען ביי רב נחמן בר יעקב, וואו ער האָט געקראָגען דעם יסוד פאַר אַלע זיינע ידיעות. טיעף אין האַרצען איינגעקריצט איז ביי איהם געבליבען יעדעס וואָרט פון רב נחמן — און ווען עס איז נור עטוואָס קשה געווען אין רב נחמן׳ס ווערטער, איז געקומען פרעגען אַן ערקלערונג ביי רבא.

פריהער, איידער רבא איז אָנגעקומען לערנען ביי רב נחמן בר יעקב, איז ער געווען אַ תלמיד פון רבה בר אבהו. דערנאָך האָט ער אויך פיעל געלערנט ביי רב הונא און שפּעטער ביי רב חסדא, וועמעס טאָכטער ער האָט דאַן געהייראַטה, ווען זי איז שוין געווען אַן אלמנה נאָך רמי בר חמא.

ווערד וועגען דער דאָזיגער הייראַט דערצעהלט, אַז רב חסדא׳ס טאָכטער איז געזעסען אַלס קינד ביי איהר פאָטער אויפ׳ן שויס, ווערענד ער האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים, זיינען דאַן רבא און רמי בר חמא געזעסען די נאָהנטסטע צו רב חסדא׳ן אין דער ערשטער שורה, זיי זאָלען קענען בעסער הערען, וואָס דער רבי האָט צו זאָגען. האָט דאַן רב חסדא געפרעגט דאָס קינד, וועלכען פון די ביידע תלמידים זי וויל האָבען פאַר אַ

מאן, רבא'ן אדער רמי בר חמא? — האט דאס קינד געענטפערט „איך וויל ביידען!"

האט רבא אויף דעם געזאגט: „צוערשט וועט זיין איהר מאן ער, רמי הייסט עס, און דערנאך איך!" — אזוי איז עס אויך טאקי געשעהן. צוערשט האט רב חסדא'ס טאכטער חתונה געהאט מיט רמי בר חמא, און דערנאך, ווען זי איז געווען אן אלמנה, האט זי חתונה געהאט מיט רבא (בבא בתרא דף י"ב עמוד ב').

א געוויסע צייט נאך רב נחמן'ס טויט איז רבא געווען א תלמיד ביי רב יוסף בר חייא און ער האט אויך געלערנט ביי רב ששת.

ווי עס ווערד דערצעהלט, איז רבא געווען געבענשט מיט עשירות. ער האט פארמאגט פיעל פעלדער און וויינגערטנער, וועלכע ער האט איבער־געגעבען צו פאכטערס. ער האט אויך אנגעפיהרט מסחרים און ער האט געהאט אייגענע שיפען (בבא בתרא דף קנ"ג עמוד א').

צוליעב דער דאזיגער עשירות זיינער האט ער געהאלטען די גאנצע באפעלקערונג פון מחוזא אונטער זיין קאנטראל. און אזוי ווי ער איז אויך געווען געבענשט מיט חכמה, האט איהם איטליכער צוגעטיילט דעם גרעסטמעגליכען כבוד.

פלעגט ער דערפאר וועגען זיך אליין זאגען: „איך האב געבעטען ביים אויבערשטען, ער זאל מיר געבען די חכמה פון רב הונא, האט ער זי מיר געגעבען. דערנאך האב איך געבעטען, איך זאל האבען דאס עשירות פון רב חסדא, האט עס מיר דער אויבערשטער געגעבען. נור בלויז צו איין גוטער מדה האב איך נישט זוכה געווען. איך האב געבעטען ביים אויבערשטען, ער זאל מיר געבען די עניוות פון רבה בר רב הונא און איך האב זי נישט באקומען!" (מועד קטן דף כ"ח עמוד א').

קען אבער מיט באשטימטהייט געזאגט ווערען, אז וואס רבא זאגט וועגען זיין עניוות, האט ער זיך נישט ריכטיג אפגעשאצט. עטליכע מאמרים זיינע באווייזען, אז ער האט זיך אין עניוות געקענט מעסטען מיט יעדען פראָ־מינענטען „עניו". זאנסט וואלט אזא מענש ווי ער נישט געקענט זאגען, אז „ווער עס איז מוחל אויף'ן כבוד פון זיין ראנג, דעם איז דער אויבערשטער מוחל זיינע זינד" (יומא דף כ"ג עמוד א').

און ווען רבא האט גערעדט וועגען לערנען, פלעגט ער זאגען, אז „די תורה איז נישט געגעבען געווארען צו מלאכים" (ברכות דף כ"ה עמוד ב'). אמאל האט ער אויך דערמאנט דעם פסוק „לא בשמים היא", וועלכעס מיינט, אז די תורה איז נישט אויף'ן הימעל, האט ער דאביי געזאגט, אז די תורה קען זיך נישט געפינען ביי דעם, וואס האלט זיך שטארק אין זיין מיינונג ווי די הויך פונ'ם הימעל (ערובין דף נ"ה עמוד א').

ביים ענדע פון זיין דאווענען יעדען טאג פלעגט רבא זאגען די פאל־גענדע תפלה: „איידער איך בין באשאפען געווארען, בין איך גאר נישט ווערטה געווען, און נאכדעם ווי איך בין שוין איצט באשאפען, איז דאס גלייך ווי איך וואלט גאר נישט געווען באשאפען. שטויב בין איך ביי מיין לעבען און א כל־שכן שוין נאך מיין טויט!" (ברכות דף י"ז עמוד א', יומא דף פ"ז עמוד ב').

כאראקטעריסטיש פאר רבא'ס דענקונגס־ארט איז, וואס ער האט ליעב געהאט דעם אמת און ער האט שרעקליך פיינט געהאט חניפה (כתובות דף

ק"ה עמוד ב'). האט ער דערפאר געזאגט, אז „א תלמיד־חכם, וואס האלט זיך אנדערש ביי זיך אינעווייניג, ווי ער ווייזט זיך פאר מענשען אויסענ־ווייניג, קען זיך נישט רעכענען פאר א תלמיד־חכם" (יומא דף ע"ב עמוד ב').

זעהר פיעל האט רבא געשטרעבט, אויפצוהויבען דעם כבוד פון דער תורה און די תלמידי חכמים האבען זיך צו איהם צוגעשארט אין די טוי־זענטער. האט ער פון דעסטוועגען געבעטען, מען זאל נישט צו איהם קו־מען וועהרענד דעם חודש ניסן, ווייל דאס איז די צייט פון שניט אין די פעלדער, גלייך ווי ער האט געבעטען, אז מען זאל נישט צו איהם קומען אינ'ם חודש תשרי, ווען עס איז די צייט פונ'ם טרעטען דעם וויינקעלטער, ווייל אין די דאזיגע צוויי חדשים דארפען די מענשען באזארגען זייער פרנסה פונ'ם גאנצען יאהר (ברכות דף ל"ה עמוד ב') *).

רבא האט געהאט זיין בית־המדרש אין מחוזא. דארט איז ער וואר־שיינליך געבוירען געווארען און דארט האט אויך זיין פאטער (רב יוסף בר חמא) אנגעפיהרט אן אייגענעם בית־המדרש אין די טעג פון רבה בר אבהו, נאכדעם ווי פפא בר נצר האט חרוב געמאכט די שטאדט נהרדעא און די חכמים זיינען פון דארט אנטלאפען.

און ווענען דער שטאדט מחוזא דארף מען וויסען, אז דאס איז געווען א גרויסע שטאדט, באזעצט פון א מעהרהייט אידען. דער גרעס־טער טייל פון איהרע איינוואוינער איז באשטאנען פון סוחרים (גטין דף ו' עמוד א'). אנדערע זיינען געווען גרויסע עשירים (בבא קמא דף קי"ט עמוד א'). די גוטע לאגע פון די אידען אין מחוזא האט עס אויך פאר־אורזאכט, וואס פילע גוים האבען זיך דארט מגייר געווען (זעה קדושין דף ע"ג עמוד א').

זיינען פון דעסטוועגען געווען דארט אין מחוזא מאסען ארימע לייט, ווי עס איז צו זעהן פון דעם, אז ווען רפרם בר פפא האט אמאל געערדט ווענען דער גרויסקייט פון רב הונא, וואס ווען ער ברעכט דורך א ברויט, הייסט ער עפענען טהיר און טויער אין זיין הויז פאר יעדען נויטבאדערפטיגען, ער זאל קומען מיטעסען, האט רבא אויף דעם געזאגט: „מיר וואלטען דא אלסדינג געקענט נאכטהון, אויסער דאס מיט'ן ברויט, ווייל עס זיינען פארהאנען ביי אונז צו פיעל ארימע לייט, וואס ווען מיר זאלען זיי רופען, וואלטען זיי טאקי געקומען מיט אונז עסען!" (תענית דף כ' עמוד ב').

האט דאן רבא באגרינדעט אין יעדער שטאדט א צענטער פאר'ן אידישען לערנען, וועלכער האט ערפאלגרייך קאנקורירט מיט דער ישיבה פון פומבדיתא. און אין א שטאדט פון אזא געמישטער באפעלקערונג, פארשטעהט עס זיך אליין, אז עס האט זיך זעהר שטארק גענויטיגט, אז דער ראש־ישיבה זאל פארמאגען א גרויסע מאס פון „טאלעראנץ" אקעגען די פארשידענע עלעמענטען. איז עס טאקי מערקווירדיג, אז רבא האט אנגע־זאגט צו זיינע זיהן, זיי זאלען נישט הייראטען קיין „גרים" (ברכות דף ה' עמוד ב'). וואלט זיך דערפאר געקענט אויסדאכטען, אז רבא

---

*) די צוויי חדשים ניסן און תשרי, וואס רבא האט אנגעזאגט צו די תלמידי־חכמים, זיי זאלען נישט דאמאלס צו איהם קומען, זיינען נישט דיזעלבע וואס די „חדשי כלה" (אלול און אדר), וואס די תלמידים האבען דאמאלס דוקא יא געדארפט קומען לערנען די דינים פון די באפארשטעהענדע ימים־טובים.

האָט זיך אויסגעהיט פון יעדער דערנעהנטערונג צו גוים. האָט ער פון דעסטוועגען אַמאָל געשיקט צו איינעם אַ גוי מיט׳ן נאָמען בר־שישך אַ מתנה אָדער אפשר גאָר אַ „קרבן" לכבוד דעם גוי׳ס אַ יום־טוב, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז דער דאָזיגער בר־שישך איז נישט קיין געצענדינער (עבודה זרה דף ס"ה עמוד א׳).

און ווי הויך רבא האָט געהאַלטען די ווערדע פון דער תורה, אַז ווען ער האָט אַמאָל געזעהן ווי רב המנונא פאַרבריינגט לאַנג ביי זיין דאַווענען, האָט ער אַ זאָג געטהון: „מענשען לאָזען אָפּ דאָס אייביגע לעבען און גיבען זיך אָפּ מיט צייטווייליגע אינטערעסען" (שבת דף י׳ עמוד א׳), פון וועלכען עס איז צו זעהן, אַז דאָס דאַווענען האָט נישט געהאַט ביי איהם קיין באַזונדערע חשיבות, ווייל די תלמידי־חכמים, וואָס האַלטען די מצוות פון דער תורה זיינען געווען פיעל חשוב׳ער אין זיינע אויגען און ער פלעגט זאָגען: „ווי נאַריש זיינען די מענשען, וועלכע שטעלען זיך אויף פאַר אַ ספר־תורה און זיי שטעהען נישט אויף פאַר אַ גרויסען מאַן!" (מכות דף כ"ב עמוד ב׳).

באַזונדער אינטערעסאַנט פאַר רבא׳ס פאַרהעלטנים צו אָרימע לייט איז, וואָס עס ווערד דערצעהלט, אַז עס איז אַמאָל צו איהם געקומען אַן אָרימאַן, וועלכער האָט געבעטען עסען, האָט איהם רבא געפרעגט: „וואָסערע שפּייזען עסט דו געוועהנליך?" — האָט דער אָרימאַן אויף דעם געענטפערט: „איך בין געוואוינט צו עסען געשטאָפּטע היהנער און צו פאַרטרינקען מיט אַלטען וויין!"

האָט איהם רבא אויף דעם געזאָגט: „און ביזטו נישט גאָר באַ־קימערט וועגען די שלעכטע צייטען פון דער אַלגעמיינהייט?" — האָט דער אָרימאַן געענטפערט: „איז דען מיין עסען זייערס? איך עס בלויז פון דעם, וואָס דער אויבערשטער באַשערט מיר!"

און וועהרענד זיי האָבען אַזוי גערעדט, ווערד ווייטער דערצעהלט, איז אָנגעקומען רבא׳ס אַ שוועסטער, וועלכע ער האָט נישט געזעהן דרייצען יאָהר, האָט זי מיט זיך געבראַכט אַ געשטאָפּטע הוהן און אַלטען וויין. האָט זיך דאַן רבא געווענדעט צו יענעם אָרימאַן און ער האָט געזאָגט: „אַט בין איך צוליעב דיר געהאָלפען געוואָרען, טאָ קום עסען מיט מיר צוזאַמען" (כתובות דף ס"ז עמוד ב׳).

עס ווערד דערצעהלט, אַז מען האָט אַמאָל ביי רבא׳ן אַוועקגע׳גנב׳עט עטליכע שאָף, נאָכדעם ווי גנבים האָבען זיך אונטערגעגראָבען צו זיין שטאָל. שפּעטער האָט מען די גנבה צוריקגעבראַכט, האָט זי רבא נישט געוואָלט אָננעהמען, ווייל ער האָט געזאָגט, אַז אַזוי ווי די גנבים האָבען דורכגע־פיהרט זייער גנבה מיט לעבענסגעפאַהר, איז דאָס שוין זייער אייגענטום (סנהדרין דף ע"ב עמוד א׳).

וועגען רבא׳ן זיינען נאָך פאַרהאַנען צעהנדליגער לעגענדעס, אַ שטייגער ווי אַז רבא פלעגט קריגען גרוסען פונ׳ם הימעל יעדען ערב־יום־כפּור. האָט ער דערפאַר געהאַט אַ ביסיל עגמת־נפש, וואָס אביי פלעגט קריגען אַזעלכע גרוסען יעדען פרייטאָג, און נאָכדעם ווי רבא האָט אָנגעפרעגט די אורזאַך, האָט מען איהם געענטפערט, אַז ער דאַרף זיין צופרידען מיט דעם, וואָס ער קען באַשיצען די גאַנצע שטאָדט מיט זיין זכות (תענית דף כ"ב עמוד א׳).

רבא בר יוסף בר חמא

א באַזונדערע סימפּאַטיע האָט די אַלטע קעניגין איפרא הורמיז, די מוטער פון קעניג סאַפּאָר דעם צווייטען, געפיהלט צו רבא'ן. ווי מיר האָבען שוין דערצעהלט, איז קעניג סאַפּאָר דער צווייטער געווען שלעכט צו אידען. פלעגט איהם זיין מוטער, איפרא הורמיז, אָפטמאָל אָפּהאַלטען פון ארויסגעבען זיינע גזרות און ספּעציעל צוליעב איהר סימפּאַטהיע צו רבא.

האָט אַמאָל רבא געלאָזט געבען מלקות צו אַ אידען אַ „בועל ארמית" — און דער געשלאָגענער איד איז פון די דאָזיגע מלקות געשטאָרבען. האָט דאָס דער קעניג געהערט, האָט ער דערפאַר געוואָלט רבא'ן שווער באַשטראָפען. האָט איהם די אַלטע קעניגין געזאָגט: „איך בעט דיך, לאָז זיך נישט אריין אין קאָנפליקטען מיט אידען, ווייל וואָס די דאָזיגע מענשען ווילען, טהוט זיי זייער גאָט צוליעב".

— למשל, וואָס קען זיי זייער גאָט אַזוינס צוליעב טהון? — האָט דער קעניג געפרעגט זיין מוטער מיט אַן אומגלויביגען שמייכעל אויף די ליפּען.

— אָט גיט ער זיי אַ שטייגער רעגען יעדעס מאָל, ווען זיי בעטען וועגען דעם! — האָט די אַלטע קעניגין געזאָגט.

— טאָ זאָל דער רבא מאַכען, אַז עס זאָל היינט אין דער צייט פון תקופת תמוז פּלוצים געהן אַ רעגען, וועל איך איהם שענקען די שטראָף! — האָט דער קעניג געזאָגט.

האָט זיך רבא אַוועקגעשטעלט בעטען אויף רעגען — און נאָך אַ ביסיל „דינגעניש" מיט'ן אויבערשטען איז אָנגעקומען אַ שלאָגס-רעגען, וועלכער האָט זיך געצויגען פון מחוזא ביז צום טייך חדקל (תענית דף כ"ד עמוד ב').

ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט, ווערד דערצעהלט, האָט די קעניגין איפרא הורמיז געשיקט פיער הונדערט גאָלדענע רענדלאַך צו רב אמי, וועלכער האָט די נדבה נישט געוואָלט אָננעמען. האָט רבא די דאָזיגע נדבה יאָ אָנגענומען און רב אמי האָט דאָס געלד צוטיילט צווישען אָרימע גוים (בבא בתרא דף י' עמוד ב'). עס ווערד אויך דערצעהלט, אַז די קעניגין האָט אַמאָל געשיקט צו רבא'ן אַ „קרבן", ער זאָל איהם מקריב זיין לשם שמים (זבחים דף קט"ז עמוד ב').

די פראַגע, ווען און ווי לאַנג רבא האָט געלעבט, איז זעהר אַ פאַרוויקעלטע. לויט דער מיינונג פון רש"י (עבודה זרה דף י"ט עמוד ב'), האָט רבא געלעבט בלויז פערציג יאָהר. עס איז אויך פאַרהאַן אַ מאמר אין דער גמרא, וואו עס ווערד געזאָגט, אַז רבא איז געבוירען געוואָרען אין דעם טאָג, וואָס רב יהודה בר יחזקאל איז געשטאָרבען. הייסט עס אָבער אין דער „אגרת רב שרירא גאון", אַז רבא איז געשטאָרבען אין תרס"ג לשטרות (דאָס הייסט ד' אלפים קי"ב לבריאת העולם אָדער 352 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג), איז דאָס אַ ווידערשפּרוך צום ציטירטען מאמר פון דער גמרא, ווייל מען וואָלט אין אַזאַ פאַל געמוזט זאָגען, אַז רבא איז געבוירען געוואָרען נישט אין דעמזעלביגען טאָג וואָס רב יהודה בר יחזקאל איז געשטאָרבען, נור דרייצען יאָהר שפּעטער.

אַן אַנדערע טהעאָריע וועגען דער דאָזיגער פראַגע איז פאַרהאַן ביים רמב"ם, וואָס זיין נוסח אין דער גמרא איז „עד שלא מת רב יהודה", דאָס הייסט, אַז רבא איז געבוירען געוואָרען איידער רב יהודה בר יחזקאל איז געשטאָרבען. עס ווערד אויך איינמאָל דערמאָנט אין דער גמרא, אַז רבא

האט עטוואס געזאגט צו רב יהודה (בבא קמא דף צ"ז עמוד א'). ביי אן אנדערער געלעגנהייט האט ער ווייטער עטוואס נאכגעזאגט אויף רב יהודה'ס נאמען (שבת דף קכ"ט עמוד א'). און אזוי ווי רבא איז געווען א צייט פון 14 יאהר ראש־ישיבה אין מחוזא, ווילען מאנכע בארעכענען, אז ער איז אלט געווען 74 יאהר, ווען ער איז געשטארבען.

צו באמערקען איז נאך, אז אין די יאהרען וואס רבא האט געלעבט און געווירקט, איז געווען די גרעסטע זארג פון די חכמים אין בבל, וואס מען האט געמוזט יעדען חודש ווארטען אויף דער אנטשיידונג פונ'ם בית־דין הגדול אין ארץ־ישראל, צו באשטימען דעם ראש־חודש און די ימים טובים, וואס זיינען אין יענעם חודש אויסגעקומען. האט דאמאלס הלל השני, דער „נשיא" פון ארץ ישראל, געוואלט איינפיהרען א ראדיקאלע ארדנונג אין דער באשטימונג פונ'ם אידישען קאלענדער.

די צייטען זיינען געווען אזעלכע, אז דאס ארויסשיקען שלוחים וועגען דער נייער לבנה און די באשטימונג פונ'ם חודש איז אפילו אין ארץ־ישראל געווען פארבונדען מיט לעבענסגעפאהר. קען מען זיך שוין פארשטעלען, מיט וואס פאר א געפאהרען עס איז געווען פארבונדען דאס ארויסשיקען שלוחים קיין בבל. האט דאן רב הונא בר אבין איבערגעגעבען דעם סיסטעם פונ'ם „עבור" צו רבא אין מחוזא. עס האט זיך אויך געפונען ביי די חכמים אין די הענד די טאבעלע פונ'ם „עבור", וואס שמואל ירחינאה האט אמאל פארפאסט. שפעטער האט הלל השני איבערגעגעבען די ארדנונג פונ'ם אידישען קאלענדער אין אזא פארם, אז איטליכער זאל קענען אליין בארע־כענען די ראשי־חדשים און די ימים־טובים. ס'איז נור בלויז אנגעזאגט געווארען, אז טראצדעם וואס מען וועט קענען אין בבל באשטימען די חדשים, זאל מען דארט ווייטער אפהיטען דעם אזוי אנגערופענעם „יום־טוב שני של גליות", ווי מען פלעגט דאס פריהער טהון, איידער מען האט נאך געהאט דעם ריכטיגען קאלענדער.

און מעהר נאך ווי פאר אנדערע האט רבא מחמיר געווען וועגען דעם דאזיגען ענין פאר זיך אליין און ער פלעגט האלטען אפילו יום־כפור צוויי טעג, ווייל ער האט געדענקט, אז אפשר האט דער בית־דין אין ארץ־ישראל באשטימט דעם יום־כפור אויף א טאג שפעטער (זעה ראש השנה דף כ"א עמוד א').

רב נחמן בר יצחק

אַרום די לעצטע יאָהרען פונ'ם דריטען יאָהרהונדערט לויט דער קריסטליכער צייטרעכנונג האָבען די פאַרפאָלגונגען אָקעגען אידען אין ארץ־ישראל אָנגענומען אַ שרעקליכע פאָרם, זיינען דאָרט דאַמאָלס די ישיבות צוליעב די גרויסע צרות אין גאַנצען בטל געוואָרען. אין דערזעלבער צייט איז אָבער דאָס לערנען אין בבל אָנגעגאַנגען ווייטער ווי פריהער, כאָטש עס האָט פּלוצים פאַרלוירען די ביזאַהעריגע שאַרפקייט.

נאָכדעם ווי רבא איז געשטאָרבען, איז זעהר שווער געוועזען צו געפינען איינעם, וואָס זאָל מיט'ן כח פון זיין לערנען קענען פאַרנעהמען רבא'ס אָרט. די ישיבה אין מחוזא, וואו רבא האָט געלעהרענט, איז דאַן פון זיך אַליין פאַנאַנדערגעפאַלען און עס האָט צוריק אויפגעשיינט־ דאָס ליכט פון פּומבדיתא. איז עס אָבער נישט מעהר געווען אַזאַ העל ליכט ווי פריהער און עס איז כמעט ווי פאַרשוואונדען דער אַמאָליגער גלאַנץ פון דער דאָזיגער ישיבה. גלייכצייטיג איז אויך באַגרינדעט געוואָרען אַ נייער „צענטער" פאַר'ן אידישען לערנען אין בבל — אין דער שטאָדט נרש (נאַרעס).

איז דאַן אויסגעקליבען געוואָרען ר ב נ ח מ ן ב ר י צ ח ק אַלס דער „ראש ישיבה" אין פּומבדיתא *).

געבוירען איז דער דאָזיגער רב נחמן לערך ד' אלפים מ' לבריאת העולם (280 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג) און געשטאָרבען איז ער אין ד' אלפים קט"ז (דאָס איז 356 לויט קריסטליכער צייט). איז דאָס געווען די צייט, וואָס די „אמוראים" פון בבל האָבען אָנגעהויבען אויפשרייבען די תלמודישע לעהרען זייערע. די „משניות" פון רבי יהודה הנשיא גלייך ווי די „ברייתות" פון ר' חייא און ר' אושעיא זיינען שוין לאַנג געווען אויפגעשריבען. דעסגלייכען איז שוין דער „תלמוד ירושלמי" אַרומגעגאַנגען איבער די ישיבות אַ געשריבענער, ווען אפילו נאָך נישט קיין פאַרענדיגטער. האָט מען דאַן מורא געהאַט, מען זאָל נישט פאַרגעסען די לעהרען פון די בבל'שע אמוראים, האָט יעדער תלמיד חכם אָנגעשריבען פאַר זיך, וואָס ער האָט געדענקט פון דעם, וואָס זיינע פאָרגענגער האָבען געלעהרענט.

האָט דאַמאָלס רב נחמן בר יצחק פיעל געהאָלפען ביי דער שריפטליכער צונויפשטעלונג פון די דאָזיגע לעהרען. פלעגט ער דערפאַר וועגען זיך זאָגען: „איך בין נישט קיין געלעהרטער אָדער אַן איינטייטשער, איך זאָל עטוואָס זאָגען פון מיין אייגענער מיינונג. איך זאָג אויך נישט קיין זאַך אויפ'ן נאָמען פון אַ יחיד, ווייל אַלעס, וואָס איך זאָג, האָב איך גע־

*) דא דארף באמערקט ווערעז, אז ווען עס ווערד אונז איבערגעגעבען איז דער גמרא געוויסע אויסשפּרוכען און געשעהענישען וועגען רב נחמן בר יצחק, איז דארט דאס דער־צעהלטע אפטמאל פארוועקסעלט מיט רב נחמן בר יעקב — און ווי ווייט עס איז נור מעגליך, האבען מיר זיך פון די דאזיגע פארוועקסלונגען אויסגעהיט.

הערט ביים לערנען אין דער ישיבה און אזוי האָב איך אויך שטענדיג מסדר געווען דאָס געהערטע בעפאָר מיינע רביים" (פסחים דף ק"ה עמוד ב').

די חשיבות פון רב נחמן בר יצחק ביי די מענשען פון זיין צייט איז געווען גאָר א גרויסע — צוליעב זיין פיעל־באַוואוסטער פרומקייט, **אזוי ווי צוליעב דעם,** וואָס ער איז געווען א מענש פון מוטה און ער האָט זיך נישט איבערגעשראָקען אפילו פאר'ן „ריש גלותא". ווערד טאַקע וועגען איהם דערצעהלט, אַז ווען ער איז אמאָל געזעסען צוזאַמען מיט רבא'ן, האָט מען גראַד דאַמאָלס פאַרבייגעטראָגען איינעם פון דעם ריש־גלותא'ס משפחה אין א גאָלדענעם „טראָגזעסעל", איינגעהילט אין א גרינעם מאַנטעל. איז רבא שנעל צוגעלאָפען דעם מענשען צו באַגריסען און רב נחמן בר יצחק האָט זיך נישט גערירט פונ'ם אָרט, זאָגענדיג: „רבא דאַרף איהם אודאי האָבען, אָבער איך דאַרף איהם נישט!" (גטין דף ל"א עמוד ב').

יונגערהייד איז רב נחמן בר יצחק געווען א תלמיד פון רב נחמן בר יעקב, און ווען רבא איז דאָרט געזעסען אין יענעם בית־המדרש, איז רב נחמן בר יצחק געזעסען א שורה ווייטער פון רבא (ערובין דף מ"ג עמוד ב'). שפּעטער איז רב נחמן בר יצחק געווען א תלמיד פון רב חסדא (עבודה זרה דף ס"ג עמוד א'). און ווען ר' יוסף בר חייא האָט נאָך גע־לעבט און רבא האָט דאַמאָלס אָנגעפיהרט אַן אייגענעם בית־המדרש אין מחוזא, איז דאָרט רב נחמן בר יצחק געווען דער „ראש כלה" דאָס הייסט דער פאָרשטעהער פון די דרשות (בבא בתרא דף כ"ב עמוד א'). ער איז שוין אויך דאַמאָלס געווען באַוואוסט מיט זיין פרומקייט. האָט דאַן אביי וועגען איהם געזאָגט, אַז ער איז א „מרא דעובדא", דאָס הייסט, א מענש, וואָס היט אָפּ געגוי יעדע רעליגיעזע טהאַט זיינע (שבת דף ל"ז עמוד ב').

אָבער טראָצדעם, וואָס רב נחמן בר יצחק איז געווען „ראש כלה" ביי רבא, האָט רבא נישט געלייגט אויף איהם קיין גרויס כבוד, ווען ער האָט **אמאָל עטוואָס געפרעגט,** וועלכעס איז רבא'ן נישט געפעלען געוואָרען. ביי אַזא געלעגענהייט האָט רבא אמאָל א זאָג געטהון: „וועגען דעם ווע־לען מיר מוזען וואַרטען, אליהו הנביא זאָל דאָס אונז דערקלערען!" (ברכות דף ל"ה עמוד ב'). ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט אונזער רב נחמן געוואָלט אָפּענטפערען אויף רבא'ס א הלכה דורכ'ן איבערדרעהען די טייטש פון א ברייתא, האָט זיך רבא אויף איהם זעהר שטאַרק אָנגעבייזערט (בבא בתרא דף פ"ז עמוד א').

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס רב נחמן בר יצחק פלעגט זיך אליין רופען „מנה בן פרס" (א גאַנצער, דער זוהן פון א האַלבען). זאָגט אויף דעם רש"י, אַז דאָס איז, ווייל דער פאָטער זיינער איז נישט געווען קיין „מוסמך". אַנדערע מפרשים זאָגען, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס אונזער רב נחמן איז געווען אַן עושר און דער פאָטער זיינער איז נישט געווען קיין עושר (תענית דף כ"א עמוד ב').

און וועגען רב נחמן'ס מוטער ווערד דערצעהלט, אַז זי האָט זיך שטענדיג געסטאַרעט, צו פיהרען איהר זוהן אויף א וועג פון גאָטעספאָרכטיג־קייט, און ווען שטערענזעהער האָבען איהר אמאָל געזאָגט, אַז איהר זוהן איז באַשטימט צו זיין א גנב, האָט זי איהם קיינמאָל נישט ארויסגעלאָזען אין גאַס מיט'ן הוילען קאָפּ, זאָגענדיג: „דעק דיר צו דעם קאָפּ, וועסטו מורא האָבען פאַר גאָט. צוגלייך דאַרפסטו אויך בעטען רחמים, עס זאָל דיך נישט באַהערשען דער יצר־הרע!" (שבת דף קנ"ז עמוד ב').

רב פפא

לערך צוואַנציג יאָהר אינגער פון רב נחמן בר יצחק, אָבער מעהר פּראָמינענט, איז געווען ר ב פ פ א , וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון אביי אין דער ישיבה פון פומבדיתא און נאָך אביי'ס טויט איז ער גע־גאַנגען לערנען ביי רבא'ן, וואו ער איז אויך פאַרבליבען, ביז רבא איז געשטאָרבען (ערובין דף נ"א עמוד א', פסחים דף קי"א עמוד ב').

געבוירען איז רב פפא לערך ד' אלפים ס' (דאָס מיינט 300 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג) און געשטאָרבען איז ער ד' אלפים קל"ה (375 לויט קריסטליכער רעכנונג).

אין דער יוגענד זיינער — דאַכט זיך — איז רב פפא געווען אַן אָרימאַן. דערנאָך האָט ער זיך גענומען אויסאַרבייטען ביער פון טייטלען און ער איז דערפון זעהר רייך געוואָרען (ברכות דף מ"ד עמוד ב', מנחות דף ע"א עמוד א'). גלייכצייטיג האָט ער אויך געהאַנדעלט מיט מאָהן (גטין דף ע"ג עמוד א').

די דאָזיגע געשעפטען זיינע האָט רב פפא אָנגעפיהרט בשותפות מיט רב הונא בריה דרב יהושע און די פריינדשאַפט צווישען אָט די צוויי שותפים איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבען זיך זייער לעבען לאַנג נישט אָפּגע־שיידט איינער פונ'ם אַנדערען, סיי ווען זיי זיינען געזעסען ביי זיך אין דער היים און סיי זיי זיינען ערגיץ געגאַנגען (ברכות דף נ"ח עמוד א', שבת דף קל"ו עמוד א', יבמות דף פ"ה עמוד א'). און ווען רב פפא איז שפּעטער געוואָרען ראש־ישיבה, איז רב הונא בריה דרב יהושע געווען ביי איהם דער „ראש כלה" (ברכות דף נ"ו עמוד א').

נאָכדעם ווי רבא איז געשטאָרבען, איז רב נחמן בר יצחק געוואָרען „ראש ישיבה" אין פומבדיתא און רב פפא האָט אָנגעפיהרט אַן אייגענע ישיבה אין נרש (נארעס). זיינען דאַן אַהין געגאַנגען כמעט אַלע תלמידים פון מחוזא, און ווען זיי פלעגען אויפשטעהען נאָכ'ן לערנען, איז זייער צאָהל געווען אַריבער צוויי הונדערט (כתובות דף ק"ו עמוד א').

וועגען דער אַלטעגליכער פיהרונג פון רב פפא ווערד דערצעהלט, אַז זי איז געווען אויסערגעוועהנליך איבער'ן דין. איינמאָל האָט ער געקויפט אַ פעלד פון איינעם, וועלכער האָט געדאַרפט דאָס געלד אויף צו קויפען אָקסען. דערנאָך האָט יענער פאַרקויפער נישט געדאַרפט מעהר דאָס געלד און ער האָט חרטה געהאַט אויפ'ן פאַרקויף. האָט איהם רב פפא צוריק־געגעבען זיין פעלד אָהן יעדער שוועריגקייט, חאָטש ער האָט דאָס לויט'ן דין נישט געדאַרפט טהון (כתובות דף צ"ז עמוד א').

איז דאַדורך רב פפא'ס גוטער נאָמען געווען באַוואוסט ביי אַלע מענשען, אפילו שומרונים, וועלכע האָבען געוועהנליך נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די אידישע חכמים, זיינען אויך געקומען צו'ן איהם זיך לאָדען (בבא מציעא דף ס"ט עמוד א').

גאנץ אנדערש איז שוין געווען רב פפא'ס פארהעלטניס צו די גויים, צו וועלכע ער האט נישט געהאט קיין צוטרוי. ווערד וועגען דעם דערצעהלט, אז ער איז אמאל געגאנגען מאהנען א חוב ביי אן ארמית. האט זי איהם געבעטען זיצען אויף'ן בעט. האט ער זיך נישט געוואלט אוועקזעצען, ווי לאנג ער האט נישט אונטערזוכט דאס בעט, צי עס געפינט זיך נישט דארט עפיס, וואס קען העלפען מאכען אויף איהם א בלבול, און ווי עס ווערד ווייטער דערצעהלט, האט ער אויך דארט אין דעם בעט געפונען א טויט קינד (ברכות דף ח' עמוד ב').

עס דארף דא נאך צוגעגעבען ווערען, אז רב פפא איז געווען א „גבאי צדקה" אין זיין שטאדט — און אלס אזעלכער איז, לויט די אומשטענדען פון דאמאלס, גארנישט געווען מעגליך צו קענען ארבייטען צו דער צופרידענהייט פון אלעמען (זעה בבא בתרא דף ט' עמוד א'). ווערד טאקי דערצעהלט, אז רב פפא איז אמאל ארונטערגעגאנגען פון א טרעפ און ער האט זיך א גליטש געטהון, שיער נישט צום פאלען. האט ער דאן געזאגט: „ווען איך וואלט יעצט געפאלען, וואלט איך אומפארדיענטערהייט געהאט דעמזעלבען עונש, וואס א מחלל־שבת דארף באקומען". האט איהם חייא בר רב מדפתי אויף דעם געזאגט: „ס'איז מעגליך, אז דאס איז דיר געקומען, ווייל עס איז צו דיר געקומען אן אריםאן און דו האסט איהם נישט מפרנס געווען!" (בבא בתרא דף י' עמוד א).

רב פפא איז אויך באקאנט געווען אלס א שטארקער עסער, וואס פלעגט עסען מינדעסטענס פיער מאל אזוי פיעל ווי יעדער אנדערער מענש (פסחים דף פ"ט עמוד ב').

און טראצדעם, וואס רב פפא איז געווען א „ראש ישיבה" און פראמינענט אין זיין לערנען, האט ער געהאט א תלמיד מיט'ן נאמען רב שימי בר אשי, וועלכער האט איהם אפטמאל דערקוטשעט מיט אזעלכע שאלות, וואס רב פפא האט זיך ביי זיי פארשעהמט, ווייל ער האט זיי נישט געקענט פארענטפערען. האט ער דערפאר געבעטען אין זיין תפלה, אז דער אויבערשטער זאל איהם ארויסהעלפען פון שימי'ס שאלות (תענית דף ט' עמוד ב').

צוזאמען מיט זיין אויבענדערמאנטען חבר רב הונא בריה דרב יהושע האט רב פפא געהאט אמאל א פראצעס מיט עטליכע סוחרים, וועלכע האבען זיי ביידען צוגעקלאגט ביי רבא, און אזוי ווי רבא האט גע'פסק'נט צו גונסטען פון יענע סוחרים, האט ער געזאגט: „ווייסע גענז ווילען ארונטערשלעפען די קליידער פון מענשען" (גטין דף ע"ג עמוד א').

די הלכות פון רב פפא און זיינע „ווערטלעך" אין אגדה צעהלען זיך אין די הונדערטער. און אזוי ווי ער איז געווען א סוחר מיט א גרויסער לעבענס־ערפאהרונג, געפינען מיר פיעלע „ווערטלעך" אויף זיין נאמען, וואס זייער ווערטה איז געבליבען ביז צום היינטיגען טאג, א שטייגער ווי:

ביי דער טיר פון א געוועלב מיט שפייז זיינען פאראן פיעל ברידער און פריינד, אבער ביי דער טיר פון הונגער איז נישט פארהאנען קיין ברידער און קיין פריינד (שבת דף ל"ב עמוד א').

ווען דו געהסט זיך לאזען אין וועג אריין, דארפסטו זיך פריהער אפרעכענען מיט דיין שונא, ער זאל פאר דיר מורא האבען (סנהדרין דף צ"ה עמוד ב').

רב פפא

אין א הויז פון טרויער איז גוט צו שווייגען (ברכות דף ו' עמוד ב').

ווער עס האט א ווייב א קליינגעוויקסיגע, דארף זיך צו איהר צו־בויגען, צו קענען מיט איהר שמועסען (בבא מציעא דף נ"ט עמוד א').

אז מען לאזט א מחלוקה איבערנעכטיגען, הערט זי פון זיך אליין אויף (סנהדרין דף צ"ה עמוד א').

ווען איינער נוקמ'ט זיך אין מיטען פון זיין כעס, מאכט ער חרוב זיין אייגען הויז (סנהדרין דף ק"ב עמוד ב').

א גר אפילו ביז צום צעהנטען דור טאר מען נישט פארשעהמען א גוי אין זיין געגענווארט (סנהדרין דף צ"ד עמוד א').

דארפסט זייהען דיין תבואה, דו זאלסט נישט דארפען קויפען, ווייל וויפיל דו וועסט דערפון ארויסקריגען, וועט אלץ זיין א ברכה (יבמות דף ס"ב עמוד א').

אפילו א וואל־פוצער איז נישט קיין חרפה ארויסצורופען פאר'ן טויער און אוועקצוזעצען זיך לעבען איהם (יבמות דף קי"ח עמוד ב').

ווען אימיצער זאגט דיר, אז דיין חבר איז געשטארבען, דארפסטו גלויבען; זאגט מען דיר אבער, אז ער איז רייך געווארען, מוזטו דאס נישט גלויבען (גטין דף ל' עמוד ב').

א הונד מיט א קאץ מאכען זיך אמאל א סעודה פון שלום, ווען זיי פטר'ן א שותפות'דיגען שונא (סנהדרין דף ק"ה עמוד א').

ווען עס ענדיגט זיך דער גערשט אין דעם קרוג, קומט די מחלוקה אריין אין הויז (בבא מציעא דף נ"ט עמוד א').

געה ארונטער נידריגער א טרעפ צו נעהמען א ווייב; געה ארויף העכער א טרעפ אויסצוקלויבען אן אונטערפיהרער (יבמות דף ס"ג עמוד א').

פיעל אלטע קעמלען טראגען אויף זיך די הויט פון די יונגע (סנהדרין דף נ"ב עמוד א').

דארפסט זיין שנעל ביים קויפען א פעלד און לאנגזאם ביי נעהמען א פרוי (יבמות דף ס"ג עמוד א').

טהו אן זייד אויף א חזיר, ווען ער וואלגערט זיך אין דער בלאטע (ברכות דף מ"ג עמוד א').

ווער עס קען טרינקען ביער און ער טרינקט דוקא ווין, איז עובר אויף „בל תשחית" (שבת דף ק"מ עמוד ב').

רב הונא בריה דרב יהושע

ווי מיר האָבען שוין אויבען געשריבען, איז רב הונא בריה דרב יהושע געווען א חבר פון רב פפא. צוזאַמען פלעגען זיי ביידע אָנפיהרען מסחרים און די פריינדשאַפט צווישען זיי איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבען זיך זייער לעבען לאַנג נישט אָפּגעשיידט איינער פונ'ם אַנדערן, סיי ווען זיי זיינען געזעסען ביי זיך אין דערהיים און סיי ווען זיי האָבען זיך אַמאָל געלאָזט אין וועג אריין.

ביידע זיינען זיי אין זייער יוגענד געווען תלמידים פון אביי ורבא, און ווען רבא האָט נאָך געלעבט, האָבען זיי ביידע אָנגעפיהרט אַן אייגענעם בית־המדרש אין נרש (נארעס), וואו זיי זיינען ביידע געווען דיינים. און חאָטש רב הונא ווערד שטענדיג אָנגערופען אויף'ן נאָמען פון זיין פאָטער און דער פאָטער זיינער ווערד טיטולירט „רב", ווייסען מיר נישט פון דעסטוועגען, ווער און וואָס רב הונא'ס פאָטער איז געווען.

עס ווערד אויך דערצעהלט, אַז ווען רב פפא און רב הונא בריה דרב יהושע זיינען אַמאָל געגאַנגען צוזאַמען מיט אביי, איז רב פפא געגאַנגען אויף דער רעכטער זייט פון אביי און רב הונא איז געגאַנגען אויף דער לינקער זייט. איז דאַן אָנגעקומען א בייזער ווינד פון דער לינקער זייט האָט אביי געהייסען רב פפא'ן געהן פון זיין לינקער זייט און רב הונא'ן פון דער רעכטער (פסחים דף קי"א עמוד ב').

ווי עס איז שוין אויך געווען דערצעהלט, איז רב נחמן בר יצחק געווען „ראש ישיבה" אין נרש (נארעס) און זיין חבר רב הונא בריה דרב יהושע איז דאָרט געוואָרען „ריש כלה" (דער פאַרשטעהער פון די דרשות).

אָבער חאָטש רב פפא איז געווען דער „ראש ישיבה" און רב הונא האָט בלויז געהאַט דעם טיטעל „ריש כלה", זיינען זיי ביידע געווען ווי גלייך אין זייער ווערדע. זיי האָבען אויך צוזאַמען אַרויסגעגעבען פסקים אין אַלע פראַגען פונ'ם רעליגיעזען און געזעלשאַפטליכען לעבען, ווייל וואָס איינער האָט געזאָגט, האָט דער אַנדערער פול און גאַנץ אָנערקענט אָהן שום מיינונגס־פאַרשיעדענהייט.

תלמידים אייגענע, דאַכט זיך, האָט רב הונא נישט געהאַט. אַלע תלמידים פון דער ישיבה אין נרש (נארעס) זיינען געווען פאַררעכענט אַלס די תלמידים פון רב פפא. אויף רב פפא'ס נאָמען האָבען זיי אויך אַלסדינג נאָכגעזאָגט און עס איז נישט צו זעהן אין ערגיץ, אַז רב הונא בריה דרב יהושע האָט געזאָלט זיין אייפערזיכטיג וועגען דעם. בלויז איין תלמיד מיט'ן נאָמען רב יעקב מנהר פקוד האָט איינמאָל נאָכגעזאָגט א הלכה אויף'ן נאָמען פון רב הונא בריה דרב יהושע (סנהדרין דף ס"ט עמוד א').

און ווי אַנהענגליך איינער איז געווען צום אַנדערן, איז די חבר'־שאַפט זייערע געווען אָהן איבריגער סענטימענטאַליטעט. ווי עס ווערד

רב הונא בריה דרב יהושע

דערצעהלט, אז ווען רב הונא איז אמאל קראנק געווארען, איז איהם רב פפא געקומען באזוכען, האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז רב הונא האלט ביי „גסיסה". האט ער איהם אהן יעדען צייכען פון באדויערען געהייסען אנגרייטען תכריכים. און ווען רב הונא איז דערנאך געגען יעדער ערווארטונג געזונד געווארען, האט רב פפא נישט ארויסגעוויזען קיין שום צייכען פון צופרידענהייט, וואס דער חבר זיינער איז געבלי־בען לעבען, נור ער האט בלויז געוואלט וויסען, וואס רב הונא האט אין דער „גסיסה" זיינער געזעהן און געהערט (ראש השנה דף י"ז עמוד א').

פון רב הונא'ס מאמרים אין דער גמרא איז צו זעהען, אז ער איז געווען א בקי אין רפואות (עבודה זרה דף י"ב עמוד ב') און פון זיינע „ווערטלעך" איז בלויז פארבליבען, וואס ער האט געזאגט: „זאל עס מיר ביישטעהען, וואס איך בין נישט קיינמאל געגאנגען פיער איילען מיט'ן הוילען קאפ" (שבת דף קי"ח עמוד ב').

רב חמא פון נהרדעא

אַט דער רב חמא מנהרדעא, וועלכער ווערד געוועהנליך אַנגערופען אין דער גמרא מיט זיין בלויזען נאָמען (רב חמא סתם), האָט נאָך זוכה געווען צו זיין אַ תלמיד פון רב חסדא (נזיר דף כ׳ עמוד א׳). עס איז אויך מעגליך, אז נאָך רב חסדא׳ס טויט איז ער געווען אַ תלמיד ביי רבא (כתובות דף פ״ו עמוד א׳).

עס איז אָבער נישט געגוי באַוואוסט, וואו ער האָט אָנגעפיהרט זיין ישיבה, אין פומבדיתא אָדער אין נהרדעא. גערופען האָט מען איהם „רב חמא מנהרדעא״. איז פון דעסטוועגען מעגליך, אַז מען האָט איהם בלויז גערופען אויף׳ן נאָמען פון דער שטאָדט נהרדעא בלויז דערפאַר, וואָס ער איז דאָרט געווען געבוירען, אָבער די ישיבה זיינע איז געווען אין פומבדיתא. זיכער איז בלויז, אַז די צייט פון זיין אמטירען אלס „ראש ישיבה״ איז געווען 21 יאָהר, פון ד׳ אלפים קט״ז לבריאת עולם (356 לויט קריסטליכער צייטרעכענונג) ביז ד׳ אלפים קל״ז (377 לויט קריסטליכער רעכענונג).

און אין דער צייט, ווען רב פפא איז געווען „ראש־ישיבה״ אין נרש (נארעס) און אין גאַנץ ארץ־ישראל האָט שוין נישט עקסיסטירט קיין שום ישיבה, ווערד דערצעהלט, אַז קעניג סאַפּאָר דער צווייטער פון פער־זיען (שבור מלכא) האָט אַמאָל ביי רב חמא׳ן געפרעגט, צי דאָס באַ־גראָבען אַ טויטען איז בלויז אַ מנהג ביי אידען אָדער עס איז אַ מצוה פון דער תורה.

די אורזאַך פון דער דאָזיגער שאלה איז געווען, ווייל די פּרסיים, וועלכע האָבען געדיענט צום פייער, פלעגען דאַמאָלס פאַרברענען זייערע טויטע. איז דעם קעניג סאַפּאָר נישט געפעלען געווען די אידישע קבורה און ער האָט שטאַרק חשק געהאַט, ארויסצוגעבען אַ באַפעהל, אַז אידען זאָלען אויך פאַרברענען זייערע טויטע גלייך ווי די פּרסיים.

האָט רב חמא מנהרדעא געשוויגען און גאָר נישט געענטפערט אויף׳ן קעניג׳ס שאלה. אויף׳ן מאָמענט האָט ער וואהרשיינליך נישט געהאַט קיין תשובה. האָט דאַן רב אחא בר יעקב געהערט וועגען דעם, האָט ער אַ זאָג געטהון:

— די וועלט איז איבערגעגעבען צו נאַראָנים אין די הענד, וועל־כע ווייסען נישט, אַז די קבורה פון אַ טויטען איז מן התורה, און ווען מען פרעגט זיי אַזאַ שאלה, פאַרגעסען זיי אַ בפירוש׳ן פּסוק, וועלכער זאָגט: „כי קבור תקברנו ביום ההוא״ (סנהדרין דף מ״ו עמוד ב׳).

אין דער צייט פון רב חמא מנהרדעא איז אויך פאָרגעקומען אַ גוואַלדאָוונע ענדערונג אין דער רעגירונג פון דער רוימישער אימפּעריע, וועלכע האָט געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף דער לאַגע פון די אידען אין בבל.

קייזער פלאוויוס קלאודיוס יוליאנוס, אדער ווי ער הייסט אין דער געשיכטע „יוליאן אפאסטאטא״*) איז געווען אויפגעצויגען אויף די אידעען פון די גריכישע פילאזאפען און די לעהרער זיינע האבען איינגעפלאנצט אין איהם א ליעבע צו די גריכישע געצעס. האט ער שפעטער אוועקגעווארפען די קריסטליכע אמונה, וועלכע איז שוין דאמאלס געווען שטאאטליך אנער־קענט אין דער רוימישער אימפעריע און ער האט געוואלט איינפיהרען צו־ריק דעם אלטען גריכישען געצענדיענסט.

א לאנגע צייט פריהער האט איהם קייזער קאנסטאנציוס פארדעכטיגט, אז ער האט אן אויג אויף׳ן רוימישען קייזערטום. האט ער איהם צו־ערשט פארטריבען פון זיינע אויגען, דערנאך האט ער איהם געמאכט פאר זיין „אסיסטענט״ אויף׳ן טהראן, און נאך א געלונגענעם פעלדצוג געגען די גערמאנען, וועלכע זיינען דאן אנגעפאלען אויף די צפון׳דיגע דיסטריקטען פון דער רוימישער אימפעריע, האט זיך יוליאן געלאזט הולדיגען פון זיינע סאלדאטען אלס קייזער.

האט דאס קייזער קאנסטאנציוס געהערט, איז ער ארויסגעגאנגען גע־גען דעם טראהן־רויבער מיט א גרויסער ארמיי. איז אבער קאנסטאנציוס אויף׳ן וועג געשטארבען. איז שוין נישט מעהר געווען קיין שטערונג צו קרוינען יוליאן אלס קייזער. האט ער דאן באלד אנערקענט די אלטע גרי־כישע רעליגיאן און זיך אליין האט ער ערוועהלט אלס העכסטען פריסטער פון דער אמונה (פאנטיפעקס מאקסימום).

קריסטען האט ער נישט פארפאלגט, און וואס די קריסטליכע היס־טאריקער דערצעהלען וועגען די צרות, וואס ער האט אנגעטהון צו זייערע מענשען, איז נישט אמת. ער האט בלויז אוועקגענומען ביי די קריסטען אלע יענע פריווילעגיעס, וואס זיי האבען געהאט פון פריהערע קייזארים. אויסערדעם ווערד וועגען איהם דערצעהלט, אז ער האט אנגעפיהרט א פשוט׳ען לעבען, ווייט פון יעדען איבערפלוס אדער לוקסוס. זיינע לעהרער האבען איהם געזאגט, אז די איינציגע אויפגאבע פון א הערשער איז, צו געבען זיין שוץ צו אלע מענשען אהן אן אונטערשיעד פון רעליגיאן, האט ער געוואלט איינפיהרען אין זיין לאנד אזא ארדנונג, ווי זיינע לעהרער האבען איהם געלעהרענט.

א גאנץ באזונדער אינטערעסע האט יוליאן באוויזען פאר דער לאגע פון די אידען אונטער דער רוימישער הערשאפט. זייט קייזער אלעקסאנדער סעווערוס, וועלכער איז געווען א פריינד פון רבי יהודה נשיאה דעם ערשטען, איז נישט געווען קיין קייזער אין רוים, וואס זאל זיך אזוי אינטערעסירען פאר אידען ווי יוליאן. אין זיין יוגענד האט ער פיעל געלייענט אין די שריפטען פון דער אידישער ביבעל, האט דאס איהם אריינגעגעבען א געפיהל פון פארעהרונג צו די אידישע לעהרען, און נאכדעם ווי ער איז געווארען קייזער, האט ער עפענטליך ערקלערט, אז דאס הארץ טהוט איהם שרעקליך וועה, ווען ער באדענקט, וואס זיינע פארגענגער אויף׳ן רוימישען טהראן האבען אפ־געטהון צו אידען. און אזוי ווי ער האט זיך פארגענומען, איינצופיהרען צו־ריק דעם אלטען גריכישען געצענדינסט, האט ער אויך פיעל געדענקט וועגען

*) דאס הייסט „יוליאן דער משומד״ — און טיטולירט האט מען איהם אזוי, ווייל ער האט פארלייקענט די קריסטליכע אמונה.

קרבנות. איז איהם דערפאר געפעלען געוואָרען, אויפצובויען צוריק דעם אידישען בית־המקדש אין ירושלים, וואו מען וועט גאָט דינען מיט קרבנות.

מאנכע ווילען אין קייזער יוליאַן'ס גוטסקייט צו אידען ארויסגעפינען א ריין פערזענליכע אורזאך. דענקען זיי, אז אזוי ווי ער האָט זיך געהאַט פאַרגענומען, צו פאַרניכטען די הערשאַפט פון די פערזער איבער בבל און ער האָט אָנגעהויבען פיהרען א מלחמה געגען קעניג סאפאר, האָט ער זיך געוואָלט איינקויפען ביי די אידען אין ליעבע, ווייל ער האָט געוואוסט, אז די אידען אין בבל האָבען א גרויסען פּאָליטישען איינפלוס, האָט ער זיי דערפאַר געמאַכט די מיטטיילונג, אז ער האָט באַשלאָסען, אויפצובויען צוריק דעם בית־המקדש אין ירושלים.

חוץ דעם צוועק, וואָס יוליאַן האָט געהאַט, צו געווינען די אידען אין בבל פאר זיין קאמפף געגען פערזיען — זאָגען וויטער קריסטליכע היס־טאָריקער — האָט ער זיי געוואָלט געווינען פאר זיין קאמפף געגען קריס־טענטום. דיעזעלבע קריסטליכע היסטאָריקער באהויפטען אויך, אז די אידען האָבען דאַמאָלס אויסגענוצט די געלעגענהייט, צו נעהמען נקמה פון יענע אי־דען, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צום קריסטענטום, אויסצו'הרג'נען זייערע מענ־שען און צוצושטערען זייערע קלויסטערס.

יוליאַן האָט זיך נישט באַנוגענט מיט א בלויזען צוזאָג וועגען אויפ־בויען א נייעם בית־המקדש אין ירושלים, ווייל טראָצדעם וואָס ער האָט גע־האַט פולע הענד מיט ארבייט צוצוגרייטען די מלחמה געגען די פערזער, האָט ער זיך זעהר ערענסט גענומען צום בוי פונ'ם בית־המקדש און ער האָט דערצו באַשטימט א ספּעציעלען באַאמטען—אליפיוס פון אנטיאָכיען, וועלכער איז געווען פריהער רוימישער גאָווערנאָר אין בריטאַניען. ער האָט איהם אויך אָנגעזאָגט, נישט צו שפּאָרען קיין קאָסטען ביים בויען דעם בית־המקדש, אבי ער זאָל ווי צום גיכסטען פאַרטיג ווערען. גלייכצייטיג האָט ער אויך ארויסגעשיקט א קייזערליכען באפעהל צו די גובערנאַטאָרען פון סיריען און ארץ־ישראל, זיי זאָלען שטיצען די ארבייט פון אליפיוס מיט אלע באַדערפענישען פונ'ם בוי.

זיינען שוין דאַמאָלס אלע מאַטעריאַלען פאר'ן בוי פונ'ם בית־המקדש אין ירושלים געווען צוגעגרייט. גרויסע מחנות ארבייטער האָבען זיך אָפּגעגעבען מיט'ן אָפּראַמען די חורבות, וואָס האָבען זיך אָנגעקליבען אויפ'ן פּלאַץ פונ'ם בית־המקדש וועהרענד א צייט פון דריי יאָהרהונדערטער, זייט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען. און ווען מען האָט אוועקגעראַמט דעם דאָזיגען שמוץ, האָבען פּלוצים די גאַזען עקספּלאָדירט און פיעלע אר־בייטער זיינען געטויטעט געוואָרען. האָט מען דאָס באַטראַכט ווי א וואונק פונ'ם הימעל, אז דער אויבערשטער וויל נישט לאָזען צוריק אויפבויען דעם אידישען בית־המקדש.

עס האָט זיך אַלזאָ ווידערהאָלט דאָס געשעהעניש פון קייזער האדרי־אַן'ס צייטען, ווייל קייזער האדריאַן האָט אויך געוואָלט לאָזען צוריק אויפ־בויען דעם בית־המקדש און די ארבייט איז דאַמאָלס געשטערט געוואָרען פון אן עקספּלאָזיאָן ביים אוועקראַמען דעם שמוץ.*) האָט מען דאַן געזאָגט, אז דער אויבערשטער וויל נישט לאָזען צוריק אויפבויען זיין בית־המקדש דורך דעמזעלבען פאָלק, וואָס האָט איהם חרוב געמאַכט . . .

*) זעה „אונזערע גייסטיגע ריעזען", צווייטער טייל, זייטע 55.

רב חמא פון נהרדעא

מערקווירדיג איז אויך, וואס די אידען זיינען גאר נישט געווען ענט־ציקט פון דער גאנצער זאך און זיי האבען זיך נישט געגוג דערפאר אינטע־רעסירט. איז טאקי אין די אידישע ספרים פון יענער צייט נישט פארהאן קיין זכר וועגען דעם גאנצען ענין. בלויז אין קריסטליכע כראניקעס ווערד דערצעהלט, ווי די אידען פון אלע עקען וועלט האבען דאמאלס געשיקט גאלד און זילבער, וואס זיי האבען פארמאגט, פאר'ן בוי פון זייער בית־המקדש.

ס'איז אויך מעגליך, אז אזוי ווי אידען האבען געהאט די ערפאהרונג פון פריהערע מיסלונגענע רעוואלוציעס געגען רוים, האבען זיי יעצט מורא געהאט אריינצולאזען זיך אין א נייע אוואנטורע, טאמער וועט זי נישט גע־לינגען, וועט מען דערנאך דארפען טייער באצאהלען פאר דער מיסלונגענער אונטערנעהמונג. יעדענפאלס איז אינטערעסאנט, אז איידער אידען האבען נאך געהאט צייט, דעם ענין געגוי צו באקלערען, איז שוין געווען צו שפעט, ווייל קייזער יוליאן האט נישט מעהר רעגירט ווי צוואנציג חדשים — און נאך צוואנציג חדשים רעגירען איז ער געשטארבען אינ'ם קריעג געגען די פערזער, אין 363 לויט דער קריסטליכער צייטרעכנונג (ד' אלפים קכ"ג לבריאת עולם) — 32 יאהר אלט.

אין זיין מלחמה געגען פערזיען האט קייזער יוליאן געוואלט ברעכען קעניג סאפאר'ס ממשלה אין בבל. זיין חלום איז געווען, אז דער רוימישער אדלער זאל פארשפרייטען זיינע פליגלען איבער'ן טייך חדקל און קעניג סא־פאר פון פערזיען האט נישט בלויז געוואלט אנהאלטען זיין ממשלה איבער בבל, נור ער האט געהאט דעם וואונש, אין גאנצען צו פארטרייבען די רוי־מער פון אזיען. און צווישען די צוויי ראנגלענדיגע ריזען איז דאס קליינע פעלקעל ישראל געשטאנען ווי צווישען צוויי פייערען.

דער סוף פון אט דעם גיגאנטישען צוזאמענשטויס איז דאן געווען פאר אידען נישט קיין גוטער, סיי פון קעניג סאפאר און סיי פון קייזער יוליאן'ס נאכפאלגער.

רב ששת

אין דער צייט, וואָס פּפּא בר נצר (אודינוס) האָט חרוב געמאַכט די שטאָדט נהרדעא — ווי מיר האָבען דאָס אויבען באַשריבען — זיינען פון דאָרט אַנטלאָפען אַזעלכע באַוואוסטע חכמים ווי רב נחמן בר יעקב, רבה בר אבהו און רב יוסף בר חמא. איז אויך דאַמאָלס צווישען יענע אַנטלאָפענע געווען רב ששת, וועלכער איז שפּעטער אין זיין נייעם וואוינאָרט נישט געוואָרען קיין „ריש מתיבתא״, אפילו נישט קיין דיין, חאָטש ער האָט אָנגעפיהרט אַן אייגענעם בית־המדרש און פיעלע פּראָמינענטע „אמוראים״ פון יענעם דור זיינען געווען ביי איהם תלמידים.

יענע אַלע פון נהרדעא אַנטלאָפענע חכמים האָבען זיך דערנאָך באַזעצט אין מחוזא, אין פומבדיתא אָדער אין אַן אַנדערער שטאָדט אַרום דעם טייך חדקל (טיגרים), וואו עס זיינען דאַן אויסגעוואַקסען נייע צענטערס פון תורה — און רב ששת האָט זיך באַזעצט אין שילהי (פּהום אל סעלהי).

אין זיין יוגענד איז רב ששת געווען צווישען די תלמידים פון רב הונא, ווען ער איז געזעסען אויף׳ן שטוהל פון רב (אבא אריכא) אין סורא (כתובות דף ס״ט עמוד א׳). דערנאָך איז רב ששת געזעסען אינ׳ם בית־המדרש פון רב חסדא, מיט וועמען ער איז אָפטמאָל געקומען אין קאָנפליקט וועגען פאַרשיעדענע פראַגען פון הלכה.

זיין פלייס ביים לערנען איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען ער איז אפילו געשטאַנען אין מיטען דאַווענען, האָט ער נישט אויפגעהערט צו לערנען (ברכות דף ה׳ עמוד א׳). דאַביי איז ער געווען בלינד אויף די אויגען און דער כח פון זיין זכרון איז געווען אַזוי אויסערגעוועהנליך, אַז ער האָט אויסענווייניג געוואוסט נישט בלויז די גאַנצע משנה, נור אויך אַלע ברייתות און תוספתות. האָבען דערפאַר מאַנכע חכמים וועגען איהם געזאָגט, אַז ער איז א מענש א האַרטער ווי אייזען (מנחות דף צ״ה עמוד ב׳).

רב ששת איז אויך געווען א תלמיד פון רב ירמיה בר אבא, וועלכער איז געווען א תלמיד און א חבר פון רב (ערובין דף י״ב עמוד א׳, מנחות דף ל״ט עמוד א׳). האָט ער אָבער נישט תמיד אַרויסגעוויזען דעם געהעריגען רעספּעקט פאַר רב׳ס א מיינונג, און ווען עס איז איהם דאָרט עטוואָס נישט געפעלען, האָט ער זיך ערלויבט צו זאָגען: „אַזא מיינונג האָט רב געקענט אַרויסזאָגען בלויז ווען ער איז געווען שלעפעריג און ער האָט געדרעמעלט״ (יבמות דף כ״ד עמוד ב׳). ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט ער געזאָגט: „ווי א כותי האָט רב געזאָגט די דאָזיגע הלכה״ (נדה דף ס״ט עמוד א׳).

ווען עס איז אימיצען עפּיס קשה געווען ביים לערנען, האָט מען נור בלויז געדאַרפט פרעגען ביי רב ששת. און ווען רב חסדא האָט אַמאָל רב ששת׳ן באַגעגענט, האָט ער מורא געהאַט, א שמועס צו טהון מיט איהם אין לערנען, ער זאָל איהם נישט צוקוועטשען מיט זיין בקיאות (ערובין דף ס״ז

עמוד א׳). אויסערדעם איז ער אויך געווען זעהר שארפזיניג. האָט רב חמא מנהרדעא געזאָגט, אַז דער פּסוק „טובה חכמה עם נחלה" באַציהט זיך אויף רב ששת און עס מיינט, אַז עס איז גוט צו האָבען די חכמה פון חריפות צוזאַמען מיט אַ נחלה פון דער משנה (בכורות דף נ״ב עמוד ב׳).

האָט זיך פון דעסטוועגען געקענט טרעפען, אַז טראָץ דער גרויסער בקיאות און שארפזיניגקייט זאָל אפילו אַזאַ מענש ווי רב ששת פארגעסען — און אין אַזאַ פאַל האָט ער זיך געבעטען ביי זיינע תלמידים: „ווען איהר וועט עס אַמאָל אויסגעפינען, זאָלט איהר דאָס קיינעם נישט דער־צעהלען" (ערובין דף י״א עמוד ב׳ און דף ל״ט עמוד ב׳).

פון רב ששת׳עס שטייגער לערנען איז אויך צו זעהען, אַז ער האָט נישט ליעב געהאַט דעם פּלפּול, מחדש צו זיין דינים און ארויסצולערנען איינס פונ׳ם אנדערן אין אַ האַהרשפּאַלטערישער שארפקייט. און ווען עס איז אַמאָל געווען אַ דעבאַטע וועגען דעם דין, צי מען דאַרף אַ געפאַנגענעם באַ־טראַכטען פאַר טויט און לאָזען זיינע קינדער נעהמען ירושה, חאָטש מען ווייסט נישט אויף זיכער, צי דער געפאַנגענער איז געשטאָרבען, האָט מען גע־וואָלט ארויסלערנען דעם דאָזיגען דין פונ׳ם פּסוק „והרגתי אתכם והיו נשיכם אלמנות ובניכם יתומים", האָט מען דאַן באַמערקט, אַז ווען דער אויבער־שטער וויל איינעם הרג׳נען, ווייסט מען דאָך אַליין, אַז דאָס ווייב זיינס וועט זיין אַן אלמנה און די קינדער זיינע וועלען בלייבען יתומים. טאָ וואָס לאָזט אונז דער פּסוק הערען? איז דערפון געדרונגען, אַז דער פּסוק מיינט צו זאָגען, אַז דאָס ווייב פון דעם גע׳הרג׳טען וועט וועלען חתונה האָבען און מען וועט זי נישט לאָזען און די קינדער וועלען קומען נעהמען די ירושה און מען וועט זיי נישט לאָזען. האָט דאַן רב ששת געזאָגט צו איינעם פון די תלמידים, וועלכער האָט איהם די דאָזיגע זאַך געוואָלט ערקלערען: „איך זעה, אַז דו ביזט פון יענע פּומבדיתאַ׳ר מענשען, וואָס ווילען דורכפיהרען אַ העלפאַנד דורך׳ן אויער פון אַ נאָדעל" (בבא מציעא דף ל״ה עמוד ב׳).

זאָנסט האָט זיך רב ששת אין זיין לערנען תמיד געשטיצט אויף אַ ראיה פון דער משנה (יבמות דף ל״ה עמוד א׳, זבחים דף צ״ו עמוד ב׳). און ווען ער האָט געלערנט, פלעגט ער זיין באַשטרעבט, אויסצוגעפינען פון וואַנען יעדע הלכה שטאַמט, פון דער משנה צי פון דער ברייתא (כתו־בות דף ס״ח עמוד א׳). ער האָט אויך געהאַט לעבען זיך איינעם, וועלכער האָט פאַר איהם מסדר געווען די ברייתות (סנהדרין דף פ״ו עמוד א׳, הוריות דף ט׳ עמוד א׳).

דאָ דאַרף אויך באַמערקט ווערען, אַז גלייך ווי עס זיינען אָנגענו־מען געוואָרען די פּסקים פון רב נחמן בר יעקב אין געלד־אַנגעלעגענהיי־טען, פונקט אַזוי זיינען אָנגענומען די פּסקים פון רב ששת אין די דינים פון איסור והיתר.

עס איז נישט באַוואוסט, ווער און וואָס דער פאָטער פון רב ששת איז געווען. און אַזוי ווי ער האָט אַמאָל אַליין געזאָגט: „איך בין נישט קיין געלעהרטער און איך בין אויך נישט דער זוהן פון אַ געלעהרטען", ווילען מאנכע היסטאָריקער פון דעם דאָזיגען זאָג ארויסדרינגען, אַז דער פאָטער פון רב ששת איז נישט געווען קיין תלמיד־חכם. קען מען אָבער פון אַזאַ מין זאָג גאָר נישט ארויסדרינגען, ווייל ער זאָגט דאָרט אויך ווע־

נען זיך, אז ער אליין איז נישט קיין געלעהרטער (עבודה זרה דף ב' עמוד ב') *).

רב ששת איז געווען א בלינדער, ווערד וועגען איהם דערצעהלט, ווי עס זיינען אמאָל די מענשען פון זיין שטאָדט געגאַנגען מקבל־פנים זיין דעם קעניג און רב ששת איז אויך מיטגעגאַנגען מיט אלעמען. האָט איהם עפּיס א לץ, וועלכער ווערד אין דער גמרא באַצייכענט אלס א „צדוקי", געוואָלט אָפּנארען. איז יעדעס מאָל ווען עס איז פאַרבייגעגאַנגען א מחנה פון די קעניגליכע באַגלייטערס, האָט איהם יענער אזוי אָנגערופענער „צדוקי" געזאָגט: „אָט איז דער קעניג!" — האָט זיך אָבער רב ששת נישט געלאָזט אָפּנארען. נור ווען עס איז ענדליך שטיל געוואָרען און דער „צדוקי" האָט גאָר נישט געזאָגט, האָט רב ששת פאַרשטאַנען, אז יעצט קומט דער קעניג. און ווען יענער „צדוקי" האָט איהם דערנאָך געפרעגט, פון וואַנען ער האָט געוואוסט, ווען דער קעניג קומט, ווען ער איז א בלינדער? האָט איהם רב ששת דאָס ערקלערט מיט דעם, ווי אזוי אליהו הנביא האָט געפּיהלט דאָס אָנקומען פונ'ם אויבערשטען ביי דער הייהל, ווען ער האָט זיך באַהאַלטען פאַר'ן צאָרן פון אחאב און איזבל (ברכות דף נ"ח עמוד א').

עס קען אָבער אָנגענומען ווערען, אז רב ששת איז נישט געווען בלינד געבוירען. און ווי אזוי ער איז בלינד געוואָרען, ווערד דערצעהלט אינ'ם פירוש פון רבנו גרשם מאור הגולה (סוף מנחות) און אין די „תשובות הגאונים", וועלכע האָבען דאָס וואהרשיינליך געהאַט בקבלה פון פריהערע דורות, אז אזוי ווי רב (אבא אריכא) האָט קיינמאָל נישט אויפגעהויבען זיין בליק פון דער ערד, עס זאָל זיך איהם נישט אמאָל מאַכען, ער זאָל מוזען אָנקוקען א טמא־זאַך, האָט איהם רב ששת און ר' יוסף בר חמא געוואָלט נאָכטהון, האָבען זיי זיך אָנגעשטרענגט זייער „כח הראיה" און זיי האָבען אויך נישט אויפגעהויבען זייער בליק פון דער ערד, ביז זיי זיינען בלינד געוואָרען.

מאַנכע ברענגען א ראיה פאַר דער מיינונג, אז רב ששת איז נישט געווען קיין געבוירענער בלינדער, פון דעם וואָס עס ווערד וועגען איהם דערצעהלט, אז ער האָט אמאָל געזעהן אין זיין חלום א שלאַנג, וועלכע ער האָט דער'הרג'ט (ברכות דף נ"ז עמוד ב'), ווייל ווען ער וואָלט געווען א געבוירענער בלינדער, וואָלט ער גאָר נישט געקענט האָבען קיין פאָרשטעלונג, ווי א שלאַנג זעהט אויס און עס וואָלט זיך איהם דאָס גאָר נישט געקענט חלום'ען.

---

*) עס האַנדעלט זיך דאָרט וועגען א געוויסער הלכה, וואָס די חכמים זיינען וועגען איהר נישט אין גאַנצען קלאָר ביי זיך. האָט מען דאָרט ערקלערט, אז ביי אזא שאלה „איז נישט פאַרהאַנען קיין סטאָליער אדער א זוהן פון א סטאָליער (נגר ובר נגר), וואָס זאָל די דאָזיגע פראַגע קענען פאַנאַנדערנעהמען". האָט רב ששת אויף דעם געזאָגט: „איך בין נישט קיין סטאָליער און איך בין אויך נישט דער זוהן פון א סטאָליער, ווייל איך מיך פון דעסטוועגען אונטערציהען, יענע פראַגע יאָ צו ערקלערען". הייסט דאָס לויט רש"י'ס פירוש, אז רב ששת האָט אויף זיך געזאָגט, אז ער איז נישט קיין חכם אדער דער זוהן פון אַ חכם. ווילען מאַנכע היסטאָריקער דערפון אַרויסדרינגען, אז דער פאָטער פון רב ששת איז נישט געווען קיין תלמיד־חכם. קען מען דאָס אָבער נישט מיט באַשטימטהייט באַהויפּטען, ווייל דיזעלבע פראַזע (לא נגר אנא ולא בר נגר) ווערד אויך אויף דעמזעלבען פּלאַץ אין דער גמרא געברויכט פון רבינא — און דער פאָטער פון רבינא איז גראָד יאָ געווען אַ „מופלא".

רב ששת

ביי אן אנדערער געלעגענהייט, ווערד דערצעהלט, אז די אייגענע מוטער זיינע איז אמאָל געקומען צו איהם אין בית־המדרש אריין, בעטען פאר איינעם פון די תלמידים מיט׳ן נאָמען אהדבוי בר אמי, וועלכער איז פלוצים שטום געוואָרען, ווייל עס האָט זיך איהם פארגלוסט, אָפּצולאַכען פון רב ששת. און אזוי ווי רב ששת האָט זיך נישט געוואָלט צוהערען צו דער מוטער׳ס טענות, האָט זי א געשריי געטהון: „זעה די ברוסט, וועלכע דו האָסט געזויגט!״ — און ווען ער וואָלט געווען א געבוירענער בלינדער, וואָלט זי נישט געברויכט דאָס וואָרט „זעה״! (בבא בתרא דף ט׳ עמוד ב׳).

די פרנסה זיינע האָט רב ששת געצוואונגען נישט פונ׳ם לערנען, נור פון מסחר. ווי עס ווערד איבערגעגעבען, האָט ער געהאַנדעלט מיט קליי־דער, וועלכע ער פלעגט פארקויפען אויף אויסצוצאָהלען (גטין דף י״ד עמוד ב׳). פאַר פרנסה פלעגט ער אויך טראָגען פשוט׳ע משאות אויף זיינע פלייצעס און ער פלעגט זאָגען: „ארבייט איז גרויס, ווייל זי דערוואָרעמט די מענשען!״ (גטין דף ס״ז עמוד ב׳).

רב ששת איז געווען א פארצערטעלטער, א קנאַפּער עסער מיט א שוואַכען מאָגען. ווען ער פלעגט עטוואָס עסען אין דער פריה, האָט ער שוין ביי נאַכט גאָר נישט געקענט עסען. האָט ער דערפאַר געפאַסט יעדען ערב פסח, ער זאָל קענען ביינאַכט עסען די מצה מיט אַפּעטיט (פסחים דף ק״ח עמוד א׳). טראָצדעם איז ער אין זיין גייסט געווען האַרט ווי אייזען (מנחות דף צ״ה עמוד ב׳).

ווי עס ווערד איבערגעגעבען, האָט רב ששת געהאַט שטענדיגע צוזאַמענשטויסען מיט׳ן „ריש גלותא״ און מיט זיין בני־בית. ווי עס שיינט, האָבען זיך די הויז־מענשען פונ׳ם „ריש גלותא״ באַנומען מיט גרינגשע־צונג צו די תלמידי־חכמים און זיי האָבען אויך נישט געגוי באַאָבאַכטעט די מצות פון דער תורה. און ווען רב ששת האָט אמאָל געשיקט זיינעם א „משמש״, רב גדא, צו פארריכטען דעם עירוב ביים „ריש גלותא״, האָט מען איהם דאָרט ארעסטירט (ערובין דף י״א עמוד ב׳).

אָפּטמאָל האָט דער „ריש גלותא״ איינגעלאַדען רב ששת׳ן, ער זאָל ביי איהם עסען. האָט זיך רב ששת תמיד ארויסגעדרעהט פון דעם דאָזיגען כבוד, יעדעס מאָל מיט אַן אנדערן תירוץ. איין מאָל האָט ער גע־זאָגט, אז די הויז־מענשען פונ׳ם „ריש גלותא״ זיינען נישט אָפּגעהיט אין „אבר מן החי״ (גטין דף ס״ח עמוד א׳). אַן אנדער מאָל איז רב נחמן בר יעקב און רב חסדא געווען ביים טיש פונ׳ם „ריש גלותא״, און געווען איז דאָס אין א טאָג פון יום־טוב שני, האָט מען אהין געבראַכט א הירש, וועלכער איז געכאַפּט געוואָרען אינ׳ם יום טוב ראשון און גע׳שחט׳ן האָט מען איהם אינ׳ם יום טוב שני. האָט רב נחמן און רב חסדא געגעסען דאָס פלייש פונ׳ם הירש און רב ששת האָט עס נישט געוואָלט עסען (ערובין דף ל״ט עמוד ב׳).

די אורזאַך פון רב ששת׳עס צוזאַמענשטויסען מיט׳ן „ריש גלותא״ איז נישט באַוואוסט. מעגליך איז בלויז, אז רב ששת האָט זיך געפיהלט באַליידיגט פון דעם „ריש גלותא״, וועלכער האָט איהם אמאָל געזאָגט: „האָטש איהר זענט אַלע אַלטע באַוואוסטע רבנן, זיינען די פרסיים בעסער באַהאַווענט אין זייערע שעהנע מדות ביים עסען״ (ברכות דף מ״ו עמוד ב׳).

די אמוראים פון בבל

רב ששת האט נישט זוכה געווען, צו האבען זיהן, וואס ער זאל זיי קענען איבערגעבען זיין תורה. און ווען ער איז געבליבען אן אלמן און מען האט איהם געפרעגט, פארוואס ער האט נישט חתונה מיט א צווייטער פרוי, טאמער וועט זי האבען א זוהן. האט ער געענטפערט, אז די אייניקלעך זיינע, די קינדער פון זיין טאכטער, זיינען איהם אזוי ליעב, גלייך ווי זיי וואלטען געווען אייגענע קינדער (יבמות דף ס"ב עמוד א').

און ווען רב ששת האט געהאלטען ביים שטארבען, ווערד דערצעהלט, אז ער האט דאן באגעגענט דעם מלאך־המות אויף דער גאס, וועלכער האט געוואלט ביי איהם נעהמען די נשמה. האט ער איהם געזאגט: „ווילסט מיך קוילענען אין גאס ווי א בהמה? אז דו דארפסט מיר נעהמען די נשמה, קום צו מיר אהיים!" (מועד קטן דף כ"ח עמוד א').

רב אשי—דער מסדר פון תלמוד בבלי

נאָכ'ן טויט פון קעניג סאפאָר דעם צווייטען (שבור מלכא) האָט זיך די לאַגע פון די אידען אין בבל שטאַרק פאַרבעסערט. די נאָכפאָלגער פון דעם דאָזיגען קעניג אויף'ן פּערזישען טהראָן זיינען געווען גערעכט צו אַלע פעלקער פון זייער מלוכה און אידען האָבען זיי באַהאַנדעלט מיט אַ באַזונדערער סימפּאַטיע. די אידישע לעהרען האָבען ביי זיי געהאַט אַ גרויס חשיבות, און אויף ווי ווייט אידען האָבען אָפּגעהיט דאָס צאָהלען די קעניגליכע שטייערען אין צייט, האָט מען זיי געלאָזט אָנפיהרען זייערע ישיבות און מען האָט זיי אויך נישט געשטערט אין זייער אמונה.

איז דאַן אויפגעשטאַנען אַ מאַן, וועלכער האָט צונויפגעקליבען אַלע לעהרען פון דער „משנה" אין זייערע איינטייטשונגען, וואָס די חכמים פון ארץ־ישראל און פון בבל האָבען צו זיי ביז דאַמאָלס געגעבען. דער נאָמען פון אָט דעם מאַן איז געווען ר ב א ש י און די מענשען פון זיין צייט האָבען איהם געגעבען דעם טיטעל „רבנא", מיט וועלכען זיי האָבען געוואָלט אויסדריקען, אַז ער איז נישט בלויז אַ געוועהנליכער לעהרער פון זיינע תלמידים אליין, נור ער איז טאַקי דער לעהרער פונ'ם גאַנצען דור. אַנדערע פלעגען זאָגען, אַז ער איז אַ „סיני ועוקר הרים", אָנגעשטאָפּט מיט תורה ווי דער באַרג סיני און דאַביי איז ער אויך אַ „מפולפל", וואָס רייסט אוים בערג מיט זיין „דיאַלעקטיק".

געבוירען איז אונזער רב אשי אָרום דעם יאָהר ד' אלפים קי"ב לבריאת עולם (דאָס הייסט 352 לויט קריסטליכער צייט־רעכנונג) און געשטאָרבען איז ער אין ד' אלפים קפ"ז (427 לויט קריסטליכער צייט). איז אָבער דאָס יאָהר פון זיין געבורט נישט זיכער, ווייל עס איז גאַנץ גוט מעגליך, אַז ער איז געבוירען פריהער און ער האָט לענגער געלעבט, ווי עס איז אין אַלגעמיין אָנגענומען.

ווען ער איז נאָך גאָר יונג געווען, — מאַנכע זאָגען, אַז ער איז דאַמאָלס קוים 14 יאָהר אַלט געווען, — האָט ער זיך שוין אויסגעצייכענט מיט זיין שאַרפזין גלייך ווי מיט זיין טיעפען פאַרשטאַנד און זיינע פערזענליכע מעלות. איז ער דאַן אויסגעקליבען געוואָרען אלס „ריש מתיבתא" אין מתא מחסיא פון לעבען סורא *), וועלכע איז לאַנגע יאָהרען פריהער געווען וויסט און פאַרלאָזען.

---

*) רב שרירא גאון, וועלכער האָט אַלע זיינע יאָהרען שטענדיג געלעבט אין בבל און ער האָט אין זיין „אגרת" צוזאַמענגעשטעלט די געשיכטע פון די דאָרטיגע ישיבות, זאָגט, אַז סורא איז דאָסזעלבע וואָס מתא מחסיא, דאַגעגען ברענגען אַנדערע היסטאָריקער פאַרשידענע ראיות, אַז מתא מחסיא און סורא זיינען צוויי באַזונדערע שטעדט. זיי באַמערקען בלויז, אַז די דאָזיגע צוויי שטעדט זיינען נאָהנט איינע לעבען דער אַנדערער. יעדענפאַלס איז דאָס היינט שווער צו אַנטשיידען.ביידע שטעדט עקזיסטירען נישט מעהר און מען ווייסט אפילו נישט, וואו זייער אָרט איז אַמאָל געווען. באַמערקונגסווערטה איז אויך, אַז אומעטום וואו רב אשי ווערד דערמאָנט אין דער גמרא אין פאַרבינדונג מיט דער שטאָדט, אין וועלכער ער האָט געוואוינט, איז דאָס געוועהנליך מתא מחסיא, נישט סורא.

האָט דער מאַגנעטיזם פון רב אַשי׳ס פּערזענליכקייט אויפגעהויבען דעם פּרעסטיזש פון זיין ישיבה. אַלע חכמים פון זיין צייט האָבען זיך צוגעהערט צו זיינס אַ וואָרט און זייט דעם טויט פון רבא איז נישט געווען זיינסגלייכען, וואָס זאָל האָבען אַזאַ איינפלוס אויף דער פיהרונג פונ׳ם אידישען לעבען ווי ער. פלעגט מען דאַן זאָגען, אַז „זייט די טעג פון ר׳ יהודה הנשיא ביז רב אשי איז נישט געווען קיינער, וואָס עס זאָל ביי איהם זיין פאַראייניגט תורה און עשירות" (גטין דף נ"ט עמוד א׳, סנהדרין דף ל"ו עמוד א׳).

אויפגעצויגען אין עשירות, איז רב אשי שפּעטער אויך געווען אַ רייכער מאַן, אַן אייגענטימער פון פיעלע פעלדער און וועלדער. פלעגט ער לאָזען פאַרקויפען דאָס האָלץ פון זיינע וועלדער פאַר׳ן געצענדיענסט פונ׳ם פייער און ער האָט נישט געקוקט אויף׳ן איסור, נישט צו פאַרקויפען גאָר־נישט פאַר דער עבודה־זרה (נדרים דף ס"ב עמוד ב׳).

קען מען אָבער נישט דענקען, אַז וואָס רב אשי האָט געלאָזט פאַר־קויפען זיין האָלץ, צו העלפען צום געצענדיענסט, איז אַ באַווייז פאַר זיין טאָלעראַנץ צו די אַרומיגע גוים, ווייל ווי עס דאַרף פון זיינע אויסגעדריקטע מיינונגען אָנגענומען ווערען, זיינען די אַרומיגע גוים פאַררעכענט געווען אין זיינע אויגען פאַר גאָלע גאָרנישטען. האָט ער זיך דערפאַר נישט גע־קענט געבען אָפּוואונדערען, וואָס די פערזער אין מתא מחסיא אָנערקענען נישט דעם כבוד פון דער תורה און קיינער פון זיי איז זיך נישט מגייר, חאָטש זיי האָבען צוויי מאָל אין יאָהר די געלעגענהייט, צו זעהען דעם גרוי־סען כבוד, וואָס די תורה גיט צו איהרע לערנער (ברכות דף י"ז עמוד ב׳).

וואָס עס איז מיט רב אשי פאָרגעקומען וועהרענד דער צייט פון זיין יונענד, איז נישט באַקאַנט, גלייך ווי מען ווייסט נישט אויף זיכער, ווער עס איז געווען זיין פאָטער. געלערנט האָט ער, ווי עס דאַכט זיך, ביי די פּראָמינענטעסטע תלמידים פון אביי ורבא. ס׳איז אויך אָנצונעהמען, אַז ער איז געווען געבוירען אין מתא מחסיא און וואָס ער האָט געקענט, האָט ער אויפגעטהון פאַר זיין שטאָדט. אַזוי איז דאָרט פון פריהערע יאָהרען געווען אַ שוהל, וועלכע איז צוליעב איהר עלטער געווען שוין אין גאַנצען רואינירט, האָט זי רב אשי געלאָזט ניי איבערבויען, און כדי די אַרבייטער זאָלען זיך נישט פוילען ביי זייער אַרבייט, איז ער אַליין געשטאַנען ביי זיי טאָג און נאַכט, אַכטונג צו טהון אויף דער אַרבייט. ער האָט זיך דאָרט אויך אַוועקגעשטעלט אַ בעט צום שלאָפען, ביז דער בוי וועט אין גאַנצען פאַרטיג ווערען (בבא בתרא דף ג׳ עמוד ב׳).

דערנאָך האָט ער אויסגעבויט אַ פּרעכטיגען בית־המדרש, וואו עס זאָל זיין פּלאַץ פאַר אַלע זיינע תלמידים גלייך ווי פאַר די צוהערער פון זיינע דרשות אין די „חדשי כלה" (דאָס זיינען די חדשים אלול און אדר פון יעדען יאָהר). ער האָט אויך נישט געלאָזט, אַז די מענשען אין מתא מחסיא זאָלען אַמאָל מאַכען די דעכער פון זייערע הייזער העכער ווי דער דאַך פון דער שוהל אָדער פונ׳ם בית־המדרש, ווייל ער האָט געגלויבט אין דער ווירקונג פון אַן אַלטען אָנגענומענעם אויסשפּרוך פון רב (אבא אריכא), אַז אַזאַ שטאָדט, וואָס די דעכער פון איהרע הייזער זיינען העכער ווי דער דאַך פון דער שוהל אָדער פונ׳ם בית־המדרש, מוז חרוב ווערען. האָט ער דערפאַר געזאָגט, אַז מיט דער דאָזיגער טהאַט זיינער האָט ער אָפּגעראַטעוועט מתא מחסיא, זי זאָל נישט מעהר חרוב ווערען (שבת דף י"א עמוד א׳).

לויט ווי עס ווערד איבערגעגעבען אין ספר „יוחסין" און אין „סדר הדורות", איז רב אשי געזעסען אין זיין אמט אלס „ריש מתיבתא" אין מתא מחסיא גאנצע זעכציג יאהר. אין דערזעלבער צייט איז אויך די ישיבה אין נהרדעא טיילוויז צוריקגעקומען צו איהר אמאליגען גלאנץ. געהאלפען דערצו האט איהר „ראש ישיבה" אמימר. דאסזעלבע איז אויך פארגעקומען אין פומבדיתא. דארט זיינען אין דער צייט פון רב אשי געוועזן אכט ראשי ישיבות, דהיינו: רב חמא מנהרדעא, רב זביד, רב דימי בר חיננא, רפרם בר פפא, רב כהנא, מר זוטרא, רב אחא בר רבא און רב גביהא מבחיל.

האט אבער נישט קיין איינציגער פון די אלע „אמוראים" דערגרייכט די מדרגה פון רב אשי, וואס איטליכער האט זיך צו'ן איהם צוגעהערט און געהאלפען איהם דורכפיהרען זיינע רעליגיעזע פארארדנונגען. אפילו די צווי „ריש גלותא'ס" פון יענער צייט (רב כהנא און מר זוטרא), וועלכע זיינען געוועזן אנערקענט אין זייער לערנען און זיי האבען אויך געהאט די רעגירענדע מאכט אין זייער האנד, האבען שטענדיג געקוקט רב אשי'ן אין מויל אריין, וואס ער האט צו זאגען.

אין יענע צייטען איז געוועזן א מנהג, אז דער „ריש גלותא" פלעגט איין מאל יעדעס יאהר קומען אויף א באזוך אין יענע שטאדט, וואו עס איז גראד דאמאלס געוועזן די גרעסטע ישיבה, אפנעהמען גרוסען פון אלע קהלות אין בבל. איז האטש עס זיינען געוועזן אין די צייטען פון רב אשי עטליכע ישיבות פון באדייטונג, פלעגט דער „ריש גלותא" קומען בלויז קיין סורא, וועלכעס איז נאהנט צו מתא מחסיא. געוועהנליך פלעגט דאס פארקומען אויף שבת פרשה לך־לך, נאך די תעניות בה"ב, אין אנהויב פון חודש מרחשון. איז דאס געוועזן דער „שבתא דרגלא" (דער יום טוב'דיגער שבת) לכבוד דעם „ריש גלותא", וועלכער פלעגט דאן מאכען א הוליאנקע לכבוד דעם „ריש מתיבתא".

דעסגלייכען פלעגען זיך דארט אין סורא אדער אין מתא מחסיא, צונויפקלויבען די „אסיפות", וואו דער „ריש גלותא" האט געדארפט מיט־טיילען וועגען דער פאליטישער לאגע. און האטש דער „ריש גלותא" האט געוואוינט אין אן אנדערער שטאדט, פלעגט ער אין די צייטען פון רב אשי רופען די דאזיגע אסיפות קיין סורא. איז דאן צוליעב דעם די שטאדט מתא מחסיא געווארען דער הויפט־צענטער פונ'ם אידישען לעבען אין בבל, וואו עס פלעגען זיך צונויפקומען כמעט אלע אידען פונ'ם לאנד אין די „חדשי כלה" (אלול און אדר), ווען דער „ריש מתיבתא" פלעגט דרש'נען וועגען די דינים פון די ימים־טובים, גלייך ווי אין א „שבתא דרגלא", ווען דער עולם איז געקומען באגריסען דעם ריש־גלותא, אדער ווען מען איז זיך צונויפגעקומען צו אן אלגעמיינער „אסיפה".

אזוי ווי עס האבען זיך פאראייניגט אין רב אשי אלע מעלות און מדות טובות אין א גרויסער מאס, מעהר ווי ביי אלע מענשען פון יענעם דור, האט ער אויך פארמאגט דעם כח, צוצוטרעטען צו דער גרויסער אר־בייט, מסדר צו זיין אלע געזעצליכע אנטשיידונגען און רעליגיעזע איינ־טייטשונגען פון די משניות, צוזאמען מיט די ברייתות און תוספתות, צו איין גרוים ווערק, פון וועלכען עס איז דערנאך ארויסגעוואקסען אונזער „תלמוד בבלי".

די ערשטע אורזאך פאר'ן צונויפזאמלען דאס דאזיגע ווערק איז וואהר־שיינליך געווען דער וואונש צו פארגרינגערען דאס אפהיטען פונ'ם גאנצען רעליגיעז־געזעצליכען שטאף, וועלכער איז כסדר מיט יעדען דור אלץ מעהר און מעהר אנגעוואקסען, צו פאראייביגען זיין אינהאלט אינ'ם מוח פון די מענשען און איהם אפצוהיטען אין זייער הארץ. נאכדעם ווי פיעלע פון יענע אנטשיידונגען און איינטייטשונגען זיינען שוין געווען פארגעסען, ווי רב אשי האט זיך באקלאגט, אז דער זכרון פון די מענשען ווערד וואס אמאל שוואכער, און ער זאגט, אז „ווען דאס הארץ פון די פריהערע דורות איז געווען אזוי ברייט ווי דער טויער פון א פאלאץ, איז אונזער הארץ אזוי קליין און אומבאדייטענד גלייך ווי דאס אויער פון א נאדעל" (ערובין דף נ"ט עמוד א').

זייט דער צייט פון רב (אבא אריכא) האט זיך דער מאטעריאל פונ'ם לערנען כסדר פארמעהרט און ער איז אויך שטארק אריבערגעוואקסען דעם כח הזכרון, וואס די לומדים האבען פארמאגט. האט רב אשי צונויפגע־נומען דעם דאזיגען גאנצען שטאף און ער האט איהם געלאזט אויפשרייבען, ער זאל נישט ווייטער פארגעסען ווערען.

ווי עס הייסט, איז רב אשי געזעסען אויף'ן שטוהל פון א „ריש מתיבתא" אין מתא מחסיא א צייט פון זעכציג יאהר — און אין די דא־זיגע אלע יאהרען האט ער געארבייט, צונויפצוקלויבען אלע איינטייטשונגען פון דער משנה, לויט ווי זיי זיינען געווען אנגענומען אין די פארשיעדענע ישיבות פון בבל. צו באמערקען איז אויך, אז ער איז ביי דער דאזיגער ארבייט געווען זעהר פארזיכטיג און ער האט נישט אריינגענומען גאר אין זיין זאמלונג, ווי לאנג ער האט נישט פריהער אלסדינג גענוי אונטערזוכט.

אין די „חדשי כלה" פון יעדען יאהר, ווען עס פלעגען זיך צו־נויפקלויבען רב אשי'ס תלמידים פון אלע עקען בבל, פלעגט ער יעדעס מאל אויסקלויבען א געוויסען פרק פון א מסכתא אדער א גאנצע מסכתא אלס אן ענין פאר זיין דרשה צווישען די חכמים און תלמידים. בזה האופן איז דורכגעזופט געווארען די גאנצע משנה מיט אלע סוגיות פונ'ם תלמוד אין זעכציג חלקים אדער מסכתות. אויף אזא שטייגער האט רב אשי פארענדיגט און אנטוויקעלט די איינטיילונג פון דער משנה, דאס גרוי־סע ווערק פון ר' יהודה הנשיא פון מיט 200 יאהר צוריק. איז אבער די ארבייט פון רב אשי געווען זעהר א שווערע. נישט צו פארגלייכען צו דער ארבייט ביי דער צוזאמענשטעלונג פון דער משנה, ווייל די משנה אנט־האלט אין קורצע ווערטער בלויז די דינים פון דער תורה, לויט ווי זיי זיינען אין יענעם דור איינגעטייטשט געווארען. אנדערע זייטיגע ענינים און דערקלערונגען פון די איינצעלהייטען געפינען זיך בלויז אין די ברייתות. נישט אזוי איז די גמרא, וועלכע אנטהאלט אלסדינג און זי לאזט נישט אויס קיין זאך, וואס האט נור די מינדעסטע שייכות צום ענין, וועגען וועל־כען עס ווערד גערעדט.

פון דאמאלס אן איז דער תלמוד בבלי געווארען די וויכטיגסטע גרונד־לאגע פאר דער אנטוויקלונג פונ'ם פאלק. רב אשי האט אויך נישט פאר־ענדיגט זיין גרויסע ארבייט. ער האט בלויז געפיהלט, אז עס איז ענדליך געקומען די צייט פון צוזאמענשטעלען דאס מאטעריאל. איטליכע ישיבה האט זיך געהאט איהרע באזונדערע ערקלערונגען צו דער משנה, וועלכע זי האט געלעהרענט אויף איהר אייגענעם שטייגער. אומעטום האט נאך געלעבט

דער חשק פון זוכען נייע איינטייטשונגען צו די מצוות פון דער תורה. רב אשי האָט אויך נישט געקענט באשרענקען די גאנצע גייסטיגע ארבייט זיינע נור אין צוזאמענקלויבען און אָרדנען, ווייל ער האָט גלייכצייטיג גע־דאַרפט אנטשיידען ביי כל־ערליי מיינונגס־פארשידענהייטען, אויפלייזען צווייפעל און געבען ערקלערונגען, וואו עס האָט זיך נור גענויטיגט.

כמעט אין אלע יאָהרען, וואָס רב אשי האָט געווירקט אין דער ישיבה פון מתא מחסיא, איז געזעסען אויף'ן פערזישען טהראָן קעניג יעזדיגערד דער צווייטער, וואָס זיין רעליגיעזע אויפפיהרונג איז נישט געווען לויט'ן וואונש פון די פערזישע גלחים און זיי האָבען איהם דערפאר גערופען „דער זינדיגער".

באזונדערס פלעגען יענע גלחים קריטיקירען זייער קעניג פאר זיין שטעלונג צו אידען, וועלכע ער האָט די גאנצע צייט פון זיין רעגירונג מיט אלע זיינע כחות באשיצט און נישט געלאָזט זיי טהון קיין שלעכטס.

אונטער זיין שוץ האָבען דאן די ישיבות אין בבל געבליהט, און געווען זיינען זיי דאמאָלס דריי אין צאָהל. אינטערעסאנט איז אויך, וואָס מען פלעגט דאן צו יעדער הויפישער פייערליכקייט איינלאָדען אידען און צווישען די פראָמינענטע פיהרער פון דער מלוכה האָבען אויך ביי יעדער שמחה אינ'ם קעניגליכען הויף געדאַרפט זיין אנוועזענד די פאָרשטעהער פון די דריי גרויסע ישיבות, דהיינו: רב אשי פון מתא מחסיא און סורא, מר זוטרא פון פומבדיתא און אמימר פון נהרדעא.

מיט א באזונדערער פארעהרונג פלעגט קעניג יעזדיגערד באהאנדלען דעם דאמאָלסדיגען „ריש גלותא" — רב הונא בר נתן. ווי עס ווערד דערצעהלט, איז אמאָל דער דאָזיגער „ריש גלותא" געשטאַנען בעפאָר דעם קעניג און דער גארטעל זיינער איז געווען ארומגענומען אונטער די אָרעמס פון זיינע הענד, ווי פשוט'ע מענשען פלעגען דאמאָלס זיין אנגעטהון. האָט איהם דער קעניג מיט זיינע אייגענע הענד ארונטערגערוקט דעם גאַר־טעל צו די לענדען און ער האָט איהם געזאָגט: „איהר אידען זענט דאָך די פריסטער פונ'ם אויבערשטען, דאַרפט איהר אייערע גארטלען אזוי טראָ־גען ווי אונזערע פריסטער טראָגען זייערע גארטלען!" (זבחים דף י"ט עמוד א').

אין יענע טעג איז אויך ענדליך אָנגעקומען דער היסטאָרישער צאָהל־טאָג פאר דער רוימישער אימפעריע. פון אלע זייטען האָבען דאן פאר־שיעדענע שונאים געהאמערט אויף רוים, צו פארניכטען איהר עקסיסטענץ. אינערליכע קעמפע און דרויסענדיגע פיינד האָבען זיך צונויפגענומען פאר דעמזעלבען ציעל — און ווער עס האָט נור געהאט א קלאָרען בליק אויף די געשעהענישען, האָט געקענט זעהן, אז די טעג פון דער רוימישער אימפעריע זיינען געצעהלטע. האָבען דאן פיעלע אידען אין דעם דאָזיגען פאָליטישען פלאָנטער געזעהן דאָס אָנקומען פון דעם לאנג־ערווארטעטען „משיח". אין דער נעמליכער צייט איז אויך באקאנט געוואָרען צווישען פאָלק דער „ספר היובלים", וואו עס זיינען פאררעכענט אלע היסטאָרישע געשעהענישען פון דער וועלט, לויט די יאָהרען פון די „יובלים". האָט מען דאָרט געפונען א מאמר, וועלכער זאָגט, אז די וועלט דאַרף בלויז עקסיסטירען פינף־און־אכציג יובלים. האָט מען בארעכענט, אז דאָס מיינט דאָס יאָהר ד' אלפים קצ"ט לבריאת העולם (439 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג), און אזוי ווי מען האָט שוין דאמאָלס געהאלטען נאָהנט צו יענעם יאָהר, וואָס דאַרף זיין

דער סוף פון דער וועלט, האט מען ערווארטעט, אז היינט־מארגן וועט טאקי „משיח" אנקומען...

האבען אט אזעלכע שווערמעריען אנגעצונדען די פאנטאזיע פון די פאלקס־מאסען און פארשיעדענע אזוי גערופענע „קרענקס" האבען געקראגען די מעגליכקייט צו פארפיהרען דאס פאלק. איז דאן אויפגעשטאנען אזא מין פארפיהרער אין דער צייט פון רב אשי אויף דעם אינזעל קרעטא און עס האט זיך איהם אויך איינגעגעבען, אריינצוקריגען די אידען פון דעם דאזיגען אינזעל אין זיינע הענד, זיי זאלען איהם נאכפאלגען, וואו ער וועט זיי פיהרען.

איז דאס געווען א האלב־משוגענער, וועלכער האט זיך א נאמען געגעבען מ ש ה. האט ער צוגעזאגט זיינע נאכפאלגער, אז ער וועט זיי באווייזען אזעלכע וואונדער, ווי עס זיינען פארגעקומען ביי יציאת מצרים, אונטער משה רבנו. גלייך ווי יענער וועט ער זיי אריבערפיהרען דורכ'ן מיטעללענדישען ים קיין ארץ־ישראל און דער ים וועט אויסטרוקענען אונטער זייערע פיס, ביז זיי וועלען אריבערקומען אויף דער אנדערער זייט. האבען די אידען אין קרעטא אין איהם געגלויבט, האבען זיי אלע פארלאזען זייערע באשעפטיגונגען, געלאזען אויף הפקר זייער פארמעגען און נאכגעפאלגט דעם נייעם משיח, דער ים זאל זיך פאר זיי שפאלטען, גלייך ווי ער האט זיך געשפאלטען פאר משה רבנו.

ענדליך איז אנגעקומען דער טאג, וואס דער נייער משה האט צוגעזאגט, אז היינט דארף דער גרויסער נס געשעהן. איז דער נייער משה געגאנגען פאראויס און אלע אידען פון קרעטא מיט זייערע ווייבער און קינדער זיינען נאך איהם נאכגעגאנגען, ביז זיי זיינען אנגעקומען צום ברעג פונ'ם ים. דארט האט זיך דער נייער משה אוועקגעשטעלט אויפ'ן שפיץ פון א פעלזען און האט געהייסען זיינע נאכפאלגער אריינשפרינגען אין ים, וועט זיך דער ים תיכף שפאלטען. און אזוי ווי עס איז געווען אנגענומען דער גלויבען, אז ביי משה רבנו האט זיך דער ים ערשט דאמאלס געשפאלטען, ווען נחשון בן עמינדב איז שוין געשטאנען אין וואסער ביז צום האלז, האבען אלע נאכפאלגער פונ'ם נייעם משה אנגעהויבען אריינשפרינגען אין וואסער. זיינען דאן פיעלע פון זיי דערטרונקען געווארען און בלויז א קליינער טייל איז געבליבען לעבען. דאס זיינען געווען אזעלכע, וואס זיינען אפגעראטעוועט געווארען דורך מאטראזען, וועלכע זיינען גראד דאמאלס ארומגעפאהרען איבער'ן ים אויף קליינע שיפלעך.

דערוויל האט זיך די רוימישע אימפעריע מיט יעדען טאג אלץ מעהר דערנעהנטערט צו איהר אונטערגאנג. אין זייער גלויבען זיינען דאן די רוימער געווען קריסטליך פאנאטיש און פול מיט שנאה צו אידען, וואס ווילען נישט אנערקענען יעזוס'ן אלס זייער „משיח". האט דערפאר דאס קריסטליכע רוים אנגעטהון מעהר צרות צו אידען, ווי מען האט געדארפט פריהער לײדען פונ'ם הײדנישען רוים. זיינען דאן אלע ישיבות אין ארץ־ישראל איינע נאך דער אנדערער בטל געווארען און דער חשק צום לערנען איז דארט כמעט ווי אפגעשטארבען. גלייכצייטיג איז אויך בטל געווארען די מאכט פונ'ם אידישען „נשיא", וואס זיין אמט איז פריהער געווען פאר אידען דער ליכטיגסטער פונקט אין דער פינסטערניש פונ'ם גלות.

נאָך דעם „נשיא" ר' הלל (דעם צווייטען), וועלכער האָט איינגעפיהרט א גערעגעלטען קאַלענדער, זיינען נאָך געווען דריי נשיאים, דהיינו: רבן גמליאל (דער פינפטער), דער זוהן פון רבי הלל; זיין זוהן, רבי יהודה נשיאה דער דריטער, און רבן גמליאל דער זעקסטער (דער לעצטער). איז שוין אָבער דאָס אמט פונ'ם „נשיא" געווען אָהן יעדער ווערדע. די רעגירונג האָט נישט מעהר געשטיצט דעם נשיא. זי האָט בלויז פון איהם פאַרלאַנגט, ער זאָל אַרויסקוועטשען ביי די אידען די לעצטע פּרוטה פאַר שטייערען — און פאַר די באַדערפענישען פון זיין פּרנסה האָט דער נשיא געמוזט אַרומשיקען שלוחים איבער אַלע לענדער פון דער רוימישער אימפּעריע, צו קריגען „נדבות".

דאָביי האָט דער נשיא געהאַט פולע הענד מיט ארבייט, אויסצושליסען פון דער אידישער קהלה אַלע יענע אידען, וואָס האָבען סימפּאַטיזירט מיט'ן קריסטענטום. מאַנכע פון די דאָזיגע מענשען זיינען אַוועקגעגאַנגען אָפען פונ'ם אידישען דת און מען איז פון זיי פּטור געוואָרען אויף אַ גרינגען אופן. אַנדערע דאַגעגען האָבען זיך באַהאַלטען מיט זייער נייער אמונה און זיי האָבען זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט פון זייער אידישקייט. זיינען זיי דערפאַר געווען געפעהרליך פאַר'ן כלל ישראל, ווייל זיי האָבען געהאַט די מעגליכקייט צו אַגיטירען צווישען אידען פאַר זייער נייער אמונה. נישט תמיד האָט זיך עס אויך דעם נשיא איינגעגעבען, צו פּטר'ן די פאַרשווינען, וואָס זיינען געוואָרען סימפּאַטיקער צום קריסטענטום, ווייל די קריסטליכע בישאָפען האָבען אָפטמאָל מיט דער הילף פון דער רעגירונג געצוואונגען די אידישע קהלות אַריינצונעהמען צוריק די אויסגעשלאָסענע אידישע קריסטען.

אויפ'ן רוימישען טהראָן איז דאַן געזעסען קייזער טהעאָדאָזיאוס דער גרויסער, וועלכער האָט כסדר באַשיצט זיינע אידען, חאָטש די גלחים האָבען איהם שטענדיג אָנגערייצט נגענ זיי און זיי האָבען איהם צוגעזאָגט, אַז די נשמה זיינע וועט פאַרפאַלען ווערען אין גיהנם, ווייל ער וויל נישט העלפען פאַרפאָלגען די אידען. האָט טהעאָדאָזיוס נישט געוואָלט דאָס אַלעס הערען און ער האָט נאָך אדרבה אַרויסגעגעבען אַ געזעץ, אַז גלייך ווי פריהער מעג דער נשיא ווייטער אויסשליסען פון דער אידישער קהלה יעדען איינעם, וואָס מען דענקט וועגען איהם, אַז ער איז שעדליך פאַר דער קהלה. עס האָט אויך קיין מענש נישט קיין רעכט אַריינצומישען זיך אין דער אינעווייניגסטער פיהרונג פון די אידען, גלייך ווי אין זייערע מחלוקת'ן, וואָס זיי האָבען צווישען זיך.

די גערעכטיגקייט פון קייזער טהעאָדאָזיוס צו אידען איז אַם בעסטען באַוויזען געוואָרען, ווען דער נשיא רבן גמליאל דער פינפטער האָט זיך פאַר איהם באַקלאָגט, אַז דער רוימישער קאָנסול, העזיכיוס, האָט ביי איהם צוגערויבט פאַרשיעדענע וויכטיגע דאָקומענטען. האָט דאַן טהעאָדאָזיוס פאָרגערופען דעם קאָנסול צו אַ משפּט און האָט איהם פאַראורטיילט צום טויט.

זעהר פיעל מיה האָט קייזער טהעאָדאָזיוס געדאַרפט אָנווענדען, צו באַרוהיגען די פאַנאַטישע קריסטליכע גלחים אין זייער שנאה צו אידען. אין זייער גרויסען פאַנאַטיזם פלעגען זיך די דאָזיגע גלחים שטענדיג באַשטרעבען, צו שטערען די אידען אין זייער גאָטעסדינסט. וואו אידען האָבען ערגעץ אויסגעבויט אַ שוהל, פלעגט מען זיי אָנטהון כל-ערליי צרות,

אויסרויבען די שוהל פון איהרע הייליגקייטען, אונטערצינדען זי און לאָזען זי פארברענט ווערען אין פייער.

מעהר פון אלעמען האָבען אין דער דאָזיגער באַציהונג געארבייט די צוויי פאַנאטיקער, יאָהאַנעס כריסטאָזאָמוס פון אַנטיאָכיען און אַמבראָזיוס פון מילאַנאָ אין איטאַליען. אָט דער כריסטאָזאָמוס איז געווען שרעקליך געקרענקט, ווען ער האָט געזעהן ווי פיעלע פון די גויים פאַרהאַלטען זיך סימפּאַטיש צו אידען. יעדען שבת און יום־טוב פלעגט מען דאַן זעהן פאַר־שיעדענע גויים קומען אין די אידישע שוהלען, דאָרט שעפּען רעליגיעזע באַ־גייסטערונג. איבערהויפּט זיינען דאָס געווען פרויען פון דער אַריסטאָקראַטיע, וואָס זיינען רעגעלמעסיג געגאַנגען דאַווענען, פלעגען פאַסטען אום יום־כפּור און זיצען אין סוכה. און ווען עס איז אַמאָל פאָרגעקומען אַ סכסוך צווישען גויים, האָבען זיי עס פאַרגעצויגען צו געהן מיט זייערע סכסוכים צו אַ אי־דישען בית־דין, אין דער ערוואַרטונג, אַז דער אידישער בית־דין וועט זיי עהרליך משפּט׳ן.

האָט דאָס אַזאַ פאַנאַטיקער ווי כריסטאָזאָמוס נישט געקענט ליידען. האָט ער מיט אַלע זיינע כחות געקעמפט דאַגעגען. אינצווישען זיינען נאָך פאָרגעקומען אַנדערע מעשים, וואָס האָבען דעם כריסטאָזאָמוס שרעקליך אויפ־געדעגט. אין רוים האָבען דאַמאָלס די קריסטען פאַרברענט אַ אידישע שוהל. האָט דער קייזער פאַראורטיילט דעם סענאַט אויפצובויען צוריק די שוהל אויף די קאָסטען פון די קריסטען אין רוים. ביי אַן אַנדערער געלעגענהייט האָט דער בישאָף פון קאַליניקאַט אין נאָרטהערן מעסאָפּאָטאַמיען געהייסען זיינע גלחים פאַנאַנדערוואַרפען די אידישע שוהל. האָט איהם קייזער טהעאָ־דאָזיוס געהייסען צוריק אויפבויען די שוהל אויף זיינע קאָסטען און שטרענג באַשטראָפען אַלע יענע מענשען, וואָס האָבען זיך ביי דער צעשטערונג פון דער שוהל באַטיילינט. האָט דאָס כריסטאָזאָמוס געהערט, האָט ער זיך שטאַרק געבייזערט און געסטראַשעט דעם קייזער מיט די גרעסטע יסורים פון גיהנם, ביז דער קייזער איז געווען געצוואונגען, צוריקצוציהען די שטראָף פון׳ם בישאָף.

איז כדי צו מאַכען אַ סוף צו די דאָזיגע אַלע אַרויסטרעטונגען געגען אידען, האָט קייזער טהעאָדאָזיוס שפּעטער אַרויסגעגעבען אַ געזעץ, וועלכעס איז געווען באַגרינדעט אויף׳ן געדאַנק, אַז דאָס אַנהאַלטען אידישקייט איז אין רוים קיינמאָל נישט געווען פאַרבאָטען און אידען זיינען שטענדיג געווען פאַררעכענט ווי גלייכגעשטעלטע בירגער. דערנאָך האָט דער קייזער אַרויס־געגעבען אַ באַפעהל צו זיינע קאָנסולען, צו באַשטראָפען שווער אַלע, וואָס שטערען דעם פרידען פון דער אידישער אמונה, אָדער וואָס פאַרשוועכען די שוהלען.

קייזער טהעאָדאָזיוס האָט דאַן געוואָלט זיכערשטעלען די מלוכה פאַר זיינע נאָכפאָלגער, האָט ער איינגעטיילט די אימפּעריע אין צוויי טיילען: דעם וועסטליכען טייל פון דער מלוכה מיט דער שטאָדט רוים אַלס רעזידענץ און אַ צווייטען טייל האָט ער אָפּגעגרעניצט אינ׳ם מזרח מיט ביצאַנץ אַלס הויפּט־שטאָדט. האָט דאָס אָבער נישט געבראַכט דעם נויטיגען פרידען פאַר דער אימפּעריע — און די אידען האָבען געדאַרפט אויסשטעהן צרות איןביידע חלקים פון דער צעטיילטער אימפּעריע.

האבען אידען פון דעסטוועגען פארשטאנען, צו פארגרינגערען פאר זיך די פארפאלגונגען און צו מאכען די פארשטעהער פון דער רעגירונג וויכהארציג — דורך דערווירקונג פון א מטבע . . . איז דאן ארויסגע־קומען א באפעהל פונ'ם קייזער, אז די פארשטעהער פון דער רעגירונג מוזען באשיצען די אידישע מאסען פאר יעדער פארפאלגונג, גלייך ווי מען מוז באשיצען דעם אידישען „נשיא", עס זאל זיך קיינער נישט דערוועגען איהם צו באשימפפען.

אין זיין באפעהל האט דאן דער קייזער ערקלערט, אז ווען דער מאב זאל אמאל אנפאלען אויף די שוהלען, דארפען דאס די פארשטעהער פון דער רעגירונג נישט דערלאזען. ער האט אויך באנייט דאס געזעץ, אז די אידישע נשיאים און די לערנער זיינען באפרייט פון שטייערען, גלייך ווי קריסטליכע פריסטער. אויסערדעם האט דער קייזער באשטימט, אז סכסוכים צווישען אידען זאלען געשליכטעט ווערען ביים אידישען בית־דין און די רוימישע באאמטע דארפען העלפען דורכפיהרען די אורטיילען פון די אידישע גע־ריכטען.

ביי קייזער טהעאדאזיוס דעם צווייטען (אין ביצאנץ) האט שוין די אידישע מטבע ווייניג וואס געהאלפען. דער קייזער האט דאן פארבאטען, צו בויען נייע שוהלען, דעסגלייכען האט ער פאראורדנעט, אז אידישע בתי־דינים טארען נישט אורטיילען אין א סכסוך צווישען א איד מיט א גוי.

אין דער צייט פון אט דעם קייזער איז אויך בטל געווארען דאס אמט פון א „נשיא". דער לעצטער אידישער נשיא איז דאן געווען רבי גמליאל דער זעקסטער, דער זוהן פון רבי יהודה נשיאה דעם דריטען. האט ער געקראגען דעם כבוד אינ'ם קייזערליכען הויף מעהר ווי אלע זיינע פארגענ־גער. האט אבער אין דעם אלעמען נישט געשטעקט קיין ברעקעל מאכט. לויט ווי עס ווערד דערצעהלט, האט ער געקראגען עטליכע טיטולען צוליעב זיינע גרויסע מעדיצינישע קענטניסע. אזוי ווי ער האט אויסגעפונען א רפואה פאר מילץ־קראנקע, האט מען איהם נישט געזשאלעוועט קיין כבוד און קיין טיטולען.

האט ער אבער געדענקט, אז ער וועט קענען עטוואס אויפטהון פאר דער טובה פון זיין פאלק, איז דאס געווען א טעות. אזוי ווי עס האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז ער איז נישט געבונדען געגוי צו באאבאכטען אלע קייזערליכע געזעצע, האט ער זיך ערלויבט צו נעהמען בויען נייע שוהלען און ארויסגעבען אורטיילען אין סכסוכים צווישען אידען און גוים. איז דער סוף דערפון געווען, אז קייזער טהעאדאזיוס האט ביי איהם אוועקגע־נומען זיינע טיטולען און אין גאנצען בטל געמאכט זיין באדייטונג אלס „נשיא". פארגעקומען איז דאס אין ד' אלפים קע"ה (415 לויט קריסטליכער צייט).

דער קייזער האט איהם דאן בלויז געלאזט דעם טיטעל פון א „נשיא" אהן יעדער מאכט — און נאך זיין קינדערלאזען טויט, וועלכער איז פארגע־קומען אין ד' אלפים קפ"ו (426 לויט קריסטליכער רעכנונג), איז איבער־געריסען געווארען די קייט פון נשיאים אין ארץ־ישראל, וועלכע האט זיך געצויגען וועהרענד א צייט פון פינף יאהרהונדערטער, איבער 15 דורות, דהיינו: רבן גמליאל הזקן, רבן שמעון בן גמליאל, רבן גמליאל דיבנה, רבן

די אמוראים פון בבל

שמעון בן גמליאל דער צווייטער, רבי יהודה הנשיא (רבנו הקדוש), רבן שמעון בן רבי יהודה הנשיא, רבי יהודה נשיאה, רבי גמליאל בן ר׳ יהודה נשיאה, רבי יהודה נשיאה דער צווייטער, רבי גמליאל דער פינפטער, רבי יהודה נשיאה דער דריטער, רבי הלל (דער צווייטער), רבי גמליאל בן רבי הלל, רבי יהודה נשיאה דער פערטער און רבי גמליאל דער זעקסטער.*)

---

*) זעה „אונזערע גייסטיגע ריעזען״, צווייטער טייל, זייטע 70 ביז 87.

טביומי מר בר רב אשי

הונדערטער יאָהרען האָבען די אידען אין בבל געלעבט רוהיג און צופריעדען און זיי האָבען נישט געוואוסט פון קיין פארפאָלגונגען. זייער חיונה האָבען דאָרט די אידען געצויגען פון ערד־ארבייט אָדער פון האנדעל. און אזוי ווי עס האָט זיי נישט געפעהלט קיין פרנסה און די רעגירונג האָט באשיצט זייער לעבען, האָבען זיי געהאט די מעגליכקייט, אָפּצוגעבען זיך מיט לערנען און אָפּצוהיטען די מצוות פון דער תורה.

גאָר גוט איז דאָרט געווען אונטער דער הערשאפט פון די „פּארטהער" (פּרתיים), וועלכע האָבען געהאָט פאַרטריבען די פריהערע בבליים (די כשדיים) און פאַרנומען זייער לאַנד. אָבער אפילו שפּעטער אונטער דער הערשאפט פון די פּערזער איז בלויז אין אָנהויב געווען שלעכט, ווי לאַנג די פּערזער זיינען געווען פאנאטיש אין זייער גלויבען און זיי האָבען זיך נישט געהאָט צוגעוועהנט, צו זיין טאָלעראַנט צו מענשען פון אַן אנדערער אמונה.

דערנאָך איז די לאַגע אין גאַנצען איבערגעאַנדערשט געוואָרען און די אידען האָבען זיך דאָרט באַפעסטיגט אין אַ פאָלשטענדיגער זיכערקייט ווי „אַ נאַציאָן אין אַ נאַציאָן". די שטעדט, וואו עס האָבען זיך געפונען די גרויסע ישיבות, זיינען געווען ריין אידישע מיט אַן אייגענער פארוואַלטונג. האָט דערפאַר דאָס לעבען פון די אידען אין בבל אויסגעזעהען, גלייך זיי זאָלען דאָרט פאַרמאָגען אַן אייגענע מלוכה, וועלכע האָט מיט דער צענטראַלער רע־גירונג בלויז אזוי פיעל צו טהון, וואָס מען דאַרף איהר צאָהלען שטייערען און דערפאַר האָט מען אַ רעכט, צו פאַרלאַנגען ביי איהר שוץ פון אַ דרויס־סענדיגען שונא.

האָבען זיך די דאָזיגע גוטע צייטען פאַר די אידען אין בבל פּלוצים איבערגעביטען און עס זיינען פאַר זיי אָנגעקומען ביטערע טעג, וואָס די אַמאָליגע צרות פון קעניג סאַפּאָר'ס צייטען זיינען געווען ווי אַ קינדער־שפּיעל געגען דעם, וואָס מען האָט געדאַרפט שפּעטער ליידען. האָבען דאַן די אידישע פיהרער איינגעזעהען, אַז אזוי ווי די רעגירונג האָט זיך פּלוצים פאַרנומען, צו פאַרניכטען דאָס אידישע פאָלק צוזאַמען מיט זיין אמונה, איז דערפאַר ענדליך געקומען די צייט, צונויפצוקלייבען אַלע דאָקומענטען פון דער אידישער טראַדיציע, אָפּצוהיטען זיי פון פאַרגעסענהייט און פון אַלערליי בייזע באַנגענישען.

איז דאַן צונויפגעשטעלט געוואָרען דער „תלמוד בבלי", אין וועלכען עס זיינען אריינגענומען געוואָרען אַלע שאַפונגען פונ'ם אידישען גייסט און אַלעס וואָס אידען האָבען געדענקט זייט די לעצטע נביאים ביז צו די טעג פון רב אשי און רבינא.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך, וואָס לערך דרייסיג יאָהר נאָך'ן טויט פון רב אשי זיינען די פיהרער פון דער ישיבה אין מתא מחסיא פון לעבען

סורא געווען אזעלכע, וואָס האָבען מיט זיך נישט מעהר פאַרגעשטעלט ווי זייער בלויזען נאָמען, ווייל די טהעטיגקייט זייערע איז געווען אָהן אַן אייג־דרוק אויף׳ן גאַנג פונ׳ם אידישען לעבען — און אין דער ישיבה פון פומבדיתא זיינען דאַמאָלס די פאַרהעלטניסע נאָך פיעל ערגער געווען.

איז איינער פון די פּראָמינענטעסטע צווישען יענע „ראשי מתיבתא" אין מתא מחסיא געווען רב נחמן בר הונא, אַ תּלמיד פון רב אשי. און נאָך זיין טויט האָט עס געהאַלטען דערביי, מען זאָל אויף זיין אָרט אויסקלויבען אַ זוהן פון רב אשי מיט׳ן נאָמען ט ב י ו מ י , וועלכער האָט שוין לאַנג פריהער געהאַט דעם ווערטה צו זיצען אויף זיין פאָטער׳ס בענקעל. אָט דער טביומי ווערד געוועהנליך טיטולירט אין דער גמרא מיט׳ן נאָמען „מר בר רב אשי" און מיט דעם דאָזיגען נאָמען איז ער באַקאַנט געווען אַלע יאָהרען פון זיין ווירקונג.

האָבען אָבער פאַרשיעדענע עלעמענטען אינטריגירט געגען דער ער־וועהלונג פון דעם דאָזיגען ט ב י ו מ י . האָט מען דאַן אויסגעקליבען אַלס ראש־ישיבה אין מתא מחסיא אַן אַנדערן „אמורא" מיט׳ן נאָמען רב אחא מדיפתו, וועלכער איז געווען אַ קרוב פונ׳ם „ריש גלותא". און אין דער צייט, וואָס רב אחא מדיפתו איז אויסגעקליבען געוואָרען אַלס „ראש ישיבה" אין מתא מחסיא, האָט זיך מר בר רב אשי געפונען אויף אַ רייזע אין מחוזא. האָט עס איהם זעהר שטאַרק פאַרדראָסען, וואָס אַן אַנדערער און נישט ער איז ערוועהלט געוואָרען, צו פאַרנעהמען דעם פּלאַץ פון זיין פאָטער.

און ווען עס איז דאַן באַוואוסט געוואָרען, אַז מר בר רב אשי איז צוריק אהיים־געקומען פונ׳ם וועג, האָבען די תּלמידי־חכמים אין מתא מחסיא פאַרשטאַנען, אַז מען האָט פריהער געדאַרפט פרעגען אַ מיינונג ביי טביומי, איידער מען האָט ערוועהלט אַן אַנדערן אויף דעם פּלאַץ, וועלכער האָט יעצט געדאַרפט אָנקומען צו איהם.

האָט מען צוגעשיקט צו טביומי צוויי תּלמידי־חכמים, מען זאָל איהם צו וויסען געבען, ווען מען האָט אויסגעקליבען פאַר אַ ראש־ישיבה. האָט טביומי די דאָזיגע צוויי תּלמידי־חכמים ביי זיך פאַרהאַלטען און האָט זיי נישט געלאָזט אוועקגעהן. האָט מען דאַן געשיקט צו איהם אַנדערע צוויי תּלמידי־חכמים. האָט זיי טביומי ווייטער ביי זיך פאַרהאַלטען. דאָסזעלבע האָט זיך אויך ווידערהאָלט שפּעטער, ביז עס האָבען זיך ביי טביומי אין הויז אָנגע־קליבען צעהן תּלמידי־חכמים, האָט זיי דאַן טביומי אָפּגעענטפערט אויף זיי־ער נאָכריכט וועגען דער ערוועהלונג פון אַן אַנדערן „ריש מתיבתא" מיט אַ דרשה, וועלכע האָט די מענשען אַזוי פאַרחאַפּט, אַז זיי האָבען איהם אַזש געבעטען, ער זאָל ווערען „ריש מתיבתא" אין זייער ישיבה — און ער האָט אויך דאָס אמט אָנגענומען.

אָט דאָס איז פאַרגעקומען אינ׳ם יאָהר ד׳ אלפים רט״ז לבריאת עולם (דאָס הייסט 456 לויט קריסטליכער צייט־רעכנונג). אין יענעם יאָהר זיינען אויך אויסגעבראָכען די שרעקליכסטע רדיפות געגען אידען, ווי עס איז נאָך ביז דאַמאָלס נישט פאַרגעקומען אין בבל. זיינען די דאָזיגע פאַרפאָלגונגען באַשטאַנען הויפּטזעכליך פון רציחות און הריגות, וועלכע האָבען געהאַט דעם צוועק, די אידען אין בבל גענצליך צו פאַרניכטען.

מר בר רב אשי איז געווען כמעט דער גרעסטער צווישען די לעצטע „אמוראים". די מענשען פון זיין צייט האָבען אויך גוט פאַרשטאַנען אָפּ־

צושאַצען זיין ווערדע און מען האָט געוועהנליך באַשטימט יעדע הלכה לויט זיין מיינונג. טראָצדעם איז ער נישט אימשטאַנד געווען, צוריק צו ברענגען די ישיבה פון סורא צו איהר פריהערער באַדייטונג. זאָנסט האָט ער פאָרטגעזעצט די אַרבייט פון זיין פאָטער אין דער צוזאַמענשטעלונג פונ׳ם תלמוד. ער האָט אויך צונויפגעקליבען אַלע פּסקים פון זיין פאָטער, ערקלערענדיג גלייכצייטיג געוויסע אומדערקלערליכע הלכות פון זיין פאָטער.

חוץ דער דאָזיגער טהעטיגקייט זיינער ביי דער צוזאַמענשטעלונג פונ׳ם תלמוד איז וועגען איהם ווייניג וואָס באַקאַנט. צוליעב די גרויסע צרות פון יענער צייט זיינען נישט פאַרבליבען קיין זכרונות וועגען די אויפטהואונגען פון אַ גאַנצער שורה חכמים, וואָס האָבען דאַמאָלס געווירקט און וועלכע זיינען אפשר נישט געווען ווייניגער וויכטיג און געלעהרענט ווי זייערע פאָרגענגער.

באַזונדערס שטאַרק האָבען די אידען אין בבל געליטען אין די טעג פון קעניג יעזדיגערד (אָדער הארמיזדאס) דעם דריטען, וועלכער איז געווען בטבע זעהר אַ שלעכטער מענש און צו די אידען האָט ער זיך ארומגעטראָגען מיט אַ ספּעציעלער שנאה. איז די ערשטע גזרה זיינע געווען, בטל צו מאַכען דעם שבת. גלייכצייטיג האָט ער אויך פאַרבאָטען די עקסיסטענץ פון די ישיבות.

וועגען דער סבה, וואָס האָט פּלוצלונג פאַראורזאַכט, אַז די פּערזישע קעניגע זאָלען ווערען אַזוי שטאַרק אין כעס געגען אידען, וועלכע האָבען זיי ביז דאַמאָלס טריי און לאָיאַל געדיענט, זיינען פאַרהאַנען פאַרשיעדענע לעגענדעס. די אמת׳ע סבה איז אָבער בלויז געווען רעליגיעזער פאַנאַטיזם. אַזוי ווי די פּערזישע פּריסטער האָבען שטאַרק חשק געהאַט, צו באַקעהרען די אידען צו זייער אמונה, האָבען זיי געזוכט צו האָבען וכוחים מיט די אידען — און אין די דאָזיגע וכוחים האָבען די אידען געוועהנליך נישט געשאַנעוועט די רעליגיעזע איבערצייגונגען פון די פּערזער און האָבען זיי באַליידיגט צוזאַמען מיט זייערע געצעקס. זיינען זיי דערפאַר שרעקליך בייז געוואָרען און זיי האָבען זיך גענומען די אידען רודף׳ן אַלס שונאים פון זייער אמונה.

ביי אָט אַזאַ „וכוח" צווישען אַ פּערזישען פּריסטער און דעם לעצטען „ריש מתיבתא" פון נהרדעא מיט׳ן נאָמען אמימר, האָט דער פּערזישער פּריסטער דורכאויס געוואָלט באַווייזען, אַז די וועלט פיהרט זיך דורך צוויי פאַרשיעדענע געטליכקייטען, דורך אָרמוזד, וועלכער איז דער גאָט פון ליכט און עקסיסטענץ, און אחרימאַן, דעם גאָט פון פינסטערניש און צושטערונג. און אַזוי ווי דער פּריסטער האָט געזעהען, אַז אמימר וויל דאָס נישט גלויבען, האָט ער פּרובירט אַרגומענטירען מיט אַ ראיה פונ׳ם מענשליכען קערפּער, אַז די אויבערשטע העלפט באַלאַנגט צו אָרמוזד, ווייל עס איז דאָרט דער אָרט פונ׳ם פאַרשטאַנד און אַלע גוטע עמפּפינדונגען, און די אונטערשטע העלפט באַלאַנגט צו אחרימאַן, וואו עס ליגט דאָס טיערישע פונ׳ם מענשען.

האָט איהם אמימר אויף דעם געענטפערט, אַז דער פאַרגלייך מיט׳ן מענשליכען קערפּער איז גראַד דאָ נישט אויסגעהאַלטען, ווייל אַזאַ גאָט ווי אחרימאַן וואָלט נישט געדאַרפט לאָזען דורכפיהרען דעם גאַנצען מענשליכען שמוץ דורך די קאַנאַלען פון זיין ממשלה. דאָס זעלבע איז אויך — האָט אמימר ווייטער געזאָגט — ביי דער דורכפיהרונג פון דער גרויסער

וועלט, וואו עס איז נישט פאַרהאַנען קיין גרעניץ צווישען דעם גוטען און דעם שלעכטען, ווייל זיי ווערען ביידע געפיהרט פון איין גאָט (סנהדרין דף ל"ט עמוד א').

ווי געזאָגט, איז דאַמאָלס די ערשטע גזרה פון קעניג יעזדיגערד דעם דריטען געגען די אידען אין בבל געווען וועגען שבת. ווער עס האָט נישט געוואָלט מחלל שבת זיין, האָט דאָס געמוזט באַצאָהלען מיט זיין לעבען. איז אָבער נישט פאַרהאַנען קיין נאכריכט וועגען דעם, וואָס די אידען האָבען געטהון, אָפּצוראַטעווען זיך פון דער דאָזיגער גזרה, אָדער וויפיל אידען עס זיינען דער׳הרג׳ט געוואָרען, ווייל זיי האָבען נישט געוואָלט מחלל־שבת זיין.

די דאָזיגע גזרה האָט אויך נישט לאַנג געדויערט, ווייל קעניג יעזדיגערד דער דריטער איז נאָך אַ יאָהר רעגירען געטויטעט געוואָרען און די צוויי זיהן זיינע, וואָס איינער האָט געהייסען האָדאר וואַרדא און דער צווייטער האָט געהייסען פירוז, האָבען זיך נישט געקענט איינטיילען מיט דער מלוכה, האָבען זיי אַ גאַנץ יאָהר געקעמפּפט איינער געגען דעם אַנדערן, האָט מען דערווייל נישט געהאַט קיין צייט אָנצוטהון צרות צו אידען.

וועגען דעם טויט פון קעניג יעזדיגערד דעם דריטען דערצעהלען די כראָניקעס בלויז, אַז ער איז געטויטעט געוואָרען. עס ווערד אָבער נישט דערצעהלט ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען. איז דערפאַר זעהר אינטערעסאַנט, וואָס רב שרירא גאון זאָגט וועגען דעם אין זיין „אגרת": „מיר האָבען גע־הערט דערצעהלען פון עלטערע און עס איז אויך פאַרשריבען אין די זכרונות, אַז אידען האָבען געבעטען דעם אויבערשטען, ער זאָל אויף זיי רחמנות האָבען. איז געקומען אַ שלאַנג און האָט דעם קעניג יעזדיגערד געטויטעט אין זיין שלאָפצימער און די גזרת־שמד איז דאַן בטל געוואָרען".

נאָך אַ יאָהר קעמפּפע וועגען דעם פּערזישען טהראָן האָט זיך ענדליך קעניג פירוז (אָדער פּעראָזעס) אָוועקגעזעצט אויף זיין פאָטער׳ס פּלאַץ און ער האָט איהם אָנגעהאַלטען לערך דרייסיג יאָהר. האָט זיך דאַמאָלס די לאַגע פון די אידען אין בבל פאַרשלעכטערט. יעזדיגערד דער דריטער האָט אַמאָל געלאָזט אַ אידען הרג׳נען, ווייל ער האָט נישט געוואָלט מחלל־שבת זיין — און ביי זיין זוהן פירוז האָט מען אידען גע׳הרג׳ט גלאַט אַזוי פון פאַרגע־ניגען וועגען. די בלויזע עקסיסטענץ פון׳ם איד האָט אַריינגעבראַכט דעם קעניג און זיינע סאָלדאַטען אין אַזאַ וואוטה, אַז מען האָט זיך אַזש געפיהלט געצוואונגען, דעם איד צו הרג׳ענען.

אַלס אַן אורזאַך פאַר די דאָזיגע רציחות ווערד אָנגעגעבען, וואָס די אידען אין דער פּערזישער הויפּטשטאָדט איספאַהאַן האָבען גע׳הרג׳ט צוויי פּערזישע פּריסטער און אָפּגעשונדען זייער הויט (!), האָט זיך וועגען דעם דאָס פייער פון נקמה צופלאַקערט ביים קעניג געגען אַלע אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין די גרעניצען פון זיין מלוכה. האָט ער דערפאַר געהייסען אויס׳הרג׳נען אַ העלפט אידען פון איספאַהאַן. דערנאָך האָט ער געהייסען אוועקנעהמען אַלע קינדער ביי די אידען אין זיין גאַנצער מלוכה, זיי צו ער־ציהען אין דער פּערזישער אמונה.

צווישען די געטויטעטע אידען פון יענער צייט איז איינער פון די ער־שטע געווען דער „ריש גלותא" הונא מארי בר מר זוטרא. דער קעניג האָט ביי איהם פאַרלאַנגט, ער זאָל אוועקנעהמען ביי די אידען אַ גרויסע סומע געלד און ער זאָל עס איהם ברענגען. האָט דאָס דער „ריש גלותא" נישט

טביומי מר בר רב אשי

געוואָלט טהון און ער האָט ליעבערשט געאָפּפערט זיין לעבען. ביי אַנדערע צוויי חכמים, אמימר בר ינקא און משרשיא בר פּקוד, האָט דער קעניג פאַר־לאַנגט, זיי זאָלען עפענטליך ערקלערען, אַז דער אידישער שבת איז שוין בטל. האָבען זיי דאָס נישט געוואָלט טהון, האָט מען זיי דערפאַר אַריינגע־זעצט אין תפיסה און דערנאָך געטויטעט.

אָט דאָס איז פאָרגעקומען אינ'ם יאָהר ד' אלפים רל"א לבריאת עולם, דאָס מיינט 471 לויט קריסטליכער צייט.

דערנאָך האָבען זיך די צרות ווייטער פאַרשטאַרקערט און אַרום דעם יאָהר ד' אלפים רל"ג (473 לויט קריסטליכער רעכנונג) זיינען אַלע בתי־מדרשים אין בבל געוועז פאַרוויסט; די שטעדט סורא, פומבדיתא און נהרדעא זיינען געוועז פאַרברענט, עס איז אויך נישט געוועז פאַרהאַנען קיין אידישער בית־דין און אַלע אידישע קינדער אונטער צעהן יאָהר זיינען אַוועקגענומען געוואָרען פון זייערע עלטערען מיט געוואַלט און זיי זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צו ערציהען אין דער פּערזישער אמונה.

קעניג פירוז דערמאָנט מיט זיין שלעכטיגקייט צו אידען דעם רוי־מישען קייזער האַדריאַן. גלייך ווי האַדריאַן האָט פירוז געוואָלט פאַרניכטען די אידען צוזאַמען מיט זייער תורה — און גלייך ווי עס ווערד צוגעגעבען צו האַדריאַן'ס נאָמען דאָס ווערטעל „שחיק טמיא" (זיינע ביינער זאָלען צוריבען ווערען!), ווערד צו פירוז'עס נאָמען צוגעגעבען דער טיטול „רשיעא" (זעה חולין דף ס"ב עמוד ב').

רבינא — דער צווייטער רעדאַקטאָר פון תלמוד בבלי

נאָך'ן טויט פון קעניג פּירוז, וועלכער האָט צוליעב זיין שלעכטינקייט געקראָגען דעם צונאָמען „רשיעא" און ער איז געשטאָרבען אין ד' אלפים רנ"ה לבריאת עולם (דאָס מיינט 495 לויט קריסטליכער צייטרעכנונג), האָבען פאַר א געוויסע צייט אויפגעהערט די רדיפות אויף די אידען אין בבל און עס זיינען דאַן צוריקגעקומען נאָרמאַלע צייטען, גלייך ווי יענע, וואָס זיינען פריהער געווען.

האָט מען דאַמאָלס אויפגעעפענט צוריק די ישיבות אין סורא און אין פומבדיתא, וועלכע זיינען אונטער דער הערשאַפט פון קעניג פּירוז אין גאַנצען חרוב געוואָרען. גלייכצייטיג האָט מען אויך באַשטימט די „ראשי מתיבתא" פאַר די דאָזיגע צוויי ישיבות. איז דאַן דער „ראש ישיבה" אין סורא געווען רבינא (אָדער רב אבינא) און אין פומבדיתא איז אייסגעקליבען געוואָרען אַלס „ראש ישיבה" — רב יוסף, וואָס וועגען איהם איז נישט קלאָר, ווער ער איז געווען.

דאָ דאַרף מען אויך באַמערקען, אז שפּעטער מיט איין דור האָט געלעבט און געווירקט אַן אַנדערער „אמורא" מיט'ן נאָמען רבינא, וועלכער איז געווען א ברודער'ס א זוהן פון אונזער רבינא, און ווי עס הייסט אין דער „אגרת דרב שרירא גאון" איז זיין אייגענטליכער נאָמען געווען — רב אבינא בריה דרב הונא. אָט דער צווייטער רבינא איז געווען א תלמיד פון זיין אָנקעל, און כדי צו מאַכען אַן אונטערשיעד צווישעןביידען, האָט מען דעם צווייטען רבינא גערופען „רבינא זוטא".

ווי עס הייסט, האָט די צייט, וואָס רבינא דער ערשטער איז געווען „ראש ישיבה" אין סורא, נישט מעהר געדויערט ווי איין יאָהר, דהיינו: פון ד' אלפים רנ"ט ביז ד' אלפים ר"ס (499 ביז 500 לויט קריסטליכער רעכנונג).

אין יענער צייט האָבען די „אמוראים" אין בבל געהאַט בלויז איין צוועק פאַר זייערע אויגען, צו וועלכען זיי האָבען געשטרעבט מיט זייערע אַלע כחות, און דער דאָזיגער צוועק זייערער איז געווען, צו פאַרענדיגען די גרויסע ארבייט, וואָס רב אשי האָט אָנגעהויבען, ווען ער האָט זיך גענומען צוזאַמענשטעלען דעם „תלמוד בבלי".

די רדיפות אקעגען אידען זיינען דאַן געווען די הויפּט-אורזאַך פאַר דער פאַרמינדערונג פון די לערנערס, גלייך ווי פאַר דער אָפּשוואַכונג פון דער תורה'ס איינפלוס אויף'ן גאַנג פון'ם אידישען לעבען. אין ארץ-ישראל האָט שוין לאַנג נישט מעהר עקסיסטירט קיין ישיבה און אין בבל האָבען שלעכטע קעניגע געשטרעבט צו האָבען דיזעלבע אומשטענדען אין זייער לאַנד, האָ־

בען דאָן די „אמוראים" פאַרשטאַנען, אַז אום צו ראַטעווען דאָס גייסטיגע פאַרמעגען פונ'ם אידישען פאָלק, וואָס זיינע חכמים האָבען געשאַפען אין פאַרלויף פון אַזוי פיעל דורות, דאַרף מען זיך שטאַרק צואיילען, צו פאַר־ענדיגען די צוזאַמענשטעלונג פונ'ם תלמוד, ווי רב אשי האָט דאָס אָנ־געהויבען.

רב אשי און רבינא זיינען געווען די לעצטע ביי דער אַנטוויקלונג פון דער „הלכה" (בבא מציעא דף פ"ו עמוד א'). מיט זיי ביידען איז פאַר־ענדיגט געוואָרען די אַרבייט פון די „אמוראים" אין בבל. עס זיינען אפילו שפּעטער נאָך געווען דאָרט צוויי דורות אמוראים, זיינען דאָס אָבער בלויז געווען נעמען פון מענשען, וואָס האָבען נישט געהאַט קיין אייגענע אויפ־טהוען פאַר דער ווייטערער אַנטוויקלונג פונ'ם אידישען לעבען און זיי האָבען בלויז ווידערהאָלט די לעהרען פון זייערע פאָרגענגער.

ווען עס רעדט זיך וועגען רבינא, ווערד ער געווענליך אַוועקגע־שטעלט אַלס צווייטער נאָך רב אשי, האָטש עס דאַכט זיך, אַז רבינא איז געווען דער עלטערער. ער האָט אויך לענגער געלעבט ווי רב אשי, און ווען ער איז געשטאָרבען, איז רב אשי שוין לאַנג טויט געווען. אָבער אַזוי ווי ער איז באַטראַכט געוואָרען אַלס א תלמיד פון רב אשי, גלייך ווי עס זיינען באַטראַכט געוואָרען אַלע אַנדערע חכמים פון יענעם דור, און רבינא פלעגט זיך שטענדיג צוהערען צו רב אשי'ס ווערטער און קיינמאָל נישט אים מינדעסטען ווידערשפּרעכען (ברכות דף כ"ד עמוד ב', ביצה דף ו' עמוד א'), איז דערפאַר אינטערעסאַנט צו וויסען, אַז רב אשי פלעגט רבינא'ן באַהאַנדלען נישט ווי א תלמיד, נור ווי א חבר פון זיין גלייכען (ערובין דף ס"ג עמוד א').

געבוירען אין מתא מחסיא פון לעבען סורא, איז רבינא געווען אַן אייגענטימער פון פעלדער און וועלדער — און טראַצדעם וואָס יענע צייט איז געווען אַזעלכע, וואָס א מענש האָט גערעכנט אויף א גרינגען אופן פאַר־גרעסערען זיין פאַרמעגען פון „האַפּ־לאַפּ", פלעגט מען וועגען רבינא דער־צעהלען, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון יעדען מין ריוח, ווען ער איז לויט זיין מיינונג נישט אין איינקלאַנג מיט זיינע רעליגיעזע אָדער מאָראַלישע פּרינ־ציפּען.

אַלס א תלמיד מובהק צו רבא, פלעגט רבינא אָפטמאָל געהען פון מתא מחסיא קיין מחוזא, וואו רבא האָט אָנגעהאַלטען זיין ישיבה, צוצו־הערען זיך צו דעם, וואָס רבא האָט צו זאָגען אין דער איינטייטשונג פון דער תורה, אָדער ווען ער האָט אַמאָל געזוכט א תשובה צו זיינער א פראַגע אין א „הלכה".

פאַר רבא'ס אויגען איז דאָן רבינא געוואַקסען אין לערנען. און ווען עס האָבען זיך אַמאָל די מענשען פון מחוזא געווענדעט צו רבינא מיט זייערע שאלות, האָט איהם רבא געגעבען די ערלויבניס, צו באַלעהרען דאָס פאָלק און צו פאַרענטפערען זייערע פראַגען, לויט ווי ער פאַרשטעהט.

האָט ער דאָס אָבער נישט געוואָלט טהון אין מחוזא, וואו רבא האָט געווירקט. און אַזוי ווי ער איז נישט דאַמאָלס אויסגעקליבען געוואָרען אַלס א „ריש מתיבתא" אין איינער פון די גרויסע ישיבות, פלעגט ער אַרומ־פאָהרען איבער די גרויסע שטעדט פון בבל, און וואו ער איז אַהין אָנגעקו־מען, פלעגט ער „אויפשלאָגען א געצעלט פון תורה" און ער פלעגט דאָרט

לערנען, אפילו ווען רבא האָט נאָך געלעבט. זיינען דערפאר פארהאנען הלכות, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרען אויפ'ן נאָמען פוןביידען צוזאמען, פון רבא און רבינא (קדושין דף ט' עמוד ב').

טאָג און נאכט פלעגט רבינא זיצען און לערנען. דער פסוק אין דער תורה איז ביי איהם געווען די גרונדלאגע צו דער הלכה. פארהייליגט אויף נישט אנצוריהרען, איז ביי איהם געווען דער טעקסט פון דער „משנה". נור ביי א „ברייתא" אָדער ביי א מאמר פון אן „אמורא" פלעגט ער זיך ערלויבען, צו מאכען אן אויסבעסערונג, אפילו ווען די אויסבעסערונג האָט איבערגעאנדערשט דעם אינהאלט (זעה שבת דף קי"ד עמוד א' און דף קי"ט עמוד ב').

ביי אן אנדערער געלעגענהייט האָט ער אמאָל געזאָגט: „אזוי ווי עס איז דאָרט אין יענער ברייתא א קשיא פונ'ם אנפאנג אויפ'ן שלום, איז דאָס א באוויז, אז מען האָט נישט אזוי געלערנט אין בית־המדרש און עס איז א גרייז" (גטין דף ע"ג עמוד א').

שטענדיג האָט רבינא געטראכט, צו פארגרינגערען דאָס אָפּהיטען די מצוות, ווי ווייט עס איז נור מעגליך. אין זיינע אויגען האָט דער כבוד פון די מענשען געדארפט זיין גרעסער ווי דער כבוד פון דער מצוה (מנחות דף ל"ז עמוד ב'). דארף מען אויך דערפאר וויסען, אז די הלכה איז כמעט אומעטום אזוי געבליבען, ווי רבינא האָט געזאָגט (זעה פסחים דף ע"ד עמוד ב', חולין דף צ"ג עמוד ב').

גערעכטיגקייט ציהט זיך ווי א רויטער פאָדים דורך אלע מעשים פון רבינא. האָבען איהם דאדורך די מענשען פון זיין דור טיטולירט „צדיק" (מועד קטן דף כ"ה עמוד ב'). ווי א צדיק האָט ער אויך שטענדיג זעהר פיעל געדענקט וועגען די ענינים פון צדקה און ער איז כסדר געווען באשטרעבט, איינצומאָהנען געלד ביי די רייכע, מפרנס צו זיין די אָרימע. און ווען ער איז נעגאנגען קיין מחוזא, האָט מען שוין געוואוסט, אז ער געהט וואהרשיינליך קלויבען נדבות. האָבען דאן די רייכע פרויען אויס־געטהון זייער ציערונג און עס איהם אוועקגעגעבען פאר זיינע אָרימע לייט (בבא קמא דף קי"ט עמוד א').

אין דער צייט, וואָס רב אשי איז געווען „ריש מתיבתא" אין מתא מחסיא פון לעבען סורא, זיינען צו איהם געקומען די דאמאָלדיגע גייס־טיגע פיהרער פון די אידען אין בבל מיט דער אידעע, אז עס איז יעצט פאר די אידען אין בבל געקומען די צייט, זיי זאָלען טהון דאָסזעלבע, וואָס די אידען אין ארץ־ישראל האָבען געטהון, ווען זיי האָבען צונויפגעשטעלט דעם „תלמוד ירושלמי". פונקט אזוי ווי דאָרט אין ארץ־ישראל, האָבען זיי געזאָגט, דארף מען יעצט צוזאמענשטעלען א „תלמוד בבלי". די רעגי־רונג פונ'ם לאנד, האָבען זיי גע'טענה'ט, איז נישט מעהר אזוי גוט צו אידען, ווי זי איז אמאָל געווען. דאָס לערנען איז אונטערדריקט און כמעט אין גאנצען פארווערט. די פיהרונג פון די לעצטע צוויי קעניגע געגען אי־דען האָט באוויזען, ווי ווייניג מען קען זיך פארלאָזען אויף די חסדים פונ'ם מלכות און ווי ווייט אידען זיינען נישט זיכער מיט זייער לעבען און מיט זייער עקסיסטענץ. איז דערפאר פארהאנען א געפאהר, אז ווען מען וועט נישט אויפשרייבען אלסדינג, וואָס די חכמים האָבען זייט דער צייט פון רבי יהודה הנשיא געלעהרענט, וועט די תורה חלילה אין גאנצען פארגעסען ווערען...

האָט מען דאַן געוואָלט צונויפנעמען אַלסדינג, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען, זייט די „משנה" איז אָפּגעשלאָסען געוואָרען ביז צום לעצטען טאָג, איבערצוקלויבען און קריטיש צו אָרדנען אַלסדינג, וואָס די חכמים פון יענע אַלע דורות האָבען געזאָגט און געלעהרענט. האָט דאַמאָלס יעדער פון די חכמים פאָרגעלייגט פאַר רב אשי'ן, וואָס ער אַליין האָט געהאַט צו זאָגען, אָדער וואָס ער האָט אַמאָל געהערט אויף'ן נאָמען פון פריהערע חכמים, און וואָס עס איז פון דעם אַלעמען רב אשי'ן געפעלען געוואָרען, האָט מען אַריינגענומען אין דער גמרא.

פון די חכמים, וואָס האָבען רב אשי'ן געהאָלפען ביי זיין אַרבייט, שטעהט אין ערשטער רייהע אונזער רבינא — און חוץ איהם האָבען דאָרט מיטגעאַרבייט די פאָלגענדע חכמים: רב אחא בר רבא, רב מרדכי, רב הלל, רב אחא בר אוויא, רבא מברניש, רב יימר, רב גביהה מבי כסיל, רבה זוטי, רב אסי און רב אבא פון ארץ־ישראל, וועלכער האָט צו רב אשי'ן איבערגעגעבען אַלע מנהגים פון ארץ־ישראל ביים אָפּהיטען די מצוות פון דער תורה (שבת דף ק"נ עמוד ב', גטין דף ל"ד עמוד ב').

עס דאַרף אויך באַמערקט ווערען, אַז די חכמים פון ארץ־ישראל, וואָס זיינען דאַמאָלס געקומען קיין בבל, האָבען פיעל געהאָלפען ביי דער צוזאַמענשטעלונג פונ'ם „תלמוד בבלי", אַריינגעבענדיג אין איהם דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע פונ'ם „תלמוד ירושלמי". דאָסזעלבע, וואָס די אמוראים אין ארץ־ישראל האָבען אַמאָל געטהון, ווען זיי האָבען צוזאַמענגעשטעלט דעם תלמוד ירושלמי און זיי האָבען דאָרט אַריינגענומען די מאמרים פון די בבל'שע אמוראים, האָבען יעצט די אמוראים פון בבל געטהון מיט די מאמרים פון די ארץ־ישראל'דיגע אמוראים.

ביי דער צוזאַמענשטעלונג פונ'ם „תלמוד ירושלמי" איז נישט געוועזען קיין ריכטיגער סדר אין די מאמרים. אַזוי ווי די אידען אין בבל האָבען געלעבט אין פאַרהעלטניסמעסיג גוטע אומשטענדען, האָבען דאָרט די פיהרער פון די אידען געהאַט גיכער די מעגליכקייט, צונויפצוקומען, צו דעבאַטירען, צו אונטערזוכען און צו ברענגען אין אָרדנונג דאָס, וואָס מען האָט געדאַרפט אָפּהיטען, עס זאָל נישט פאַרלוירען געהען. דאַגעגען האָבען די אידען אין ארץ־ישראל צוליעב די שטענדיגע גזרות און רדיפות זעלטען ווען געהאַט די מעגליכקייט און די געדולד, צונויפצוקלייבען און צו אָרדנען דעם תלמוד ירושלמי, ווי עס געהער צו זיין.

איז דאַדורך דער „תלמוד ירושלמי" געבליבען פראַגמענטאַריש, וועלכעס מאַכט איהם נישט פעהיג, צו ווערען אַן אַלגעמיין „פאָלקס־ווערק", ווייל עס איז דאָרט זיכערליך פיעל פאַרלוירען געגאַנגען און דאָס פאַרלוירענע איז אפשר געוועזען דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע. בלויז אַ קלייגער טייל פונ'ם תלמוד ירושלמי איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרען פון פאַרלוירען־געהען דורך יענע חכמים, וואָס עס האָט זיך זיי איינגעגעבען, צו אַנטלויפען פון ארץ־ישראל קיין בבל. איז עס דערפאַר אַ גרויס פאַרדיענסט פון יענע אמוראים, וואָס האָבען מסדר געוועזען דעם „תלמוד בבלי" און זיי האָבען אונז דאָרט געגעבען יענע אַלע סברות אין הלכה, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרען אינ'ם תלמוד ירושלמי. דעסגלייכען דאַרף מען וויסען, אַז אַ גרויסער טייל פונ'ם תלמוד בבלי שטאַמט פון ארץ־ישראל'דיגע

די אמוראים פון בבל

חכמים — און די מאמרים פון ארץ־ישראל׳דיגע חכמים אינ׳ם תלמוד בבלי זיינען מעהר ווי די מאמרים פון די חכמי בבל.

עס קען אויך אָנגענומען ווערען, אז דער תלמוד ירושלמי איז געווען גוט באקאנט אין בבל און אלסדינג, וואָס די חכמים אין בבל האָבען געזעהן, אז עס פאסט זיך צו זייערע הלכות, האָבען זיי אריינגענומען אין זייער תלמוד. איז דערפאַר דער איד און דער תלמוד ווי צווילינגער — און ווען מען האָט זיך אפילו אמאָל אין א געוויסען דור פונ׳ם אידישען לערנען וויניגער אָפּגעגעבען מיט שטודירען דעם תלמוד, איז דער פארהערשענדער גייסט פון יענעם דור אלץ ווייטער געשטאַנען אונטער דער השפעה פונ׳ם תלמוד, וועלכע איז צו׳ן איהם איבערגעגאנגען בירושה.

פארשיעדענע היסטאָרישע געשעהענישען אין דער לאַנגער רייהע פונ׳ם אידישען גלות האָבען עס פאראורזאַכט וואָס בלויז דער „תלמוד בבלי" און נישט דער „תלמוד ירושלמי" איז געווען דער אומבאשרענקטער הערשער ביי דער אנטוויקלונג פונ׳ם אידישען גייסט און נור ער האָט אויסגעפורעמט דאָס גאנצע אידישע לעבען אין אלע זיינע ווינקעלעך — און טאָמער האָט זיך אימיצער געוואָלט פון איהם אָפּזאָגען, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין שייכות צום אויבערשטען׳ס בונד מיט זיין פאָלק ישראל.

בײ דער פאַרענדיגונג פון מײן גאַנצען װערק װעגען „אונזערע גײסטיגע ריעזען" אין אַלע זײנע דרײ בענדער, פיהל איך מיך פאַרפליכטעט, אױסצודריקען אַ דאַנק צו מײן װירדיגען פרײנד מר. י. ז. בוכבינדער, װעלכער האָט מיך אין זײן פרײנדשאַפט צו מיר פּשוט געדרענגט דערצו, אַרױס צו געבען דאָס דאָזיגע װערק. ער האָט מיר אױך געהאָלפען בײם ערשײנען מיט'ן איבערנעהמען דעם פאַרלאַג פונ'ם בוך — און דאָס אַרױסגעבען אַזאַ מײן װערק, װאָס דער מחבר „פעדעלט" נישט דערמיט אַרום, איז בײ היינטיגע צײטען װײט פון ריוח און זעהר נאָהנט צו היזק.

זאָל אַלזאָ די פאַרשפרײטונג פון מײן בוך זײן פאַר איהם אַ באַלױהנונג!

ג. ב.

גוטע מײנונגען װעגען „אונזערע גײסטיגע ריעזען"

דער פאַרשטאָרבענער מר. פּ. װױערניק ז"ל האָט נאָך'ן ערשײנען פונ'ם ערשטען באַנד געשריבען אין „מאָרגען זשורנאַל" דאָס פאָלגענדע:

„דאָס װערק גיט אַ באַגריף פון די חכמי המשנה און זײער צײט און עס װײזט אַ גרינדליכע באַקאַנטשאַפט מיט דער אַנטװיקלונג פון די טראַדיציעס פון תורה שבעל פה און אַ באַגריף פון דער היסטאָריע פון אידען און פון דער װעלט אין די דורות, אין װעלכע דיזע גײסטיגע ריעזען האָבען געלעבט און געװירקט.

— — — דאָס װערק פאָרדינט צו װערען געלעזען און געשטודירט פון אַלע, פאַר װעמען אונזער גרױסע פאַרגאַנגענהײט האָט אַ באַדײטונג".

און נאָך'ן ערשײנען פונ'ם צװײטען באַנד האָט ער װײטער דאָס פאָלגענדע געשריבען:

— דער צװײטער טײל פון גרשם באַדער'ס „אונזערע גײסטיגע ריעזען" גיט אַן איבערבליק איבער דער אידישער היסטאָרי אין דער צײט פונ'ם תלמוד ירושלמי, דאַבײ דערקלערט ער די באַציהונגען צװישען די אידען פון ארץ־ישראל און די אידען פון בבל אין דעם דור פון נאָך רבנו הקדוש. דאַן קומט אַ קאַפּיטעל װעגען די באַשעפטיגונגען און דעם קולטורעלען צושטאַנד פון די פאַרשידענע קלאַסען אידען. אַ װײטערער קאַפּיטעל באַשרײבט די ענדערונגען אינ'ם לעבען און די פאַנאַנדערשײדונג צװישען דער רעליגיעזער פיהרערשאַפט און די װעלטליכע אַדמיניסטראַציע... מיט בקיאות און מיט אַ גרינדליכען בליק איבער די כאַראַקטערען, אַנזיכטען און מעטהאָדען פונ'ם לעבען.

די באַשרײבונגען קענען באַצײכענט װערען אַלס געלונגענע עסײס איבער די פּערזענליכקײטען, װאָס װערען באַהאַנדעלט, באַטראַכטענדיג זײ און זײער צײט פון אַ היסטאָרישען שטאַנדפּונקט, װאָס ברענגט אַרױס אַ בילד פון דער צײט און דעם פּלאַץ, װאו זײ האָבען געלעבט, אַזױ װי דעם אײנפלוס פון דער פאַרגאַנגענהײט, װאָס האָט זײ געהאָלפען שטײגען אױף דער מדרגה פון גײסטיגער פיהרערשאַפט, אױף װעלכער זײ זײנען געבליבען אין דער װעלט פון אונזער רעליגיעזער געלעהרזאַמקײט ביז צום הײנטיגען טאָג...

דר. א. גינזבורג אין „פאָרװערטס" שרײבט:

„אונזערע גײסטיגע ריעזען" פון גרשם באַדער איז אַ װערק, װאָס פאָרדיענט געלײענט צו װערען.

דער צװײטער טײל איז אין געװיסע הינזיכטען בעסער װי דער ערשטער טײל, אין דער שפּראַך און אינ'ם אופן, װי אַזױ ער באַהאַנדעלט זײן מאַטעריאַל".

דער שריפטשטעלער צביון שרײבט:

"אױף װיפיל מיר איז באַקאַנט, איז אין אידיש ביז יעצט נאָך אַזאַ בוך נישט געװען. און די אידישע לעזער, װאָס אינטערעסירען זיך מיט אידישער לומדות, װעלען פון איהם קריגען אַ סך אינפאָרמאַציע און אַן אַלגעמײנע פאָרשטעלונג װעגען די בעלי התלמוד".

דער שריפטשטעלער מרדכי דאנציס שרייבט אין „טאָג" דאָס פאָלגענדע:

„באַדער געהט שטרענג אין די פוס־טריט פון דער טראַדיציע. זיין אויפפאַסונג און קוק זיינען די אלט־אַנגענומענע און אונזערע ריעזען טרעטען ביי איהם ארויס, ווי מיר זיינען געוואוינט צו זעהען אין ליכט פון תלמוד און מדרש און פון די לעגענדעס, וואָס שפּילען זיך ארום זייער נאָמען. — — — געשריבען מיט פיעל ערנסט, מיט פאַר־שטענדניס פאַר דער עפּאָכע, מיט טיעפער פאַרעהרונג פאַר די ליכטיגע פּערזענליכקייטען, וואָס דער מחבר פיהרט ארויס און מיט א ברייטער ערודיציע וועגען זייערע פּראַייבינטע שאַפונגען".

דער שריפטשטעלער א. טשעריקאָווער פון דער איוו"א (היסטאָרישע סעקציע) אין פּאַריז שרייבט:

„דער בוך איז פאַר'ן אידישען לעזער אן אוצר פון וויסען וועגען דער תלמודישער עפּאָכע, פּונקט ווי דער פריערדיגער בוך „דרייסיג דורות אידען אין פּוילען" איז אן אוצר פון וויסען וועגען דער געשיכטע פונ'ם פּוילישען אידענטום".

דער שריפטשטעלער אברהם כהנא (אבר"ך) פון פּשעמישל (גאַליציען) שרייבט אינ'ם לעמבערגער „מאָרגען" דאָס פאָלגענדע:

„דער תלמוד, אונזער קלאַסיש ווערק, וועלכעס האָט אונז געגעבען אזוי פיעל גייסטיגע שפּייז איז נאָך אלץ יענער ים, וואָס איז אזוי שווער צו אריבערשווימען. באַזונדערס שווער איז דאָס פאַר דער פאָלקסמאַסע, וואָס האָט נישט געהאַט די מעגליכקייט, צו באַקענען זיך מיט זיין אינהאַלט און צו מאַכען זיך א וועג אין זיין לאַבירינט. איז עס טאַקי דאָס פאַרדיענסט פון גרשם באַדער, וואָס ער באַקענט אונז מיט דער גאַנצער געשיכטע פון דער אנטשטעהונג פונ'ם תלמוד און פון זיינע וויכטיגסטע פאַרטרעטער.

דאָס בוך קען זיין א באַהעלף נישט נור פאַר'ן פּשוט'ן פאָלק, נור אפילו פאַר אמת'ע לומדי תורה, וואָס באַקומען אין דעם ווערק אלעס ווי ביי א צוגעגרייטען טיש, ווייל אין דעם חבור ווערד באַהאַנדעלט נישט בלויז די גייסטיגע טהעטיגקייט, נור טאַקי אויך די פּאָליטישע הינטערגרונדען און די סבות אזוי אז מיר באַקומען א גאַנץ קלאָר בילד פון די אלע געשעהענישען און מיר לעבען זיך אריין אין זיי.

באַדער שטעהט אויף'ן שטאַנדפּונקט, אז נישט די סביבה שאַפט דעם גדול און פיהרער, נור טאַקי פאַרקעהרט, אז דער פיהרער דריקט ארויף זיין חותם און מאַכט געשיכטע...

קצור הדבר: באַדער'ס בוך איז א חבור, וואָס ברענגט אריין דעם לעזער אינ'ם לפני ולפנים פונ'ם תלמוד, וועלכער קען פאַר איהם ווערען אן אנרעגונג, ער זאָל זיך מעהר צורוקען צו דעם בוך מיט זיבען זיגלען, וועלכעס האָט אונז ביז היינט אזוי פיעל געגעבען אויף אלע געביעטען פונ'ם אידישען דענקען".

אין דער דייטשער צייטונג „אידישע נאַכריכטען", וועלכע ערשיינט אין פּרעשאָוו (טשעכאָסלאָוואקיא), שרייבט דער חסידישער שריפטשטעלער ר' חיים בלאָך דאָס פאָלגענדע:

„באַדער'ס „גייסטיגע ריעזען" איז א פּראַכטפול ווערק פאַר אונזער פאַרפלאַנטערטער אידישער געגענוואַרט, א בוך פון גייסטיגער דערהויבונג פאַר יונג און אלט, וואָס אפילו דער למדן וועט פאַר אזא ארבייט דעם מחבר דאנקבאַר זיין. פון אַט דעם ווערק לערנט מען זיך באַקענען מיט די ליידען און פריידען פונ'ם אידישען פאָלק וועהרענד דער לאַנגער תלמודישער עפּאָכע און מיר שעפּען דאָרט פיעל טרייסט און האָפנונג. אויף זעהר א ברייטער גרונדלאַגע שטעלט זיך דער געשיכטסקונדיגער מחבר אָפּ אויף די פּאַרטייען און זייערע יסודות און זייער אנטוויקלונג. זיינע פאָרשונגען זיינען באַזירט אויף די אלטע קוואַלען. לויט זיי האָט ער צוזאַמענגעשטעלט די אלט־אידישע עטהיק און ער האָט געבראַכט דעם באַווייז, אז דער אידישער גייסט האָט שטענדיג געקעמפּפט פאַר אלע מענשליכקייטס־גע־פיהלען."

דער באַוואוסטער שריפטשטעלער הלל צייטלין שרייבט אין דער ווארשא'ר צייטונג „מאָמענט" דאָס פאָלגענדע:

„עס ליגט פאַר מיר א פּראַכטפולער באַנד פון גרשם באַדער, ממש אנגעפּראָפּט מיט תורה. אזעלכע ספרים פאַרשפּרייטען ידיעת התורה ביי אידען, עפענען די אויגען פון פיעלע. צו פאַרשטעהן די אידישע געשיכטע, אנטפּלעקען פאַר די אידישע מאַסען די גדלות פון די עמודי היהדות, פיהרען זיי אריין אזוי צו זאָגען אין דער קוזניע, אין וועלכער עס זיינען

געשמיעדעט געווארען די הארבסטע הלכות, עפענען אויף א טהירעל אריין צו קוקען אין די אינווייניגסטע פאלאצען פונ'ם קעניג, אין די טיעפע און פארבארגענע סודות פון דער תורה און באווייזען מאמענטענווייז אויף דעם בלאסק פון די דיאמאנטען אינ'ם קעניג'ס קרוין.

אינ'ם ספר „אונזערע גייסטיגע ריעזען" פון גרשם באדער איז דא פיעל ארבייט, פיעל קענטניס, היבש למדנות, אלע אייגענשאפטען פון א גוטען בעל־מסביר, רייכקייט און דערביי לייכטקייט פון דער שפראך, בילדליכקייט, אמאל ברייטקייט און אמאל אויך נויטיגער כח הצמצום."

אין זיין צייטונג „דער רוף" (אין דייטש), וועלכע ערשיינט אין האלאנד, שרייבט דער באוואוסטער שריפטשטעלער דר. נתן בירנבוים דאס פאלגענדע:

"נישט קיין קליינע אויפגאבע האט זיך דער פארפאסער פון אט דעם בוך געשטעלט. ער וויל פאר דער גרויסער אידיש־לייענדיגער מאסע געבען א געשיכטע פון דער תלמודישער צייט און אינ'ם ערשטען טייל פון זיין ווערק, וועלכעס איז געווידמעט צו דער צייט פון דער משנה, האט ער גוט געלייזט זיין אויפגאבע, ווייל ער האט זיך דארט געוויזען ווי א געבוירענער פאפולאריזאטאר. די שפראך זיינע איז פליסיג און קלאר. דער קאנסעקווענט דורכגעפיהרטער געדאנק, פארצושטעלען די געשיכטליכע אנטוויקלונג אלס א געשיכטע פון די אויפאנאנדערפאלגענדע פיהרענדע פערזענליכקייטען, איז א געלונגענער. די פארשטעלונג איז אויך זעהר א לעבעדיגע און מען קען רוהיג זאגען, אז ווער עס האט דאס דאזיגע ווערק דורכגעלייענט, האט זיין וויסען שטארק באריכערט און ער קריגט א דייטליך געזאמטבילד וועגען איינער פון די אינטערעסאנטע פעריאדען אין אונזער געשיכטע".

דער אין לעצטער צייט באוואוסט געווארענער ליטעראטור־געלעהרטער דר. הירש לייב גארדאן שרייבט אין „מארגען זשורנאל" וועגען די „גייסטיגע ריעזען" דאס פאלגענדע:

„גרשם באדער האט באריכערט די אידישע וויסענשאפטליכע ליטעראטור מיט אן אימפאזאנטעס ווערק: „אונזערע גייסטיגע ריעזען".

די ביזהעריגע וועניגע ביכער אין אידיש איבער'ן תלמוד אדער תלמודישע פערזענליכקייטען זיינען ענטוועדער קורצע, טרוקענע איינלייטונגען, אדער לויזע זאמלונגען פון מעשה'לאך, אגדות, אונפארבונדען מיט זייער צייט און פלאץ. גרשם באדער האט אבער אונז באוויזען, אז מען קען אין א זאפטיגער שפראך און אויף א דראמאטישען אופן אזוי שילדערען א תנא אדער אמורא, אז סיי ער און סיי זיין תקופה זאלען ערשיינען לעבעדיג און בולט פאר די אויגען. די גרינדליכקייט איז נים געווארען א קרבן אויפ'ן מזבח פון לייכטקייט און שפאנונג, דער מאטעריאל, וועלכען ער פרעזענטירט, סיי צוליב זיין רייכקייט, סיי צוליב דער געלונגענער איינטיילונג, סיי צוליב די אפטע אריגינעלע באלויכטונגען, זיינען אנציהענד נים נור פאר דעם איינפאכען לעזער, נור אויך פאר'ן רב און למדן. דאס וואס פראפעסאר גאלדציהער, דער בארימטער אריענטאליסט, האט געטאן פאר דער אראבישער ליטעראטור, האט באדער געטאן פאר דער תלמודישער ליטעראטור: ער האט אנגעפיקעוועט דעם פליסענדען טעקסט מיט אזוי פיעל וויכטיגע פאקטען און ספעציפישע תלמודישע אויסדרוקען, וועלכע ווערען אימער קלאר פארטייטשט, אז מען באקומט א מאזאיק פון פארבענרייכע צינעל. אין יעדער שורה זעהט מען דעם למדן, וועלכער שעפט פון די עכטע אריגינעלע קוואלען און דעם וויסענשאפטסמאן, וועלכער איז באהאוונט מיט אלע מאדערנע באלויכטונגען".

דער שריפטשטעלער א. אלמי שרייבט אינ'ם „ניו יארקער וואכנבלאט" דאס פאלגענדע:

„באדער פיהרט אריין דעם מאדערנעם אידישען לייענער אין א וועלט, וואס איז פאר דעם לעזער, וועלכער האט נישט דורכגעמאכט קיין חדר און ישיבה, געווען פרעמד און וואס אויך פאר דעם „אויפגעקלעהרטען" איד, וואס האט יא א ידיעה אין די „דראבנע אותיות", איז זי פול געווען מיט אומזיכערקייטען, פארהוילעגישען, און דערפאר האט זיך ביי איהם געשאפען א שלל מיט פאראורטיילען לגבי דעם תלמוד.

אויב די ביבעל — דער תנ"ך — וואס איז אויך פארהיילינט געווארן פון קריסטענטום, איז ארומגערינגעלט מיט אלערליי פאלשע אויסטייטשונגען און פאראורטיילען, וואס קריסטליכע ביבעל־קריטיקער האבען געשאפען און מיט זיי אנגעשטעקט אידישע ביבעל־פארשער און דורך זיי די „פריידענקערישע" אידישע גאס — מכל־שכן דער תלמוד.

אויף א מערקווירדיג־נעראטענעם אופן גיט אונז באדער דעם תוך פונ'ם תלמוד — דורך שילדערען זיינע שעפער און צוזאמענשטעלער; פאר די, וואס קענען זיך נישט ארא-

לאזען צום תהום פון ים התלמוד, ברענגט ער דעם תהום ארויף אויף דער אויבערפלאך און באווייזט איהם זיי, מיט זיינע לויטערע פערלען, די טייערע איידעלשטיינער אויפ'ן גרונט פון דער גמרא.

אין דריי קליינע קאפיטלאך באשרייבט ער גענוי די דריי הויפט־פארטייען פון דער תלמודישער צייט: די „פרושים", די „צדוקים" און די "אסיים", ער ווייזט אונז אויך די אונטערשיידען צווישען זיי און באזייטיגט דעם בארג מיספארשטענדענישען ארום זיי, וועגען זיי.

פונקט אזוי קלאר קומען ביי איהם ארויס די תנאים און אמוראים. מיר קריגען — אין קורצע ווערטער — א בילד פון יעדען פון זיי און מיר וויסען אויך וואס יעדער פון זיי האט געוואלט, אין וואס און מיט וואס זיי זיינען זיך פאנאנדערגעגאנגען און אין וואס און מיט וואס זיי זיינען זיך צונויפגעקומען.

אויף אונזער היינטיגער גאס, וואו די אייגענע קוואלען זיינען פארשטאפט געווארען און וואו דער נייער אידיש־לייענער האט א שוואכען באגריף פון אונזערע גייסטיגע ווערטען, פון אונזערע גרויסע אלטע אוצרות, דארף אזא ווערק ווי באדער'ס „גייסטיגע ריעזען" אויפ־גענומען ווערען ווי א העכסט־אנגעלייגטער גאסט, מיט א „שהחיינו" אויף די ליפען".

אין דער דייטשער „צענטראל־פאראיינס־צייטונג" פון בערלין שרייבט דער ליטעראטור־קריטיקער ל. ה. דאס פאלגענדע:

„גרשם באדער ברענגט א גרויסע גאלעריע פון קעפ, מענשען און פנימ'ר. געוועהנליך ערשיינט פאר אונז די תלמודישע וועלט ווי א דיסקוסיע אין פיעלע בענדער, פון וועלכער עס איז שווער איינצעלן צו שיילען און צו סיסטעמאטיזירען די פארשיעדענע אויפפא־סונגען אין זייער צוזאמענשטעלונג פון פראגען, געזעץ, ארגומענט אוןביישפיעל, די האנ־דעלנדע פערזאנען זאלען פאר אונז פלאסטיש אין ערשיינונג טרעטען. גרשם באדער ברענגט זיי געוויסערמאסען אין פולער לעבענסגרויס. טהוט ער מיט דעם דאס נעמליכע, וואס באליעבטע מאנאגראפיסטען פון אונזער צייט האבען געטהון צו פירסטען, גענעראלען און דיכטער. ער ברענגט אויך דאס קונסטשטיק פערטיג, נישט צו מאכען דאס לאנגווייליג, נישט דאס מינדעסטע צוצודיכטען, אויסצולאזען אדער זאנסט צו ראמאנטיזירען.

צו יעדען באנד גיט ער צו א היסטארישען סיטואציאנס־באריכט מיט אן אלגעמיין קלאר בילד פונ'ם אלגעמיינעם לעבען, דערנאך קומט די לעבענסגעשיכטע פון די תנאים און אמוראים מיט אלע לעגענדען, אין א נעהערינער פערספעקטיווע געזעהען, קורץ, שארף און נישט קאמפליצירט.

אין זיין ארט און פאר זיין צוועק איז דאס דאזיגע ווערק מוסטערהאפט און מען וואלט אויך דערפון געקענט ביי אונז אין דייטשלאנד פיעל לערנען".